STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03391

MILHOME-NOTITSN FUN A YIDISHN OFITSIR

Jacob Mestel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב מעסטעל

מלחמה נאטיצן
פון א יידישן אפיציר

וואַרשע 1924

מלחמה - נאטיצן
פון א יידישן אפיציר

געדרוקט אין „רעקאָרד" דזיקא 18
געזעצט פ. קרומער פולאַוו

Z POLA BITWY : NOTATKI ŻYDOWSKIEGO OFICERA

Wydawnictwo
Sz. JACZKOWSKI
Warszawa, Leszno № 27

DRUKARNIA „REKORD" DZIKA 18

צווייטער טייל

מלחמה - נאטיצן
פון א יידישן אפיציר

די „קייזער-שטאָט“

אין אָוונט בין איך אין ווין. אויפן וואָקזאַל ווערט שטרענג קאָנטראָלירט. ווייסע צעטלען וואַרנען פאַר „געפערלעכע שפּיאָנען“. אַ גליק וואָס איך האָב בײַ זיך אַ דאָקומענט, זונסטן וואָלט מען מיך נישט אַרײַנגעלאָזט אין שטאָט אַרײַן.

איך גיי אַרויס פאַרן וואָקזאַל. אַ ליכטיקייט שלאָגט אין די אויגן אַרײַן — כמעט קיין סימן נישט פון קריג. אפשר נאָר אַ ביסל ווייניקער פּיאַקערס און אויטאָמאָבילן. איך לאָז זיך גיין צו דער עלעקטרישער באַן. די „ווינער לופט“ פאַרכאַפּט דאָס געמיט. איך דערפיל אַ חשק טאַקע שוין זיך איינטינקען אין דער אַלטער קייזער-שטאָט, — און איך באַשליס גיין צופוס.

איך שוועב כמעט (אויף וויפיל מיין הינקענדיקער פוס דערלויבט נאָר) דורך די באַקאַנטע ווינקלען באַם „ליכטברונען“, שוואַרצענבערג-פּלאַץ, איבערן „רינג“ ביז צו דער אָפּערע. דאָס לעבן קאָכט און זידט, ס׳איז ליכטיק און פריילעך! נאָר אַ ביסל צופיל סאָלדאַטן. די שפּאַציר-בענק זענען פול מיט קאַליקעס. און די מענטשן — עפּעס גאָר אַ סך פרעמדע פּנימער, וועלכע קוקן פאַרגאַפט אויף יעדן ווינקל

די קערטנער-שטראָסע איז, דאַכט זיך, פולער ווי תמיד. צווישן די ווייניקע „אמת ווינער" און דער היפשער צאָל „פאַרווינערטע" ייִדענעס, דאָמינירן פרויען מיט „שווערע קייטן" און די פולע, גלאַנצנדיקע פנימלעך פון אונדזערע „פוילישע" מיידלעך. און מאַכט מען צו די אויגן, מיינט מען, אַז דאָס זשומעט דאָס לעמבערגער קאָרזאָ. רעדט מען נאָך דייטש אין ווין? ייִדישקעס פאַרפוילישן דאָס ווינער קייזער-קוואַרטל.

מיט דער רויטע-טורם-שטראָסע איבער דער מאַריען-בריק (אַ בליק נאָך אין קאַפע-הויז — אפשר אַ באַקאַנטן דערזען!), — און איך שטיי פאַרן האָטעל „סטעפאַניאַ", וווּ מען שפּילט ייִדיש טעאַטער.

— שלום עליכם, קינדער! — פאַל איך אַריין אין גאַרדעראָבע. — און שוין וואַרפט מען זיך אויפן האַלדז און עס צעקושן זיך מיט מיר עטלעכע טוצן ווייבער און מענער — נאָענטע און באַקאַנטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. די טעאַטער-טרופּע איז גרויס. — כמעט האַלב גאַליציע אַרטיסטן האָבן געמוזט אַנטלויפן און דאָ זיך אַנגאַזשירן. אָבער די געשעפטן גייען גוט, לעבט מען צוזאַמען און מען עסט „ברויט מיט פוטער", זענען זיי צופרידענע. און איך פריי זיך מיט זיי.

נאָך דער פאַרשטעלונג גייען מיר אין קאַפע-הויז. מיר האָבן זיך ערשט גענומען צו דער גוטער, ווינער קאַווע, ווען איך באַמערק, אַז פאַר אונדזער טיש דרייט זיך עפעס אַן אויסגעצוימטער, באַוואַקסענער יונגערמאַן, וועלכער קוקט מיר אין די אויגן און וויל שטאַרק, איך זאָל אים דערקענען. יאָ, עס איז דר" ש.!

— סערוווּס! — צעקוש איך זיך מיט אים.

— מען האָט געזאָגט, אַז דו ביסט געפאַלן — שעפּטשעט ער קוים.

— אַזוי האָט מען געזאָגט — בין איך פריילעך — אָבער

זעסט דאָך, װי איך לעב. און אַבי מען טרעפט זיך אין קאַפע־הויז!

— שוין די צװײטע נאַכט זיץ איך אין קאַפע־הויז — רוימט ער מיר איין פאַרשעמט — װײל איך האָב נישט װוּ צו שלאָפן. נאָך הײנט אין מויל נישט געהאַט...

איך נעם אים אויף אַ װײלע צו אַ באַזונדער טישל.

— און ביזט פרײ פון מיליטער?

— איך בין קראַנק געװאָרן, האָט מען מיך באַפרײט. אָבער אַצינד בעט איך זיך צוריק. װאָס זאָל מען טון? נישטאָ פון װאָס אַ שטיקל ברויט צו קויפן...

אין זײַנע אויגן ליגט די גאַנצע נויט פון די מלחמה־אַנטלאָפענע.

אַ מרה־שחורה לײגט זיך אויף מײַן ביז איצטיקער פרײד: װאָס טוען דאָרט מײַנע טאַטע־מאַמע, מײַן שװעסטער און ברידערלעך?...

מען האַלט מיך נאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט אין קאַפע־הויז. אָבער אונדזערע שמועסן זענען אָפּגעהאַקטע, פאַרטרויערטע. די פרישע לופט רײַסט זיך אַרײַן דורך די אויפגעמאַכטע פענסטער און לאָקט אונדז אַרויס. פונם „פראַטער־שטערן" דערטראָגט אַ פּיס־משענדיק פײַפן.

— אוי, זײ קומען שוין... — זיפצט אונדזער שװאַרץ־אויגיקער.

דאָס פערט מען פאַרװונדעטע פונם נאָרד־באַנהויף. איצט פירט מען שוין זײ נאָר באַנאַכט, כדי דעם עולם נישט אויפצורעגן. אָנגעשמינקטע גאַסן־מײדלעך, װעלכע פולן אָן בײדע זײַטן טראָטואַר, פאַרלויפן דעם װעג און פרוּװן אויפהאַלטן די אויטאָמאָבילן. זײ װילן איבערגעבן די פאַרװונדעטע װײַן און בעקערײַ. אײנע װאַרפט זיך פשוט אונטער די רעדער און שעלט מיט אַ הײזעריק קול דעם שאָ־פער, װעלכער װיל זיך נישט אָפּשטעלן, — ביז אַן אָנגעלאָפענער פאָליציימאַן שלעפּט זי אַװעק. די מײדלעך צעקװיטשען זיך און שעלטן מיט טויט־קללות.

— פריִער פלעגן מיר אויך דאָס זעלבע טון — דערצײלט

מיר אונדזער ליבענקל. — אָבער היינט? מען איז שוין פאַרשטיי־
בערט...

— איז דער גאַנצער רחמנות געבליבן באַ די זינדיקע פּראָס־
טיטוטקעס — פּרווו איך מאַכן אַ שפּאַס.

אָבער עס וויצלט זיך נישט. די פאַרוואונדעטע האָבן נאָך פאַר־
גרעסערט די מרה־שחורה און מיינע באַגלייטערס גייען מיט אַ פאַר־
קלעמט האַרץ.

— ווען איך דערמאַן זיך, אַז אויך דו... — צעוויינט זיך ג.

— וואָס איך? עט! דעם מענטשנס נערוו ליגט אַזוי טיף פאַר־
באָרגן, אַז ער דערפילט דעם אמתן שמערץ ערשט דאַמאָלס, ווען
עס באַרירט זיין אייגן פלייש און בלוט. וויפיל האָט מען עס נישט
געזען צעפוילטע שטיקער פון מענטשלעכע גלידער — אויסגעריסע־
נע אויגן און צעשפּריצטע געהירן. — וויפיל נישט געהערט די צאַנקע־
דיקע קרעכצן פון געבראָכענע רוקנס און פון דורשט־געקוועלטע,
פאַרפּעסטעטע לעבנס!... און דאָך...

איך ווער אַנטשוויגן. מיר געזעגענען זיך באַלד, און איך נעם
נאָר מיט אין האָטעל מיין חבר דר"ש.

אין גרויסן זאַל שפּילט אַ גרויסע קאַפּעליע און רייכע, צעהיצ־
טע דאַמען פירן אויס פייערדיקע טענץ. מיין חבר דערציילט ווען
אַזוי פיל עלנט, וועגן זיך און באַקענטע, אַז עס נעמט זיך גאָרנישט
קיין שלאָף. הורא־געשרייען און אויסגעלאַסענע געלעכטערס טראָגן
זיך אַרויף ביז אין אונדזער פּליוש־רויט אויסגעמעבלירטן צימער.
און אַ כעס באַפאַלט מיין אויסגעהונגערטן חבר.

— דאָרט שחיטות און הונגער. און דאָ מוזיק מיט שאַמפּאַ־
ניער! ווו נעמט מען דעם מוט צוזאַמענקלייבן פון אַלע פעלקער
די צעיושעטע, פאַרפּירטע מחנות און זיי אַ שפּיי טון אין חיהשן
פּנים: שקלאַפן!! וואָס לאָזט איר זיך?!

קוק איך אויף מיין פריינט מיט רחמנות, ווי אויף אַ געפאַנגע־

נעם, וואָס וויל מיטן קאָפּ אויסברעכן די אייזערנע גראַטעס... דער הונגער צווינגט דאָך אים אַליין ווידער צוריקצוקערן צו יענע „צע־יושעטע, פאַרפירטע" מחנות...

צומאָרגנס מאַך איך מיט מײַנע פרײַנט אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. אַ „מאַרש־באַטאַליאָן" גייט אוועק אין פעלד. די סאָל־דאַטן בייגן זיך אונטער דער שווערער מאַסע פון געווער און גע־פּעק, — און דאָך זענען זיי באַשטעקט מיט בלומען און פענדלעך און האַלטן אין איין זינגען. זייער אָפיציר שטרעקט זיך און ווארפט מיט די פיס, גלייך ער וואָלט מאַרשירן צו דער „בורג־וואַך". ער גייט מסתמא צום ערשטן מאָל אין פעלד אַרײַן... פרויען און מיידלעך מישן זיך אַרײַן אין די רייען און גיסן מיט טרערן, אָבער די פאַרשוויצטע זעל נער מאַכן זיך „מוט", ווילן פאַרשרייען אין זיך די מרה־שחורה און לאַכן מיט דעם געפיל פון אַ פאַרמשפּטן: שוין אַלץ איינס... און זינגען און זינגען...

— האָו (שלאָג) די רוסן! — קלינגט ווי אַ שפּאַס דער לוס־טיקער „וויאַנער" דיאַלעקט.

— זיי אין גוט — איז ברוגז אונדזער ראָזע — ווען זיי וואָלטן אָבער זען די קאַליקעס אין די שפּיטאָלן.

איך ווער ערנסט:

— אפשר איז אויף זיי מער רחמנות ווי אויף די קאַליקעס. יענע זענען איינמאָל איבערגעקומען — פאַרפאַלן! אָבער די דאָ פירט מען ערשט צו דער שחיטה...

— לאָמיר זיך פאָטאָגראַפירן! — פּלאַצט אויס איינער פון אונדזער קאָמפּאַניע מיט אַ פאַרלאַנג.

דאָס פאָטאָגראַפירן איז פשוט געוואָרן אַ מגפה. גלייך ווי יעדער וואָלט פילן, אַז זיינע טעג זענען געציילטע. וויל מען כאָטש אויף דעם אופן זיך „פאַראייביקן".

אין אַטעליע איז פול: דערהויפּט סאָלדאַטן מיט מיידלעך

איינער מיט אַן אַמפּוטירטן פוס טוט זיך אַ כאַפּ און הינקט אַקעגן דעם פאָטאָגראַפער, וועלכער ווייזט אים, ווי געלונגען עס איז זיין פאָטאָגראַפיע. דער סאָלדאַט ווערט בלאַס, דערנאָך ווידער רויט, זייגע הענט ציטערן. און ער קערט זיך אָפּ אַ פאַרשעמטער. ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען אויף דער פאָטאָגראַפיע זיין גאַנצן קערפּער אָן אַ פוס, — און ער איז רויט געוואָרן ווי אַ קינד, וואָס דערזעט זיין אייגענע שאַנד...

אונדזער וועג פירט איבער דער צירקוס-גאַס. הונדערטער אַנטלאָפענע פון גאַליציע, בלאַסע, פאַרהונגערטע, קינדער און בכבודע יידן מיט גרייז-גרויע בערד, פאַריאָמערטע, אָפּגעריסענע יידענעס און יונגע ווייבלעך אין גלאַט פאַרקעמטע שייטלען, — אַלע וואַרטן זיי באַם „ציוניסטישן קאָמיטעט" אויף אונטערשטי-צונג. און איין פאָליציימאַן מיט עטלעכע קאָמיטעט-יינגלעך גיבן זיך די גרעסטע מי האַלטן אַ ביסל אָרדנונג אין דער נערוועזער, אומרויקער מאַסע.

איינער פון זיי נעמט פּלוצלינג קושן מיין האַנד. איך דער-קען אין אים מיינס אַ געוועזענעם קראַנקן סאָלדאַט, וועלכן איך אַליין האָב געפירט צום דאָקטאָר, ער זאָל אים באַפרייען.

— וואָס טוט איר דאָ? — שטוין איך.

— מען פאַרקויפט ביליג מילך — איז ער אַ ביסל פאַרשעמט.

— און קומט איר אויס מיט דער מיליטער-אונטערשטיצונג.

— זיי גיבן דען? — זיפצט ער — אַ ייד טאָר דאָך צו זיי נישט אַריינקומען, — זיי טרייבן אַרויס.

— נו, האָט איר עס באַדאַרפט, נישט גלייכער געווען צו פאַרבלייבן אין דער אַרמיי און זיין פאַרזאָרגט מיט עסן, מיט קליי-דער, מיט פרייער דירה אונטערן ליכטיקן הימל...

— אוי, ביין! — טוט ער זיך אַ כאַפּ — טאַקע שוין ליבער דאָ צו הונגערן...

— און איך דערוויס זיך, אַז „אחינו בני ישראל" לאָזן נישט פאַרהונגערן די אָרימע נע-ונדניקעס. גוטע, יידישע הערצער זענען פאַראַן אומעטום.

— אַ ווייטע קרובה דערציילט מיר, אַז מיין געשוועסטער-קינד, אויבערקאָנטראָלער מ., איז פאַרוווּנדעט און דאַרף זיין אין דער „ראָטונדע", דעם גרעסטן זאַמל-פּלאַץ פאַר פאַרוווּנדעטע. מיינע פריינט ווילן טאַקע אויסנוצן מיין „פּראָטעקציע" אָנצוקוקן דעם פּלאַץ. איך נעם זיי מיט.

אַ ריזיקער פּלאַץ מיט באַראַקן און געביידעס — כמעט אַ גאַנץ שטעטל פאַרוווּנדעטע. עס נעמט נישט לאַנג און איך געפין אויס מיין געשוועסטערקינד. געבראָכן אַ האַנד אין די קאַרפּאַטן, איז ער שוין זייט עטלעכע וואָכן אין שפּיטאָל — איצט גייט ער שוין ארום. געוואָרן אפילו פעלדוועבעל, כאָטש פון הלכת מלחמה פאַרשטייט ער גאָר ווינציק. זיינע ערשטע ווערטער זענען וועגן זיין פאַמיליע: ווער ווייסט, וווּ עס געפינען זיך זיין פרוי מיט די קינדערלעך?... דעם אַלטן טאַטן האָט ער שוין כמעט אויפגעגעבן...

איך נעם פאַר אים באַ דער קאָמאַנדאַ אַ דערלויבעניש אַראָפּ-צוגיין אין שטאָט, און פיר אים איבער די ברייטע אַלעען פון דעם ווינער „פּראַטער". פּלוצלינג בלייבט ער שטיין אַ פאַרציטערטער. — די פיס האַקן זיך אים אונטער! אַ הויכע בלאָנדע דאַמע פאַלט אים אויפן האַלדז און צעוויינט זיך יאָמערלעך. עס איז זיין פרוי. וואָס פאַר אַ צופאַל! זי מיט די קינדער זענען אַנטלאָפן פאַר די רוסן, וווינען שוין זייט פינף וואָכן אין ווין, און, כאָטש אין דער זעלבער שטאָט, האָבן זיי איינס פון דאָס אַנדערע גאָרנישט גע-ווּסט. ביידע האָבן זיך שוין נישט גערעכנט, אַז זיי וועלן זיך נאָך אַמאָל זען אין לעבן.

— אין הייגטיקע צייטן פּאַסירט דאָס אָפט — באַמערקט

איינער פון מיינע פריינט און וואונדערט זיך, וואָס איך שטוין אַזוי דערביי.

מיר גייען אַריין אין דערבייִיקן קאַפע-הויז. איך טרעף דאָרט דעם שריפטשטעלער מ. ג. און דעם העברעישן נאָוועליסט ג. ש., וועלכער ווערט נישט מיד זיך איינצוהערן אין יענע „מערק-ווירדיקע זאכן", ווי ער זאָגט, וועלכע איך דערצייל וועגן דער מלחמה. מיר באַשטעלן קאַווע און בעקערייִ.

— וויפיל שטיק בעקערייִ, הער פענריך? — פרעגט דער קעלנער.

— וויפיל איר האָט — קען איך נישט פאַרשטיין זיין מאָד-נע פראַגע.

— אַנטשולדיקט, הער פענריך — לאָזט אַראָפּ דער קעלנער זיין טאָן — אַ פּאָליצייִלעכע פאַרשריפט: מען מעג באַשטעלן נאָר אַ געוויסע צאָל.

אין דער „געמיטלעכער" קייזער-רעזידענץ הייבט שוין אָן זיך פילן דער ערשטער ביוך פון הונגער-וואָרם...

צוריק אין יאָך

די צייט פאַרגייט אין פרייד און לוסט, — אויף וויפיל מען קען אַזוי אָנרופן אַ האַרציק וואָרט מיט אַ פריינט, אָדער אַ ליבן שמייכל פון אַ באַקאַנטער. אָבער מיין ליבסטע צייט פאַרברענג איך אין טעאַטער. פאַר קראַנקע, פאַרוווּנדעטע אָפיצירן ווערן פון סטאַציע-קאָמאַנדאַ פאַרטיילט פרייע לאָזשן פאַר דעם בורג-טעאַטער און

דער „האָף־אַפּער“. זיץ איך כמעט יעדן אָוונט אין מיין טעאַטער־לאָזשע, נעם אויך אַמאָל מיט איינע פון מיינע „ליבלינגס־קינדער“ און איך פיל זיך אַזוי גוט, אַז איך קען מיר שוין באַלד נישט פאָר־שטעלן, ווי אַזוי איך וועל נאָך קענען אַמאָל ווידער זיך אומקערן צו יענעם פראָסטן, סאָלדאַטסקן לעבן. ביז אַ קליינער „דינסטצעטל“ שטויסט מיך ווידער אַרויס פון מיין צופרידנקייט: תיכף מאָרגן דאַרף איך זיך מעלדן באַם „שטאַציאָנס־קאָמאַנדאָ“!

איך נעם צוזאַמען מיין גאַנץ ביסל זכרון, און קען פאָרט נישט אויסגעפינען, מיט וואָס איך האָב זיך אַזוי פאַרזינדיקט. מיין „געוויסן“ איז רויק. אָבער דער אייזערנער „מוז“ פון ווידער „דינסט“, „פאָרשריפט“, „מעלדן“ א. אַז. וו. א. אַז. וו. לייגט זיך שטאַרק אויפן געמיט, און אויפן האַרץ ווערט קאַלאַמוטנע. איך בעט קוים איין מייַנע חברים, זיי זאָלן מיט מיר פאַרברענגען די גאַנצע נאַכט.

פינף פאַרטאָג געפינען מיר זיך ווידער אין דעם גרויסן, אין ווייסן שראָן־איינגעהילטן „פראַטער“. דער ערשטער פרימראָזשעק. עס־לעכע פאָליציי־לייט פירן אַ בלייכן, באַוואַקסענעם יונגנמאַן.

— עס איז אַ סטודענט, וועלכן מען האָט אַרעסטירט פאַר שלאָפן באַנאַכט אין פּאַרק. אויך דאָס איז שוין נישט דערלויבט אין דעם „געמיטלעכן“ ווין.

— מוזט עפּעס טון — באַפאַלן מיך די חברים.

— אָבער וואָס איז מיט אים געשען? — וויל איך וויסן.

— ער היט זיך אויס — ווינקט מ. נ. — האָט מורא צו שלאָפן אינדערהיים... מען האָט אים „גערופן“.

דער פאָליציי־קאָמיסאַר גלייבט מיר אויפן וואָרט, אַז איך קען דעם סטודענט און ער שיקט אים אַהיים. אפשר איז מיר נאָך באַ־שערט געווען אָפּצוראַטעווען אַ יונגן מענטש פון דעם בלוט־קעסל, אין וועלכן איך אַליין וועל אפשר באַלד אַריינפאַלן.

מיר טרינקען נאָך קאַווע אין איינעם פון די לעבעדיקע ווי־

נער „פרישטיק-קאַפּעס״, און איך זעץ זיך אויף דעם טראַמוויי, צו פאָרן צו דער סטאַנציע-קאָמאַנדאָ. א האַלב טוץ דאַמען מאַכן מיר פּלאַץ צום זיצן. זיי ערן אויף דעם אופן אַן אָפיציר א „קאַליקע״. איך בין שוין כמעט געוווינט צו אָט די „צרות״. אַן עלטערע דאַמע פאַרפלעכט מיט מיר אַ שמועס און הייבט באַלד אָן דעקלאַמירן אירע אייגענע „געדיכטע״, וועלכע איך, פאַרשטייט זיך, לויב זייער.

— איך האָב אָבער באַלד דערקענט אָן אייך א „גייסטעס-פאַרוואַנדטן״ — חיל זי מיר איינרעדן.

ערשט פאַר צוויי וואָכן האָט זי אַרויסגעגעבן א באַנד שירים, וועלכע זי האָט געווידמעט דער קרוינפּרינצעסין ציטאַ, און דעם גאַנצן רווח האָט זי פאַרשענקט צום „רויטן קרייץ״. אָרימע לעזער און אָרימע פּאָעזיע! ווער ווייסט, ווי לאַנג די „געדיכטע״ וואָלטן געפוילט אין מאַנוסקריפּט, ווען נישט דער „רויטער קרייץ״...

באַם געזעגענען זיך דערלאַנגט זי מיר א פּאָרצעליין-חזרל — א „גליקס-שווײַנדל״.

— איך בין אַ ייִד — חיל איך זיך אָפּטשעפּען.

— עס מאַכט נישט. איך בין אויך אַ „איזראַעליטין״ — זאָגט זי איפּן אויער — האַלט עס תמיד אין קעשענע, דאָס ברענגט גליק.

— ווען מיר זען באַלד דאָס ערשטע גליק באַם „שטאַציאָנס-קאָמאַנדאָ״, טראַכט איך, און בין צופרידן, וואָס איך גיי שוין אַראָפּ.

איך טרעף דעם סטאַציע-קאָמאַנדאַנט-שטעלפאַרטרעטער.

— וואָס מאַכסטו, ה.! — באַגריסט ער מיך האַרציק.

עס איז צופעליק א מאַיאָר פון מיין רעגימענט.

— דו ביזט דאָס דער שווינדלער? — וויצלט ער זיך.

ער ווייזט מיר דאָקומענטן פון רעגימענט 80, לויט וועלכע די „קענען גאָרנישט אַן אָפיציר מיט מיין נאָמען״ און זיי ווילן נישט צאָלן פאַר מיר די גאַזשע.

— אפשר מעג איך זיך טאַקע שוין איבערטון אין ציוויל ? — דערלויבּ איך זיך אַ קעגנווייך.

— וואַרט — מאַכט צו מיר דער מאַיאָר — דאָ שרייבּן זיי נאָך עפּעס:

ער ווייזט מיר דעם לעצטן פּאַסוס פון דעם לאַנגען בויגן: „מיר פאַרדעכטיקן, אַז דאָ איז איינער פון יענע אָפּטע פאַלן, ווו שווינדלער פאַרקלייבּן זיך פאַר אָפיצירן, כדי אויסצונאַרן די אָפּי־צערסקע גאַזשען".

אָבּער באַלד שטעלט זיך אַרויס דער טעות: ווען מיין רעגי־מענט האָט מיך געשיקט אין קאַמף צום רעגימענט 80. האָט מען פאַרגעסן איבּערשיקן מיינע דאָקומענטן, — און פון דעם האָט זיך גענומען דער גאַנצער פּלאָנטער.

— ביסט אָבּער נישט דער איינציקער, מיין ליבּער — לאַכט דער מאַיאָר — אָט, כאַפּ אַ בּליק אויף יענעם פּאַרשוין:

ער עפנט די טיר פון אַ צווייטן צימער, אין וועלכן עס זיצט איינער נאָך אין סאָלדאַטסקע קליידער, באַוואַכט פון צוויי זעלנער.

— דאָס איז אַ באַוווסטער איינבּרעכער — דערציילט דער מאַיאָר — און דריי חדשים איז ער געווען איבּערגעטון פאַר אַ קאַדעט און באַ אונדז אויסגענאַרט גאַזשע.

„ווער באַם מיליטער גנבעט דען נישט?" קומען מיר אויפן געדאַנק די ווערטער פון אַן אַלטן פעלדוועבּל, וועלכן מען האָט געכאַפּט באַ אַ גנבה. ער האָט גוט געקענט זיינע „קאַמעראַדן".

איך גיי אַרויס אַ צופרידענער, וואָס איך האָבּ ענדלעך גע־פּטרט אַ „שווינעריי".

איך בּין גוט אויפגעלייגט און באַשליס היינט פאָרן אין דעם שיינעם זומער־פּלאַץ באַדען, וועלכער באָדט זיך גאַנץ אין קוסטן געשמאַקע וויינטרויבּן, די בּעסטע, וואָס עסטרייך פאַרמאָגט. הונ־דערטער, טויזנטער אַנטלאָפענע גאַליצישע יידן, וועלכע מען האָט

ארויסגעטריבן פון בודאפעסט און ווין, האָבן דאָ א פּאָר א טייערן גראָשן געפונען א שטיקל מנוחה.

איך מיינע באקאנטע, די פאמיליע ה., האָבן נאָך א לאנגן וואנדערן פול אָרימקייט און נויט, ארויסגעטריבן פון ווין, ענדלעך געפונען אן אָפּרו אין באדען.

פונקט ווי דער „רינג" אין ווין, זענען אויך דאָ די גאָרטנס און אלעען פול מיט אומגליקלעכע נע־ונדניקעס. עס איז פרייטיק פארנאכט, זיצט מען אויף די בענק און מען פירט מלחמה־שמועסן ווי נאָכן מרחץ אינדערהיים — מען וואַרט אויף „קבלת־שבת". די צוויי יינגסטע מיידלעך פירן מיך אין דעם אָפּיצערסקי רעסטאָראַן, וועלכער איז ל ו י ט ן פ א ר ש ר י פ ט אָפן נאָר ביז צען א זייגער אין אָוונט. אָבער די אָפיצירן פארשליסן זיך אין באזונדערע צימער־לעך און פארברענגען בא קאָרטן און טייערן וויין ביז פארטאָג.

אינדערפרי מאך איך א באזוך בא מיינע באקאנטע. דער פאָ־טער („א דוד משהלעס" אין די יונגע יאָרן) קומט פון דאַוונען אין א וואָכעדיקן קאפעלוש און מאכט „המוציא" איבער א שווארצער חלה. ער זיצט מיט א פארקלעמט הארץ, און מען זעט בפירוש, אז דער גאנצער צער פון דעם בכבודן ייד איז אָנגעזאמלט אין אָט דעם טונקעלן שטיקל קוילישט.

„דער באלעבאָס פון דריי מילן און הונדערט אקערס וויץ", טראכט איך, בשעת דער אלטער פארבעט מיך צום טיש.

— מיר שטייען עפּעס גוט? — פרעגט ער מיט טריבע אויגן.

— יאָ, אונדזער ארמיי וועט שוין באלד זיין אין ווין — ווילט זיך זיין קרענקלעכער זון, וועלכנס באפרייען פון דער אר־מיי האָט אָפּגעקאָסט א פארמעגן.

— עס וועט נישט לאנג דויערן — וויל איך טרייסטן דעם אלטן.

— יאָ — ווינצלט זיך ווייטער דער זון — אַז „פּרוויזאָריאַסל“ וועט נישט האָבן ווו צו אנטלויפן, וועט ער פאַרבעטן דעם צאַר צו זיך אויף אַ וויזיט.

נאָך „הבדלה“ נעם איך מיט די מיידלעך קיין ווין. די קערט-נער-שטראַסע איז אַלץ נאָך פול מיט מענטשן און די אַ ביסל שטרענג-געוואָרענע ווינער פּאָליציי-לייט האַלטן אין איין דיריגירן דעם עולם אויף „רעכטס“ און „לינקס“.

— בין איך דען אַ פּוילישער ייִד? — איז ברוגז אַ וויבער שוסטער-ייִנגל, פאַרוואָס דער פּאָליציימאַן דערמאַנט אים, ווי אַזוי צו גיין.

אין קאַפע „מאַריִענבריקע“ טרעף איך אונדזער דאָקטאָר ב. און דעם קריגס-רעפּאָרטער דר״ מ. וו. לעבן אונדזער טיש „פעכט“ אַן עלטערער אַדוואָקאַט אַ „געפערלעכן קאַמף“ אין היציקע ווער-טער:

— די רוסן זענען די ערגסטע ליידאַקעס — שרייט ער און נעמט מיך פאַר אַן עדות — אַלע מוזן מיר גיין קעגן זיי!

— פאַרוואָס-זשע גייט איר נישט פרייוויליק אין דער אַר-מיי? — פרעגט אים זיין פאַרביסענער קעגנער, דער „רוס“.

—איך בין שוין צו אַלט — געפינט דער היציקער אַדוואָ-קאַט נישט קיין אויסוועג.

— זאָל נאָר דער הער צוליגן פונף מינוט אין אַ שוצנ-גרוב, וועט ער זיך שוין אַזוי נישט היצן — לאָזט אים זאָגן דורכן קעלנער אַן עלטערער אָפיציר, וועלכער קומט ערשט פון פעלד.

דער אַדוואָקאַט ווערט שטיל און פאַרשווינדט באַלד.

— דער אַדוואָקאַט איז אַ רומענישער ייִד — לאַכט דער דאָקטער דר״ ב.

ערשט איצט הייב איך אָן פאַרשטיין זיין „פּאַטריאָטיזם“.

און אַזוי פאַרגייט די צייט צווישן קאָכעניש פון „מוז“ און

דעם אויפגעבלאָזענעם, נאַציאָנאַל פּאַטריאָטיזם, — און עס דערנענטערט זיך דער טאָג, ווען איך דאַרף ווידער צוריקגיין צו מיין רעגימענט — ווידער אין יאָך פון בלוטיקן שטורם!

מיינע ווונדן האָבן דערווייל זיך פאַרערגערט: דער לינקער פוס טוט מיר וויי, און די ווונד אויף דער רעכטער האַנט, אָן וועלכער איך האָב שוין געהאַט כמעט פאַרגעסן, האָט יידער זיך געעפנט. איך לאָז זיך דאַרום איבערעדן פון מיינע פריינט און מעלד זיך צו אַ מיליטערישער קאָמיסיע, מען זאָל מיך אונטערזוכן.

הונדערטער אָפיצירן וואַרטן דאָ אויף זייער גורל: קראַנקע, פאַרוווּנדעטע, מוזן זיי גיין צום צווייטן מאָל אין פעלד אַריין. בשעת געזונטע גראַפן און באַראָנען, אָפיצערסקע-פּראָטעקציע-קינדער אין לאַק-שטיוול און מיט גאָלדענע קאָלנערס, דרייען זיך אויף די בולוואַרן פון הויפּטשטאָט. איז מען שטאַרק נישט צופרידן מיט אָט דער פירונג און מיטן קריג בכלל. בפרט זעט עס אויס מאָדנע, וואָס די גרעסטע טייל פאַרוווּנדעטע זענען „רעזערוו-אָפיצירן" און נישט די אָפיצירן פון פּראָפעסיע. שוין אויפן שלאַכט-פעלד קען מען באַמערקן, אַז ביז צום הויפּטמאַן זענען עס כמעט לויטער רעזערווע-אָפיצירן, וועלכע פירן די סאָלדאַטן אין קאַמף.

— דאָס איז טאַקי אַ שאַנד פאַרן אָפיצירס-שטאַנד! — גיט צו אַ פּראָפעסיאָנעלער אָפיציר.

— מיר זענען ניצלעכער באַם אויסבילדן נייע סאָלדאַטן — וויל אַן אַנדערער פּראָפעסיע-אָפיציר פאַרטיידיקן זיין שטאַנד, אָבער ער באַגעגנט זיך נאָר מיט צווייזייטיקע שטעכווערטלעך און ווערט אַנטשוויגן.

באַם אַריינגאַנג שטייט אַן אַלטער אָבערסט, וועלכער האָט די איינציקע באַשעפטיקונג אין קריג, צו פרעגן די אָפיצירן: „געלעזן, מיינע הערן?" ער דערלאַנגט דערביי אַ ביגטל געדרוקטע מודעות און „פאַרשריפטן".

— שוין געלעזן, הער אָבערסט.

— וווּ?

— אין „וואַרטע-זאַל“.

— ליינט נאָכאַמאָל.

קייען מיר נאָכאַמאָל איבער די זעלבע פּאַראַגראַפן און אזהרה: „נישט-באַרעכטיקט“ זיך מעלדן קראַנק, ווערט באַטראַכט אַלס באַוווסטער ווילן זיך אַרויסצודרייען פון פעלד-דינסט, וואָס איז באַפּיצערן גלייך צו דעזערציע. דעזערציע ווערט לויט פאַרשריפט... באַשטראָפט מיטן טויט.

נישט איינער וואָלט שוין מער נישט אַריינגעגאַנגען, — שעמט מען זיך אָבער — און „מען שטעלט איין“.

— וואָס פעלט? — פרעגט דער גענעראַל-שטאַב-דאָקטאָר.

— פאַרוווּנדעט — ווייז איך אים מיין לינקן פוס.

— דאָס איז שוין פאַרהיילט — רייסט ער נאָך אַוועק אַ שטיקל הויט.

— אַ חוץ דעם...

— נאָך דעם אורלויב איינריקן צום רעגימענט — דיקטירט ער אַ צווייטן אָבערסט, נישט ווילנדיק אַפילו מיך אויסהערן.

דאָס זעלבע זאָגט ער אַ לונג-קראַנקן-לייטנאַנט.

— אַז אַ דענטיסט איז אַ מבין אויף לונגען!... — לויפט אַרויס דער לייטנאַנט אַן אויפגערעגטער.

און ס'איז באמת מאָדנע: אַ מענטש, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן געריסן ציין, באַקומט פּלוצלינג אַ דעה איבער וווּנדן, הערצער און לונגען.

איך באַקום אַן „אָפּענע אָרדער“ (אַ מין מיליטערישן באַן-בילעט), צוריקצופאָרן אין פעלד אַריין און וואַרט נאָר אויף דער אונטערשריפט פון מאַיאָר.

— „נו, ווי פילסטו?“ — פרעגט דער מאַיאָר עפּעס מיט אַ מאָדנע גוטן, יידישן שמייכל.

— אָט — דאַנק איך אים „געהאָרזאַמסט" ערשט געקומען פון פעלד און מוז שוין צוריקגיין.

— ביסט נאָך נישט גאַנץ געזונט ? — קוקט ער מיר אין די אויגן אַריין און רופט דעם שרייבער: — דאָ איז אַ טעות. שטעלט אויס דעם הער פּענגריך אַן „אָפּענע אָרדער" צו זיין „שטאַם־באַטאַליאָן", אין „הינטער־לאַנד".

דער שרייבער קוקט פאַרוואונדערט, אָבער ער טוט, וואָס מען הייסט אים. און דאָס איז טאַקע נאָך די איינציקע טרייסט פון מיינע פריינט: באַם „שטאַם־באַטאַליאָן", ווו מען גרייט צו פרישע סאָלדאַטן פאַרן פעלד, איז מען פאַרט אָפּגעהיטן אַ שטיקל צייט.

צום לעצטן מאָל גיי איך נאָך באַזוכן מיין איינציקע „ליידנשאַפט אין לעבן: דאָס טעאַטער. דאָס מאָל די „האָף־אָפּער". פיר אָפיצירן זיצן מיר אין איין לאָזשע. מיר באַקענען זיך און הייבן אָן אויסדערציילן אונזערע „ליידן און פריידן" — ווי די אַלטע ווייבער. דער ריזן־שטאַרקער הוזאַרן־ריטמייסטער הינקט אויף אַ פוס, וועלכן דער באַרימטער ווינער כירורג איי. האָט אים געוואָלט אַראָפּנעמען, און ערשט נאָך זעקס וואָכן צייט האָט ער זיך „מישב געווען", אַז מען קען דעם פוס נאָך אָפּראַטעווען...

איז מיין פאַל, הייסט עס, נישט געווען דער איינציקער.

אין טעאַטער ווערט פינסטער און עס צעטראָגן זיך די שטורעמיש־טיפע קלאַנגען פון שטרויס „עלעקטראַ". כמעט צוויי שעה צייט איז מען געפאַנגען אין דעם מעכטיקן שטראָם טענער פון דעם גרויסן מייסטער.

עס פאַרקלינגט די פינאַלע, און זי ווערט איבערגעשריגן פון דעם ריזיקן אַפּלויז. מיר געזעגענען זיך.

— מאָרגן זען מיר זיך אין בורג־טעאַטער — איז זיכער דער אָבערלייטנאַט, מיט וועלכן איך טרעף זיך כמעט יעדן אויף דערנאַכט אין דער „בורג", אָדער אין דער אָפּערע.

— ליידער! — ווערט מיר סמוטנע אויפן האַרץ — מאָרגן איז אויס מיט מיין שיינקייט! איך מוז צוריק...

— באַלדיקע פאַרוווּנדונג! — ווינטשן מיר צו מיינע אַלע דריי לאָזשע-שכנים.

בעסער אַ „פאַרוווּנדונג", איידער דער טויט. דאָס צעווינטשעווען זיך „אַ באַלדיקע פאַרוווּנדונג" איז געוואָרן די ברכה פון דער צייט...

פאַרטאָג בין איך שוין אויפן „זיד-באַנהויף". דער איינציקער, וועלכער באַגלייט מיך, איז דער האַרציקער קאַפּעלמייסטער ג. טרערן שטיקן אים.

— איך טאָר נישט וויינען — בעט איך זיך — איך בין אַ סאָלדאַט...

דער צוג טראָגט מיך אַוועק צו די ווייטע, הויכע אַלפּן-בערג, וווּ עס וואַרטן אויף מיר הונדערטער יונגע קינדער, וועלכע איך דאַרף אויסלערנען די חכמה פון מלחמה-האַלטן...

עס נעמט פאַלן אַ דריבנער, נאַסער שניי, וועלכע הילט איין די גאַנצע געגנט אין יונגע, ווייסע תכריכים.

דער ערשטער שניי אין דעם קריגס-יאָר — אין יענער פאַרקלערטער, זוניקער געגנט.

אין שטייערמאַרק

אונדזער „קאַדער", וווּ עס ווערן צוגעגרייט פרישע סאָלדאַטן, דער מענטשן-קוואַל פאַר יעדן פעלד-רעגימענט, האָט שוין צום צענטן מאָל געביטן דאָס אָרט: באַלד זיך אָפּגערוקט, אַנטלויפנדיק פאַר

שונא, באַלד ווידער זיך אומגעקערט, כדי נישט זיין צו ווייט פונם אייגענעם רעגימענט, וועלכן מען דאַרף האָדעווען מיט פרישן מענטשן-מאַטעריאַל. דאָסמאָל האָט ער זיך באַזעצט אין יודנבורג, אַ שטייעריש שטעטל מיט אַן אַלטן, באַפעסטיקטן שלאָס, וווּ די יידן אין מיטלאַלטער פלעגן האָבן זייערע רייכע סקלאַדעס און זיך באַשיצן פאַרן רויב פון די דייטשע „ריטער". דער מיליטער-וואַגאָן, אין וועלכן איך פאָר, איז ליידיק, שטרעק איך מיך אויס אויף די פלושענע בענק און כאַפּ פון צייט צו צייט אַ בליק אויף די הערלעכע בערג פון ביידע זייטן, דורך וועלכע אונדזער צוג שלענגלט זיך מיט אַ מערקווירדיקער לייכטקייט.

מיר זענען שנעלער אויפן פּלאַץ, ווי איך האָב מיר געווונטשן. באַם אויסשטייגן כאַפּט מיך אַרום אַ ווייסע הערלעכקייט פון די אַרומיקע אַלפּן. דער שליטן, וועלכן מען האָט פאַר מיר צוגעגרייט, גליטשט זיך אין טיפן, קלאָרן שניי, די פערד בראָדזשען ביז איבער די קני.

דאָס שטעטל דערנענטערט זיך. פון די טירן און פענסטער בליקן אַרויס שיינע פנימלעך מיט גנבישע אויגן, וואָס ווינקען און לאָקן, שמייכלען און גאַפן. דורכן הויפּט-פּלאַץ טרייבן רוסישע געפאַנגענע סטאַדעס אָקסן. דרייצן-פערצן יעריקע מיידלעך באַוווּנדערן די „שטאַרקע קערלס", די רוסן, און גיבן דערווייל צייכנס צו אונדזערע סאָלדאַטן, וועלכע פאַרשטייען באַלד וואָס מען מיינט. זיי וועלן שוין דערנאָך פאַרברענגען פריילעכע אָוונטן...

גרופּנווייז גייען פון איין רעגימענט אין צווייטן פריש-אָנגעטוענע סאָלדאַטן, מיט בוקעטן בלומען אויף דער ברוסט און אין די היטלען. מאָרגן גייען זיי אַוועק אין פעלד, ווילן זיי נאָך אין דער לעצטער שעה „פאַרטרינקען די גריזאַטע" — פונקט ווי אין בודאַפּעסט, ווי אין ווין, ווי אין יעדן ווינקל, איבער וועלכן די מלחמה האָט נאָר אויסגעשפּרייט אירע שוואַרצע פליגלען.

דער אַדיוטאַנט פון באַטאַליאָן איז נישט־איבעריק פריינדלעך
ער האָט נישט ליב קיין ייִדן. דריי מאָל מוז איך קומען, ביז איך
טרעף דעם מאַיאָר, וועלכער דערפרייט זיך דווקא יאָ מיט מיר:
ער האַלט מיך פאַר אַ „העלד" צוליב מיינע וווּנדן, און טאַקע
אויך צוליב די דורכגעמאַכטע שלאַכטן, וועגן וועלכע ער רעדט מיט
דער נאַיוויטעט פון אַ קליין ייִנגל.

— וואָס איז מיט לייטנאַנט פאָן ה.? — פרעגט ער אויף
אונדזערס אַ פריינגט.

— געפאַלן — ענטפער איך קורץ. און ער קען נישט פאַר־
שטיין, ווי אַזוי איך זאָג דאָס אַזוי גלייכגילטיק.

— האָט ער כאָטש געהאַט אַ שיינע לוויה? — פרעגט ער
מיט אַ זיפץ.

— אַוודאי, ווי אַלע אין אַ מאַסן־קבר.

און ווידער קען דער אַלטער מאַיאָר נישט פאַרשטיין, ווי
אַזוי מען „באַערדיקט דאָס אַ געפאַלענעם אָפיציר גלייך ווי אַ גע־
פגרטע קאַץ".

— איר זייט אויסגעמוטשעט — פאַרענדיקט ער מיט אַן אָפּ־
טימיסטיש שמייכעלע — נו, באַ אונדז דאָ וועט איר זיך פאַפּראַווען.
היינט איז אַ „צוזאַמענקונפט".

ווען איך קום צו דער „צוזאַמענקונפט", האַלט מען שוין ווייט
אין טרינקען. עס זענען אויך געקומען עטלעכע אָפיצירס־פרויען,
מוז מען זיי „אונטערהאַלטן" און אָפיציעל „טאַאַסטירן". קוים אָבער
זענען די דאַמען אוועק, קנאַקן שוין די שאַמפּאַנער־פלעשער, וועלכע
האָבן דערווייל זיך געקילט אין די עלעגאַנטע ניקל־פּוטניעס. דער
מאַיאָר פרווט נאָך זיך אויפהייבן. לייגט צו דאָס מאַנאָקל צום
רעכטן אויג און וויל האַלטן זיין לעצטע קוויטשעדיקע רעדע:

— מיינע הערן!...

ער פאַלט אָבער צוריק אין שטול אַריין און דרייט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט:... אַז עס גייט נישט!...

אָבער ער דאַרף נאָך צו שאַנעווען זיין כבוד, און גייט באַלד אַוועק. די „קעלנערקעס", וועלכע האָבן ביז אַצינד זיך געהאַלטן פון ווייטן, גיבן פּלוצלינג זיך אַ לאָז צו די טישן. — יעדע צו איר „שאַץ" — און עס הייבט זיך אָן אמתע וואַקכאַנאַליע!

— ס'איז דאָך אַ לעבן מיט זיי! — דריקט אַ לייטנאַנט דעם פאַרוווּנדערטן קאָפּ פון זיין ברונעטקע, און וויל דווקא, אַז דער גלח, וועלכן מען האָט אויך פאַרבעטן צו דער „צוזאַמענקונפט", זאָל איר אַ קוש טון.

דער אַלטיטשקער גלח האָט שוין אַ ביסל וויין אין קאָפּ. און דאָך וואָלט ער שוין פון לאַנג אַוועק, האָט אָבער מורא, ער זאָל מיט דעם נישט באַליידיקן זיינע „גאַסט-געבער".

— אונדזער געמיינדע האָט אָבער דאָ געוואָלט אייגנס פאַר די סאָלדאַטן עפנען אַ בית-זונות — ריקט ער זיך צו מיר, ווי וועלנדיק זיך באַשיצן פאַר דעם שיכּורן אָפיציר — אָבער ווי האָב איך געקענט דאָס דערלאָזן? און אפשר וואָלט עס גלייכער געווען... דען ערשט אַצינד זע איך: ווען מען זאָל איבער אונדזער גאַנצן שטעטל מאַכן איין דאַך, וואָלט דאָס גאַנצע שטעטל געווען איין גרויסער בית-זונות...

די לעצטע ווערטער שעפּטשעט ער מיר אַריין אין אויער, און בעט מיך, אים געבן אַ סאָלדאַט, וועלכער זאָל אים אַהיימפירן.

דאָס לעבן קאָכט! און ווען דאָס אויסגעזאָטענע בלוט קען זיך באַך אַלץ נישט שטילן, ציט מען אַרויס די זעבלען און מען צעהאַקט דעם בופעט מיט די שפּיגלען.

— מיר ווילן באַצאָלן! מיר באַצאָלן אַלץ! — שרייען שיכּורע קולות און וואַרפן צו הונדערטער דעם באַלעבאָס.

הויפטמאַן ט. וויל דווקא אויספּרוּוון, צי זיין זעבל וועט קע־
נען צעשטערן דעם מאַרמאָרנעם טיש.

עס איז טאָג — און מען טרינקט נאָך אַלץ! צעהאַקט מען
אַלע גלעזער און אַלע כּלים — איז שוין נישטאָ, הייסט עס, פון
וואָס צו טרינקען, — באַצאָלט מען פאַר אַלץ א היפּשן חשבון און
מען גייט אַהיים.

מיין קאָמפּאַניע געפינט זיך אין א דערפל. הויפּמאַן ה. נעמט
מיך אויף גאַר האַרציק און מען זעצט זיך ערשט טרינקען אויף
מיין „ברוך הבא”. אָפּגעגעסן מיטאָג, נעמט מען זיך צו אַן „אייב־
אונצוואַנציקער”. איך האַלט די קאַסע פון הויפּטמאַן, מוז איך בלייבן
אַלס „קיביצער” און זיך לאַבן מיט אַ „שוואַרצן” ביז דעם צווייטן
איינדערפרי.

— דער מאַיאָר האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל דאָ זיך
פּאַפּראַווען”, שמייכל איך.

— מאַכט נישט — געניצט דער הויפּטמאַן און האַלט זיך
קוים אויף די פיס פאַר מידקייט — אַלץ בעסער ווי צו ליגן אין
שוץ־גרוב.

אויך די אַנדערע טעג פאַרגייען נישט אומעטיק. דערמאָנען
נאָך די פון קריג צוריקגעקערטע סאָלדאַטן אָן די ביטערע שעהן
אויף דעם פייערשפּייענדיקן פעלד, — טוט זיך א צאַפּל דאָס האַרץ
און עס צעוואַקסט זיך די געהיימע, פינסטערע שרעק — באַגעגנט
מען איינס, מיט וועלכן מען האָט דורכגעווייטיקט יענע טעג און
נעכט פון בייזן שטורם. — ווערט מען אים אַ ברודער און פריינט,
און מען חלומט מיט אים צוזאַמען די טיפע מרה־שחורה פון ביטערן
שלאַכט־געלעכטער.

אָבער אויך טעג פון פרייד פולן אָן דאָס זאָרגן־פרייע לעבן
און זענען ווי אַ ליכטיקער זון־שטראַל אויף דעם שפּינוועבס פון
אַ פאַרוואָרפן, פינסטער ווינקל. מיינע פריינט אין רומעניע שיקן

מיר איבער בריוו פון מיינע עלטערן אין ל., און אויך מיין נאָענטס־טער פריינט ד. האָט זיך אָפּגעזוכט. איז איצט אַ סך לייכטער צו מאַכן די „איבונגען" מיט די סאָלדאַטן אויפן הויף פון דער גרויסער דאָרף־שולע, ווו די שייגיטשקע לערערינס פאַרגעסן אָן זייערע תּלמודים און שמייכלען דורך די פענסטער צו די פּראָסט־פּאַרפּלאָנטע אָפיצירן. זיי ווילן דערביי אויסקוקן שטאַרק „פּאַטריאָטיש". שיקן זיי מתּנות פאַר די סאָלדאַטן: אַליין־געמאַכטע ווינטער־וועש, און יעדן טאָג, „אַנטפּלעקן" זיי צווישן זייערע קליינע שטודענטן אַלץ פרישע „געפערלעכע פאַרעטער" — קינדער פון איטאַליענער און סלאַוון, וועלכע ווילן דווקא גלייבן, אַז די רוסן וועלן געווינען די מלחמה.

— נאָר דערשיסן דאַרף מען זיי, אָט די עלטערן פון אַזעלכע קינדער — טענהט די חנוודיקע לערערין מ., די אמתע שיינקייט צווישן די דאָרטיקע מיידלעך, די „קעניגין" פון דאָרף.

און די אַנדערע מיידלעך זענען זי מקנא, וואָס זי „הערשט" אַזוי איבער די אָפיצירן, באַמיִען זיי זיך צו זיין נאָך פריינטלעכער און צוגעלאָזענער — און עס פאַרקניפּט זיך אַ קייט פון איי־פערזוכט און רכילות, אָבער אויך אַ שטילער, צאַרטער פאָדעם פון טיפער, בענקענדיקער ליבע.

יעדן פרימאָרגן טרייב איך מיינע שוואַכע, געעלטערטע זעלנער אויף די הויכע, גליטשיקע אַלפּן, וועלכע קוקן אויס פון ווייטנס ווי פאַרקלערטע, ווייס־באַוואַקסענע זיידעס, — און פון נאָענט זענען זיי באַדעקט מיט אַזאַ קינדיש־אומשולדיקן, קלאָרן שניי. אָט קריכן זיי, מיינע סאָלדאַטן, אויף „די גלייכע ווענט" — אַ סטאַדע באַצוווּנגענע שקלאַפן, וועלכע שטרעקן דעם קאָפּ אין יאָך, ווייל מיר, זייערע „באַרעכטיקטע" פיגיקער, קנאַקן איבער זיי מיט דער בייטש — מיר שטייען אויפן שפּיץ פון די פרעכטיקע אַלפּן, ווו מיר לערנען געפּלאָגטע פויערן „פאַראַכטונג צום

פוילן און צום פייגלינג" — און אין זייערע הערצער גייט אויף אַ שנאה צו אונדז, זייערע באַצווינגער — און עס דערוועקט זיך אין מיר דער גאַנצער אומעט פון יענע שווערע טעג, וועלכער האָט שטום געדרימלט אין די טיפסטע גרונטן פון מיין זכרון...

איך קוק אַראָפּ אויף דעם וואַסער-פלאַכן גרויסן טאָל, וואָס דאַכט זיך צו זיין איין גאַנצער, פאַרפרוירענער טייך, פון הונדערטער יאָרן אַזוי שוין פאַרגליווערט. פון די אויפגעריסענע ערדוונדן, אויס וועלכע מען שעפט שטיין-קוילן פאַר אַ גאַנצער מדינה, רויטע קוימענס מיט זייער וואָלקן-געדיכטן רויך — איז עס נישט די שוואַרצע פאָן פון אויך באַצוווּנגענע, לעבעדיק באַגראָבענע שקלאַפן?...

קוים אָפּגעגעסן, יאָגן מיר זיך שליטלען אויף די הויכע באַשנייטע בערג. אונדזער מינאַ, די „קעניגין", דערגרייכט מיט מיר דעם העכסטן שפּיץ, קערעוועט אויס דאָס שליטעלע, — מיט אַ קינדיש-פאַרגאַפטן שמייכל זעצט זי זיך פאָרנט, איך הינטער איר, און — וויאָ!.. פ...י...י...י...!... גיט עס אַ זעץ ביז אין טיפסטן טאָל, — אַז געפרוירענע פונקען שפּריצן אונדז אין פּנים און אַן אויפגעקאָכטע, ליבע פריילעכקייט צעוואַרעמט דאָס בלוט אין די אבֿרים!

דאָ פאַרבלייבן מיר שוין, געוויינטלעך, ביז עס זעצט זיך די זון. אין קוילן-גריבער צעפלאַקערן זיך די ברייטע, רויט-בלאַסלעכע פלאַמען, פון די הויכע קוימענס נעמט שפּייען אַ רעגן צעגליטע פונקען, און עס דאַכט זיך, אַז די ברוסט פון דער ערד האָט זיך געעפנט און באַוויזן איר רויט, קאָכעדיק האַרץ, וואָס וויל איינשלינגען דעם ברילאַנטענעם שניי מיט די בערג, מיט די מענטשן-פליגן, וואָס קריכן אויף זיי, — כּדי צו שטילן איר אייביקן דורשט. עס צעפינקלט זיך אויך דער „פויערן-שרעק", דאָס שטענדיקע באַנאַכטיקע פייערל. וואָס גלאָצט פון ווייטן ווי אויגן

פון אַ הונגעריקן וואָלף און פאַרצערט יעדע נאַכט דאָס שענסטע שטיקל רינד פון די אַרומיקע פויערן.

אין דעם דערפל זענען נאָך קיינמאָל קיין סאָלדאַטן נישט געווען, האַלטן די באַאַמטע פון די קוילן-גריבער פאַר זייער „חוב“, אונדז צו גאָשטשען. גייען מיר אין די אָוונטן פון איין קרעטשמע אין דער צווייטער און פרוון, וווּ עס איז בעסער ביער און וווּ בעסערער ווײַן. ווערן די מיידלעך פריילעך, לאָזן זיך טאַנצן און הייבן אָן פלאַמען מיט רויזיקע באַקן און תאווה-אויגן. דערוועקט זייער שיינקייט אַ גלוסטונג, און מען שטילט דעם דאָרשט מיט שאַמפאַנער. אונדזער דאָרפס-קעניגין גיסט אויס אַ פלאַש „שאַמפּוס“ אויף דעם קאָפּ פון דעם הויפּטמאַן, ווערט די פרייד אַ טאָפּלטע, ווערן די לידער העכער און לוסטיקער. די „אָנשטענדיקערע“ גייען אַוועק און די איבעריקע דערגיסן די העלדזער — „ביז צום איבערגיין“ נעמט מען אַרויס דעם פּאַנאָגראַף אויפן גאַס און מען לאָזט זיך טאַנצן אין דעם יונגן, פרישן שניי. דער אָטעם פרירט אין דעם בלוילעכן פראָסט, אָבער אָפּיצירן און מיידלעך נעמען זיך וואַלגערן און קאַטשען אין דעם מעטר-הויכן שניי — עס צעזינגט זיך די פרייד אין פאַרגעסנקייט, עס קוויטשען און לאַכן די לוסט און די תאווה.

די צופרידענע שענקערקע היצט אונטער מיט פלעשער קאָניאַק און ליקער איןביידע הענט. אַרבעטער גייען זיך שוין אַראָפּלאָזן אין די שוואַרצע קוילן-גריבער, — באַוואַרפט מען זיי מיט שניי און צווינגט מען צו טרינקען „נאָך צוויי“: איין ליקער און איין קאָניאַק. און די איבעריקע דערשראָקענע שכנים עפענען די גרויע פענסטער, קוקן זיך צו צו די ווילדע וואַקכאַנאַליעס. — און דער הויפּטמאַן האַלט אין איין שרייען:

— קינדער! ווער עס קען נישט קומען מאָרגן צום „עקזער-

ציר", זאָל בלייבן אינדערהיים! איך וועל אַלעמען באַפרייען, אַלע-מען!

עס איז גרויער טאָג.

מיר לייגן זיך אין די וואַרעמע, ווייכע בעטן, און פון דרויסן קלינגען שוין די הייזעריקע שטימען פון אונדזערע אונטעראָפיצירן, וועלכע מושטירן דאָרט די סאָלדאַטן, אויף זייער צעקאַלעטשעטן דייטש: „איינס, צוויי, דריי, פיר! איינס, צוויי, דריי, פיר!"

ווידער אין פעלד אריין

מיר באַקומען פון דעם באַפרייטן שטיק בוקאָווינע אַ נייעם טראַנספּאָרט מענטשן-מאַטעריאַל: מאַלאָרוסן, דייטשן, פּאָליאַקן, רו-מענער, און אַ היפּש ביסל דאָרפישע און שטאָטישע יידן — אַ מיש-מאַש פון יונג און אַלט, מיט אַ געמיט פון נאַיווע קינדער און פאַר-יאושטע באַלעבאַטים, — און אָט דאָס „מאַטעריאַל" דאַרפן מיר פריש צוגרייטן פאַר אונדזערע פּאָזיציעס.

די שווערסטע אַרבעט האָבן קודם די דאָקטוירים, אויסצושיידן כאָטש די שוואַכסטע, וועלכע מען האָט פאַרנומען אין דער בהלה-דיקער מורא, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוסן.

פרווון מיך שטרעקן די מוסקולן פון אַכצעניעריקע יינגלעך און אויסגלייכן די ריקנס פון צוויי-און-פערציק-יעריקע זיידעס, — און עס געלינגט אונדז זיי איינשפּאַנען אין יאָך, ביז מיר קענען זיי שוין פאַרטיילן די עטלעכע געווערן, וועלכע זענען אונדז נאָך פאַר-בליבן. פּאַסירט אָבער אַ פאַל, וועלכער איז דער אויסדרוק פון אונ-דזערע אַלעמענס צעווייטיקטע, אין צוואַנג געטריבענע הערצער:

דרייצען „ליפּאָוואַנער" (אַ קריסטלעכע סעקטע פון דער בוקאָווינע) ווילן נישט נעמען די ביקסן אין האַנט: „זייער רעליגיע דערלויבט זיי נישט צו מאָרדן".

מען ארעסטירט זיי אונטערן חשד, אַז זיי באַלאַנגען צו אַ מרידה, וועלכע עס האָבן אַרויסגערופן באַצאָלטע רוסישע שפּיאָנען. אויף מיר פאַלט דער גורל צו פירן די „אויספאָרשונג".

— האָט עמעצער איבערגעקויפט?

— ניין, קיינער נישט.

— האָבן די פּאָפּן אין די קלויסטערס אַזוי געפּרעדיקט?

— ניין, עס שטייט בפירוש אין די אַלטע, הייליקע ביכער, אַז מען טאָר נישט הרגענענען קיין מענטשן.

— איר האָט דאָך אָבער געשווירן דעם קייזער.

— ווילן מיר היילן קראַנקע, פאַרווונדעטע, אָבער נישט מאָרדן. גאָט האָט פאַרבאָטן צו מאָרדן, און גאָט איז העכער פונם קייזער.

— מען וועט אייך פאַרמשפּטן צום טויט.

— מיר וועלן גאָטס געבאָט נישט ברעכן.

עס גייען אַוועק טעלעגראַפישע פּראָטאָקאָלן צו דער אַרמייקאָמאַנדאָ, און פון דאָרט צום קריגס-מיניסטעריום, — אָבער דער פאַל איז אַפּנים נישט דער איינציקער, דען באַלד קומט דער געהיימער באַפעל: „נישט מאכן קיין אויפזען. די דרייצען מאַן זאָל מען פאַרווענדן אַלס סאַניטעט-פּאַטרול."

אונדזערע פרישע סאָלדאַטן לערנען שוין, ווי אַזוי צו פאַרפירן אַ „געפעכט". נאָר ס'פעלן געווערן צום שיסן און לאָפּעטעס צום מאַכן אַ שוץ-גרוב, — פירן מיר זיי מיט ליידיקע הענט אויף די העכסטע שפּיצן, הייסן זיי זיך אויסלייגן ווי אויף אַ סעצעסיע-לאַנדשאַפט און פאַטשן מיט די הענט, וואָס זאָלן געבן אַ קנאַק ווי אַ ביקס, — און ווען אַלץ איז געענדיקט, הייבט מען אָן זיך אַראָפּלאָזן, ווער זיצנדיק, ווער אָנגעשפּאַרט אויף צווייגן, ביז — אַ פאַר-

שווייצטער, אַ פֿאַרקייכטער — מען קומט אַראָפּ אין טאָל. און בײַ איינעם פֿון אַזעלכע „געפּעכטן" פֿאַרקיל איך מיך און ווער ערנסט קראַנק.

דער דאָקטאָר קאָנסטאַטירט „בראָנכיטוס". דערצו עפּנט זיך נאָך די ווונד אויף מיין האַנט, און איך טאָר שוין נישט אַרויס פֿון שטוב. קוק איך אַראָפּ פֿון מיין האָטעל־בעט אויפֿן שמאָלן געסל, ווי עס קאָכט און טומלט דער דאָרפֿישער יריד.

— קויפֿט, קויפֿט, דאַמען פֿיינע! — צעזינגען זיך סוחרים מיט אַ טאַרנאָפּאָלער און בראָדער ניגון.

דייטשע שקצים לויבן דאָס זייערע סחורות, און מען קען מיינען, אַז מען געפֿינט זיך אין אַ קליין גאַליציש שטעטל. האָבן מיר אפֿילו דעם סוחרישן ניגון „אויסגעבאָרגט„ בײַ די אַלטע דייטשן?...

די זון זעצט זיך און דער יריד ווערט פּוסטער. עס דערטראָגן זיך קלאַנגען פֿון אַ טויטן־מאַרש: אַ לאַנגער צוג מיט אָנגעצונדענע ליכטער און צעפֿלאַקערט־שטורקאַצן, אינמיטן צוויי שוואַרץ־געלע אָרונות, איבער וועלכע קלאַגנדיקע ווייבער זאָגן דייטשע און לאַטיינישע תּפֿילות מיטן הייליקן ריטם פֿון רײַנהאַרטס „מיראַקל". אַזאַ מנהג איז שוין: די קוילנגרעבערס, אָפּטע קרבנות פֿון די גיפּטיקע גאַזן, ווערן באַהאַלטן אין דער נאַכט. בײַ טײַוליש־לאַכנדיקע פֿלאַמען פֿון בלינדע, פֿאַרעטערישע שטורקאַצן...

די טרויער־מוזיק, פֿאַרקלינגט ווייט, ווייט — אין דער נאַכט אַריין — די שטורקאַצן טאַנצן, פֿאַרמישן זיך און לעשן זיך אויס — פֿאַרפֿלויגענע נשמות פֿון צוויי מענטשלעכע וועלטן, געהעצט און געטריבן אין דעם נאַרישן שפּיל פֿון טראַגישער לעכערלעכקייט...

פֿון דערבײַיקן צימער, וווּ עס וווינט דער הויפּטמאַן, דערטראָגן זיך פֿאַרשטיקטע טרערן און אַ הייזעריק פּישטשען. עס קלאַפּט דאָרט אין טיר, און באַלד דערהערט זיך אַ האַסטיקע, שטילע צאַנ־

קעריי, אַ קוויטש פון אַ פרוי, — און באַלד די אָנגעצונדענע ווער־טער פון הויפטמאַן:

— הער לייטנאַנט, איר זענט אַרעסטירט פאַר נישט פאָלגן מיין באַפעל.

אַן עסק דאָרט מיט אַן אָבערסטס אַ פרוי, וועלכע דער לייט־נאַנט האָט איבעראַשט אין הויפטמאַנס צימער.

דער לייטנאַנט איז אַרעסטירט און דער הויפטמאַן מיט דער דאַמע גייען אַוועק. נאָך האַלבער נאַכט קלאַפּט דער הויפטמאַן דורך דער וואַנט:

— איך האָב אַ טעלעגראַפישן באַפעל: אונדזער באַטאַליאָן גייט אַוועק אין פעלד.

אינדערפרי פּאַקט שוין מיין דינער די זאַכן. און באַנאַכט פרווו איך אפילו אַראָפגיין צום אָפשייד־אָוונט, וועלכן די אָרטיקע „אינטעליגענץ" מאַכט אייגנס צוליב אונדזער אַוועקגיין אין פעלד. די קאַפּעליע שפּילט פריילעכע מאַרשן און יעדער האַלט פאַר זיין „הייליקן" חוב צו „טאָאַסטירן" און אונדזער הויפטמאַן ענטפערט אַלעמען מיט „גלאָרייך", „זיג" און „הוראַ" — ביז ער נעמט זיך קלאַפּן אין ברוסט און צעוויינט זיך ווי אַ קליין קינד. דער „אָבער־אַרצט" אַ דאָרפישער דאָקטאָר, וועלכער האָט שוין אַ סך מענטשן־לעבנס אויף זיין געוויסן, האַלט אַ לאַנגע פּאַטריאָטישע דרשה, און טוט זיך פלוצלינג אַ דריי אויס צו מיר:

— איך האָף דאַרום, יונגער קאַמעראַד, אַז אויך דו וועסט זיין טאַפּפער!

איז דאָס נישט אַ קיבוץ אויף מיין ייִדישקייט?...

שוין לאַנג שעפּטשעט מען זיך אויפן אויער, אַז מען האָט נישט קיין פאַרטרויען צו „געוויסע עלעמענטן", און אַנדערע מיינען עס אויס בפירוש: צו ייִדן!

— אַז מיר — באַטאָן איך שאַרף מיין ענטפער — קענען

זיין „טאַפּפער", האָבן מיר שוין באַוויזן מיט בלוט פון אונדזערע וווּנדן. אַצינד איז שוין צייט, אַז אויך אַ נ ד ע ר ע זאָלן באַווייזן זייער „העלדישקייט"!

עס ווערט שטיל. מען דערקענט אַפּנים אין מיינע ווערטער די האַסטיקייט פון באַליידיקטן. און זיי בלייבן פאַרשעמטע. מיר געזעגענען זיך באַלד.

צומאָרגנס טרעפט מיך מיין דאָקטאָר אין פיבער. קעגן מיין ווילן טעלעגראַפירט ער צום באַטאַליאָן, מען זאָל באַשטימען אַן אַנדערן אָפיציר אויף מיין פּלאַץ, און ער פאַרביט מיר צו פאַרלאָזן דאָס בעט.

קוק איך ווידער דורכן פענסטער, ווי מיינע אַלטע קאַמעראַדן גרייטן זיך גיין אין פעלד אַריין. די קליינע פויק בעמט ציטערן, די גרויסע פויק רייסט איבער מיט צוויי לאַנגע און דריי קורצע זעץ, און די קאַפּעליע צעלאָזט זיך אין די טרויריקע קלאַנגען פון דעם „געבעט פאַר דער שלאַכט"... אַ מרה שחורה צעגיסט איבער אַלעמענס פנימער. אַלטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן שוין מיטגעבראַכט זייערע וווּנדן פון דער שלאַכט און מוזן אַצינד גיין צום צווייטן מאָל, ציטערן מיט די פלאַקסענע, אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס, און הייסע, דיקע טרערן קייקלען זיך איבער זייערע אָפּגעברענטע באַקן. און די יינגערע, וועלכע גייען ערשט צום ערשטן מאָל, קוקן אויף זיי מיט פאַרזאָרגטע אויגן, ווי קליינע יתומים אויף דעם עלטסטן, קלאָגנדיקן ברודער, און זיי ווייסן נישט: זאָלן זיי וויינען? אַז אין האַרץ לאַכט פאָרט אָקעגן דאָס בייז, דאָס אומבאַקאַנטע!...

די מיידלעך פאַרגייען זיך אין כליפּען. בלייבן דאָך אַנטבלויזטע פון די שיינע טרוימען וועגן אַ גליקלעכער צוקונפט...

די מוזיק שפּילט איבער דעם לעצטן זאַץ און די פויק פאַר-

צנדיקט, — דאָס מאָל פּאַרקערט: דריי לאַנגע און צוויי קורצע קלעפּ, געענדיקט, „אָפּגעקלאַפּט".

די אָפּטיילונג רירט זיך פון אָרט.

— זיי געזונט, מיין טייערער, ליבער קאַמעראַד! — פאַלט צו מיר אריין דער הויפטמאַן — איך קען דיר גאָרגישט זאָגן, ווי ווי עס טוט מיר, וואָס איך מוז גיין אָן דיר!

זיינע קינדערישע ליפּן ציטערן נערוועז, די גרויסע אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן.

— פריינט מיינער! צום ווידערזען, — צעוויינט ער זיך אויפן קול.

מיר צעקישן זיך.

— איך האָף, הער הויפּטמאַן — שריי איך אים נאָך דורכן פענסטער — אַז מיר וועלן זיך באַלד זען — אין קאַמף אָדער אין פרידן.

— אָדער אין מאַסן-קבר! — ענטפערט מיר אַרויף אַן אָפיציר מיט אַ גראָבן וויץ.

דער גלח שטעלט זיך באַם וועג אָן אַ זייט, ווי ער וואָלט וועלן צום לעצטן מאָל בענטשן די פאַרביימאַרשירנדיקע.

— קומט איר היינט צום „טאַראָק?" — פרעגט ער די פרישאָנגעקומענע אָפיצירן, נישט קענענדיק אָפּוואַרטן ביז די לעצטע דרייע פון דער פעלד-קאָמפּאַניע וועט אַוועקגיין.

אין אָוונט פאַרזאַמלען זיך אַלע באַ מיר. איך האָב באַקומען געסט פון ווין: די צעבאַלעוועטע מיזינקע ה. און די קליינטשיקע איגטעליגענטקע ב. — וויל מען דאָס „ערן די דאַמען". דער נייער הויפּטמאַן (אַ טיפּ פון אַן אמתן סאַלאָן-אָפיציר: לאַקירטע שטיוול, קלינגענדיקע שפּאָרן, אַ „פּראָמענאַדע" אין דער פריזור, מיט עלע-גאַנטע, דזשענטלמעניש מאַנירן) איז מיינער אַן אַלטער קאַמעראַד, מיט וועלכן איך האָב צוזאַמען געקעמפט. איבערגליקלעך איז ער,

וואָס מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן, און אויף דעם חשבון איז ער שוין גוט „פאָד הייכעם״.

— דער דאָקטאָר האָט געהייסן שוויצן! — שרייט ער, טאַנצנדיק מיט דער שיינער מ., וועלכע האָט שוין פאַרגעסן איר צעוויייטיקט האַרץ נאָכן ערשטן הויפּטמאַן.

דאָס „שוויצן״ דאַרף אים אָפּראַטעווען פון גיין צום צווייטן מאָל אין פעלד אַריין.

— פאַר וועמען זאָל איך קעמפן? — גיסט אויס לייטנאַנט ב. זיין פאַרביטערט האַרץ פאַר מיין שייניטשקער פריינדין ה. — כ'האָב געזאָלט חתונה האָבן, באַקום איך פּלוצלינג אַ בריוו פון אַ חבר, אַז מיין כּלה באַטריגט מיך מיט מיין אייגענעם פריינט...

מיין גוטהאַרציקע ה. שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

— מיט מיין אייגענעם פריינט! — קען נישט דער בגילופ־נער לייטנאַנט געגוג שאַרף באַטאָנען זיין עוולה — האָב איך אַ שפּיי געטון! אַ שפּיי... טאָ פאַר וועמען זאָל איך קעמפן?...

די געסט זענען אַוועק, און מיין קאָמאַנדאָ שיקט צו מיר אַ נייעם דאָקטאָר, וועלכער באַטראַכט מיך לאַנג און שרייבט ענד־לעך אַ מעלדונג, אַז איך מוז נאָך זעקס וואָכן בלייבן אין בעט.

דריי מאָל קומט צוריק די מעלדונג, מחמת דער דאָקטאָר, אַלס „ציוויל-אַרצט״, האָט „נישט פאַרשריפטמעסיק אויסגעשטעלט דאָס צייגניש.״ — ביז מען שיקט צו מיר ווידער אַ נייעם דאָקטאָר, שוין דעם דריטן. אָבער אויך דער דאָקטאָר האַלט, אַז איך קען נישט גיין אין פעלד.

— מען וועט דיך זיכער אַוועקשיקן — לאַכט זיך אויס דער טשעכישער אָבערלייטנאַנט, וועלכער האָט שוין געכאַפּט עטלעכע איבעריקע שנאַפּסן — עס וועלן נישט העלפן דיינע צייגנישן פון דאָקטאָר. מען וועט אַלע יידן אַוועקשיקן. אַזוי איז דער באַפעל

פון מיליטער-קאָמאַנדאַ. מען האָט באַשלאָסן צו מאַכן דיר אַן „אַי־בעראַשונג״.

ער איז אַ באַנטער פריינט פון זיין לאַנדסמאַן, דעם אַדיו־טאַנט פּ. און ווייסט דעריבער אַלע „סודות״.

— וועסט קריגן אַ טעלעגראַם, ברודערקע — גוזעגנט ער זיך מיט מיר — וועסט קריגן אַ טעלעגראַם... האָסט באַליידיקט דעם איבערארצט — איז געגאַנגען אַ מסירה...

אַרום עלף אַ זייגער אינדערפרי ברענגט מען מיר אַ טע־לעגראַם; „פיל גליק אויפן וועג, איך האָף מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען״.

אונטערגעשריבן איז פּ. א., די פּאָסטמייסטערין פון פּ.

וואָס זאָל דאָס הייסן? איז זי דאָך ערשט נעכטן געווען בא מיר... וווּהין פאָר איך?

אָבער באַלד קומט דער פעלדוועבעל מיט אַ צווייטע טעלעגראַם אין דער האַנט:

— הער פענריך מוזן איינס אַ זייגער דערשיינען אין באַטאַ־ליאָנס-קאַנצעלאַריע.

אויף איינמאָל ווערט מיר קלאָר די גאַנצע סיטואַציע:

דאָס האָט מען באַשלאָסן מיר לאָזן וויסן אין לעצטן מאָ־מענט, איך זאָל קיין צייט נישט האָבן זיך צוגרייטן פאַרן פעלד.

איך קוק נישט אויף די פּראָטעסטן פון מיינע קאַמעראַדן, און הייס תיכף פּאַקן מיין רעשט ביסל זאַכן.

— ערשט נעכטן אָוועקגעגעבן וועש וואַשן — קלאָגט זיך מיין דינער.

— זאָל אַלץ גיין פאַרלוירן! — צעשריי איך מיך אויף מיין גאַנצער הייזעריקייט — איך דאַרף גאָרנישט! נעם וואָס, ס׳איז דאָ! איך וואַרט נישט אַפילו ביז עס וועט פאַרפאָרן אַ פור. מיט

פיבער און שטעכעניש אין די זייטן, גיי איך מיט מיין דינער קיין יודענבורג.

— שוין געזונט? — באַגעגנט מיך דער מאַיאָר באַם קאַפּע־הויז.

— ניין, הער מאַיאָר.

— איר מאַרשירט אַוועק מיטן „מאַרש באַטאַליאָן". זייגער דריי געשטעלט, — פאַרשטאַנען?

אויפן מאָמענט באַפאַלט מיך אַ כּעס, און עס דאַכט זיך, אַז אָט וועל איך זיך וואַרפן אויפן מאַיאָר מיט זידלערייען פאַר זיין נישט גלייבן, פאַרן נאָכפּלאַנטערן מיט דער צונג דאָס, וואָס עס שעפּטשען אים אין אויער זיינע אַנטיסעמיטישע עצה־געבערס, — אָבער די פערזענלעכע אַמביציע, נישט אויסקוקן קליינלעך און כּדי אויסמיידן דעם חשד, אַז איך וויל זיך אפשר „אויסדרייען" פון פעלד, — לעשט אָפּ מיין צאָרן, און איך ענטפער קורץ:

— יאָ, הער מאַיאָר, איך האָב פאַרשטאַנען!

מיין הויפּטמאַן וויל מיך פירן צום שטאַבס־דאָקטאָר, כּדי אים ווייזן, ווי שטאַרק קראַנק איך בין:

— מען וועט דאָך באַלד שיקן טויטע אין פעלד אַריין — איז ער שטאַרק אויפגעבראַכט.

אָבער איך וויל מער פון גאָרנישט הערן און גיי צו מיין קאָמפּאַניע. מיין דינער וויינט. איך ווייס, אַז ער האָט מיך ליב. נישט איינמאָל האָט ער מיך פאַרזיכערט, אַז מיט מיר גייט ער „אין פייער און אין וואַסער". אָבער אַצינד קומט דאָך אים אויס צו גיין „טאַקע אין אמתן טויט".

— וועסט נאָר צוטראָגן די זאַכן צום וואָקזאַל — גיב איך אים אַ הערשנדן באַפעל — דו וועסט בלייבן דאָ. אין פעלד וועל איך זיך זוכן אַן אַנדערן דינער.

ער צעוויינט זיך אויפן קול, אָבער איך בין זיכער, אַז דאָס פליסט פון זיינע אויגן די דאַנקבאַרקייט...

כאַטש א י י ן מענטשנלעבן אָפּגעראַטעוועט אויף אַ שטיקל צייט.

דער באַטאַליאָן שטייט פאַרטיק באַם קלויסטער. איך ציטער אין פיבער און זע גאָר ווי דורך אַ מיראַזש די באַבלומטע אָפּיצירן און מאַנשאַפט.

דער מאַיאָר שיקט מיר אַ בוקעט דורך זיין טאָכטער.

— איך דאַרף נייטיקער אַ רעוואָלווער — דאַנק איך דעם יונגן פריילין — מיינעם האָב איך פאַרלוירן אין פעלד.

דעם מאַיאָרס פרוי נעמט אַראָפּ מיין היטל פון קאָפּ און שטעקט אריין בלומען. אַ שמעטערנדיקער מעשענער האָרן צעזינגט זיך „צום געבעט". — איינס פון די שטאַרקסטע טענער, וואָס דעם מענטשס האַרץ האָט ווען ס'איז פון זיך אַרויסגעגאָסן...

אַ טרויער באַפאַלט אַלעמען.

— אָפּמאַרש!

איך דאַרף קאָמאַנדירן: „האַלב־קאָמפּאַניע מאַרש", — און איך קען פאַר הייזעריקייט קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. הייב איך אויף מיין זעבל, גיב אַ שאַרפן ווונק אויף אַראָפּ, — און מיין האַלב־קאָמפּאַניע גייט.

אונדזער באַטאַליאָן מאַרשירט אין פעלד אַריין.

אויפן וועג

די לעצטע ווינקען באַם וואָקזאַל שווינדלען נאָך פאַר די אויגן ווי ציטערנדיקע שאָטנס פון בלעטער אויף אַ זוניקן, ליימיקן פעלד. אויף די ערשטע סטאַנציעס באַגלייטן אונדז נאָך די גרויס

פון קליינע קינדער, אָבער די עלטערע קוקן שוין אויף דעם צוג די אויף אַן אומבאַקאַנטער לוויה. נישטאָ מער די באַגייסטערונג פון פריער — מען „היצט" זיך נישט מער. דער טויט און זיינע קרבנות זענען שוין אַזאַ „פשוטע דערשיינונג", אַז דער סאָלדאַט האלט עס שוין פאַר אַן „אומפאַרמיידלעכן מוז", און באַם „רויקן בירגער", וועלכער פילט זיך זיכער אונטער זיין איבערבעט, איז עס געוואָרן „זעלבסטפאַרשטענדלעך", וואָס יונגע מענטשן פאַרגיסן בלוט צוליב זיין הויף מיט די הינער — דעם „פאָטערלאַנד". עס האָט אויפגעהערט דער פאַטאָס פון באַגייסטערונג, און געקומען איז אַ טויטער, מעכאַנישער מלחמה-גאַנג, — פאַרקלונגען זענען פראַזן פון יושר, און עס האָט זיך אויסגעשיילט דער פראָסטער קערן פון געשעפט און רויב...

דאָס פלוצלינגע אויפקרייסן מיך פון קראַנקן-בעט, האָט אויף מיר געווירקט ווי אַן אינעקציע אויף אַ קראַנק הארץ: איך האָב צו ביסלעך אויפגעלעבט, און געטון מיין „פליכט". אָבער באַלד באַפאַלט מיך ווידער אַ שוואַכקייט, ליג איך אויף דער פלושענער סאָפע פון מיין וואַגאָן און מיט צעפלאַמטע אויגן און צעגליטע באַקן קוק איך אויף דער סטעליע.

— ביסט ערנסט קראַנק, מיין ליבער, — באַדויערט מיך הויפּטמאַן ה. — דיין גיין אין פעלד איז נאָר אַ „טריק" פון דיינע שונאים, אָבער מיר וועלן דיך צוריק שיקן, איך וואַרט נאָר, מיר זאָלן אַריין אין „עטאַפּן-רוים", זאָלסט קריגן „פעלד-גאַזשע".

דערהערט פעלד-גאַזשע, כאַפּט זיך דער קליינער אינזשיניער פענריך ל., צו די „שכירות פאָרשריפטן" און נעמט פלייסיק שטודירן די ציפערן און די מאַס פּאַסאָליעס און שוכבענדלעך, וואָס עס קומט אים. ער רופט נאָך צו הילף דעם רעכנונג-אונטעראָפיציר, צוגספירער ר., אַ יידל פון בראָד, וועלכער האָט שוין זייט אַכצן יאָר צוויי מאָדע-געשעפטן אין דייטשלאַנד.ביידע חשבונען סיי

וויפיל הונדערטער און טויזנטער עס „בלייבן שטעקן אויפן וועג בא פרעמדע", און עסן דערווייל אויף די העלפט פון קעז און חזיר-שמאלץ, וואס מען האט צוגעגרייט פאר די סאלדאטן. ביידע גייען זיי צום ערשטן מאל אין פעלד אריין און ציטערן פארן לעבן בלויז „צוליב ווייב און קינדער".

דער פענריך „בלאפט" מוראדיקע זאכן וועגן קריג, דער שרעקט זיך דער צוגספירער פאר זיין אייגענעם רעוואלווער:

— וואס בין איך עפעס א רויבער? — טענהט ער — ווי הייסט, איך וועל שיסן?

— איר האט דאך שוין געשאסן, ווען מען האט אייך געלערנט — לאך איך.

— דאס איז דאך געווען אויף פאפירענע פיגורן, אבער אויף מענטשן!...

עס יאגט פארביי צו דער פאזיציע א פרישער טראנספארט סאלדאטן, וועלכע באגריסן אונז מיט א לוסטיקן „הורא!"

—ווארט,ווארט! — שרייט זיי נאך דער צוגספירער — איר וועט קומען אין פעלד אריין, וועלן אייך די רוסן געבן א „הורא", אז ס׳וועט אייך דארט פינסטער ווערן אין די אויגן!

א פעלדוועבעל ברענגט פאר אונדז טיי.

— קוקט אן — בלאזט זיך דער צוגספירער — וועמען מען מאכט פאר פעלדוועבעל. ער איז פעלדוועבעל, און איך בין צוגספירער!

— איר ווילט ווערן פעלדוועבעל? — פרעג איך אים.

— חלילה! אזא גרויסער כבוד? נישט מער: ווען מען פאלט חלילה, האסו כאטש דערנאך א גרעסערע פענסיע...

— שטעלט אויס א דאקומענט, אז איך לאז אייך אוואנסירן צום פעלדוועבעל.

דער צוגספירער קוקט מיט גרויסע אויגן, און איך מוז אים צווייטמאָל איבערחזרן דעם באַפעל, ביז ער גלייבט, אַז איך מיין דאָס ערנסט. איך שיק דאָס פּאַפּיר צום הויפּטמאַן, ער זאָל עס אונטערשרייבן. אין אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט שוין דער צוגספירער אַ געלן קאָלנער פון אַ פעלדוועבל.

— מאָסקאַלי! — דערשרעקט זיך אונזערס אַ סאָלדאַט, ווען מיר שטעלן זיך אָפּ בײַ אַ סטאַנציע.

די „געניטערע״ לאַכן אים אויס: עס איז אַ דײַטשער טראַנספּאָרט, וועלכער וואַרט שוין דאָרט אַ היפּשע צייט. אונדזערע סאָלדאַטן באַוואונדערן די ליכטיקע און וואַרעמע דײַטשע וואַגאָנען, אין וועלכע עס זענען אויסגעשפּרייט שטרוי און מאַטראַצן צום שלאָפן. איבער יעדער באַנק אַ לאַמטער, אָדער אַ ליכט. ווי אַנדערש פון אונדזערע ענגע, פינסטערע וואַגאָנען פאַר פערד!...

די יונגע, פרײַלעכע דײַטשן, קײַען געשמאַק דאָס פרישע ברויט מיט שמאַלץ און וווּרשט — כמעט יעדער קוקט אין אַ צײַטונג. אַנדערע ווידער צייכענען מיטן קרײַדל די גאַנצע קריגסיטואַציע, און ווייזן געטוי, ווו מיר זענען און ווי מיר האַלטן, — כאָטש זיי קומען ערשט פון פראַנקרייך. די מעטאָדע פון איבערוואַרפן אַרמייען פון איין פראָנט אויף דעם אַנדערן איז אַ פּראַקטישע: דער סאָלדאַט רוט אויף דער רייזע און קומט אַ פרישער אין דער נײַער פּאָזיציע; דער קעגנער ווידער זעט פאַר זיך יעדעס מאָל נײַע רעגימענטן און מיינט: ווער ווייסט וויפיל חיל עס שטייט אים אַקעגן. דאָס פּאַראַליזירט זײַן טעטיקייט און גיט אַ מעגלעכקייט צו אַ פּלוצלינקער אַטאַקע.

ווי אַנדערש, אַנדערש ווי בײַ אונדז!...

קענען טאַקע די דײַטשן נישט פאַרשטיין: פון פראַנקרייך ביז אונגאַרן זענען זיי געפאָרן דריי טעג, און אַצינד פאָרן זיי

שוין ניין טעג און זענען נאָך אַלץ נישט אויף דער פּאָזיציע אין די קאַרפּאַטן.

די דייטשן אימפּאָנירן אַזוי שטאַרק מיט זייער טרוקענעם מוח און מיט דער פּליישיקער פּויסט, אַז אַפילו אונדזער גייגעבאַקענער פעלדוועבעל ר. באַקומט חשק צו קעמפן.

מען טיילט אויס אָוונט־ברויט, און דאָ וואַקסט אויס אַ קנאה בײַ אונדזערע סאָלדאַטן: זיי באַקומען בלויז טיי, בשעת די דייטשן באַקומען טיי מיט רום און הייסע וווּרשטלעך מיט כריין. נאָר מיר, די אָפיצירן, קריגן גוט אָפּגעגעסן, פאַרשרייבט טאַקע פּענריך ל. אין זיין טאָג־בוך (דאָס איז שוין געוואָרן אַ „מאָדע" בײַ יעדן אָפיצ"ר!) „אַ גוטער סימן: עס וועט זיין, וואָס צו עסן". ער טוט דאָס מיט דער זעלבער געניקייט ווי נעכטן, ווען די אַקס האָט זיך צעבראָכן און דער שיכּורער צוגספירער איז אַרויסגעפאַלן פון צוג. נאָר נעכטן האָט ער פאַרשריבן: „אַ שלעכטער סימן: דאָס וועט ברענגען אומגליק".

ווי געוויינטלעך, ווייסט מען נישט, ווען דער צוג וועט ווייטער גיין. אָפּט פאַרט מען אַוועק אַזוי פּלוצלינג, אַז אַ סך סאָלדאַטן בלייבן אויף די סטאַנציעס און גייען אויף אַ לענגערע צייט פאַרלוירן פאַר דער פּאָזיציע. הייסט מען די סאָלדאַטן זיין גרייט אויף דריי אַזייגער, — אָבער עס איז שוין באַלד פיר, און מער ווי די העלפט סאָלדאַטן פעלן. מסתּמא זיך פאַרזעסן אין די אַרומיקע שענקען, כאָטש בשעתן פאָרן איז קיינעם נישט דערלויבט געוואָרן צו טרינקען, אַ חוץ די אָפיצירן. דער דייטשישער קאָמאַנדאַנט לאָזט בלאָזן „פאַרגאַטערונג". אין אַ קורצער צייט שטיין אַלע „אין ריי און גליד." — כאָטש אייניקע שאָקלען זיך גאַנץ שיכּורלעך. דער קאָמאַנדאַנט זייערער שעלט נישט, שרייט נישט, נאָר גיט זיי אַ זאָג מיט אַ קוויטשנדיקן קול:

— סאָלדאַטן! איר זענט דייטשן! איר דאַרפט זיין אַ מוס־

טער פאַר אַנדערע. שעמט אייך! אַזוי פאַרהאַלטן זיך װעכטער, נישט קיין סאָלדאַטן! דאַרף איך ערשט דערמאַנען װער איר זענט? דײַטשן זענט איר!

ער גיט אַ צײכן צום אָפּטרעטן.

— קו־קו־רע־קו! — צעלױפן זיך די דײַטשן, נאָכקרומענדיק זיך דעם אָפּיצירס קװיטשענדיק קולעכל.

ערשט עטלעכע שעה שפּעטער זאָגט מען אונדז, אַז פאַר מיטן נאַכט װעלן מיר נישט פאָרן, לאָז איך מיך דערװײַל אױף אַ שפּאַציר איבערן שטעטל.

אַ ײִדענע מיט אַ יונג מײדל פאַרלױפן מיר דעם װעג: מײן פעלדװעבעל, װײנען זײ, האָט בײַ זײ געביטן געלט און צוגענומען הונדערט קראָנען פאַר אַ פּופּציקער. איך קען די „ערלעכקײט" פון מײן פעלדװעבעל און לאָז אים תיכף רופן.

— גיט אָפּ דעם פּופּציקער — באַפעל איך אים אָן קשיות.

ער ענטפערט נישט קײן װאָרט, נעמט אַרױס אַ פּופּציקער און דערלאַנגט עס דעם װײַבל. האָט ער, הײסט עס, „נישט געפידלט".

אײניקע סאָלדאַטן, װעלכע האָבן זיך אַװעקגעגנבעט פון באַן, היטן זיך אױס, איך זאָל זײ נישט דערזען. איך פאַרגעס אָבער אָן זײ, דערזענדיק אַ ײִנגעלע, װעלכער טראָגט אין האַנט אַ טעלער, אײנגעװיקלט אין אַ װײס־רױטער פאַטשײלע. אין מאָמענט גיט אַ בליק פאַר די אױגן אַ בילד פון אַמאָליקע, לאַנגסטיקע טעג.

װו האָב איך דאָס אַמאָל געזען?...

— װאָס טראָגסטו דאָ ײִנגעלע? — פרעג איך.

דערשראָקן, װיל ער אַװעק. איך האַלט אים קױם צוריק און דערהער ענדלעך מיט שטױנען די תשובה: „שלח מנות". — פורים איז הײַנט!

באַם ייִנגעלע אין טעלער ליגן „קישעלעך", מאַראַנצן, המן-טאַשן.

— פאַרקויף מיר דאָס „שלח מנות" — בעט איך מיך בײַ אים.

— ניין. איך טראָג דאָס דעם רבין.

כמעט מיט געוואַלט נעם איך בײַ אים צו אַ המן-טאַש און לייג אים אַריין אין טעלער אַ קראַנע. און ווען ער אַנטלויפט מיט גאַנץ דערשראָקן-פאַרוואונדערטע אייגלעך, שריי איך אים נאָך:

— זאָלסט זאָגן דעם רבין, אַז אַ ייִדישער אָפיציר האָט בײַ דיר אָפּגעקויפט אַ המן-טאַש.

און איך פריי זיך מיט דעם המן-טאַש ווי מיט אַ געפונענעם אוצר.

די קרעטשמע הינטערן וואָקזאַל איז פול מיט סאָלדאַטן: די דייטשן טרינקען, אונדזערע דרייען ציגאַרקעלעך. מיידלעך פון זעכצען ביז זיבצען, אַכצען יאָר פאַדען צווישן די האַלב-שיכורע סאָלדאַטן, דערלאַנגען ווײַן און נעמען געלט. דערבײַ כאַפּט איינע אַ גלעט, די אַנדערע אַ קניפּ. — און זיי גייען שוין פאַרבײַ קאַלט, אָן געפיל, נישט רעאַגירנדיק מער, גלייך זיי וואָלטן זיך אָנשטויסן אָן אַ וואַנט. די סאָלדאַטן הערן אויף זאַטשעפּען, ווען זיי זען, אַז די אָ פ י צ י ר ן שאַרן זיך צו. „עלטער איז עלטער", אפילו אין פרויען-ליבע! דערפאַר אָבער צעהיצן זיך די דייטשע סאָלדאַטן אין ברודער-ליבע: זיי צעזינגען זיך מיט איבערגעלאָפענע אויגן, כאַפּן אַריין אונדזערע איבערגעשראָקענע, נאַריש לאַכנדיקע סאָלדאַטן אין רעדל, קושן זיך און האַלדזן, און לאָזן זיך אַוועק אין אַ ווילד טענצל:

— מיר קאַמעראַדן! טרינקט וואָס עס לאָזט זיך! מיר זענען איין בלוט! איין בלוט.

בײַ אַ באַזונדערן טיש זיצן מײַנע קאַמעראַדן מיט דייטשע אָר-

טילעריע־אָפיצירן. כמעט אַלע האָבן זיי דעם „אייזערנעם קרייץ". מיטגעקעמפט אין פראַנקרייך, בעלגיע און רוסיש־פּוילן, פרייען זיי זיך צו זיין אַצינד שוין אויפן פ ע ר ט ן קאַמף־פּלאַץ.

— נאַטירלעך, בא שווערער אַרטילעריע איז דאָס לייכט מעג־לעך — מאַכט נישט־ווילנדיק קלענער זייער שטאָלץ — אונדזער הויפּטמאַן — איר שטייט דאָך צען קילאָמעטער הינטער דער פּאָזיציע און שיסט פון אַ „באַהעלטעניש".

שיער נישט כאַפּט ער זיך אַרויס מיטן נאָמען, ווי מען רופט זיי אין דער אַרמיי: „די לעבנספאַרזיכערונג", אָבער ער פילט, אַז ער האָט שוין איבערגעכאַפּט די מאָס און פאַרענטפערט זיך:

— מיט די רוסן איז אַ שווערע זאַך...

— אָבער אַצינד זענען מ י ר דאָ, און ביז זעקס וואָכן צייט וועלן מיר האָבן מיט זיי פרידן — פאַרזיכערט דער דייטשער הויפּט־מאַן — איך ווייס עס באַשטימט: מיין ברודער איז בא דער לייב־גאַרדע און שטייט גאָר נאָנט צום בערלינער הויף. דערנאָך שליסן מיר פרידן מיט פראַנקרייך, און וואַרפן זיך מיט דער גאַנצער קראַפט אויף ענגלאַנד! מיט די פראַנצויזן קען מען דורכקומען. זיי זענען גאַנץ „שאַרמאַנט" און מיר באַהאַנדלען זיי אויך מיט אַכטונג.

— און ערשט די שאַרמאַנטע פראַנצויזישע מיידלעך! — וואַרפט אַריין מיט אַן אויסגעלאַסענעם זשעסט דער שיכורער דייטשער לייטנאַנט.

זיין הויפּטמאַן ווינקט צו אים, ער זאָל זיך אָנשטענדיקער באַ־נעמען, און דערציילט ווייטער:

— די בעלגיער זענען זייער כיטרע. נישט איינמאָל האָבן זיי אונדז אויפגענומען מיט ברויט און זאַלץ, און הינטערן רוקן האָבן זיי געהאַלטן געלאָדענע רעוואָלווערס. האָט אָבער איינער

אויסגעשאָסן, האָבן אונדזערע ווי ווילדע זיך געוואָרפן אויף יונג און אַלט, פרויען און קינדער — און געשאָסן, געשאָכטן אָן „פּאַרדאָן“! גאַנצע שטעט האָבן מיר דאַן חרוב געמאַכט.

— דאָס האַרץ האָט אָפט אַ ציטער געטון — ווערט איינער פון זיי ערנסט.

— אָבער די ענגלענדער, דאָס זעבן „שווייבע“! מיר גיבן זיי אויך קיינמאָל נישט קיין „פּאַרדאָן“. ווען אונדזערע סאָלדאַטן נעמען זיי געפאַנגען, באַקומען זיי באַלד אַ „האַרצשלאָג“.

— אַ „האַרצשלאָג“ — שמייכלט אַ צווייטער און מאַכט אַ באַוועגונג פון דערמאָרדן...

אַ ציגיינער נעמט קראַצן אויף זיין פידעלע, האַקן איבער די אָפיצירן דעם שמועס און נעמען זיך ווידער צו די מיידלעך, בפרט צו דעם יונגן ייבל מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן און מיט די אַזוי אָפּגעטאָקטע, ווייכע גלידער. זי זעט אויס ווי אַ פּופּצען-יעריק קינד. און האָט שוין זייט צוויי יאָר אַ מאַן, וועלכער ליגט ערגעץ אַלס „האָנוועד“ אויף דער פּאָזיציע, און זיין איינציקע טרייסט איז זיכער דאָס יונגע ווייבל. און אפשר איז זי שוין גאָר אַן אלמנה... זיצט זי בײַ שווער און שוויגער, באַדינט די אָפיצירן, און ענטפערט אויף יעדן גראָבן וויץ מיט דעם זעלבן געלעכטערל און אויסגעלאַסענעם ווערטל...

וויפיל מאָל די אָפיצירן שטרעקן אויס זייערע הענט צו דעם צעבליטן, פרישן לייב פון ידישן ווייבל, פיל איך אַ פאַרשוועכונג פון הייליקייט, און עס באַפאַלט מיך אַ כעס אויף דער אויסגעלאַסנקייט פון אַ ידישער טאָכטער.

— דער צוג פאָרט! — זאָגט אָן אַ פאַרסאַפּעטער סאָלדאַט.

מיר וואַרפן אויפן טיש עטלעכע געלד-פּאַפּירלעך, און האָבן באַק קוים צייט זיך אַרויפצודראַפּען אויפן אוועקגייענדיקן צוג.

— ווי וואַגט מען צו פאָרן אָן מיין דערלויבעניש ? — שרייט דער הויפטמאַן.

— אָבער מיר יאָגן שוין אין דער פינסטערער נאַכט אַריין — דער ווייסט ווהין ?...

קאַרפּאַטן

אומגעריכטערהייט מוזן מיר אַרויס פון צוג. פאַר אונדז שטייען עטלעכע איינגעבראָכענע וואַגאָנען. און איינער פון זיי הענגט מיט זיין גאַנצער שווערקייט איבער אַ טיפן תהום צווישן צוויי בערג. אין דעם פעלזיקן אָפּגרונט ליגט איינגעגראָבן מיט דער „נאָז" אַראָפּ דער צעשרויפטער גוף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, און איבער אים די צע־שמעטערטע שפּענער פון אַ באַן־צוג: אַ פרישער טראַנספּאָרט איז אָנגעפאָרן אויף אַן אונטער־מינירטער בריק, וועלכע האָט עקס־פּלאָדירט און אַ תל געמאַכט פון אַ גאַנצן באַטאַליאָן סאָלדאַטן. עס וואַלגערן זיך אברים פון אומשולדיק־אומגעקומענע, נאָך נישט צייט געווען אַלע צו באַהאַלטן.

אַ דייטשישער סאַניטעט־צוג פאַרנעמט אונדזער פּלאַץ. מען טראָגט די פאַרווונדעטע אין די ריינע שפּיגל־נייע וואָגנס, און די דייטשישע קראַנקן־שוועסטערס יאָגן זיך אין זייער אייגענער ווע־שעריי און אַפּטייק, צו ברענגען פרישן שטאָף פאַרן אָפּעראַציע־וואָגן: אַלץ האָבן זיי צוגעגרייט, די דייטשן. ליגן אונדזערע סאָל־דאַטן אין די באַקוועמע בעטלעך איינס איבער דאָס אַנדערע, און קוקן מיט האַלב־צופרידענע, פאַרקלערטע אויגן דורך די קליינע פענס־

זערלעך. לויטער קריפּלס — פֿאַר זיי האָט די מלחמה זיך שוין געענדיקט...

רעדן מיט זיי טאָר מען נישט — זאָל די קאַטאַסטראָפֿע בלייבן אַ „סוד"...

אָפּגעגעסן, דערלאַנגט מיר אונדזער פֿעלדוועבעל אַ פּעקל „ליבעס-גאַבן": ווינטערוועש און הענטשקעס פֿון אַן אומבאַקאַנט מיידל אויס ברעסלוי. אויף איר אַדרעס דערקענט מען די אָפּגעהיטע פֿעדערשטריכן פֿון נאָך גאָר אַ יונג קינד. איך דאַנק איר תּיכּף מיט אַ פֿעלדפּאָסטקאַרטל און הייב אָן מיט די ווערטער: „ליבע שוועסטער, שיין קינד!..." אָבער פּלוצלינג מוזן מיר אַוועקמאַרשירן.

מען רייסט זיך קוים דורך צווישן די הונדערטער וואָגנס און טויזנטער פֿערד. ס'איז אַ שרעקלעכע ענגשאַפֿט: אונדזער פּאָזיציע האָט זיך אַ רוק געטון אַ שטיק אויף פֿאָרויס, שטייען נאָך די אַלטע אינסטיטוציעס (הילף-פּלאַץ, געפֿעכטס-טראַין, רעזערוון) אויפֿן פֿריערדיקן פּלאַץ, בשעת די נייע (בעקערייען, יאַטקעס, פּראָוויאַנטן) זענען שוין אונטערגעקומען זיך עטאַבלירן. אַלץ איז נאָך „רוי", ווייסט מען נישט קיין „פֿוס צו שטעלן", שרייט מען און מען פּילדערט.

בײַ דער דיוויזיע-בעקעריי קנעטן ברויט האַלב-נאַקעטע סאָלדאַטן. פֿילן זיי נישט דעם פֿייערדיקן פֿראָסט? אַ פֿאַרמעליקטער ייִד מיט אַ פֿאַרדרייט זעלנער-היטל סודעט זיך איבער מיט מײַנס אַ סאָלדאַט, אַ לאַנדסמאַן, וועלכער האַלט זיך אויף בײַ מײַן קאָמפּאַניע, כאָטש ער באַלאַנגט צו אַ גאַנץ אַנדערער.

— ווען איך בלייב דאָ, וואָלט איך שוין האָבן, ווו צו שלאָפֿן — שעפּטשעט מײַן לאַנדסמאַן, גיבע פֿאַר זיך.

— טאָ שלאָפֿט מען — זאָג איך מיט האַלבע ווערטער.

— הער פֿרעגריך וועט דען...

— טאָ שלאָפֿט מען!... דריי איך זיך אַוועק פֿון אים.

עס נעמט נישט לאַנג, און מיין לאַנדסמאַן פאַרשווינדט.

דער וועג פירט פון אַ הויכן באַרג=אַראָפּ. די פאַרשוויצטע זעלנער זעצן זיך אויף די ביקסן אָדער אויף צווייגן, און אַזוי רייטנדיק, גליטשן זיי זיך אַראָפּ. ווער מיר „פאָרמאַציע", וואָס מיר „אָרדנונג"! יעדער גייט ווי אַזוי ער קען — אַבי מען קומט אַרויס אין ברייטן, שניי=ווייסן טאָל, וווּ מען געפינט שוין אַ שפּור פון אַ וועג. די יונגע סאָלדאַטן צעזינגען זיך פאַר פרייד!

— מען טאָר נישט, דער פיינט קען דערהערן — וואָרנען זיי די עלטערע, וועלכע גייען שוין צום צווייטן און צום דריטן מאָל אין פעלד אַריין — כאָטש דער „פיינט" איז נאָך גאָר, גאָר ווייט.

הונדערטער סאָלדאַטן אַרבעטן באַם פאַריכטן אַ צעשטערטע אייזן=בריק, און דורכגעפרווירענע גוים מיט גויטעס רייניקן די וועגן און העלפן שלעפּן אייזערנע שטאַנגען און צוגעפרווירענע באַלקנס. דער שניי פאַרדעקט אַלץ, בלייבן שטעקן די מידע פערדלעך אין זייטיקע גריבער. אָפּגעמוטשעטע פון הונגער און דורשט, דרייען זיי די מידע אויגן אויף אַלע זייטן און באַניוכען די אייגענע צעפּאַדעטע פעל. און ווען זיי פאַלן צו צום אייז-קאַלטן שניי און נעמען מיט פולע פּיסקעס שלינגען די פאַרפרווירענע גרודעס, כאַפּט אָן עפּעס אַזאַ רחמנות אויף די שטומע, געפּלאָגטע באַשעפענישן, וועלכע קומען אָפּ אַזוי אומשולדיק... ווייסן זיי דאָך נישט אַפילו וויפיל קרוינען עס דאַרף טראָגן אַן אוראייניקל פונם קייזער, און זיי האָבן נאָך אַפילו נישט געלייענט אין דער „אַרמיי=צייטונג", אַז די צוקונפטיקע קייזערין האָט שוין צומאָל געבוירן דאָס פינפטע קינד...

אַ סך לייכטער גייט זיך אין וואַלד. אויף פאַרשנייטע טעלעגראַף-שטאַנגען דראַפּען זיך דייטשע סאָלדאַטן מיט זייערע מאָרנע האַטשיק-אַרטיקע טשאַקעס. מען פאַריכט די „טעלעגראַף-ליניע". עס דערנענטערט זי פלוצלינג אַ נישט ווייטער האָרן=סיגנאַל — „שיסן!" — און טאַקע באַלד פליט עפּעס מיט אַ שרעקלעכן סווישטשען איבער

אונדזערע קעפ און פאַלט ערגעץ נאָענט אין צווייטן וואַלד, מיטרייסנ־דיק אַ הורמע צווייגן. די אַלטע סאָלדאַטן וואַרפן זיך אינסטינקטיוו אין שניי אַריין. די יינגערע אָבער בלייבן שטיין מיט אַרויסגעוואַ־לעטע, צעשראָקענע אויגן און ווייסן נישט: איז שוין דאָס די „שלאַכט"?

באַלד דערקענט מען פון וואַלד „דאָס אַראָפּגעפאַלענע: ס'איז אַ מעכטיק שטיק פון אַן אייזן־סלופּ, וואָס איז אויסגעדרייט ווי אַ ריזיקע שרויף. די מאַכט פון דינאַמיט! מען צעשטערט ערגעץ אַן אייזערנע בריק.

עס נעמט פאַלן אַ פרישער שניי, — וואָס אַמאָל געדיכטער און שניידיקער. מיר מוזן אַצינד אַרויף אויף דעם באַרימטן „אָפּאַר־פעלז" מיט זיינע ריזיקע שפּיצן. אומזיסט דראַפּען מיר זיך אויף דער גלייכער וואַנט — מען גליטשט זיך ווידער צוריק. נעמען מיר זיך פאַר די הענט, מאַכן „אַ לעבעדיקע קייט" און שלעפּן אַרויף איינער דעם צווייטן. דער שניי פּאַטשט אין די אויגן, פאַר־דינקט מען באַלד אין אַ לאָך ביז איבער דער ברוסט און אָט פאַלט מען מיטן פּנים צו אַ האַרטן שטיין — פאַרזיכטיק! פאַרזיכטיק! דען — איין פאַלשער שפּאַן, — און מען ליגט אַ צעשמע־טערטער אין טיפן, אומבאַקאַנטן תהום...

ערשט אויפן שפּיץ כאַפּט אַרום דער שניי־שטורם מיט זיין גאַנצער מאַכט! ווו זאָלסט דעם קאָפּ נישט קערן — וועסט זיך נישט אויסדרייען פון דעם טייוולישן, אייזיקן קלעם.

עפּעס ווי אַן עכאָ פון אַ ווייטן קאַמף — שיסט דאָס טאַקע אַרטילעריע?

— נו? — פרעג איך הייזעריק דעם דורכגעפרוירענעם, איינגע־בעהויקערטן פענריך ל., וועלכער האָט צוליב „פעלד־גאַזשע" פריי־ווילליק זיך געמאָלדן אין פעלד אַריין — געפעלט דיר אַזא עסק?

— דו ערגערסט מיך נאָך — איז ער בייז — איך וואָלט שוין זיך אומגעקערט אַהיים.

איך וויל עפּעס ענטפערן, אָבער ס'איז נישט מעגלעך: די זאַוויערוכע שנײַדט און צופּט אין פּנים. פאַרמאַכן מיר מויל און אויגן — און לאָזן זיך בלינד אין דער בייזן רייסנדיקן שניי־שטורם.

ווען מיר זענען שוין אונטען און קוקן זיך אַרום אויף די אייזיקע פעלזן, וווּנדערן מיר זיך אַליין אויף אונדזערע, כּוחות ווי אַזוי זענען מיר דאָס אַריבער? מיר געפינען זיך איצט אין אַ שמאָלן „קעסל", אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט הויכע, ווייסע בערג־שפּיצן. אין מיטן פירט אַ פאַרפרוירענער שפּור פון אַ וואַסערל. כמעט יעדע צען שריט זענען אויסגעהאַקט „פּאָלאָנקעס", דורך וועלכע עס בלישטשען אַרויס לעבעדיקע כוואַליעכלעך. די סאָלדאַטן וואַרפן זיך דערויף ווי הונגעריקע טיגערס אויף פריש בלוט. אָבער מיר מוזן זיי צעטרייבן: פון אונטער דעם שניי, שטעקן אַפּער פאַרשידענע פיס און פאַרבלוטיקטע, מענטשלעכע אברים... און צערירט מען דעם שניי, לאָזט זיך באַלד פילן דער גאַנצער פּראָצעס פון דער אומשטערבלעכער מאַטעריע — עס איז קיין ספק נישט, אַז דאָס וואַסער איז פול מיט באַקצילן. יעדעס שניי־בערגל איז פאַרדעכטיק, און עס ווערט דערביי אַזוי פריקרע, — אַ סך שווידערלעכער ווי די צעשטיקלטע מענטשן־גלידער אויף דעם גרינעם, זומערדיקן פעלד...

באַם מוניציע־לאַגער רוען מיר זיך אויס. דער קאָמאַנדאַנט פאַרבעט אונדז אויף טיי.

— ווי שטייט עס „פּאָרנט"? — פרעגט אונדזער הויפּטמאַן.

— די רוסן וועלן אפשר באַלד אָפּטרעטן.

ייִדישע געפאַנגענע דערציילן, אַז באַ די רוסן פעלט אַרטי־

לעריע און זייערע אָפיצירן לויפן אַרום ווי משוגע און שלאָגן מיט די נאַגאַיקעס.

— ווער קען גלייבן געפאַנגענע...

— די ייִדישע געפאַנגענע ברענגען תמיד ריכטיקע ידיעות — פאַרזיכערט דער אָפיציר פון שטאַב.

די מיטאָג-זון האָט אַ ביסל אויפגעווייכט דעם קויטיקן שניי אונטער די פיס, האָט מען מאָל-איין טאָל-אויס געקנעטן די בלאָטעס ביז איבערן קנעכל. איצט האָט ווידער געכאַפּט אַ פלעצלעכער פראָסט, שלאָגט מען זיך אָפּ די נאַסע פיס אָן די נאַסע גרודעס, אָדער מען גייט אויף אייז ווי אויף גלאָז. שלעפן מיר זיך ווי די טרויערס דורך די לאַבירינטן פּראָוויאַנט, מוניציע, אַרטילעריע, פאַרבאַנד-פּלאַץ, מאַגאַזינען, באַגאַזשן, לאַגערס און באַוויינטע און האַלב-פאַרברענטע שטיבלעך.

דאָ וועלן מיר נעכטיקן. שיק איך מיין צוגספּירער זוכן קוואַרטירן און דערווייל פאַרטייל איך מיינע בידנע סאָלדאַטן אַ הייסן אונגאַרישן גולאַזש מיט זופּ. די אָרימע זעלנער דערוואַרעמען זיך, פאַרייכערן ציגאַרעטלעך און לייגן זיך אַריין אין שניי, ווי אין אַ וואַרעם איבערבעט. אַן אָפּטיילונג דייטשע סאָלדאַטן מאַרשירט גלייך צו אונדז, שטעלט זיך אויס אין אַ האַלב ראָד און נעמט זינגען אין פיר שטימען דייטש-נאַציאָנאַלע לידער. דאָס איז דער ספּעציעלער כאָר — אַ מין „גייסטיקע איניעקציע״ פאַר די פרישאָנגעקומענע טרופּן, וועלכע מען דאַרף אויפוואַרעמען דאָס בלוט און צעהייצן דאָס געמיט. דייטשע סאָלדאַטן פונם דערבאַיִקן באַטאַליאָן הערן זיך צו, כאַפּן ביסלעכווייז אונטער — ביז זיי צעלאָזן זיך אַלע אין אַ התלהבות פון פּאַטריאָטישן פאַנאַטיזם, — און מען מוז גלייבן, אַז אָט די טרופּן וועלן גיין אָן שרעק און וועלן דאָס גאַנצע פּאַטריאָטישע פייער זייערס אויסגיסן אויף די רוסישע קעפּ.

זיי מוזן זיגן!

אונדזערע גאַליצישע און בוקאָווינער פויערים ליגן מיט אָפּע־נע מיילער, פאַרשטיין נישט קיין וואָרט פון די פרעמדע לידער, — אָבער אויך פאַר זיי גייט נישט פאַרלוירן אָט דאָס קינסטלעכע מיטל, דען זיי הייבן אָן שמייכלען, הערן זיך צו, רירן זיך — עס ווירקט!

אויף אָוונט־ברויט זענען מיר פאַרבעטן צום קאָרפּס־קאָמאַנ־דאַנט, איילן מיר זיך אָפּפירן די סאָלדאַטן אויף זייערע קוואַרטירן. ווי אַ סטאַדאָלע, אַ שטאַל, אַ שטיקל דאַך — שטאָפּט מען אָן מיט סאָלדאַטן. די נאַכט איז שטאַרק פינסטער, פאַלן מיר איבער די גריבער פון די רוסישע גראַנאַטן, ווי עס קען זיך באַהאַלטן „דאָס פערד מיטן רייטער". קומט פון ערגעץ אַ וואָגן, פרעגט מען נישט, ווער עס פאָרט, וווהין מען פאָרט — מיט געוואַלד פאַרהאַלט מען די פערד, מען וואַרפט זיך אַריין צווישן זעק און קאַסטנס — און מען קומט צום קאָרפּס־קאָמאַנדאַנט.

אין האַלב־פינסטערן שטיבל שטייט אַ מאַסע אָרדאָנאַנסן און באַדינער, — אַלע גרייט אַלעמען אויסצוטון, אָפּפּוצן, ווייזן דעם וועג, אָדער צעטראָגן באַפעלן אין אַלע פיר עקן פונם קאָרפּס־ראַיאָן. אין צווייטן שטיבל וואַרטן אָפיצירן אויפן קאָרפּס־קאָמאַנדאַנט. אין אַ ווינקל, אָפּגעטיילט מיט אַ האָלצערנעם ווענטל, קלאַפּט דער טעלעגראַף, און אַלע הערן זיך צו צום נערוועזן טאַקט, ווי זיי וואָלטן פונם טעמפּאָ וועלן אַרויסלייענען, וואָס מען טעלעגראַפירט דאָרט אַצינד.

אויף דער טיר פון אַ זייטיק שטיבל באַווייזט זיך פּלוצלינג אַ גענעראַל מיט אַ לאַנגער פּייקע אין מויל — דער קאָרפּס־קאָמאַנדאַנט. אַלע שטעלן זיך אויף מיט איין מאָל.

— גוטן אָוונט, מיינע הערן! ביטע, שטערט אייך נישט, — עסט דערווייל, איך וועל אַזוי שנעל נישט קומען, איך האָב נאָך עפּעס צו טון.

דורך דער געעפנטער טיר גיבן אַ בלישטש באַ ליכט־באַלייכ־

טוגג טעלעפאָן-אַפּאַראַטן, מאַפּעס, אַ צוויי פּלעשלעך, דאָקומענטן. אַ קורצע פאַרביייגונג, — דער גענעראַל גייט צוריק אַריין און פאַרמאַכט די טיר. מיר נעמען זיך עסן, — ווי אין אַן ערשט-קלאַסיקן רעסטאָראַן!

— זייט צוויי טעג שיסן זיי נישט — הייבט אָן דעם שמועס אַן אָבערסט, דער הויפּט-רעפערענט פונם קאָרפּס-קאָמאַנדאַנט — מעגלעך, אַז די „קערלע" האָבן זיך צוריקגעצויגן.

איך שטוין: זייט צוויי טעג איז מען נישט זיכער, צי עס שטייט אַ פיינט פאַר אונדז? — און ביז אַצינד האָט מען נאָך גאָרנישט געטון? ווען די קאָרפּס-קאָמאַנדאָ איז נישט זיכער וועגן דער לאַגע, טאָ ווער-זשע דען?

— פענריך, דו ביסט, דאַכט זיך, קראַנק? — פרעגט מיך פלוצלינג אַ מאַיאָר פון גענעראַל-שטאַב, וועלכער באַטראַכט מיך שוין זייט אַ לענגערער צייט.

— יאָ, הער מאַיאָר.

— פאַרוואָס מעלדעסטו דיך נישט קראַנק?

— דו, מאַיאָר, זיי אַזוי פיל גוט: וווּ שטייט אַצינד די גרופּע „אַ"? — פרעגט אַן אָבערסט-לייטנאַנט, אַרויסקומענדיק פונם קאָרפּס-קאָמאַנדאָ-שטיבל.

— איך הייב נישט אָן צו וויסן, צוריק מיט צוויי טעג זענען זיי געשטאַנען באַ ק.

— דער גענעראַל וויל עס וויסן — שעפּטשעט יענער.

— זאָג אים פאַר מיינעטוועגן, אז זיי שטייען באַ ק.

— און טאָמער וועט ער אויסגעפינען...

— זענען זיי אַוועקגעגאַנגען! — פאַרענדיקט דער מאַיאָר טרינקען זיין גלאָז וויין.

און ווידער מוז איך שטוינען איבער די לייכטזיניקע אינ-

פּאַרמאַציעס, וועלכע מען טראָגט אונטער דעם אָנגעשטרענגטן קאָ־מאַנדאַנט.

דער אַדיוטאַנט גראַף ב. רעדט פּויליש, וויל פּענריך ל. ער זאָל דווקא אויסבעטן באַם קאָמאַנדאַנט, מען זאָל אים מאַכן פאַר לייטנאַנט.

— ווילסטו אפשר אַ פּעלץ? — פרעגט מיך דער אַדיוטאַנט, כדי זיך אָפּטשעפּען פון ל.ס צודרינגלעכקייט.

מען פירט מיך צום מאַגאַזין, וווּ דייטשע און עסטרייכישע אָפיצירן מעסטן פאַר זיך שאַפּנפּעלצן און הויכע, שווערע שטיוול, אָבער אַלץ איז אויף מיר אַזוי גרויס, לעפּיש, און איך מוז מיך באַגיין אָן אַלעמען.

דער קאָפּ האַקט, אין ברוסט שטעכט, גנבע איך מיך ארויס פון גענעראַל־שטיבל און פאַרבלאָנדזשע צו די אַכט אָדער צען פעלד־זשאַנדאַרמען, וועלכע ווױנען נישט ווייט. זיי טרעטן מיר אָפּ דאָס ברייטע גויִשע בעט, און איך לייג מיך באַלד אַריין אין ווייכן שטרוי, צוזאַמען מיט נאָך אַ קאָדעט.

דורך דעם דיגעם ווענטל דערטראָגן זיך זיפצן.

— ווער שלאָפט דאָרט?

— אַרעסטירטע פויערים — דערציילט מיט פרייד אַ זשאַנ־דאַרם, דערלאַנגענדיק מיר שטאַרקן רום, פאַר וועלכן איך בין אים מכבד מיט פרישע פּאַפּיראָסן — איך האָב זיי געפּאַקט לעבן דער פּאָזיציע, זיי האָבן נישט רייגע געשעפטן מיט די רוסן. איך האָב אַלע אַרעסטירט; און מאָרגן — צום קריגס־געריכט! צום קריגס־געריכט!

— קערלע, קערלע... — שעפּטשעט ער נאָך, ווען דאָס ליכטל האַלט באַם דערגוססן.

אין תחום פון פייער

איך וואַרט מיט מיין אָפּטיילונג אויפן באַטאַליאָן, וועלכער האָט שוין זייט אַ שעה באַדאַרפט זיין אויפן פּלאַץ. אַ דייטשער רע־גימענט גייט צו דעם פראָנט. דער שווייס רינט די סאָלדאַטן אי־בער די פּנימער, די פינגער זענען געשוואָלן פון פראָסט, אָבער די יונגע קינדער זענען פריילעך און טרייבן לצנות. איינער, דאַר ווי אַן אָפּגעשיילטע ווערבע, קליין, מיט גרויסע, דיקעברילן, פּרוּווט אפילו זינגען עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעך לידל.

— ווי גייטס, קאַמעראַד ?

ער ענטפערט אויף עפּעס אַזאַ מין קוידערוועלש, וואָס קלינגט האַלב דייטש און האַלב פראַנצויזיש. דאָס זענען קינדער פון דעם דייטשן עלזאַס, — אייגנטלעך האַלבע פראַנצויזן, און פון זיי האָט מען דאָס צונויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע באַרג־גרופּע, דער „קאַר־פּאַטן־קאָרפּס״, וועלכער דאַרף פאַרטיידיקן די גאַליציש־אונגאַרישע בערג. זענען זיי טאַקע צוגעגרייט מיט אייזן־באַשלאָגענע שיך, קורצע מאַנטלען, לאַנגע שניי־שטעקנס און שטורעם־אויגן־גלעזער, וועלכע אונדזערע סאָלדאַטן האָבן שוין פון לאַנג אַוועקגעוואָרפן, נישט וויסנדיק דעם ווערט דערפון.

— אַט, וואַ, קאָזאַקי ! — צעשרייט זיך ווידער אַ שרעקעדי־קער פון מיין אָפּטיילונג.

דאָס האָט ער דערזען פאַרבייגאַלאָפּירן אַ דייטשן קאַוואַלע־ריע־פּאַטרול מיט זייערע הויכע סויבל־היטלען און מיט די לאַנגע, שווערע פּיקעס. איך וואָלט ווידער געדאַרפט זיי דערקלערן דעם חילוק צווישן דייטשן און רוסן, אָבער מיין הייזעריקייט האָט זיך אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז איך קען נישט עפענען ממש דאָס מויל.

— וווּ זאָל איך אויפשטעלן מיינע קאַנאָנען ? — שרייט

אַנגעברוגזט אַ דייטשער אַרטילעריע־מאַיאָר, וועלכער וואַרט שוין אַ היפּשע צייט מיט זיין פרישן אַרטילעריע־רעגימענט.

— נישטאָ קיין פּלאַץ, הער מאַיאָר — פאַרענטפערט זיך דער דייטשער אַדיוטאַנט — אויף אייניקע בערג איז נישט מעגלעך אַרויפצושלעפּן קאַנאָנען. נישט אַמאָל אַ פערטל פון אונדזערע אַרטילעריע שטייט אין קאַמף. ווען מיר זאָלן שוין אַמאָל אַרויס אויפן פלאַכן לאַנד...

— ... וועלן מיר זיי פאַרשיטן מיט גראַנאַטן! — איז שוין ווידער פריילעך דער אַלטער מאַיאָר.

אַ קאָמפּאַניע בייערן, יענע „קצבים", וועלכע גייען צו דער אַטאַקע מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט לאַנגע מעסערס אין די שטיוול, קומען אַראָפּ פון דער פּאָזיציע און גרייטן זיך פאַרנעמען קוואַרטירן, וווּ זיי דאַרפן זיך אויסרוען עטלעכע טעג.

— קינדער — פאַרזאַמלט זיי דער הויפּטמאַן אַרום זיך — איך האָב נאָך צוואַנציק „אייזערנע קרייצן". ווער פון אייך האָט לעצטנס זיך אויסגעצייכנט?

עס מעלדן זיך עטלעכע סאָלדאַטן, און יעדער פון זיי דערציילט, וואָס ער האָט אויפגעטון.

— ווער האָט עס געזען?

זיי שטעלן זיך עדות, און מיט שטאָלץ פאַרטיילט זיי דער הויפּטמאַן די מעדאַלן.

אונדזער באַטאַליאָן איז פאַרזאַמלט. רופט דער הויפּטמאַן אַלע אָפיצירן און נעמט אונדז „זינגען אַ לעקציע" פון פליכט און פּינקטלעכקייט:

— צום צווייטן מאָל, מיינע הערן, וועל איך יעדן איינעם שטעלן פאַרן קריגס־געריכט! איך וועל נישט דולדן קיין פאַרשפּעטיקן זיך!

און באַשטראָפט ווערט דער גאַנצער באַטאַליאָן; אָן אָן אָפּרו־

מוזן די אָרעמע סאָלדאַטן מאַרשירן איבערן גליטשיקן אייז, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, ביז מיר קומען צום צווייטן נאַכטקוואַרטיר אין ס.

שוין אויפן וועג זענען געבליבן ליגן האַלב-געפרוירענע סאָלדאַטן, אָבער אַצינד ווייזט זיך אַרויס, אַז אונדזער גאַנצער באַטאַליאָן איז איין שפּיטאָל-לאַגער: די מענטשן פאַלן פאַרחלשטע אין שניי. איך געפין באַלד עטלעכע ליידיקע שטיבלעך, וווּ איך לאָז זיי אַריינפירן, און גיי פאַרזאָרגן פאַר זיי שוואַרצע קאַווע. אָבער מיין פעלדוועבעל איז אַ „געטרייער קנעכט", קאָכט ער קודם פאַר די אָפיצירן, און די פאַרשמאַכטע מאַנשאַפט מוז ווידער וואַרטן. דאָ קומט מיין צוגספירער מיט אַ טרויעריק פּנים:

— דייטשע סאָלדאַטן טרייבן אונדז אַרויס פון די קוואַרטירן.

— נישט וואַגן צו פאַרלאָזן די קוואַרטירן! — באַפעל איך אים — אויב די דייטשן האָבן טענות, זאָלן זיי קומען צו מיר.

אַ ווייל שפּעטער קומט דער דייטשער פעלדוועבעל. זיינע אָפיצירן האָבן אויסגעקליבן די שטיבלעך פאַר זייער קיך.

— קאָכן קען מען אין דרויסן אויך! — שיק איך אַוועק דעם פעלדוועבעל — מיינע קראַנקע סאָלדאַטן זענען מיר טייערער ווי אייער אָפיצערסקע קיך.

— קאַמעראַד! — רופט אים צוריק אונדזער הויפּטמאַן — מיין פענריך וועט זוכן אַנדערע קוואַרטירן פאַר זיינע מענטשן.

— אָבער הער הויפּטמאַן — פּרוּוו איך נאָך פּראָטעסטירן — איך פאַרשטיי, נישט ווי ערלעכע אָפיצירן קענען פאַרלאַנגען, אַז עטלעכע און זעכציק מאַן זאָלן שלאָפן אין אַ פראָסט אין דרויסן, ווייל די „הערן" ווילן באַקוועם טרינקען זייער ווייַן.

— וואָס-זשע זאָל איך טון? — בעט זיך דער הויפּטמאַן אַ צעטומלטער — די דייטשן וועלן זיך באַקלאָגן, וועלן מיר אַלע „שוויצן".

גיי איך אַרום ביז שפּעט באַנאַכט זוכן ערגעץ אַ ניי ווינקל. דערווייל ליגן מײַנע קראַנקע סאָלדאַטן אין אַ ראָוו און ציטערן פאַר קעלט ווי אין קדחת. אַ ייִדל מיט אַ שוואַרץ בערדל איז אינגאַנצן ברוין־און־בלוי און קלאַפּט איין צאָן אָן אַנדערן.

— אוי, הער פעטעריך, בין איך נישט געזונט... — קלאָגט ער זיך מיט אַ שטיל, שוואַך קול.

איך נעם זײַנע הייסע הענט, ריר אָן דעם שטערן — ער ברענט!

— איר האָט היץ, פעטער, — וויקל איך אים ווי אַ קינד אין מײַן דעקע און פיל, ווי אים צו קושן פאַר רחמנות.

קוים פינף און צוואַנציק מענטשן קען איך אָנשטאָפּן אין דעם שייער, וועלכן איך האָב אויסגעפונען. די רעשט פיר איך אויפן בוידעם פון דער נייער דײַטשישער אָפיצירס־קיך. איך ווייס: דער סופיט איז שוואַך און קען אין דער נאַכט אײַנפאַלן. איך טו עס מיט דעם באַוווסטזײַן פון יענעם געריכטן כעס, וואָס זוכט נקמה: „תמות נפשי"...

נישט רעכט זיך דורכגעשלאָפן, וועקט מען: מיר דאַרפן איבערנעמען די פּאָזיציע פון אַ דײַטשן באַטאַליאָן. אַ גרויסער טייל פון אונדזערע פאַרשרײַבט זיך „מאַראָד": זיי קענען נישט גיין ווײַטער. דאָס ברוין־און־בלויע ייִדל ליגט אין גסיסה, און אומזיסט איז מײַן טרחה, מען זאָל אים נאָך אָוועקנעמען אין פעלד־שפּיטאָל. שטייען מיר איבערגעבליבענע, מיט אויגן, וואָס פאַלן נאָך צו פאַר שלאָף, און ציטערן פאַר קעלט אין דעם ווייסלעכן פרימאָרגן, פון וועלכן עס שיילט זיך נאָר אַרויס דאָס רויטע ציגל־דעכל פון דיוויזיע־קאָמאַנדאָ.

די רוסישע אַרטילעריע, וועלכע האָט שוין צייט צוויי טעג געשוויגן, שטייט ווידער אויף ווי פון קבר. די ערשטע 17 אַ האַלבגראַנאַטן פאַלן גלײַך אין דאָרף אַרײַן, און צוויי פון זיי בויערן זיך אַרײַן אין דעם רויטן דאַך פון דער דעוויזיע. עטלעכע געשטאַלטן לויפן פון דאָרט אַרויס אין אַ ווילדער שרעק, אייניקע האַלב־

באַקעטע, צווישן זיי דער דיוויזיאָנער. מען דערלאַנגט זיי אויף שנעל מאַנטלען, כאַפּן זיי זיך אַרויף אויף אַ דראַבינע־וואָגן, און יאָגן צוריק, הייט, ווייט הינטערן דאָרף.

— אָ, עס ווערט דאָ „הייס״! — שמייכלט ערנסט אונדזער הויפּטמאַן — איך בלייב נישט דאָ, מיר מאַרשירן.

— אַ צייכן — אַ קאָמאַנדע — מיר גייען צו דער פּאָזיציע.

הינטער אונדז מאַרשירט אַ דייטשער באַטאַליאָן. אָט דאַרפן זיי פאַרקערעווען אויף לינקס, צו יענעם באַרג־צו, ווען פּלוצלינג פּלאַצן איבער זייערע קעפּ עטלעכע רוסישע שראַפּנעלן. מיר און די דייטשן בלייבן שטיין פאַר שרעק. די סאַניטעט־פּאַטרולן לויפן מיט די פאַרוווּנדעטע צוריק אין דאָרף אַריין, — די צוויי טויטע לייגט מען דערווייל אין אַ זייט.

דער דייטשער באַטאַליאָן פאָרמירט זיך ווידער און מאַרשירט ווייטער ווי פריִער, נאָר אין שנעלן טעמפּאָ. ווידער הערט זיך דער זעלבער קראַך פון רוסישע שראַפּנעלן, — און פאַר אונדז ליגט אַ רוסישער געפאַנגענער מיט אַ צעפּלאַצן קאָפּ, געטראָפן פון זיינע אייגענע ברידער... דער אונגאַרישער סאָלדאַט, וועלכער האָט אים געפירט, קוקט אומבאַהאָלפן באַלד אויף אונדז, באַלד אויף דעם טויטן, און גייט ענדלעך אַוועק גלייך ווי גאָרנישט וואָלט געשען. נאָר ער ווייסט נישט: זאָל ער צוריקגיין צו דער פּאָזיציע, אָדער זאָל ער מעלדן בײַ דער דיוויזיע, וווּהין מען האָט אים געשיקט מיט דעם געפאַנגענעם?

— לויף שריט! — קאָמאַנדירט אונדזער הויפּטמאַן, כדי אונדז ווי צום שנעלסטן אַרויסצופירן פון פייער־שטח.

די געפאַר איז אַריבער. די פאַרסאַפּעטע סאָלדאַטן הוסטן זיך אויס, אָטעמען שווער און קנעטן ווייטער דעם טיפן, בלאָטיקן שניי. און ווייט אַרום ציִען זיך ווייסע פלאַכטעס ווי דער אָפּגע־שטאָרבענער שמייכל פון די אַלטע דורות, — נאָר ערגעץ־ווו הערט

זיך נאָך אַן איינזאַמער קראַך פון אַ קאַנאָן, אָדער אַ ווייט, פאַר־
דומפּן הירזשען פון אַ פערד.

מיר געפינען זיך אין דער „רעזערווע־שטעלונג". אין גריבער, הינטער בערגלעך, איינגעהילט אין ווייסן שניי ווי אין אומשולדיק פּאַרעטערישע מאַנטלען, שטייען אויסגעשטעלט אונדזערע קאַנאָנען: נישט אָפּגערופן זיך אויף דעם העלישן פייער פון די רוסישע „מער־זער", שטייען זיי ווי פאַרגאַפטע דעמאָנען און קוקן אין דער לופט אַריין מיט ברייטע, שוואַרצע מיילער, דער גרעסטער טייל פון דער מאַנ־שאַפט שלאָפט נאָך, נאָר דער וואַך־סאָלדאַט האַלט דעם קליינעם „קאַראַבינער" פאַרטיק זיך צו ווערן, קוקט אונדז אָן מיט פאַרדעכ־טיקע אויגן — און ציילט ווייטער זיינע פאַרפרוירענע שריט אויף דעם שמאָלן וועגל.

לינקס, הינטער אַ שפּיציקן באַרג, באַמיען זיך דייטשע סאָל־דאַטן אַרויפצושלעפּן אַ שווערן קאַנאָן. איינגעשפּאַנט אין לאַנגע, דיקע שטריק, ציען זיי די געפערלעכע מאַשין צום שפּיץ באַרג. דער קאַנאָן פאַרזינקט אינגאַנצן אין דער אויפגעווייכטער ערד, כאַפּן עטלעכע פאַר די רעדער, רייסן, שלעפּן, — טראָגן כמעט די גאַנ־צע שווערע מאַסע אינדערלופטן, — און זיי וועלן עס אַרויפ־שלעפּן!

ווי האָב איך נאָר געזען דאָס בילד פון מוסקול־פעסטע מע־נער, וועלכע שלעפּן מיט שטריק אַ באַרג? „פאַרטשריט" האָט, דאַכט זיך, יענער קינסטלער אָנגערופן זיין בילד...

נענטער צום באַרג ליגן אונדזערע „רעזערוון" אין רעגל־מעסיק־אויסגעבויטע שניי־און־אייז־שטיבלעך, — אָבער אַזוי קונציק פאַרדעקט מיט שניי, אַז דאָס בעסטע אויג פון שונא וועט זיי נישט אויסגעפינען. מען דערקענט די דייטשע השגחה איבער זיי. און אי־בעווייניק געפינט זיך אַ גאַנצע, אונטערערדישע וועלט מיט באַוועג־ונג און לעבן, געפילן און פאַרלאַנגען... די קליינע בלעכענע איי־

װעלעך גליִען מיט אַן איינגעהאַלטענעם, פאַרשטיקטן זשאַר און פולן אַן דעם שטח מיט אַ שטאַדנעם רויך. איינציקווייז קריכן אַרויס זעלנער, לויפן זיך דורך אויפן װייכן שניי, גייען װידער אַריין, און באַלד קומען אַרויס פרישע, װי די ביִנען אין בינשטאָק: דאָס דערװאַרעמען זיי דאָס בלוט, עס זאָל נישט פאַרשטאַרט װערן.

עס פאַלט צו די נאַכט, װעלן מיר ערשט פאַרטאָג קענען קומען צו דער פּאָזיציע. די רעזערװן מאַכן צוביסלעך פּלאַץ פאַר אונדזערע סאָלדאַטן. דער פּראָסט האָט נאָכגעלאָזט, זעצן זיך אויס אייניקע אַרום די אייז-לעכער און פאַרפירן שמועסן. דער הויכער זשאַנדאַרמעריע-װאַכמייסטער, װעלכער איז אין מאַנגל פון אָפיצירן באַשטימט געװאָרן אַלס צוגס-קאָמאַנדאַנט, דערציילט װיציקע פּאַסירונגען פון זיין קרימינאַל-פּראַקטיק — װען פּלוצלינג כאַפּט ער זיך פאַר די קריזשעס, װערט בלאַס, און פאַלט צוזאַמען װי אַ ליידיקגעװאָרענער זאַק.

— אַ דאָקטאָר — שעפּטשעט ער.

אויף זיין לייב געפינט זיך אַ קליינער, ברוינער פלעק: אַ פאַרבלאָנדזשעטע קויל האָט אים געטראָפן אין רוקן און איז שטעקן געבליבן ערגעץ אין בויך.

באַ דער אַרטילעריע, זאָגט מען, געפינט זיך אַ דאָקטאָר, לויפט אַ סאָלדאַט אים רופן. עטלעכע שעה מוטשעט זיך דער װאַכמייסטער. ביז ער לאָזט אַרויס די נשמה. ענדלעך קומט צו לויפן דער סאָלדאַט מיט אַ גלח.

— צו װאָס?

— נישט געװוען קיין דאָקטאָר — איז דער סאָלדאַט צעטומלט — האָב איך...

— זאָל ער כאָטש האָבן אַ קריסטלעכע לװיה — בעט זיך אַ פרומער דייטשער אָפיציר.

מיר גייען שוין נישט שלאָפן. אונדזערע סאָלדאַטן געפינען

ערגעץ עטלעכע ברעטלעך קלאַפּן זיי צוזאַמען אַ טרומנע. אָבער פאַר דער דעק סטייען שוין נישט קיין טשוועקעס, בינדט מען זי צו מיט שטריק.

אין דעם צוגעגרייטן קבר האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גאַנצע מקווה קוויטיק וואַסער, גלייך עס וואָלט וועלן, פּונקט ווי די סאָלדאַטן, אין דער מאַמע־ערד זיך שוצן פאַר דעם טויטלעכן דערפרוירן ווערן. דער גלח זאָגט עפּעס אַ תּפילה, מיר טוען אויס די היטלען. און מען לאָזט אַראָפּ דעם קאַסטן. צוערשט האַלט ער זיך טרוקן, ווי ער וואָלט אַרומגעשווומען אויפן וואַסער, אָבער פּלוצלינג פאַרזינקט דער קאַסטן אין דער קאַלוזשע און פאַרשווינדט אין דעם נאַסן תּהום.

— זאָל אים די ערד לייכט זיין — זאָגט דער גלח מעכאַניש, און טוט אַפילו נישט אַ קלער, אַז נישט אין „לייכטער ערד”, נאָר אין אַ מאַסע בלאָטע, ווי אַן עכבר האָט מען אַצינד דערטרונקען אַ מענטשנקינד, זיין „עבענבילד גאָטעס” דעם „העלד פאַרן פאַטערלאַנד”...

מיט גרודעס אייז, פאַרטרוקנט ווי דאָס נישט געזאַלצענע קאָמיס־ברויט, וועלכעס ער פלעגט עסן אַלע יאָרן פון זיין דינסט, פאַרשיט מען זיין פייכטן גרוב.

— „זאָל זיי גאָט מוחל זיין, דען זיי ווייסן נישט, וואָס זיי רעדן”, שעפּטשעט נאָך דער גלח זיין געבעט, ווען דער הימל אין מזרח נעמט שוין גרויען.

מיר צעגייען זיך אין אונדזערע אייז־לעכער.

אַ פייערדיקער „ברוך הבא"

נאָך פאַר מיטאָג האָבן מיר געזאָלט אָנקומען אין דער פאָזיציע, אָבער דער וועג, וואָס האָט זיך אַ ביסל צעוואַרעמט דורך דער פאַרמיטאָג-זון, איז געוואָרן אַזוי ווייך און בלאָטיק, אַז עס איז שווער אַרויסצושלעפן אַ פוס פון זיין קלעם. די בלאָטע אויף די שיך און די קאַמאַשן וואַקסט צענטימעטער-ווייז און ציט צו דער ערד מיט איר שווערקייט. דערצו האַלטן אונדז ווידער אָפ די רוסן מיט איינער פון זייערע בלוטיקע אַטאַקעס, נאָך וועלכע זיי לויפן באַלד צוריק מיט צעבלוטיקטע קעפ. ענדלעך דערגייען מיר צום הויכן באַרג, דעם גרויסן טש., אָבער די דייטשן, וועלכע ליגן דאָ, ווייסן נישט פון קיין שום „אָפבייטן", עס שטעלט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן אייגנטלעך באַדאַרפט גיין צום „קליינעם טש.". פאַרקערווען מיר אויף לינקס, אָבער אויך דאָ מוזן מיר ליגן בלייבן — דער דייטשער באַטאַליאָן גרייט זיך צו אַן אַטאַקע.

די אַרטילעריע פייערט אָן אַן אויפהער, און באַלד נעמען גרעגערן די מאַשין-געווערן, — די דייטשן אַטאַקירן. אַ העליש פייער קומט זיי אַנטקעגן. זיי וואַרפן זיך אין שניי צום „אָטעם שעפן", לויפן ווידער אַ שטיק און מוזן ווידער זיך אַנידערלייגן, — דען די רוסן שיטן פייער מיט אַלע כוחות. איצט גייען זיי שוין פאַוואָליע, מיט גאָר אַ שיטערער ליניע, איבערלאָזנדיק הינטער זיך צאַפלדיקע און צוזאַמענגעקאָרטשעטע קערפערס — דורכן פעלד-גלאָז זעט מען גענוי די רויטע צייכנס אויפן ווייסן שניי...

אַ געשריי — זיי „שטורמען"! דער גאַנצער שפיץ באַרג שטייט אַצינד אין פלאַמען. זיי פאַרשווינדן אין דעם אויפגעברויזטן שניי, אַ גאָר קליינער טייל אַרבעט נאָך אין טויט-שווייס. אויסצוגראָבן פאַר זיך אַ „דעקונג" — עס איז קלאָר, אַז ווייטער וועלן זיי שוין נישט גיין. זיי מוזן אָפוואַרטן, ביז עס וועט ווערן טונקל.

מיר נוצן אויס די פּױזע און לאָזן זיך ווייטער צו אונדזער ציל, אָבער באַלד באַקומען די דייטשן אַ פרישע קאָמפּאַניע צו הילף און שטורמען ווידער. עס איז שוין גוט פינסטער, און מיר קענען מער נישט זען, וואָס עס טוט זיך דאָרט, אָבער נאָך אַ מעכטיקן שיסן קומען זיי צוריק — אפשר פופציק אין צאָל. דעם רעשט האָבן אויפגעפרעסן די רוסישע „פושקעס", מאַשין-געווערן און האַנט-גראַנאַטן...

— גייען מיר ריכטיק, הער הויפּטמאַן? — וואַגט איינער צו פרעגן.

— זיכער ריכטיק. אַצינד ווייס איך שוין גענוי, איך האָב מיר אַליין אָנגעקוקט די געגנט. אונדזער ליניע איז שוין גאַנץ ווייט איבער די דייטשע שטעלונגען.

— מאָסקאַלן זענען אין דער נאָענט — זאָגט שטיל מיין קאַרפּאָראַל.

וואָס פאַלט דיר איין? — מאַך איך אַוועק זיין באַמערקונג.

— זיכער, הער פענריך, — איז ער איבערצייגט — אפשר זענען זיי ערשט פונדאַנען אַוועק. איך דערקען זייער גערוך.

און באמת טראָגט זיך אין דער לופטן אַ באַזונדערער ריח, וועלכער איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די רוסישע אָקאָפּעס. נאָך אָט דעם גערוך דערשמעקן תמיד אונדזערע סאָלדאַטן, אַז מיר זענען נישט ווייט פון די רוסן.

— אפשר איבערגיין אין „צעלאָזענער ליניע", הער הויפּטמאַן?

— נאַרישקייטן! — איז דער הויפּטמאַן בייז און פירט אונדז ווייטער אין געשלאָסענע רייען.

— סטאָי! כטאָ טאַם? — דערהערט זיך פּלוצלינג ווי אויף רוטענישער שפּראַך.

— נישט שיסן! אייגענע טרופּן! עסטרייכער! — שרייען אונדזערע צוריק

א מינוט, צוויי — ס'איז שטיל. מיטאמאָל הערט א ווילדע שיסעריי, אַ ליאַרם — גלייך דאָס גהינום אַליין וואָלט זיך אָנצונדן.

ווער ס'איז נאָך נישט געטראָפן פון א קויל, דער לויפט

— צום טייוול! — שעלט אונדזער הויפטמאַן לויפנדיק — מיר זענען דאָך אַריין דעם רוס גלייך אין פיסק אַריין! באַ די א נאַכט!...

נישט אַמאָל די העלפט פון אונדזער באַטאַליאָן קומט אויפן באַשטימטן פלאַץ. דער רעשט, געפאַנגענע, טויטע, פאַרוווּנדעטע — איז געבליבן באַ די רוסן.

די דייטשן קריכן שוין אַרויס אומגעדולדיק פון די גריבער, — מיר קריכן אַריין. מיט דער הילף פון עלעקטרישע האַנט־לעמפלעך לייגן מיר אויס די מאַנשאַפט, און באַוווּנדערן נאָר די שיינע פאַרפעסטיקונג און די באַקוועמע געלעגערס מיט שטרוי — ווי אין א פירשטלעכער שטאַל.

קוים זיך איינגעאָרעט, נעמען סווישטשען איבער אונדז מיט אַ פייפנדיק קולעכל די קליינע רוסישע קוילן. זייער אַרטילעריע שיסט בלינד אין דער נאַכט אַריין, פאַלן די גראַנאַטן און שראַפּנעלן ווייט הינטער אונדז. נאָר דאָס קלאַפּן פון די מאַשין־ביקסן ווערט שטאַרקער און קומט וואָס אַמאָל נענטער. שוין הערן מיר דורך דעם תהו ובהו שווערע, לויפנדיקע טריט.

— „זשאַרי!" — רייסן זיך דאָרט ערגעץ זייערע קאָמאַנדאַנטן די העלדזער.

אָבער אונדזערע פויקן אַזוי פלייסיק פון די ביקסן און מאַשין־געווערן, אַז נאָך פופצן מינוט הערן זיך די רוסישע טריט אַלץ ווייטער, — און אַ שטיקל צייט שפּעטער איז שוין אַלץ ווידער שטיל.

— שיין האָט מען אונדז אויפגעטומען! — וויצלט זיך עמעצער אין דער פינסטער.

אָבער אין יעדנס מוח עגבערס זיכער דער איינציקער געדאַנק: וויפיל האָבן מיר היינט פאַרלוירן?

אינדערפרי מאַכן מיר דעם „בילאַנס": איין טויטער און דריי פאַרוווּנדערטע.

— דאָס אַלץ? — וויל מען נישט גלייבן.

און באמת: חי נישטיק איז אָט די צאָל אַקעגן די צענדליקער געפאַלענע רוסן, וועלכע ליגן אויסגעזייעט פאַר אונדזער פראָנט.

— הלוואי אויף ווייטער נישט ערגער! — רייבט זיך דער הויפטמאַן צופרידן די הענט.

די פאַטרול, וועלכע מיר האָבן געשיקט אין טאָל זוכן אַ טרונק וואַסער, קומט צוריק אַ דערשטויגטע: זיי האָבן געפונען פאַרגראָבן אין שניי אַ רייטער מיטן פערד, און דער דאָקטאָר האָט דעם רייטער אויפגעמונטערט.

— איז וואָס? — קומט עס אונדז אויס ווי אַ געוויינטלעכע זאַך.

— דער דאָקטאָר זאָגט, אַז זיי ליגן שוין דאָרט אפשר צוויי וואָכן.

די נייגעריקייט לאָזט נישט רוען — איך מיט נאָך צוויי אָפיצירן גייען אַראָפּ זען די מערקווערדיקע אויסגראָבונג. דאָס פערד ליגט טויט און דער פערציקיעריקער מאַן אָטעמט קוים ווי נאָך אַ לאַנגן, לאַנגן חלשות. די הענט און פיס זענען אָפגעפרוירן. דער קערפּער אויסגעמוטשעט ווי נאָך אַ חדשים־לאַנגער אָפצערונג. נאָך די צייכנס אין אויפגעוויכטן שניי איז צו דערקענען, ווי שטאַרק דאָס פערד האָט געאַרבעט מיט די גלידער, כדי זיך קענען אַרויסראַטעווען נאָך דעם פאַרשאָטן ווערן. און נאָר אָט דער טויט־אַרבעט פונם פערד האָט דער רייטער צו פאַרדאַנקען זיין אויסגעמוטשעט לעבן: עס האָט זיך געשאַפן אַ גענוג גרויסער חלל צום אָטעמען, און דער סאָלדאַט האָט זיך גענערט פון די קאָנסערוון און

צוויבאַק, וואָס ער האָט באַ זיך געהאַט. אָבער דאָס פערד איז אויסגעגאַנגען פאַר הונגער און קעלט.

— ווי לאַנג ביסטו שוין דאָ? — פרווון מיר דערגיין דעם אמת באַ דעם אויסגעגראָבענעם, אָבער ער באַוועגט קוים מיט די בלאַסע ליפּן און קען זיך אָן קיין זאַך ניט דערמאַנען. פאַר שרעק און שמערצן האָט ער זיין זכרון פאַרלוירן...

— איידער אַזוי — זיפצט איינער פון מיינע באַגלייטער — איז שוין גלייכער דער טויט פון אַ קויל.

און אויך מיר שטימען צו, דען ווער קען זיך אויסמאָלן די טויט-אַנגסטן פון דערשטיקט ווערן...

דער קאַמף אין אייז און שניי

ווי עס ווייזט אויס אין די ערשטע טעג, וועט דאָ גאָרניט שלעכט זיין: דאָס ביסל שיסן און אַכטונג געבן — וואָס מאַכט עס אויס פאַר אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט דורכגעלעבט די טעג פון פּשע-מישל און באַ דער „סאַג׳ערא״? דער פּראָוויאַנט אַרבעט אויסגע-צייכנט אַ חוץ אין די „וואַרימע״ טעג, ווען מיר פאַרפירן אַ פייער-דועל מיט די האַרטנעקיגע רוסן, און זיי שיסן אונדז אויס אַלע פערדלעך און מוילטירן, וועלכע טראָגן פאַר אונדז שפייז. דאַמאָלס קריכן אַלטע „לאַנדשטורמלייט״ מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס. פאַר-גנבענען זיך דורך נעכט איבער פאַרשטעקטע וועגן אויף די גלי-טשיקע בערג, און ברענגען פאָרט אַ שטיק ברויט, און צומאָל אויך אַ שטיק קאַלט פלייש אָדער אַ „קאָנסערווע״. פאַר די אָפיצירן האָט מען שוין אַפילו צוויי מאָל געבראַכט טיי מיט רום, מיט וואַסער-

האָבן אונדז די רוסן פֿאַרזאָרגט: ערגעץ האָבן זיי אונטערן שניי און אייז אויסגעפֿונען אין אַ פֿעלז אַ פֿרישן קוואַל̄ אים אויסגעבויט, דערווייטערט, — און ווען זיי זענען פֿון דאָרט אַוועק, איז ער גע-בל̄יבן אונדזערער „בירושה". וואָל̄ט אַל̄ץ געווען גוט — נאָר די קעל̄ט! יעדן טאָג טראָגט מען אַראָפּ צענדל̄יקער דייטשע סאָל̄דאַטן מיט אָפּגעפֿרוירענע גל̄ידער. מיר האָבן פֿון דער ל̄עצטער נאַכט דריי דערפֿרוירענע. מען מוז פּשוט עטל̄עכע מאָל̄ אַ נאַכט שטיל̄ערהייט „אַל̄אַרמירן", כּדי די זעל̄נער זאָל̄ן זיך באַוועגן און נישט אַנטשל̄אָפֿן צו ווערן דעם אייביקן של̄אָף.

ערשט איצט פֿיל̄ איך אַן אמתע דאַנקבאַרקייט צו יענעם קינד פֿון ברעסל̄וי, וואָס האָט מיר געשיקט אַזוי פֿיל̄ ווינטער-זאַכן, — כאָטש דער צוויקנדיקער פֿראָסט רייסט דורך דעם דיקסטן וואָל̄-פּאַנצער און גיסט אַריין אין בל̄וט אַ בל̄ייערנע שטייפֿקייט. מיינע פֿאַרהיילטע ווונדן „צעשפּיל̄ן זיך" אין דער קעל̄ט, ציפּט עס באַם האַרץ און עס שטעכט — אַז טרערן קומען אין די אויגן...

די דייטשן האָבן אפֿנים נישט גרויס פֿאַרטרויען צו אונדזערע סאָל̄דאַטן, דען זייער קאָמאַנדאָ גיט אַ באַפֿעל̄, אַז אַן עסטרייכישער באַטאַל̄יאָן מוז תּמיד זיך געפֿינען צווישן צוויי דייטשע באַטאַ-ל̄יאָנען. ל̄יגן מיר אונטער דייטשער השגחה, — ל̄ינקס פֿון אונדז נאָר די איינציקע באָסנישע קאָמפּאַניע, וועל̄כע מען האָט געשיקט צו הילֿף פֿאַר אונדזער אָפּגעשוואַכטן באַטאַל̄יאָן.

אויף דעם פֿראָנט איז גאַנץ רויִק: עס דאַכט זיך, גל̄ייך ביי-דע פּאַרטייען, מיר און די רוסן, האָבן טיף אין האַרץ זיך פֿאַר-בענקט נאָך פֿרידן און באַשל̄אָסן נישט מער קיין איינציקע קויל̄ נישט אויסשיסן. מיר באַנוצן די פֿייער-פּויזע צו אַ קל̄יינעם שפּא-ציר אַרום די שוצנגריבער, כּדי זיך צו דערוואַרעמען און אויס-גל̄ייכן אַ ביסל̄ די צוזאַמענגעקאָרטשעטע גל̄ידער. פּל̄וצל̄ינג ווערט ז באַוועגונג באַ די באָסנישע, און אַ גרופּע פֿון הונדערט מאַן מיט

פעלדוועבעל פּאַרויס נעמט לויפן וואָס כּוח טראָגט — גלייך צו די רוסישע אָקאָפּעס.

— אַן אַטאַקע? — וווּנדערן מיר זיך.

די באַטאַנישע האַלטן די ביקסן הויך אויפגעהויבן.

— זיי דעזערטירן! — כאַפּט זיך איינער.

— שיסן! ווי די הינט די קערלע אויסשיסן! — שרייט דער קאָמאַנדאַנט פונם דייטשן באַטאַליאָן.

אָבער ביז די דייטשן נעמען שיסן, זענען די „גרויע מיצ־לעך" שוין לאַנג אין די רוסישע גריבער.

— הונטס־שווייַנע! — רייסט זיך באַם קאָפּ דער דייטשער אָפיציר.

דער איבערגאַנג צום שונא איז געקומען אַזוי פּלוצלינג, אַז עס איז גאָר קיין צייט נישט געווען זיך אַרומצוקוקן.

די דייטשן רעכטס און לינקס פון אונדז האָבן זיך אַ רוק גע־טון מיט אַ היפּש שטיק פאָרויס. מיר זענען געבליבן הינטערשטע־ליק, און כּדי אויסצוגלייכן די ליניע, מוזן מיר אַוועקנעמען באַ די רוסן די „טאַטאַרוווקאַ" — אַ נישט גרויסער באַרג באַ אַ פינף הונ־דערט שריט פאַר אונדזער פראָנט. פאַר אונדז האָט דער באַרג גאָר אַ ספּעציעלע באַדייטונג: פון דאָרט קענען מיר באַהערשן דעם גאַנצן „אָפּאָר־טאַל", ווו די רוסן האָבן זייערע הויפּט־וועגן פאַר פּראָוויאַנט עס קומט דערום דער באַפעל: „נעמען די טאַטאַרוווקאַ פאַר יעדן פּרייַז!"

מיר פאַרקערעווען אין שמאָלן טאָל אויף רעכטס, גייען „גע־דעקט" כּמעט ביז צום „פוס" פון באַרג און גרייטן זיך צו דער אַטאַקע. אָבער די טויטע שטילקייט, וואָס הערשט באַ די רוסן, שרעקט דאָס האַרץ: וואָס פּלאַנען זיי דאָרטן?

איז דאָך נישט מעגלעך, אַז אין מיטן העלן טאָג זאָלן זיי אונדז נישט באַמערקן.

— אונדזערע מאַנטלען דעקן אונדז אויסגעצייכנט! — איז איין אָפיציר שטאָלץ אויף די ווייסע לייוונט-מאַנטלען, וואָס מען האָט פאַרטיילט צווישן די סאָלדאַטן, כּדי זיי זאָלן זיך נישט אַרויס־זען פון שניי.

ערשט ווען מיר נעמען קריכן אויפן באַרג, זעצט אונדז אָקעגן אַ געדיכט קוילן-פייער, וואָס פאַרשיט די אויגן מיט דעם אויפ־געשטורעמטן שניי. מיר ענטפערן מיט פייער — אָבער גיי שיס אין הימל אַריין! אַז דער גרעסטער טייל קוילן בלייבט שטעקן ערגעץ אין שפּיץ באַרג, אונטערן שניי. און דאָך גייען מיר אַ ביסל ווייטער אַרויף. באַר אונדזער רעכטער פליגל ווערט שוואַך און שטייט חיים הינטער אונדז.

די רוסן מאַכן אַ געגן-אַטאַקע און בשעת מיר ליגן אויף איין פּלאַץ און פייערן נאָך אַ שוואַך פייער-דועל, רינגלען אַרום די רוסן אין געדיכטע מאַסן אונדזער רעכטן פליגל און באַמיען זיך צו קומען הינטער אונדזער רוקן.

זיי „פלאַנקירן” אונדז!

פון אונדזערע צוויי מאַשין-געווערן ליגט שוין איינס פון לאַנג איבערגעקערט — קיין איינציקער סאָלדאַט איז דערביי נישט געבליבן. און באַם צווייטן מאַשין-געווער זיצט נאָך דער צוגעפּי־רער איינער אַליין — און ווי משוגע שיסט ער אויס איין גאַרטל קוילן נאָכן אַנדערן. די רוסן זעענען שוין, דאַכט זיך, אויף אַ צען שריט לעבן אים, — און ער שיסט נאָך אַלץ.

— נישט שיסן! שרייט דער רוסישער קאָמאַנדאַנט, אָבער דאָס געטומל איז שוין צו גרויס, זיינע סאָלדאַטן זאָלן אים נאָך דער־הערן. איינער פון זיי לייגט אָוועק מיטן באַיאָנעט דעם צוגעפּי־רער — נישטאָ מער קיין פאַרטיידיקער.

אַלץ, דאַכט זיך, פאַרלוירן. אויב מיר ווילן נישט, אַז אונד־זער ערשטע ליניע זאָל ווערן דורכגעבראָכן, מוזן מיר ווי אַמ־

שנעלסטן זיך צוריקציִען. אָבער אויך דאָס איז שוין צו שפּעט — די רוסן שטייען שוין הינטער אונדזער רוקן.

— „אויסשוואַרמען״! שטורם! — דערהערן מיר פּלוצלינג הינטער אונדז.

דאָס איז אַ דייטשע „סקי־קאָמפּאַניע״, וועלכע קומט אונדז צו הילף. ווי די טײַוולאָנים יאָגן זיי אויף די לאַנגע, האָלצערנע שיך און פאַלן אַרײַן מיט דער גאַנצער קראַפט אין טאָל!

די רוסן גייען צוריק. ס׳איז אָבער שוין נישט מעגלעך אָפּצוראַטעווען אונדזער רעכטן פליגל, — כמעט אַ האַלבער באַטאַליאָן נעמען אַיעק די רוסן מיט זיך.

— הוראַ! — גייען מיר אַלע איבער צום „שטורם״, דערמונטערט דורך דעם קוראַזש פון דער דייטשער קאָמפּאַניע.

נאָך אַ לאַנגן, לאַנגן קאַמף, וועלכער האַלט אָן ביז פאַרנאַכט, בלײַבט די טאַטאַרווקאַ אין אונדזערע הענט.

עס קומט איצט די לאַנגע, לאַנגווײַליקע פּויזע, עס דאַכט זיך, אַז דער גאַנצער קריג שטייט אונטער דער השפעה פון דער קאַלט־פאַרפרוירענער נאַטור און באַווײַזט דעם חשק פון פאַרשטאַרט ווערן אויף איין פלאַץ. אָבער ווי הינטער דער שטילער דעק פון אַ פאַרפרוירן וואַסער יאָגן און רינגלען זיך באַ אונדז די שווערע כוואַליעס פון לעבעדיקן קוואַל: מען פאַרבעסערט די שוצן־גריבער, מען מאַכט באַקוועמער די געלעגערס, און עס איז גאָר שווער אַפילו אַ קלער צו טון: ווען, ווען וועט שוין נעמען אַ סוף? מיר ליגן האַלב געפרוירענע, נישט אויסגעשלאָפענע, און אין האַרץ איז פּוסט ווי די אויגן פון איינגעפרוירענעם, גרויסן רוס, וועלכער ליגט עטלעכע שריט פאַר מיין פראָנט, האַלב פאַרגראָבן אין שניי, די הענט הינטער זיך און די ביקס „שטאָרצאָם״ אָן דער זייט. מען איז פויל אים צו באַגראָבן.

די איינציקע ענדערונג ברענגט נאָר אַרײַן דאָס קעגנזייטיקע

אַרטילעריע־פייער, וועלכעס גרייכט צוביידע זייטן ביז ווייט הינ־ טערן פראָנט און צווינגט אַזוי אַרום די רוסן צו לאַנגע, אומאָנגע־ נעמע תעניתים, — און באַ אונדז צעטרייבט עס די לאַזאַרעטן אין די פעלד־קיכן. דאָס ביסל איבערשיסן זיך, וואָס חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל אין טאָג, זעלטן ווען באַנאַכט, גייט איבער כמעט ווי־ אָן אַן איינדרוק: איינגאַנצן עטלעכע פאַרוווּנדעטע און צוויי טויטע. די אמתע מלחמה־פּלאָג איז אַצינד נאָר דער פראָסט. מיר זענען גע־ צווּנגען אין דער נאַכט צוריקצי׳ען אונדזער ליניע אין די וואָרעם־ אויסגעבויטע שניי־שטיבלעך, און לאָזן איבער אויף דער פּאָזיציע נאָר „פעלדוואַכן", וועלכע דאַרפן היטן, דער שונא זאָל נישט קו־ מען אומפאַרהאָפט. אָבער מאָדנע: וויפיל מאָל מיר קומען פאַרטאָג אויף אונדזער פּלאַץ, טרעפן מיר נישט קיין סימן פון די פעלד־ וואַכן. נאָר זעלטן געפינען מיר אויף זייער פּלאַץ אַ פאַרגעסענעם באַיאָנעט אָדער אַן איבערגעלאָזט רימענטל. די שפּורן אין שניי פירן צום שונא. נעמט מען זיי געפאַנגען, אָדער גייען זיי אַליין אַרי־ בער צום פיינט?

איז אונדזער גאַנצע פּאָזיציע איבערגעקויפט פון רוסישע שפּיאָנען?

— וואָס איז דאָס צום טייוול! — קומט דער אַדיוטאַנט אַ אויפגערעגטער — מיר וועלן דאָך דאָ צוגרונט גיין! דער גענע־ ראַל האָט זיך שוין געסמט אויס בושה פאַרן דייטשן קאָמאַנדאַנט.

אַלע שטוינען און דער אַדיוטאַנט אַליין קוקט זיך אַרום מיט מורא: קענטיק, אַז ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט.

— מיינסט נישט קיין שפּאַס? — פרעגט אים אונדזער הויפּט־ מאַן.

מיר קענען אַלע אונדזער גענעראַל פאָן ה., ווי אַמביציעז ער איז. אָבער ער איז אויך גאַנץ „פראַקטיש": האָט ער דאָך פון זיין

דיוויזיע אייגנס געמאַכט אַ „קאָרפּוס", כדי צו קריגן די „געלט־צולאַגע", וועלכע געבירט אַ קאָרפּס־קאָמאַנדאַנט. עס איז דערום שווער צו גלייבן, אַז אַזאַ „פּראַקטישער", הער זאָל זיך סמען.

— שרעקט אייך נישט — באַרויִקט אונדז דער אַדיוטאַנט מיט אַ שטילן שמייכל — עס איז אים אַ שאָד געווען צו פאַרלירן די „פעלד־צולאַגע", דען ער האָט באַלד געגומען שרייען אויפן קול: „ראַטעוועט מיך, איך וויל נישט שטאַרבן, דען מען וועט זאָגן, אַז איך פיל זיך שולדיק אין דעם פאַראַט!"...

דער אַדיוטאַנט באַשטימט „אָפיצירס־פּאַטרולן", וועלכע דאַרפן דורכפירן אַ שטרענגע קאָנטראָל. גיי איך נאָך מיטן־נאַכט מיט מיין פעלדוועבעל און דריי סאָלדאַטן פון איין פעלד־וואַך צו דער צווייטער און שפּיר נאָך זייער פאַרהאַלטן זיך.

אָנגעקומען צווישן דער צווייטער און דריטער פעלד־וואַך, דערהערן מיר פּלוצלינג שעפּטשענדיקע שטימען, און באַלד טאַקע באַווייזן זיך עטלעכע שאָטנס, וועלכע דערנענטערן זיך פאָרזיכטיק. מיר בלייבן שטיין. אויך זיי האָבן אונדז אַפּנים באַמערקט, דען אויך זיי בלייבן שטיין און שושקען עפּעס צווישן זיך.

— האַלט, ווער איז דאָ? — רופט מיין פעלדוועבעל, און אַ קול אויף אוקראַיִניש ענטפערט באַלד:

— אַן אייגענע פּאַטרול.

שוין גייען מיר ווייטער, אָבער די זאַך קומט מיר פאָר פאַרדעכטיק: איך קען דעם גאַנצן פּלאַן פון די פעלד־וואַכן — ווי קומט אַהער פּלוצלינג אַ פּאַטרול?

— רוף זיי צוריק — זאָג איך צו מיין פעלדוועבעל.

— האַלט! — שרייט ער זיי נאָך.

יענע גייען ווייטער.

— האַלט! — שרייט ער שטרענגער.

זיי בלייבן שטיין.

— פּאַטרול־קאָמאַנדאַנט אַהער!

קיינער פון זיי רירט זיך נישט. מיין פעלדוועבעל זאָגט דאָס זעלבע באַכאַמאַל אויף אוקראַיניש — און ערשט אַצינד קומט צו אַ צוגספירער.

— פון וועלכן רעגימענט?

דער צוגספירער ווערט צעטומלט און רופט אָן אַ רעגימענט. עס שטימט מיט די צייכנס פון זיין מונדיר. אָבער קעמפט דען דאָס רעגימענט אין אונדזער ליניע?

— ווי הייסט דיין קאָמאַנדאַנט?

ער זאָגט עפּעס אַ נאָמען, ווערט אָבער נאָך מער צעטומלט און קאָן נישט דערקלערן, וואָס ער טוט דאָ מיט זיינע אַכט סאָלדאַטן.

— זאָג דעם אמת, הונט, וואָרום איך צעשמעטער דיר די געהירן אין קאָפּ! — לייגט צו דער פעלדוועבעל דעם רעוואָלווער צו זיינע שלייפן.

דער „צוגספירער" קאָן ווייטער נישט שפּילן זיין ראָל וואָרפט ער אַוועק דאָס געווער און הייסט שוין אויף ריין רוסיש דאָס זעלבע טון זיינע לייט. עס איז אַ רוסישער פּאַטרול, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט שפּיאָנירן, און צו דעם צוועק האָט מען זיי איבערגעטון אין עסטרייכישע קליידער.

מיינע דריי סאָלדאַטן רינגלען זיי אַרום, און צוזאַמען גייען מיר באַכאַמאַל דורך אונדזער פעלדוואַכן־ליניע, און ווידער געפין איך נישט קיין שפּור פון די וואַכן! זיי האָבן זיכער אויסגענוצט אונדזער צווישנפאַל מיט דעם רוסישן פּאַטרול און זענען ווידער אַריבערגעלאָפן צום שונא.

צומאָרגנס גיב איך איבער דעם אָבערסט־בריגאַדיר מיין פּראָטאָקאָל וועגן דער נעכטיקער קאָנטראָל. דער בריגאַדיר לויבט שטאַרק מיין פעלדוועבעל און זאָגט צו, אים געבן דערפאַר אַ מעדאַל.

— צו וואָס באַלוינען, הער אָבערסט? — בעט זיך אונדזער הויפּטמאַן. — מיין באַטאַליאָן באַשטייט פון ליוטער פּאַרטעטער. איך בעט געהאָרזאַמסט, הער אָבערסט, מען זאָל מיין באַטאַליאָן „דע צימירן״!

מיטן דערשיסן יעדן צענטן מאַן, דענקט דער הויפּטמאַן אָפּ-צוראַטעווען דעם כבוד פון זיין באַטאַליאָן.

די לעצטע טעג אין די קאַרפּאַטן

אונדזער לאַגע ווערט פאַרצווייפלט: אין די הונדערטער טראָגט מען ווידער דייטשע מאַלדאַטן, וועלכע מען מוז אַמפּוטירן הענט אָדער פיס. מיר, אויף וויפיל עס פאַרשווינט די קויל, פאַרלירן סאָלדאַטן דורך פשוטער דעזערציע. די אַלאַרמירנדיקע בשורות, אַז פּשעמישל קען זיך נאָך האַלטן קוים עטלעכע טעג, צווינגט אונדזער קאָמאַנדאָ אונדז צו שיקן צו אָפּטע אַטאַקעס — „דורכברעכן, כּדי צו ראַטעווען פּשעמישל!״ — אָבער די גליטשיקע בערג שטערן דורכצופירן אַ קאָנצענטרירטן „אָנגריף״, בלייבט דער קאַמף אַ צע-דרויבלטער, און דערפאַר אָפּט אַ נישט געלונגענער.

דער דייטשער באַטאַליאָן לינקס פון אונדז האָט אָנגעזאַמלט אַ גאַנצע מענגע לייכטע באַרג-קאַנאָנען און פּרוווט מיט זיי מאַכן אַ „דורכברוך״ — וואָס באַדייטן אָבער שמאָלע, לייכטע קוילן, וועלכע בלייבן אָפּט שטעקן אין דעם מעטר-טיפן שניי, אָדער ווערן צעשפּריצט ווי ליים אויף די מיט בעטאָן באַפעסטיקטע רוסישע שאַנצן.

ערשט ווען עס קומט אונדזער אַרטילעריע, וואָגן די דייטשן

אן אטאקע. די רוסן שטעלן אקעגן א וואַנט פון בליי און אייזן און צערייסן מיט דעם נאָך מער די דייטשע עקשנים.

— אויסדושען די „קערלע"! — כאַפּט דער דייטשער הויפּט־מאַן דעם זעבל און פירט זיין קאָמפּאַניע צום שטורם — אָבער באַלד כאַפּט ער זיך פאַר דער ברוסט און פאַלט א צעבלוטיקטער אין שניי אַריין.

— זעט, וואָס די „שווינע" האָבן פון מיר געמאַכט — קלאָגט ער זיך, גלייך א גרויסע עוולה וואָלט אים געשען. ער נעמט צו־זאַמען אַלע כּוחות, שטעלט זיך אויף, און נאָקיוועט אַריבער מיט דער פויסט צו די רוסן: — שווינע!

מען טראָגט אים אַוועק.

דער דייטשער קוראַזש האָט אויך אונדז מיטגעשלעפּט, אָבער מיר קענען אַלץ נישט פאַרטרייבן די רוסן. מיר קומען נאָר אַזוי נאָענט צו זייערע אָקאָפּעס, אַז מיר קענען זיך ממש „אַריינקוקן" אין די שיסלען. און אַזוי בלייבן מיר שוין אויף לאַנגע טעג איינס אַקעגן דאָס אַנדערע — ווי קריגערישע הענער. באַנוצט מען די צייט אויף קונציקע „פאַרטלען" און קליינטשיקע אָפּטועכצער:

דעם צוועלפיאַריקן אונגאַרישן שייגעצל, וועלכער האָט זיך צו אונדז צוגעטשעפּעט אין די בערג, טוט מען אָן א קייזערלעכן ראָק, און מען שיקט אים „זיך רייצן" מיט די רוסן. פאַרגנבעט ער זיך אין די פאַרנאַכטן צום נאָענטן וועלדל, ווו עס ליגן די רוסן, — און קומט איינמאָל צוריק מיט א „געפאַנגענעם רוס", ער האָט אים געוויזן ברויט און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז בײַ אונדז וועט ער האָבן מער צו עסן ווי דאָרט, איז דער רוס מיטגעגאַנגען.

אונדזער הויפּטמאַן איז באַגייסטערט און לאָזט דעם קליינעם העלד מאַכן פאַר קאָרפּאָראַל, אָבער שוין אינדערפרי אַנטלויפט דאָס שייגעצל צוריק אין טאָל אַריין: „עס איז אים אין די בערג צו קאַלט".

אָן ענלעכע „סענסאַציע" איז אויך די „קאַדעטעכע" פון די אוקראַאינישע לעגיאָנען, אַ סטודענטקע. נישט נאָר זי גייט אין קאַמף מיט דער מיסטיקסטער מאַן, נאָר זי פאַרגנבעט זיך אָפּט ביז צו די רוסישע אָקאָפּעס, און מיט אַ „געהיימער מאַכט" פאַרשטייט זי אויסצופאָרשן די פּאָזיציעס און ברענגט אָפּט מיט זיך צענדליקער געפאַנגענע. באַווונדערט מען זי און מען גייט אָפּט אין אַ פאַר-נאַכט „אונטערקוקן זיך", וואָס עס מאַכט די שיינע העלדין, — און ווען דער „שונא" אַקעגנאיבער צעזינגט זיך נאָך דערבײַ זײַנע סמענטנע, האַרציקע ניגונים — ליגן מיר אין שנײַ מיט אַ פאַר-האַלטענעם אָטעם, און שפּינען פאַרטראַכט אונדזערע געדאַנקען וועגן נעכטן און מאָרגן...

אפילו דאָס ביסל וואַרפן פון „האַנט-גראַנאַטן" שטערט נישט די „אידיליע" — פאַרקערט, אָפּט מאַכט עס נאָך שפּאַס: מיר וואַרפן די קליינע, בלעכענע „פייער-פּושקעלעך", וועלכע בלייבן אָפּט שטעקן אין דעם ווייכן שנײַ אָן אַ שום פּעולה, — וואַרפן עס די רוסן צוריק מיט אַ ווילד געלעכטער — מען „שפּילט באַל", ביז עס ענדיקט זיך מיט עטלעכע פאַרוווּנדעטע.

שוין נאָך אַן ערנסט „שפּיל" זענען די „מינעס": מען גראָבט זיך אונטער ווי אַ מוילוואָרף, כּדי דעם קעגנער „אַרויסצורײַסן" פון זײַן פּלאַץ. און ווען איינמאָל עס געלינגט נישט, דאָס צווייטע מאָל נישט — עס דערהערט זיך פּלוצלינג אַ דומפּער קנאַל, פון דער ערד זעצט מיטאַמאָל אַרויס אַ שוואַרצער וואָלקן רויך — און אַ גאַנצער דײַטשער שוצן-גרוב „מיט הויז און מויז" פליט אין דער לופטן. עס פאַלן נאָר אַראָפּ צעשמעטערטע שטיקער האָלץ און עפּעס אַ קופּע שמאַטעס — אפילו נישט אין בלוט געטונקען...

די מענטשלעכע גלידער זענען פאַרשוווּנדן ווי אין דעם קורח-ווונדער פון מײַנע חדר-יאָרן: די ערד האָט זיי פאַרשלונגען...

אַרײַנגעטון אין דעם טעגלעכן הו-הא פון קריג, האָב איך

אליין נישט באמערקט ווי ווייט מיין געזונט האט זיך פארערגערט: די הייזעריקייט האט נישט נאכגעלאזט, דאס שטעכן פארשטארקט זיך — עס באפאלט מיך אפט א מאטקייט, וואס וואַרפט מיך אריין אין א האלב שלאפנדיקן, פיבערישן צושטאנד. מייגע קאמעראדן באמערקן עס און טרייבן מיך פשוט צום דאקטאר. אבער איך בין נאך אלץ פארעקשנט: זיי האבן דאך געזאגט, אז איך בין געזונט...

איך ווייס נישט, ווי אזוי עס איז געשען — מען האט מיך אפנים אראפגעטראגן פון דער פאזיציע, — דען עס שטייט לעבן מיר דער גוטהארציקער דר. אדל. איך געפין זיך באם דאקטאר פון דיוויזיע-שטאב.

— דאקטאר ז.! — רופט דער שעף א צווייטן, וועלכער שלעפט א צאן בא אן אונגארישן גוי, און די קולות גייען ביז אין הימל אריין, דען דער צאן האט שוין צום דריטן מאל זיך אפגע- בראכן.

אלע דריי באקלאפן זיי און באטאפן מיך, אז איך האב שוין קיין כוח נישט צו אטעמען.

— איז עס דען אזוי ערנסט? — פרעג איך מיין דאקטאר אדל.

— נישט ערנסט, נישט ערנסט, אבער שוין צייט זאלסט גיין אהיים, שוין גענוג געקעמפט! — צעשרייט ער זיך, גלייך איך וואלט געווען דער שולדיקער אין דעם.

זיי שיקן מיך אין פעלד-שפיטאל און גיבן מיר א צייגניש אויף לאטיין: „כראנישע הייזעריקייט, דערוויטערטער לונגענשפיצן- קאטאר, אביעקטיווע דערשיינונג פון טובערקלאז"...

— נישטא קיין וואגן — איז פארזארגט דער יידישער דאק- טאר.

— מאכט נישט אויס, איך וועל גיין צופוס — וויל איך אליין מיר מאכן קוראזש און נעם תיכף מיין פעקל.

אָן אַ דינער שלעפּ איך מיך אַליין קראַנקערהייט. די נאַכט פאַלט צו, — קיין לעבעדיק באַשעפעניש אין דער גאַנצער סביבה, און אויסער דעם ווייטן, דומפן קנאַל פון קאַנאָנען הערט זיך נישט קיין שאָרך.

די לעצטע בשורה פון די דאָקטוירים עגבערט אין מוח. אויפן האַרץ איז גאָרנישט פריילעך.

עס באַווייזט זיך אַ גרופּע פאַרשנייטע הייזלעך. די קליינע פענסטערלעך קוקן מיט אַ מוראדיקער שוואַרצקייט.

איך נעם צוזאַמען אַלע כוחות, אַהין זיך צו דערשלעפּן.

פאַר אַ טיר זיצט אַ ייִדישער זעלנער.

— נאָך ווייט אין פעלד-שפּיטאָל?

— באַ אַ דריי, פיר שעה גאַנג.

איך פיל, אַז אַזוי לאַנג וועל איך עס נישט אויסהאַלטן, איך מוז אַריינגיין איבערנעכטיקן, אויב איך וויל נישט ערגעץ אַנידערפאַלן אין מיטן פּוסטן וועג.

— פעטער, איך קאָן נישט ווייטער גיין, איך מוז דאָ נעכטיקן — רעד איך דעם זעלנער אין אויער אַריין, ווען ער דערהערט מיך שלעכט.

— מיר זענען דאָ אַפילו באַ אַ דרייסיק פאַרשוין — נעמט ער מיין פעקל — אויב אָבער הער פענריך ווילן.

ער פירט מיך אַריין.

די דושנע לופט אין ענגן שטיבל פילט זיך נאָך פון פּאַפּ און לעדער, און איך צעהוסט זיך שטאַרק.

— אָ, יע! אַזוי צוגעקילט — הערט זיך אַ דיקע, שמאַלציקע שטימע פון אַ דייטש.

— אַ קראַנקער — שעפּטשעט דאָס יידל אין דער פינסטערקייט אַריין.

— מאַכט ליכט! — קאָמאַנדעוועט עמעצער.

ס'טוט אַ בליץ אַ שוועבעלע און צוויי הענט צינדן אָן אָר־זיכטיק אַ ליכטל, וועלכעס שטייט אָנגעשמאָלצן אויף אַ לאַנגן, האַל־צערנעם טיש. אויף די ווינקלען און ווענט צעפּאַלן זיך שאָטנס פון דייטשן און עסטרייכער, וועלכע זיצן אויף דער ערד אָדער אויף האַלב־צעבראָכענע בענקלעך. מען העלפט מיר אַראָפּשלעפּן דעם מאַנטל, אויפוויקלען דעם שאַליק. — און ערשט אַצינד דערקענען זיי מיך: אַלע שטעלן זיך אויף צום באַגריסן.

עס איז דאָ אַ מיליטערישע שוסטעריי, אָבער ווער עס האָט נישט ווו צו בעכטיקן, געפינט דאָ אַ שטיקל פּלאַץ.

די דייטשן נוצן אויס דאָס ביסל ליכט, כאַפּן זיך פאַר אַן אַלט שטיקל צייטונג, שטופּן צוזאַמען די קעפּ און פאַרשלינגען יעדעס וואָרט. און אונדזערע רוטענישע און פּוילישע פּויערים זיצן אין די ווינקלען מיט די פיס אונטערגעשפּאַרט, ציִען דאָס לעצטע סיגאַרעטל, ביז די פינגער ווערן אָנגעברענט, און דערציילן זיך מעשיות.

— מען דאַרף טרינקען מילך — ראָט מיר אַ דייטש, אָבער די יונגע גויע מיטן אַלטן, צעקנייטשטן פּנים „האָט נישט קיין מילך".

— דאָס איז אַן אָפיציר, — ער וועט גוט באַצאָלן — רוימט איר איין דאָס יידל, און דאָס ווירקט, דען זי דערלאַנגט מיר באַלד אַ טעפּל הייסע מילך מיט צוויי רויע אייער, און מיט געוואַלד מוז איך עס אַראָפּשלינגען.

מען טרעט מיר אָפּ דאָס גרויסע גוישע בעט, אויף וועלכן עס פלעגן ליגן זיכער זעקס ביז זיבן פּאַרשוין. אומזיסט בעט איך דעם וואַכמײַסטער־פעלדוועבל ער זאָל זיך צולייגן לעבן מיר.

— דעקט אייך איין איבערן קאָפּ, דען „לעבעדיקס" לאָזט נישט שלאָפן — וואָרנט ער מיך און דעקט מיך טאַקע אַזוי איין, אַז איך קען קוים אַרויסשטעקן אַן אויג.

אויף די איבעריקע לייגן זיך אויס, און באַלד דערהערט זיך אַ שנאָרכן פון יעדן ווינקל, פון די בענק און טישן, פון אויף דער

הרובע — אַפילו אונטער מיין בעט און אויף דער ברייטער פּאָלי־צע איבער מיין קאָפּ ליגן צוזאַמענגעקאָרטשעטע סאָלדאַטן. די גויע מיט די דריי קינדער, מיט אַ קראַנקער שוועסטער און אַ בלינדן, האַלב־משוגענעם פאָטער וואַלגערן זיך אויפן פּריפּעטשיק.

מען האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט. אין דעם שרעקלעכן שנאָרכן פּרוקעט אַריין מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער דער האַלב־משוגע־נער זקן:

— באַ סטעפאַן... דעם שוואַרצן... נישטאָ סאָלדאַטן... באַ מיר... יאָ...

אַ צווייי, דריי דייטשן זיצן נאָך באַ אַ בענזאַלישן אַפּאַראַט און ווילן, דאַכט זיך, אויסנוצן די פינסטערניש, אַרויסצובאַקומען אַ נע־גאַטיוו. און יעדעס מאָל, ווען דאָס גרין־געלע ליכט גיט אַ שטראַל איבערן שטיבל, דערזע איך אויפן פּריפּעטשיק דאָס יונגע שיקסל, וועלכעס ליגט אויף אַלע פיר מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און גלאָצט צו מיר אַריבער מיט אירע הייסע קאַצן־אויגן, גלייך זי וואָלט מיך וועלן איינשלינגען.

אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר קאַנאָנען־שפּייז

אינדערפרי שטייט שוין צוגעגרייט אַ הייסער טאָפּ מילך. אַ דייטשער פעלדוועבעל גיט אַריין אַ גרויס שטיק פּוטער, און איך טרינק פון דעם אויס אַ פול גלאָז, דאָס רעשט צעטייל איך צווישן די זעלנער. איך באַצאָל דער גויע מער ווי זי פאַרלאַנגט און לאָז זיך אין וועג אַריין. אָבער מיינע פיס טראָגן נישט — מען מוז מיך

פירן. פארהאלטן די סאלדאטן א פארבייפארנדיקע פור און מען לייגט מיך ארויף.

ליג איך אויסגעשטרעקט און ציטער אין פיבער — די פאר־היילטע ווונדן דערקוטשען שטארק. פלוצלינג — א דומפער קרעכץ פון וואגן — און מיר ליגן איבערגעקערט אין בלאטע!

מיר איז שוין אלץ איינס? דורכגעפרוירן, די שלעפן טשמע־לען, אין ברוסט שטעכט, פארמאך איך די אויגן פונקט ווי אין יענעם גראנאטן־טאנץ, ווען איך האב זיך געריכט אויפן טויט, און וויל שוין אפילו נישט א קלער טון, וואס ווייטער וועט זיין.

מען שלעפט מיך אפער פון אונטערן וואגן און אויף א הארטן שליטן פארפירט מען מיך ביז צום פעלד־שפיטאל.

איך נעם וואנדערן פון איין באראק אין צווייטן — קיין שום דאקטאר וויל מיך נישט אויפנעמען: זיי האבן קיין פלאץ נישט. ענדלעך איז איינער זיך מרחם און פירט מיך אריין אין א פויערן־שטיבל. א בלייערנע, פארנאכטיקע מרה־שחורה הענגט איבער די עטלעכע און צוואנציק קראנקע, וועלכע ליגן צו צווי אויף די הארטע טאפטשאנעס. די צווי אנגעצונדענע קאניצלעך דערמאנען אן טויט.

איך פיל, אז קוים לייג איך זיך דא אוועק, וועל איך שוין אזוי גיך נישט קענען אויפשטיין. איך געדענק נאך גוט דעם טעם פון שפיטאל... גיי איך ארויס נאך א קוק טון אויף דער פארפרוי־רענער וועלט, — זיך אפגעזעגענען מיט דער „פרייהייט".

אויפן הויף צעהאקן זעלנער א קעמערל, זיי באנוצן די ברע־טער צום פארשלאגן אויסגעהאקטע שויבן אדער צום הייצן. דאס טון זיי נאר אויס פוילקייט — דען נישט וויט געפינט זיך א וואלד און א טארטאק מיט לאנגע, גייע ברעטער.

אין מזרח פארטונקלט זיך דער הימל: די נאכט קומט אן מיט איר גאנצער שווארצקייט, גלייך אלע דיקע וואלקנס וואלטן דארט

זיך פאַרזאַמלט. פייערדיקע זיג-זאַגן שלענגלען זיך פון איין עק צום צווייטן און פון גאָר ווייט הערט זיך שוואַך דאָס פּאַרטעטרישע סיטשען פון די קאַנאָנען.

עפּעס זיפצט זיך טיף אין דער נשמה און איך גיי אַריין צוריק. דאָס אויקען פון די קראַנקע ווערט שטילער. די אונגאַרן האָבן שוין אויסגערעדט זייערע פולע מיילער און דערענדיקן דאָס לעצטע פּאַפּיראָסל — מען ווערט אַנטשלאָפן.

— פּאַרטיק מיטן „דינסט"? — וועקט אונדז אינדערפרי אַ הויפטמאַן.

איך קען אים: דער גרעסטער לא יצלח אין דער פּאָזיציע, דרייט ער זיך שוין זייט וואָכן אין פעלד-שפּיטאָל, כאָטש די דאָק-טוירים האַלטן אים פאַר געזונט. אָבער ער לאָזט זיך נישט אַוועק-שיקן: אין דער פּאָזיציע איז געפערלעך, און זאָל מען אים אינ-גאַנצן באַפרייען, בלייבט ער בא אַ קליינער פּענסיע. האַלט ער דאָ גאַנצע לעקציעס איבער טאַקטיק און עקאָנאָמיע, בפרט וועגן „אָרדנונג" — דאָס איז זיין „רייטשטעקן". יעדן ביי-געקומענעם פרעגט ער אויס, ווי אַן אַלט-געזעסענער אַרעסטאַנט פרעגט אויס אַ פרישן קאַמעראַד. איצט איז ער דער משגיח איבערן נייעם „דינסט"; וואָכנלאַנג אין דער זעלבער וועש, נישט געוואַשן, נישט גערייניקט, איז דער פעלד-מענטש פאַרלאָזט, און צו די אַלעליידן און מאַטערנישן איז צוגעקומען אַ נייע פּלאָג — איינע פון די שרעקלעכסטע מכות אין קריג: די פּאָלגן פון נישט ריינער וועש איך אַ נישט ריינעם קערפּער. זיצט יעדער מיטן העמד אין דער האַנט און „רייניקט" זיך — און דער הויפטמאַן קאָנטראָלירט די „אַרבעט".

פאַרטיק מיט דער „דינסט", מעסט מען יעדן די טעמפּעראַ-טור. די נאַכט אין וואַרעמען שטיבל האָט אָפּנים אַ סך גוטס גע-טון, דען מיין פיבער איז געפאַלן. און דאָך קאָנסטאַטירט בא מיר

דער אַסיסטענט־דאָקטאָר א שווערן פאַל פון לונגענשפּיצן־קאַטאַר און כראָנישער הייזעריקייט.

— פון וואָס זאָל ער געזונט זיין? — שרייט דער דייטשער הויפּטמאַן מיט דער קויל אין די לונגען — מען גיט דאָך אים קיין עסן נישט!

דער דאָקטאָר בעט זיך באַם הויפּטמאַן ער זאָל נישט רעדן: גאַנצע גלעזער בלוט שפּייט ער פון זיינע לונגען.

— ווו איז דער ווין פון די אונגאַרישע מאַגנאַטן, די גזי־נער! — שרייט דער הויפּטמאַן נאָך העכער.

שפּעט אין אָוונט קומט דער דאָקטאָר פון שטאַב, מיט אַ צעטל און אַ קליין עלעקטריש לעמפּל אין דער האַנט גייט ער פון איין קראַנקן צום צווייטן און פאַרשרייבט, וואָס דער אַסיסטענט־דאָקטאָר זאָגט אים. דאָס איז די „אונטערזוכונג“.

— דעם וועל איך מיר מאָרגן אַליין אָנקוקן — פאַרטשעפּעט ער זיך אָן מיין יידישן נאָמען און מאַכט אויפן צעטל אַ פראַגע־צייכן.

קיין מעדיצין גיט מען נישט, אָבער אויך קיין עסן קריג איך נישט: איך האָב נישט קיין דינער, איז נישטאָ, ווער עס זאָל עס מיר ברענגען. אפשר טאַקע צוליב דעם איז אויפן צווייטן טאָג מיין פיבער אַ סך קלענער. אָבער דאָס איז אויך מיין חסרון: פי־בער איז אין פעלד דער איינציקער באַווייז, אַז מען איז קראַנק.

— איר זענט אַ געזונטער מאַן, איר קענט אַראָפּגיין — בלייבט דער שטאַב־דאָקטאָר שטיין פאַר מיין געלעגער.

— עס שטעכט אין ברוסט — הייב איך אָן.

— רעדט הויך! — צעבייזערט ער זיך — עס וועט אייך גאָר־נישט העלפן, וואָס איר מאַכט זיך הייזעריק, איר קענט גאַנץ גע־זונט רעדן!

עס איז קלאָר, אַז ער וואַרפט מיר פאָר „סימולאַציע“. דאָס

בלוט זעצט מיר אין פנים פאַר בושה און אין מיין אויפרעגונג זאָג איך אים אַ סך ביטערע אמתן, פאַר וועלכע ער קען מיך שטעלן פאַרן קריגס-געריכט.

איך נעם זיך אַנטון.

— ווייזט אויס צו זיין אַ זער „צאַרטפיליקער" הער — ווענדט ער זיך צום אַסיסטענט — וואָס איז ער אין ציוויל?

דער אַסיסטענט ווייזט אים מיינע דאָקומענטן, און אין זעלבן מאָמענט ווערט דער שטאַב-דאָקטאָר אַ גאַנץ אַנדערער מענטש.

— ווייזט נאָר די צונג — באַטראַכט ער מיך — אָבער נאַטירלעך, עפּעס פעלט אייך זיכער. איר מוזט דאָ בלייבן עטלעכע טעג.

— אַכטונג געבן אויפן הער פענריך — זאָגט ער אָן דעם אַסיסטענט.

— ער האָט מורא געקרוגן, זאָלסט אים נישט באַשרייבן אין די גאַזעטן — לאַכט דער אַסיסטענט, נאָכדער ווי דער שטאַב-דאָקטאָר איז אַוועק.

עס קומען זעלנער מיט גרינע סאָסנע-צווייגן און נעמען „דעקאָרירן" דאָס שטיבל. עס העלפט נישט דאָס קרעכצן און איקען פון די קראַנקע — די „דעקאָראַטאָרס" פאַרקלאַפּן זיי מיט די האַמערס: מען זאָגט, דער קייזער ווילהעלם וועט קומען „וויזיטירן"! און באַלד קומט צו לויפן דער פעלד-מאַרשאַל-לייטענאַנט פאָן ה. אַליין.

— ווי לאַנג ליגט ער דאָ? — ווייזט ער אויף אַן אָפיציר.

— דעם אַכטן טאָג, עקסעלענץ. — אינפאָרמירט דער אַסיסטענט-דאָקטאָר.

— שוין צייט געזונט צו ווערן! — צעבייזערט זיך זיין עקסעלענץ — מאָרגן אין דער פייער-ליניע!

דער אַסיסטענט פאַרצייכנט דעם אורטייל פונעם גענעראַל.

— און דער דאָ?

— די צווייטע וואָך.

— אַרויס מיט אים! מאָרגן אין דער פייער-ליניע.

— וואָס איז מיט דעם?

— לונגענשפּיצן-קאַטאַר.

— איך זע עס נישט. מאָרגן פרי אין דער פייער-ליניע! איך וויל נישט האָבן קיין פולע שפּיטאָלן, ווען זיין מאַיעסטעט וועט קומען! — שרייט דער גענעראַל.

דער אַסיסטענט באַטירט אַלץ און גאַנץ פרי שיקט מען אוועק די „געזונטע" אין דער פייער-ליניע. אָבער מיט דעם אַליין איז מען נאָך נישט יוצא. עס קומט נאָך דער גענעראַל-דאָקטאָר, פרעגט אויס באַם שטאַבס-דאָקטאָר, און „לויט געשמאַק" לאָזט ער נאָך ליגן עטלעכע טעג, אָדער ער שיקט אַוועק אין דער פייער-ליניע:

— וואָס פעלט?

— אַ שוואַך האַרץ.

— דאָס האַרץ איז געזונט — זאָגט ער זיין אורטייל אויפן פּלאַץ.

— איך האָב רעוומאַטישע שמערצן.

— שוין לאַנג?

— זייט עטלעכע יאָר.

— זענט איר קראַנק געווען אין ציוויל, און איר ווילט, אַז מיר זאָלן אייך דאַ אויסהיילן? אין פעלד אַריין.

— „בראָנכיטוס".

— דאָס איז נישט קיין קריגס-קראַנקהייט. אין דער פייער-ליניע.

אַ פענריך פון אונדזער באַטאַליאָן רעדט אים איין, אַז זיין פינגער איז קרום געוואָרן פון אַ וווּנד, — און גראָד דאָס העלפט; מען באַשטימט צו שיקן דעם פענריך אין „הינטערלאַנד" אויף אַן אָפּעראַציע.

אַצינד וואַרט א י ך אויף מיין „אורטייל“.

— וואָס פעלט?

— הייזעריק — מעלדעט אים דער שטאַבס-דאָקטאָר.

— מאָרגן אין פעלד אַריין! אין די קאַרפּאַטן איז דאָ פרי-שע לופט.

און צופעליק באַפאַלט מיך אַ שטאַרק הוסטן.

— וואָס איז? — שטעלט זיך אָפּ דער גענעראַל-דאָקטאָר.

— דער דיוויזיע-דאָקטאָר האָט קאָנסטאַטירט לונגענשפּיצן-קאַטאַר — זאָג איך נישט זיכער.

— מיט אַזאַ פּנים האָט מען נישט קיין לונגען-קאַטאַר — איז דער גענעראַל-דאָקטאָר שוין מילדער און נעמט פּאָרט מיך קלאַפּן איבער דער ברוסט און פּלייצע.

— פרי?ער דאַרף מען אונטערזוכן, הער קאָלעגע — גיט ער אַ ביין קוק אויפן שטאַבס-דאָקטאָר און הייסט עפּעס פאַרנאָטירן.

וואָס ער האָט באַ מיר אויסגעפונען, ווייס איך נישט, אָבער צומאָרגנס ליג איך שוין גרייט צום אָוועקפירן אין שפּיטאָל קיין ס. צוזאַמען מיט מיר שיקט מען אַוועק צוויי געשלעכטס-קראַנקע אָפיצירן, איין טיפוס-קראַנקן און דעם לונגען-קראַנקן לייטנאַנט, וועלכן מען האָט ערשט נעכטן צוריקגעשיקט אין דער פייער-ליניע. אויפן וועג צו דער פּאָזיציע האָט דער לייטענאַנט באַקומען אַ בלוט-שטורץ, און איצט ליגט ער אין גסיסה.

באַך איידער עס פאָרט אָן דער קראַנקן-וואָגן, ווערט דער לייטענאַנט אויסגעלייזט אויף אייביק.

מיטן קראַנקן־צוג.

כמעט אַ גאַנצן טאָג וואַרטן מיר, ביז צופעליק פאָרט פאַרביי אַ טראַין־קאָלאָנע מיט איינגעקנייטשטע פערדלעך און נאַס־פאַרשנייטע בוידן — אַ דרייסיק ביז פערציק וואָגנס. מען נעמט אונדז אויף, נישט איינער מאַכט איצט דעם לעצטן שפּאַציר אויף דער ערד... שרייען זיי נישט און אויקען נישט, אָט די שווער־קראַנקע און פאַרוונדעטע. מאַטע, מיט געלע פּנימער און מיט פאַרמאַכטע אויגן שווייגן זיי אַ שטומע דאַנקבאַרקייט צו די באַרמהאַרציקע גויעס, וועלכע האָבן זיי פאַרהילשטע, אויפגעקליבן פון די זייטיקע ראָוון...

איך מיט נאָך אַ פּענריך ליגן אויפן אַכטן אָדער צענטן וואָגן, און די דינאַמיט קעסטלעך אונטער אונדז בוטשקען און שטויסן מיט די שאַרפע קאַנטן. שלעפּ איך נאָר מיין מאַנטל אויף אַלע עקן, איך זאָל נישט דערפרוירן ווערן, און גלייב נישט, אַז מען האָט מיך פריי געלאָזט פון יענער שלאַכטן־לאַבאָראַטאָריע, וווּ נאָר דער טויט קען איבערצייגן דעם דאָקטאָר, אַז מען איז באמת געווען קראַנק.

— לאָזט מיך פאָרויס, איך פיר פאַרוווּנדעטע — וויל אונ־דזער פורמאַן איבעריאָגן די אַנדערע און באַטאָנט אייגנס „פאַר־וווּנדעטע“, וועלכעס גיט דעם ענין אַ „גרעסערע באַדייטונג“ ווי „קראַנקע“.

— מיר פירן אויך פאַרוווּנדעטע — זענען ברוגז די אַנדערע פורמאַנעס.

— אָבער איך פיר אָפיצירן — נעמט זיך אונדזערער איבער.

און דאָ העלפן שוין נישט קיין שום טענות: מען מאַכט אים פּלאַץ, און אַזוי אַרום דעריאָגן מיר דעם קורצן שליטן פון דעם לאַנגן דייטשן הויפּטמאַן מיט די דורגעשאָסענע לונגען. דער הויפּט־

מאַן איז זיך גאָר מחיה, און נישט קוקנדיק אויף דעם שטאַרקן בלוט-פאַרלוסט, נעמט ער טענהן אויפן הויכן קול:

— דאָס דייטשע פאָלק וועט נישט דערלאָזן, מען זאָל אויפגעבן בעלגיע.

— ווילט איר אייך איבערצייגן וועגן דעם? — גיט ער זיך אַ זעץ אויף אין שליטן און גיט אַ שטאַרקן קרעכץ. — לאָמיר מאַכן אַ פּרוווּ.

— זאָגט איר אייך אָפּ פון בעלגיע — פרעגט ער דעם דייטש, וואָס קומט אונדז אַקעגן.

— פון בעלגיע? ניין — ענטפערט פעסט דער דייטשער סאָלדאַט.

— און ווען די רעגירונג זאָל עס אָפּטרעטן?

— דאַן, הם... — וואַגט נישט דער דיסציפּלינירטער דייטש צו זאָגן, אַז עס וואָלט געקומען צו אַן אויפשטאַנד — אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן, און אָפּזאָגן זיך?...

ענדלעך ענטפערן כמעט אַלע אויפגערעגטע. די אויגן בײַ אונדזער הויפּטמאַן גלאַנצן פאַר פרייד. עס ווייזט אָבער אויס, אַז אויך אים האָט דער שמועס שוין אָנגעשטרענגט, דען ער בלייבט פּלוצלינג שטיל, קאָרטשעט זיך נאָך מער איין, און לאָזט זיך וואַרעם איינהילן אין אַ פעלץ, וואָס זיין דינער האָלט צוגעגרייט.

אויך אונדז ווערט וואָס אַמאָל קעלטער, מיינע פאַרשטאַרטע פיס ליגן ווי קלעצער.

איך זע שוין אין דער פאַנטאַזיע די בוידעס און בלויע צייכנס אויף מיינע ווונדען, — גראָד יענע ערטער דערקוטשען מיר צום מייסטן.

די קליינע פעלד-באַן, וועלכע דראַפּעט זיך דאָרט אויפן העכסטן שפּיץ, האָט זיך יאָמערלעך צעפּייפט, איז שטיין געבליבן — אויך מיר בלייבן שטיין. די צעהיצטע פערד פאַלן צו צום קלאָרן

שניי און קייען מיט דער גיריקייט פון אַ וואָכנלאַנג פאַרשמאַכטן. זעלנער לויפן אַקעגן און נעמען אַריינטראָגן די קראַנקע אין באַראַקן, פונוואַנען די באַן דאַרף אונדז פירן גלייך אין שפּיטאָל אַריין. אַ דייטשער סאָלדאַט ראַטשקעוועט זיך אויף די קני, ביידע פיס פאַרוויקלט אין שמאַטעס: זיי זענען אָפּגעפרוירן — און קיינער נעמט זיך נישט די מי אים צו פאַרהעלפן אין זיינע גייטיקסטע באַדערפענישן. . .

אַ זעלנער וויל מיך אַראָפּנעמען פון וואָגן.

— יענער דאַרט דאַרף עס נייטיקער — שיק איך אים צום דייטש, וועלכן ער נעמט תיכף אויף די פּלייצעס.

דער דייטש פאַרשעמט זיך שטאַרק: ער דערפילט זיך אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד, נאָר ער קען נישט דעם זעלנער מיט דער ברייטער פּלייצע אַ גלעט טון, ווי ער וואָלט עס זיכער טון ווי זיין מוטער. . .

די טיר צום אָפּעראַציע-שטיבל איז אָפן. ווי פרימיטיוו דער באַראַק איז, איז זיי דאָך געלונגען צו באַקומען אַן עלעקטרישן שטראָל — אַוודאי פון דער באַן-סטאַנציע „בעסקיד“, — די איינציקע געביידע אין דער גאַנצער סביבה, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן נאָך דער גרויסער פאַרניכטונג. אויף דעם פרימיטיוון, האָלצערנעם טיש ליגט אַ דייטשער סאָלדאַט, אויסגעטון פון די פיס ביז צום גאַרטל. נישט קיין פיס אייגנטלעך, נאָר צוויי שוואַרצע, אָפּגעפרוירענע שטיקער גלידער, — און מיט די אויגן אַריינגעגלאָצט אין די צוויי עלעקטרישע לעמפלעך, וואָס איבער זיין קאָפּ, וואַרט דער אומגליקלעכער אויף דעם אַמפּוטירן. . .

אין גרויסן באַראַק ליגן אַרום פיר ביז פינף הונדערט קראַנקע און פאַרוווּנדעטע, די עלעקטרישע לעמפלעך וואַרפן נאָר אַ האַלבשיין, דען דער רויך פון די אייזערנע אייוועלעך [?] גייט נישט אין קוימען אַריין, נאָר צעשטראָגט זיך גלייך איבער דער סטעליע און

די האַלצערנע ווענט. עטלעכע דאָקטוירים דרייען זיך אַרום די קראַנ־קע, זיי ווילן העלפן נאָר האָבן נישט מיט וואָס. און אפשר זענען זיי נאָר אָפּהענטיק פון דער צו גרויסער אַרבעט?... פאַרטיילן זיי דערווייל טיי מיט צוויבאַק. די דייטשע סאָלדאַטן ליאַרמען, בייזערן זיך, פאַרוואָס מען פאַרטיילט אַזוי פּאַוואָליע, באַקומען זיי טאַקע צו צוויי און צו דריי פּאָרציעס. אונדזערע זעלנער זענען באַשיידן, זיפצן שטיל און בעטן מיט אַ פאַרטרוקנטן גימען — אָבער ווער הערט זיי!...

— אמת, אַז מיר האָבן דאָ שיין זיך עטאַבלירט? — רעדט עפּעס צו מיר דער רעגימענטס־דאָקטאָר, — אָבער מיר נעפּלט פאַר די אויגן, דער שטערן און די באַקן גליִען, די ליפּן זענען ווי פאַרדאַרטע בלעטער אין אָסיען — אפנים, דער וועג האָט מיך אויף דאָסניי אַריינגעוואָרפן אין פיבער.

אַרום מיטערנאַכט טראָגט מען אַריין מיך, דעם פּעגריך און דעם דייטשן הויפּטמאַן אין אַ קאַלטן, ליידיקן באַן־וואַגאָן און מען לייגט אונדז אויף אַ ביסל אונטערגעשפּרייטע הובלענקעס. נאָך אַ שעה וואַרטן נעמט דער צוג גיין. אָבער קוים פאָרן מיר אָפּ אַ דריי קילאָמעטער, מוזן מיר זיך אומקערן. אפנים איז עפּעס געשען. און ווי־דער וואַרטן מיר אַ צוויי שעה נעבן די באַראַקן, ביז דער צוג נעמט שוין גיין אין רעכטן אמת. דעם הויפּטמאַנס דינער פּאַקט מיך איין אין די הובלענקעס, פאַרוויקלט מיך אין אַ וואָלענע קאָלדרע — אָבער די קעלט שניידט. קנעפּל איך אויף מיין פּאַזוכע און שטעק אַריין די הענט, כּדי זיי אַ ביסל אויפוואַרעמען אָן אייגענעם לייב. די פיס פיל איך נישט מער.

ערגעץ בײַ אַ סטאַציע בלייבן מיר שטיין. מען קלאַפּט אין פאַרמאַכטן פערד־וואַגאָן:

— וויפיל מאַן?

— הריי אָפיצירן און צוויי דינער

— ראָם ברענגען! — שרייט עמעצער אין דרויסן.

— וואָס שטערן זיי, די קערלען! — איז ברוגז אונדזער הויפּטמאַן, וועלכער ליגט אין פיבער.

מען דערלאַנגט אונדז טיי מיט ראָם און שטיקער ברויט.

איך נעם צוזאַמען אַלע מיינע כּוחות און שפּרינג אַרויס פון וואָגן, כּדי אַ ביסל זיך צעוואַרעמען.

— צו וואָס טיי? געקאָכט וואַסער זאָל מען ברענגען! — הער איך געוואַלדעווען דעם הויפּטמאַן.

זיין דינער לויפט זוכן געקאָכט וואַסער, און ווען ער קומט צוריק מיט גאָרנישט, באַקומט דער הויפּטמאַן בלוט־שטורץ פאַר אויפרעגונג. מיר די פאַרגליווערטע פינגער מוזן מיר אים ראַטעווען. דער צוג גייט ווייטער, און ווידער טוליען מיר זיך איין אין אונדזערע נעסטן. אין אָנהייב וואַרעמט אַ ביסל די הייסע טיי מיט רום. באַלד אָבער נעמט ווידער דורך די קעלט, אַ נערוועזער דראָזש לויפט דורך דיביינער. איך קאָרטשע זיך צוזאַמען ווי אַ יעזש, זיפץ נישט ווילנדיק פאַר ווייטיק, און די טרערן לאָזן זיך מיר פאַר קעלט — איך וועל עס נישט אויסהאַלטן!

און דאָ קומט אַ זיסע ישועה, וואָס ראַטעוועט פון אַלדאָס בייז: אַ שווערער דרימל וויקלט מיך איין אין זיין נעפּלדיק־בלייערן געוועב.

אַ דינער וועקט אונדז: ער האָט צופעליק באַמערקט, אַז אַלע זענען שוין אַוועק און אונדז האָט מען איבערגעלאָזט אַליין. שעהן שטייט שוין אונדזער פאַרמאַכטער וואַגאָן אויף די רעלסן, ווי אַ פאַרשלאָסענער קאַסטן מיט אַ „געפערלעכער סחורה" — מען האָט אָן אונדז פאַרגעסן.

דעם הויפּטמאַן נעמט מען אַוועק אין אַ דייטשן לאַזאַרעט, דעם פענריך שיקט מען ווייטער קיין גראַץ, ווייל — דער דאָקטאָר וויל גראָד איבערשיקן אַ גרוס צו זיין דאָרטיקער „פלאַמע", — און מיך פירט מען אין שטאָטישן שפּיטאָל.

דער באַראַק, ווו עס ליגט די מאַנשאַפט, איז אַ ריזיקער זאַמלפלאַץ פון עלנט און צער. פון דער צעוואָרפענער וואַטע און בלוטפלעקן שרייט אַרויס דער ווייטיק און יאָמער פון הונדערטער אומגליקלעכע. דאָס אויג קען נישט רוען אויף די בלייכע, אויסגעקרומטע פנימער — זייער עלנט דערוועקט אַ רחמנות צו זיך אַליין.

איך שלעפ זיך אַרויף אויפן ערשטן שטאָק. די טרעפ דרייען זיך מיט מיר. עס קומט אַקעגן אַ קליינער קאָרפּאָראַל, בלוט און מילך, נעמט איבער מיינע דאָקומענטן, מאַכט אויף אַ טיר און ווייזט, דאַכט זיך, אַ בעט. איך טרעף דאָרט עפעס קראַנקע דייטשע אָפיצירן? איך שטעל מיך פאַר מיט אַ פאַרפלאָנטערטער צונג, און ווייס אַליין נישט, וואָס עס קומט פאָר: אַ נעפל ציטערט פאַר מיר — אַרום מיר — וועבט אײַנגאַנצן איין מיינע אויגן. עפעס אַ לאַנגער העלפט מיר זיך אויסטון — איך פאַל אַריין אין אַ קלאָרווייס בעט, און ווער אַנטשלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף.

— איך עפן די אויגן בײַ עלעקטרישער באַלייכטונג. לעבן מיין בעט שטייען איינגעבויגן אַ דיקלעכע, שוואַרצע קראַנקן-שוועסטער און רעדט עפעס אונגאַריש. בײַ מיר צופוסנס איז עפעס אַ באַקאַנט פנים — דער „אונטער-דאָקטאָר". ער שמייכלט שווייגנדיק. נישט אַ געוועזענער חבר מיינער?

איך דערפיל זיך מיט אַמאָל היימישער און ווייז אים מיט דער האַנט, ער זאָל זיך זעצן אויף מיין בעט — נאָר איך קען קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן.

ערגעץ בײַ אַ טיש קלינגט געשיר — מען עסט, דאַכט זיך, אָוונט-ברויט. בײַ מיין בעט ליגט אַנגעלייגט אַ הויפן געקאָכטע אייער און מאַרציפּעס געברייטערט פלייש — מיין נישט געגעסן אָנבייסן און מיטאָג.

— ווילן הער פענריך שוין עסן אָוונט-ברויט? — הייבט

אָן אַ סאָלדאַט אויף אונגאַריש, פּרוּווט זיך שפּעטער אויף דייטש און קומט אַרויס אויף אַ גאַנץ נישקשהדיקן יידיש.

דער אונטער-דאָקטאָר הייסט אים מיך לאָזן צורו. און ווי־דער שמייכלט ער צו מיר. אַצינד בין איך שוין זיכער, אַז ער איז מיין אַמאָליקער חבר. אָבער זיין נאָמען האָב איך פאַרגעסן.

ווער ער מיין נאָמען געדענקען?

— הייסטו נישט ג.?

— יאָ! — גיט ער זיך אַ כאַפּ — און איר זענט דאָך מ.?

ערשט אַצינד דריקן מיר זיך די הענט.

— אַבי אַרויס פונם פיבער — גלעט ער מיך — נישטאָ מער קיין געפאַר.

עמעצער צעזינגט זיך אַ לידל. אַ קליינער כאָר העלפט אונטער און די קראַנקן-שוועסטערס מישן זיך אַריין מיט אַ פרעך געלעכטער.

— אַ גוטע נאַכט! — זאָג איך פלוצלינג, דריי זיך איבער אויף דער צווייטער זייט, און ווידער באַפאַלט מיך אַ שלאָף ווי אויף אייביק.

שפּיטאָל-לעבן

אין מיטן נאַכט כאַפּ איך זיך אויף. אין ווינקל האַלט אַ שיכורער דייטשער אָפיציר אַ גאַנצע דרשה, און ווען עס ווערט אים נמאס דער צו איינזאַמער מאָנאָלאָג, צינדט ער אָן אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך און לייגט זיך אין בעט אַריין דווקא אין זיין זיידענעם פאַראַד-ראָק מיט די קאַגור-הויזן.

מען ברענגט אריין צוויי דייטשע אָפיצירן.

— גוט מאָרגן מיינע הערן!, — איז זייער ערשט וואָרט פונקט נאָך האַלבער נאַכט.

איינער שטעלט זיך פאָר:

— לייטענאַנט פאָן ה. פון דער דייטשער באַטשאַפט אין זיד-אַפריקע.

קוים נעמט ער נאָר דערציילן וועגן זיינע ליידן — ער איז דעוומאַטיש און „נאָך עפּעס" — קלאָגט זיך שוין דער צווייטער, אַז שוין זייט דריי נעכט מוז ער שלאָפן אויף דער הילער בריק: דאָס לאַנגע פארבלייבן אין שוצנגרובן האָט אים אָפּגעווייקט פון אַ ווייך בעט, און די האַרטע בעטן דאָ אין שפּיטאָל זענען סיי ווי צו קורץ פאַר אים.

ער איז באמת אומגעהייער לאַנג, און דאָס איז אויך אַ חסרון אין מלחמה.

באַם אָנבייסן ווערט ווידער אַ טומל: די דייטשן זענען נישט צופרידן מיט דער באַדינונג, דען די אונגאַרישע סאָלדאַטן פאַרשטייען נישט זייער לשון, דרייען זיי זיך ווי די ליימענע גולמס.

— מיר וועלן אייך שיקן אין דער פּאָזיציע, הונטס-קערלע! — סטראַשען זיי די בידנע אָרדאָנאַנסן מיטן טויט אויפן „פעלד פון ערע".

פון די ביינצען אָפיצירן אין דעם גרויסן זאַל זענען מיר קוים צוויי עסטרייכער, פיר אונגאַרן — דער רעשט זענען דייטשן. דער גרעסטער טייל איז ווענעריש קראַנק, האָט נישט דער דאָקטאָר קיין גרויסע אַרבעט.

— נו! — גייט ער פון בעט צו בעט מיט דער זעלבער פראַגע — ווי גייט עס?

— האַרץ-פעלער — קלאָגט זיך דער ניי-צוגעקומענער דייטשער לייטענאַנט, אַן אַדוואָקאַט פון בערלין,

דער דאָקטאָר הייסט אים מאַכן באַוועגונגען, און קאָנסטאַטירט „גאָר אַ שוואַך האַרץ".

קוים פאַרמאַכט נאָך דער דאָקטאָר די טיר, צעלאַכט זיך דער לייטענאַנט אויפן קול:

— דריי גלעזער שוואַרצע קאַווע האָבן פּאַרט דערגרייכט זייער צוועק!

מען שיקט אים אַהיים אַלס „פאַר די קאַרפּאַטן נישט געאייגנט" — און אויף דעם אופן באַפרייען זיך אַ סך פון זיינע קאַמעראַדן.

אויף די דייטשן נעמען שוין נישט ערנסט דעם קריג.

באַ מיר געפינט אויך דער דאָקטאָר עפּעס „אַרום דעם האַרץ" און עס הייבט זיך אָן דאָס מאַנאָטאָנע וויקלען מיך אין נאַסע לייליעכער, שלינגען מעדיצינען און דאָס טאָג-טעגלעכע:

— נו, ווי גייט עס דיר?

און כדי אָפּטשעפּען זיך פון די נודנע פראַגעס און פון דעם צעטומלטן, גולמדיקן בליק פונם דאָקטאָר, ענטפער איך אַלץ מיט דעם זעלבן געמאַכטן שמייכל:

— אַ דאַנק, גוט.

נאָך ווייניקער ווי מיטן עסן זענען די דייטשן צופרידן מיט די אונגאַרישע קראַנקן-שוועסטערס. אויס פּאַטריאָטישע צי אויס אַנדערע סיבות פלעגן די „שוועסטערס" מער זיך דרייען אַרום די אונגאַרישע אָפיצירן, ביז עס האָט זיך צווישן זיי אַנטוויקלט אַ גאָר נאָענטע פאַרהעלטעניש און מען פלעגט פאַרלעכוויז פאַרשווונדן אין די פינסטערע קאָרידאָרן.

צו די פיר אונגאַרן זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע. זיצט מען אָפט אין די טרויעריקע בין-השמשות אין אַ רעדל אויף דער ערד, לאָזט נישט אָנצונדן די עלעקטריק, און מען זינגט האַרציקע, אונגאַרישע לידער.

— בי-בע-לע! (יינגעלע) — רופט מיך שטענדיק מיט זיין האַרציקן ניגון דער אונגאַרישער דאָקטאָר, איידער מען הייבט אָן זיגגען מיין ליבלינגס-ליד.

און עס צעטראָגט זיך אַ זיסער כאָר פון קלאַנגען, וואָס פאַרפלעכט זיך מיט די ברייטע שאָטנס, און גיסט זיך אויס פון דער טונקעלער פאָדלאָגע צום ווייס-גרויען סופיט און גנבעט זיך אַריין אין האַרץ, וואָס ציטערט, ציטערט — עפּעס ווערט אַזוי טרויעריק גוט... און דאַמאָלס דערפילט מען, אַז די זין פון דעם אומסימפּאַטישן כמעט „גראָבן" פאָלק, וואָס איז אַזוי שאָוויניסטיש און נישט זעלטן ענגהאַרציק, אַז זיי האָבן אַזוי פיל האַרץ, אַזוי פיל נשמה — כמעט ווי די סלאַוון. און ברענגט דער גוט-האַרציקער גראָב-פלומפּער דינער דאָס אָוונט-ברויט און צינדט אָן מיטאַמאָל אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך — צעלויפט זיך דאָס הייפעלע פאַרחלומטע, צעזונגענע אונגאַרן ווי אַ סטאַדע אויפגעוועקטע היבער, און עס ווילט זיך אויסרופן: „אַ גוטע וואָך"!

אַ „ברכודיקע" שבת-שטימונג.

די קנאה פון די דייטשע אָפיצירן גייט אַזוי ווייט, אַז זיי באַקלאָגן זיך באַם דייטשן גענעראַל-סאַניטעט-שעף — קומט ער פּערזענלעך אונטערזוכן, שיקט אַ סך פון זיי אין „הינטערלאַנד" און לאָזט פאַרבעסערן דאָס עסן. אָבער זיין גרעסטער אויפטו באַשטייט אין דעם, וואָס ער שיקט אַ גאַנצע אָפּטיילונג דייטשע קראַנקן-שוועסטערס — ווערט צווישן זיי און די דייטשע אָפיצירן נאָך אַן אינטימערע פאַרהעלטעניש ווי באַ די אונגאַרן. ווייצלט מען זיך באַטאָג אין מען שושקעט זיך דורך די נעכט, אָדער מען קוקט זיך אונטער, ווי אַזוי די דייטשע שוועסטערס „זענען זיך נוהג"... דערפאַר גיט מען זיי אוועק אַלע „ליבעס-גאַבן", די מתנות פאַר קראַנקע און פאַרזונדעטע — ליגן די קראַנקע פאַרשמאַכט, אָן אַ טראָפּן ווייַן, און

די דייטשע קראַנקן-שוועסטערס זאַמלען אַן גאַנצע קאַסטנס מיט שאַמפּאַניער.

די קעגנזייטיקע קנאה טראָגט זיך איבער אויך אויף דער פּאַרוואַלטונג: דער אונגאַרישער דאָקטאָר איגנאָרירט די באַפעלן פון די דייטשן, און דער דייטשער שטאַב-דאָקטאָר וויל נישט אונ- טערשרייבן די דאָקומענטן פונם אונגאַר — מוזן די קראַנקע וואַרטן וואָכן-לאַנג, ביז זיי קענען זיך דערשלאָגן צום פּלאַץ, ווו מען דאַרף זיי היילן. אַנדערע ווידער, שוין פון לאַנג געזונטע און אויסגערוטע, וואַרטן אויף זייערע דאָקומענטן, דרייען זיך פּוסט און פּאַריכטן דערווייל די ציין באַם דייטשן דענטיסט.

טאָג איין טאָג אויס קומט דער דאָקטאָר צו מיין בעט, מוסרט מיך, פאַרוואָס איך האָב פיבער און קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט מיין הייזעריקייט. און קומט דער שטאַב-דאָקטאָר, האָט ער אַלץ דעם זעלבן וויץ:

נו, מיין יינגל, קענסט נאָך אַלץ נישט זינגען? גיב נאָר אַ געם דאָס הויכע.

איך לאַך, דער דאָקטאָר לאַכט, די פּאַציענטן און קראַנקן- שוועסטערס לאַכן — אָבער עס בלייבט באַם אַלטן: איך בין אַלץ הייזעריק.

דאָס לאַנגווייליקע לעבן אין שפּיטאָל פירט דערצו, אַז די אָפיצירן נעמען גרופּנווייז זיך אַרויסגנבענען פון שפּיטאָל און באַ- לעווען גאַנצע נעכט אין שטאָט. און ווען דער שפּיטאָל-קאָמאַנדאַנט וויל דאָס נישט פאַרליידן, מאַכט מען יעדן טאָג אַן אַנדערן „יום- טוב" אין שפּיטאָל גופא: היינט אַ געבורטסטאָג, מאָרגן „אַ זיג אין פראַנקרייך", אַן אַנדערש מאָל צוליב דעם אַוועקפאָרן פון אַ פּאַ- ציענט. די דייטשע קראַנקען-שוועסטערס באַגנבענען דאַמאָלס די שפּיטאָל-קיך, וועלכע ווערט געפירט פון יידישע אונטערנעמערס, און

ברענגען פוילע פאַרטוכער מיט שפּייז און געטראַנקען, כּדי וואָס „רייכער" צו מאַכן דעם יום־טוב.

— די יידישע שווינדלערס וועלן דערביי גאָרנישט פאַר־לירן — פאַרענטפערט זיך די דייטשע איבער־שוועסטער — זיי מאַכן מיליאָנען בײַ דער רעגירונג.

זיצט מען בײַם לאַנגן טיש אין מיטן זאַל, מען קיים דעם יידישן לעקעך און פאַרטרינקט מיט אונגאַרישן ווײַן, און מען שמו־עסט „פּאָליטיק". דער פאַל פון פשעמישל איז געקומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. שוין זייט וואָכן האָבן מיר געוווּסט, אַז פשעמישל האָט נישט מער קיין פּראָוויאַנט. איצט האַלט מען שוין, אַז אויך גאַליציע איז אויף אייביק פאַרלוירן:

— אַ שאָד נאָר אַזאַ שטיק לאַנד, בפרט די ערלעכע קאַר־פּאַטן.

— ווי קען מען אַזוי ווירטשאַפטלעך, קולטורעל און מילי־טעריש פאַרנאַכלעסיקן אַזאַ אוצר!

— די מאָסקאַלאָפילן האָבן פאַרראַטן! — בייזערט זיך אַ בייערישער אָפיציר.

— און די יידן האָבן ווייניק פאַרראַטן? — שרייט אַ בערלינער, בײַ וועמען אַ „פּאָלע" און אַ „פּאָלישער יוד" זענען אידענטיש.

— פאַרשטייט זיך, די „יודן־פּרעסע" האָט אונדז פאַרראַטן.

— קיין יערוזאַלעם מיט זיי! — שרייט מען שוין האַלב שיכּור.

זיי ווייסן נישט, אַז איך בין אַ ייד. האָט דאָך די דייטשע אַר־מיי ערשט אין דער נויט געמאַכט הונדערט און עטלעכע דרייסיק יידן פאַר אָפיצירן, — ווי־זשע זאָלן זיי דענקען, אַז לעבן זיי ליגט אַ קראַנקער יידישער אָפיציר?

— דאָך מוז מען צוגעבן — פּרוּווט זיך אייגער — אַז די יידן זענען דער איינציקער אינטעליגענטער עלעמענט אין גאַנץ

מזרח-גאַליציע. אַז אַ פויער אין די קאַרפּאַטן קען גאָר לעבן אַן אַ זייגער!...

— אָבער די ריזיקע פאַרלוסטן! — בלייבט אַ צווייטער פאַר־עקשנט באַ דער טעמע.

— פאַר איך איז עס אַ גאַנץ גוטע זאַך — איז אים גאָר ערנסט מקנה דער יונגער דייטשער דאָקטאָר — עס בלייבן אַ סך פרייע פּאָסטנס פאַר אינזשענערן, אַדוואָקאַטן, אָבער פון אונדזער פּראָפעסיע פאַלן זייער ווייניק טויטע. גאָכן קריג וועט זיין שווער צו קריגן אַ דאָקטאָר־שטעלע פונקט אַזוי ווי פאַר דעם קריג.

און דער יונגער דייטש ווערט שטאַרק פאַרזאָרגט איבער אַזאַ סטאַטיסטיק.

— מיינע הערן! — פאַלט אַריין מיטאַמאָל דער דייטשער ליימענאַנט, צוליב וועמען עס איז היינט דער „יום-טוב" — הערט וואָס איך האָב אַצינד אָפּגעטון אַ ייִד, אַ שווינדלער; איך גיי אַריין קויפן וועש (פאַרשטייט זיך צו אַ „ראָץ-ייִד", ווייל קיין לייטיש נישט־ייִדיש געשעפט קען מען דאָך נישט געפינען). הייס איך מיר איינ־פּאַקן דריי העמדער און דריי טיכלעך. עס קומט צום צאָלן, באַ־רעכנט מיר דער ייִד נאָר פאַר די דריי העמדער. און די דריי טיכלעך? פרעג איך. (איך האָב זיי שוין געהאַט אין קעשענע). „אַך יאָ, זאָגט ער, איר האָט דאָך געוואָלט דריי טיכלעך". און פּאַקט מיר איין דריי פרישע טיכלעך! און אַזוי האָב איך זעקס טיכלעך און באַצאָלט האָב איך נאָר פאַר דריי!

— פיין אָפּגעטון דעם שווינדלער! — זענען זיך אַלע מחיה.

— אַזאַ גוינער אַ ייִד! — לאַכן די קראַנקן־שוועסטערס פון דעם „הערלעכן וויץ".

איך קען נישט לענגער איינליגן. מיט אַלע כוחות ראַטשקע־ווע איך זיך אַראָפּ פון בעט:

— איר האָט זייער קלוג געטון, הער קאַמעראַד — פאַרנייג

איך זיך פאַרן דייטשן לייטענאַנט — איך, אַלס אַ ייד אַ „שווינדלער", וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געפאַלן אויף אַזאַ „קריסטלעכער" חכמה.

צווישן דער חברה ווערט „מייזנשטיל", ווי די דייטשן זענען געוווינט צו זאָגן. צענער אויסגעניכטערטע אויגן קוקן אויף מיר. איך גיי אַרויס.

אויפן קאָרידאָר דרייט זיך אַ ברייטביינערדיקער רוסישער געפאַנגענער — אַלס באַדינער. יעדן טאָג שענק איך אים פּאַפּיראָסן.

— נו, קאַק פּאָזשיוואַיעטע? — וויל איך פאַרגעסן יענעם שמועס.

— ספּאַסיבאָ! נאָך אַלץ קיין טאַבאַק נישטאָ. און ברויט, העי, וואַשע בלאַגאָראָדיִע, צו ווייניק ברויט גיט מען באַ אייך.

— עס וועט שוין בעסער ווערן — טרייסט איך אים — אָבער אַ חוץ דעם איז אייך נישט שלעכט באַ אונדז?

— בעסער ווי אין די קאַרפּאַטן — ענטפערט ער.

— פאַרהאַן באַ אונדז גוטע מענטשן, — וואָס?

— קאָנעטשנאָ, — איר זייט זייער אַ גוטער.

— אָבער איך בין אַ יעוורעי.

דער גוי קוקט מיך אָן מיט זיינע גרויסע, גרויע אויגן. אַ תמעוואַטע פאַרוווּנדערונג צעלייגט זיך אויף זיין ברייט, פּויעריש פּנים. שטיל גנעמט ער זיך ווייטער צו זיין אַרבעט.

און איך וואַרט שוין נישט מער אויף קיין תשובה: זיין כיטרע שווייגן טראָגט אין זיך דעם זעלבן האַס ווי דאָס „אינטעליגענטע גערעדעריי" פון די דייטשן.

II.

עס איז אַריין אַן ענדערונג אין דעם מאָנאָטאָנעם לעבן: דאָס שפּיטאָל דאַרף זיך איבערקלייבן אין אַ נייער געביידע. שלעפּט מען אַפּער די בעטן פון אונטער די קראַנקע — מען דאַרף זיי ריין מאַכן, — און מיר בלייבן מיט די שטרוי־זעק אויף דער הוילצער פּאָדלאָגע. אַ מחיה: אין דרויסן קאַפּעט שוין פון די דעכער, אין שטוב עסט מען אויף אַן איבערגעקערט בענקל — פּונקט ווי פאַר ערב פּסח באַם קאַלעכן די שטוב!

דער וועג צום נייעם שפּיטאָל פירט דורך דער גאַנצער שטאָט. אויף ביידע זייטן שטייען ווי טרויעריקע וועג־שטיינער געפאַנגענע רוסן און פאַריכטן דעם שטראָז.

— קאַק פּאָזשיוואַיעש? — פרעגט אונדזער אוקראַאינישער קאַמעראַד.

— ספּאַסיבאָ! כאַראָשאָ.

— אַ קושאַט?

— ניעמנאָגאָ — זיפצט דער רוס.

אין יעדער גאַס טרעפט מען צענדליקער רוסן מיט אָפּגעמאָגערטע, ברוין־שוואַרצע פּנימער און רחמים־בעטנדיקע אויגן — מען פירט זיי אין שפּיטאָל. שוין זייט וואָכן בושעוועט צווישן זיי די כאָליערע, און זיי שטאַרבן אויס אין די הונדערטער.

דאָס נייע שפּיטאָל איז א גאַנצער שלאָס מיט אַ גרויסן, עלעגאַנטן פּאַרק. אַ מתנה פון אַ רייכן, אונגאַרישן ייד. קאָן־קאַסטעל, מונקאַטש״, לייענען מיר די גרויסע גאָלדענע אותיות אויף דעם פראָנט. מאָדנע: עס איז גאָר ביז איצט נישט איינגעפאַלן צו פרעגן, אין וועלכער שטאָט מיר ליגן קראַנק...

די דייטשן נעמען פאַר זיך דעם גרעסטן און שענסטן זאַל, די אונגאַרן ווילן אַ באַזונדער צימער, — מיך מיט נאָך אַ לייטענאַנט

לייגט מען אין אַ אָפּגעזונדערט שטיבל מיט דער אויפשריפט: „צוליב די קראַנקע טאָר מען אין דעם צימער נישט רייכערן". מיין פּאַרטנער האָט אַ שווערע לונגען־אָנצינדונג, זענען מיר די צוויי שווערסטע פּאַציענטן אין גאַנצן שפּיטאָל. צוליב פּלאַץ־מאַנגל לייגט מען שפּעטער נאָך אַריין אין אונדזער צימער דעם אוקראַינישן לייטענאַנט מיט עפּעס אַ מאָגן־קראַנקהייט און אַ דאָקטאָר־שטעלפאַרטרעטער מיט אַ האַרץ־פעלער, וועלכער מוז אָבער באַלד ווידער פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל, דען מען געפינט נישט באַ אים קיין שום קראַנקהייט.

— פון היינטיקן טאָג אָן, ווער עס וועט באַ מיר זיך מעלדן קראַנק, דעם שיק איך תיכף אַהיים, שווערט ער דערפאַר אייביקע נקמה צו דער אַרמיי.

כמעט יעדן טאָג בייט מען מיין דיאַגנאָז: פון „אַפּיציטיס" איז מען אַראָפּ אויף „בראָנכיטוס", און ווי נאָר עס שטייגט דאָס פיבער, הייסט ווידער דער דאָקטאָר שרייבן אויפן קאָפּ־צעטל „קאַטאַר אַפּיקום". אָבער צום מייבסטן שרעקט זיך דער אויבערשטאַב־דאָקטאָר פאַר מיין הייזעריקייט און ער שיקט מיך דעריבער צו אַ ספּעציאַליסט, דעם דייטשן גענעראַל־דאָקטאָר, פּראָפעסאָר ל.

די גרויסע באַראַקן פון דייטשן לאַזאַרעט זענען פול מיט קרבנות פון דער שרעקלעכער פעסט — די כאָליערע. אין דער אַמבולאַנץ ליגן הונדערטער סאָלדאַטן פון פאַרשידענע נאַציעס מיט פאַרשידענע קראַנקהייטן, ס'רוב זענען פאַרוווּנדעטע. אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל קוקט איינער אין דער ווייטער וועלט אַריין מיט געוואַלטיק גרויסע, גלעזערנע אויגן. אַ פרוי אין ווייסן פּילנעוועט אים. דאַכט זיך — זיין אייגן ווייב. און נאָר איין ענטפער האָט דער קראַנקער אויף אַלע אירע פראַגן: אַ גלאָץ מיט די אויגן און אַ קורטשע איין דעם קאָפּ — „קריגס־בעוואָרזאַע".

צווישן די אויטיקן און ווייטיקן ליגט מאָדנע רויִק אָן אונ־

גאַר, דעם גאַנצן קאָפּ ביז איבערן האַלדז פאַרבונדן. דורך דער גאַזע איבערן מויל ווערט דורכגעצויגן אַ קויטשוק-רערל, און אַזוי קאָרמעט מען אים קינסטלעך. פּלוצלינג כאַפּט ער זיך אויף:

— וויז (וואַסער)!

און נאָך איידער די קראַנקן-שוועסטער דערלאַנגט אים די פלאַש, לאָזט ער זיך בלינדערהייט גיין אין זאַל אַריין. מען האַלט אים צוריק. מיטאַמאָל צעזינגט ער זיך מיט אַ משונהדיק קול — אַן אונגאַריש פאָלקס-ליד, אָדער רעליגיעז לידל. די קראַנקן-שוועסטערס, וועלכע האָבן זיך אַרום אים פאַרזאַמלט, צעלאָזן זיך אין אַן אויסגעלאַסן געלעכטער און האָבן אַ הנאה: דער אונגאַר איז משוגע געוואָרן!

מען פירט מיך אַריין אין אָפּעראַציע-זאַל. דער פּראָפעסאָר אָפּערירט דערווייל אַ פּאַציענט און וויל זיך „פּראָדוצירן": די קויל איז דעם פאַרוווּנדעטן אַריין דורכן אויג און איז אַרויס דורכן מויל. דאָס ביסל פּנים, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן, איז אָנגעיאָגט ווי אַ פּאַס, ציט דורך דער פּראָפעסאָר אַ גאַנצע קויטשוק-רער דורכן „קאַנאַל" און פּאָמפּעט דעם אייטער. און דער דייטש ליגט שטיל צעשטרעקט און לאָזט מיט זיך טון, וואָס מען וויל. נאָך פיר דאָקטוירים העלפן דערביי, בייזערט זיך דער פּראָפעסאָר און ווייזט, אַז זיי פאַרשטייען גאָרנישט.

ענדלעך אונטערזוכט ער אויך מיך: ער איז נאָך נישט זיכער, צי איך האָב באַשטימט „t b" אָבער — איך מוז שטאַרק אַכטונג געבן אויף זיך.

אין אַ נישט זייער פריילעכער שטימונג פאָר איך צוריק.

אַ קליינע אָפּטיילונג טשעכישע זעלנער גייט פון מושטערפלאַץ, און קינדערלעך מיט אויפגעהויבענע הענטלעך לויפן זיי אַנטקעגן, זיי שרייען עפּעס אויף אונגאַריש — קרומען זיך נאָך מסתמא די סאָלדאַטן. פון דער צווייטער זייט קומט אַן אונגאַרישע

קאָמפּאַניע. ווי אויף אַ באַפעל הייבן אויף די אונגאַרן ביידע הענט אין דער לופטן. אַ טייל פון די טשעכן צעלאַכן זיך, די מערסטע אָבער ווערן אין כּעס און נעמען שעלטן אויף „סאַקראַ-לשון" — (דאָס אויפהייבן די הענט איז אַ שפּאַס-צייכן, אַז די טשעכישע רעגימענטער גיבן זיך איבער צום שונא).

דורכן מאַרק גייען ייִדן מיט שטריימלעך און טליתים, אַ ייִ-דענער יונגערמאַנטשיק מיט געקרייזלטע פּייקעלעך, רייכערט אַ פּאַ-פּיראָסל — איז דאָך פּאָרט נישט שבת.

— איז היינט יום-טוב? — פרעג איך אים, אָפּשטעלנדיק מיין קאַרעטע.

ער קוקט מיך אָן פרעמד, ווי איך וואָלט וועלן פון אים חוזק מאַכן:

— אוודאי איז יום-טוב, דער צווייטער טאָג פּסח.

איך קום צוריק אין אונזער שפּיטאָל, אָבער מיין שטימונג איז גאָרנישט קיין פּסחדיקע.

— יענער פעטריך דאַרט האָט פיבער, נישט איך — ווייזט אויף מיר מיין לונגען-קראַנקער שכן, ווען די קראַנקן-שוועסטער וויל נישט געבן קיין שווערע עסנס.

און בײַ מיר איז גאָר פאַרקערט: איך האָב נישט קיין פי-בער, אָבער נאָך ווייניקער האָב איך אַפּעטיט. מיינע אַכט אייער יעדן טאָג און די צוויי גלעזער מילך, צוויי טשאָקאָלאַדן, צוויי בע-בראָטנס און די מעלשפּייזן מיטן ווײַן עסט אויף דער דינער און אַפּט נעמט עס פאַר זיך דער לייטענאַנט פון די אוקראַיִנישע לע-גיאָנען, וועלכער האַלט זיך אין איין קלאָגן, אַז ער האָט נישט קיין אַפּעטיט.

— וואָלט נישט שלעכט זיין צו פאַרבלייבן שוין אויף תּמיד אין שפּיטאָל? — פרעג איך אים אין שפּאַס.

— טאַ — איז זיין תּשובה — עס גליסט זיך באמת נישט נאָכ-

אַמאָל גיין אין פעלד אַריין. מיינסט דען, אַז מיר קענען נאָך עפּעס דערוואַרטן פון דער מלחמה?

זיין יאוש איז אַ גערעכטער: גאַליציע איז פעסט אין רוסישע הענט, און די ידיעות, וואָס קומען פון אונדזער שפּיאָנאַזש-ביוראָ אין לעמבערג, זענען זער טרויעריקע: עס פעלט דאָרט באַלייכטונג, באַהייצונג — די ייִדן גייט עס שלעכט. און פּלוצלינג קומט די שרעקלעכע בשורה וועגן אַ פּאָגראָם אין לעמבערג! מען ציילט דאָרט די הרוגים אין די הונדערטער. די קראַנקע פאַנטאַזיע טרייבט נאָך איבער די בייזע ידיעות — לויט דעם פּערטל, אין וועלכן דער פּאָגראָם האָט זיך אָפּגעשפּילט, איז קיין ספק נישט, אַז אויך מיין משפּחה האָט געמוזט ליידן!

דאָס איינציקע קאַרטל, וואָס איך באַקום פון מיינע עלטערן איבער רומעניע, ברענגט די לאַקאָנישע ווערטער: „עס איז ביטער"...

מיינע פריינט זוכן פּראָטעקציע, מען זאָל מיך שיקן צו זיי קיין ווין. — עס העלפט נישט. אָבער וואָס עס געלינגט נישט דורך געלט אָדער „פאַרבינדונגען", באַווייזט אויפצוטון מיין יונגע פריינדין ה., דאָס רויזן-באַקיקע מיידל מיט די טונקעלע, געדיכטע האָר, מיטן רויטן, קליינעם מיילעכל און דעם שניי-ווייסן האַלדז און נאַקן: זי פועלט באַם גענעראַל אין דעם הערלעכן קוואַרט באַדען, מען זאָל מיך תיכף אַהין איבערשיקן.

מיין דאָקטאָר איז צופרידן, לאָזט באַלד אונטערשרייבן מיינע דאָקומענטן. נאָר ער האַלט, אַז איך בין נאָך נישט „טראַנספּאָרטפעיִק". מוז איך נאָך צוואַרטן עטלעכע טעג.

שוין פונעם פריסטן מאָרגן אָן שלאָגט זיך אָפּ אויף די ווייסע שפּיטאָל-ווענט דאָס גאָלד פון דער לאַכעדיקער זון — דער הימל שמייכלט מיט בלויקייט. דאָס אויג לויפט דורך דעם ווייטן פּאַרק און רייסט זיך איבער די הויכע שטאַכעטן אַריבער צו דער ברייַ=

טער גאַס, ווו דאָס אַרומלויפנדע יונגוואַרג טומלט און קערט וועלטן. און איך בין זיי מקנה — אַזוי מקנה...

אונדזער בלאָנדע קראַנקן־שוועסטער, די פרוי פון אַ בערלי־נער פּראָקוראָר, דרייט זיך אַרום מיין געפּערלעך־קראַנקן שכן, וועל־כער האָט אין פיבער שוין עטלעכע מאָל געפּרוווט אַנטלויפן פון שפּיטאָל.

— שוועסטער, איך האָב אַ שטריק אין אויער — חזרט ער איבער שוין צום הונדערטסטן מאָל.

ערשט ווען דער יידישער מעדעצינער ווייזט אים אַ שטריקל, וואָס ער האָט ניבע אַרויסגענומען פון זיין אויער, באַרויִקט ער זיך און ווערט אַ ביסל אַנדרימלט.

עס ווייזט זיך אַ האָפנונג, אַז אפשר נאָך היינט וועל איך קענען אַוועקפאָרן. מענטשל איך זיך צו ווייזן דעם דאָקטאָר, אַז איך בין געזונט שטאַרק פאַר דער רייזע, און בעט, מען זאָל מיך אַרויספירן אין גאָרטן.

דער גרויסער פּאַרק וועקט זיך צום לעבן. רוסישע געפאַנ־גענע רייניקן און פלאַנצן, פאַרוואָגלטע פייגל האָבן שוין געפונען נעסטן און טרילערן אויף גליק און געניוס פון לעבן. און די גוטע זון באַגיסט מיט וואַרעמקייט, — ווערט אַזוי ווויל, אַזוי פריילעך...

איך באַמערק גאָרנישט, ווען די זון זעצט זיך — ס׳איז שוין כמעט טונקל. אין אַ ווינקל ליגט די בלאָנדע קראַנקן־שוועסטער אויס־געשטרעקט אויפן יונגן גראָז און איר שיינער לייטענאַנט שעפּטשעט איר עפּעס אין אויער. צוויי פּאָרלעך („קראַנקע מיט קראַנקן־וועכ־טערקעס) גנבענען זיך אַרויס דורכן טויער, אַנדערע פּאָרלעך סודען זיך אין די האַלב־פינסטערע קאָרידאָרן.

עס ווערט מיר קיל און איך גיי אַריין אין מיין שטיבל.

מיין שכן איז שטיל — ער שלאָפט, דאַכט זיך, נאָר זייגע אויגן זענען אַזוי ווי איבערגעקערט, די באַקן פלאַמען, ער וועקט

זיך אָבער, ער קוקט ערגעץ ווייט, ווייט און מאַכט ווידער צו די אויגן. איך לייג זיך אין בעט אַריין. צוויי מאָל גיבעט זיך אַריין די בלאָנדע קראַנקן-שוועסטער איף די נעגל און שעפּטשעט צו עמעצן אַרויס:

— הם... מערקווירדיק... איך האָב געמיינט, אַז אַצינד וועט שוין זיין אויס מיט אים...

און ווידער לאָזט זי אונדז אַליין מיט די פאַרנעפּלטע נאַכט-שאָטנס.

איז, הייסט עס, אַזוי שלעכט מיט אים?...

איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז אין דער קורצער צייט פון מיין ווײלן אין גאָרטן, האָט עס זיך אַזוי פיל פאַרערגערט. ער גיט פלוצלינג עטלעכע שלוקעכץ, הייבט אָן שווער אָטעמען, פאַרהוסט זיך, און אַ דושענדיק כאָרכלען רייסט זיך קוים אַרויס דורך זיין האַלז.

איך מאַך צו די אויגן, און נאָך שטאַרקער און טיפער פאַר-שטעק איך זיך די אויערן — מיין אָרימער חבר, וועלכער פלעגט אַזוי פלייסיק מיך קאָנקורירן אין פיבער, ליגט שוין אין גסיסה...

איך קאָרטשע זיך צוזאַמען אונטער דער קאָלדרע און דעק זיך איין ביז איבערן קאָפּ.

קיין באַדען איף קוראַציע

עס איז נאָך גאַנץ פינסטער אין דרויסן, ווען מיין אונגאַ-רישער דינער פירט מיך צום וואָקזאַל. אַ שטופּעריי פון אָפיצירן און סאָלדאַטן. איך וויל אַריין אין וואַגאָן און דערפיל פלוצלינג אַ שטאַרקן ריס באַם קאָלנער. דאָס שלעפּט מיך צוריק אַ דייטשער

סאָלדאַט — ער האַלט דעם פּלאַץ פאַר זײַנע אָפּיצירן.

איך פאַרשטײ, אַז ער האָט נישט דערקענט מײַן ראַנג, אָבער נישט װילנדיק גיב איך אים אַ צו שטאַרקן שטופּ אָפּ פון זיך און זעץ זיך אױפן פּלאַץ. דער צוג איז שױן אין באַװעגונג, װען עס קומט אַרײַן אַ דײַטשער הױפּטמאַן מיט אַן אָבערלײטענאַנט — זײ שטעלן זיך פאָר.

— פּענריך װ. מ. פון 35סטן רעגימענט — ענטפער איך מיליטעריש.

— אַזױ באַהאַנדלט מען אפשר סאָלדאַטן בײַ א י י ך, נישט בײַ א ו נ ד ז — גײט איבער דער הױפּטמאַן צום ענין.

איך פאַרשטײ, אַז ער נעמט זיך דאָס אָן די קריװדע פון זײַן סאָלדאַט און איך ענטפער תיכּף:

— אָבער בײַ אונדז, הער הױפּטמאַן, װײסט אַ סאָלדאַט צו רעספּעקטירן אַן אָפיציר. איך װײס נישט װי אַזױ עס איז בײַ א י י ך.

— איך זע, הער קאַמעראַד זענען קראַנק, זונסטן װאָלט איך געפאָדערט סאַטיספאַקציע פאַר אַזאַ ענטפער.

— איך האָב נאָך געזונט צו װערן, הער הױפּטמאַן, און איך דערװאַרט צו יעדער צײַט אײַערע פאַרטרעטער.

אַ זשאַנדאַר, װעלכער פאַרלאַנגט דורכצוקוקן אונדזערע רײַזע-דאָקומענטן, שלאָגט איבער אונדזער אױפגערעגטן שמועס. פון יעדן װינקל גלאָצן די גרױסע אױפשריפטן „פאַרזיכטיק פאַר שפּיאָנען”, אין אמתן זוכט מען אָבער דעזערטירן, בפרט צװישן די פּױלישע לעגיאָניסטן, מען מוז תּמיד מיט זיך פירן אַ געשטעמפּלט פּאַפּיר — װי אין אַמאָליקן רוסלאַנד.

דער צוג בלײַבט שטײן. איך דערלאַנג אויף שנעל דעם דײַטשן הױפּטמאַן מײַן װיזיט-קאַרטע און גײ אַראָפּ טרינקען טײ. װײַסע אָקסן מיט לאַנגע, שפּיציקע הערנער פירן שװער-באַפּאַקטע

פירן מיט פראָוויאַנט — דאָס האָבן די אונגאַרן נאָך לאַנגע בקשות אָפּגעטרעטן אַביסל מעל און פלייש פאַר עסטרייך.

— גוטער הער — קומט צו אַן עלעגאַנטע פרוי אין טרויער־קליידער מיט רויט־פּאַרווייַנטע אויגן — מיין שוועסטער איז געשטאָרבן אין בודאַפּעסט. מאָרגן פרי איז די לוויה, און די פּאָליציי וויל מיר נישט געבן אַ „פּאַסיר־שיין". אפשר קענט איר מיר העלפן...

אַזוי גייט זי פון אָפיציר צו אָפיציר — אָבער ווער קען איר העלפן?

מיר זענען אין בודאַפּעסט. איך האָב גרויס חשק צו באַזוכן מיינע פריינט: די פרוי ריטער פאָן וו. און טאַקע דעם קלוגן, אמתן דזשענטלמען, באַראָן פאָן ה. איך פאַרפאָר גלייך אין שפּיטאָל אַריין, ווו איך האָב פאַרבראַכט זיבן וואָכן אין בעט און אויף קול־יעס.

באַם אַרייַנגאַנג טרעף איך „שוועסטער לאָטי". זי ווערט בלאַס, און אַ פאַרציטערטע, אָן ווערטער, פאַלט זי מיר אויפן האַלדז. די פרייד צעטראָגט זיך באַלד איבערן גאַנצן שפּיטאָל. — שוועסטער מאַריאַ לויפט מיר אַקעגן אַ פאַרפלאַמטע.

איך לאָז זיך קודם פירן אין מיין אַמאָליק צימערל. עס שטייט ליידיק, טרויעריק.

— פרוי פאָן וו. זיפצט תמיד, ווען זי קוקט אָן דאָס צימערל — דערציילט מיר פאַרשעמט שוועסטער לאָטי.

פון די אַלטע באַקאַנטע טרעף איך נאָר דעם מאַלער מיט דעם אַמפּוטירטן פוס. ווידער ווערט ער רויט, ווען איך פרעג אים וואָס ער מאַכט. ער רירט זיך נישט פון בעט — ער שעמט זיך מיט זיין פאַרקריפּלטקייט...

— פרוי פאָן וו. בעט, איר זאָלט תיכף אַרויפקומען — זאָגט מיר שוועסטער מאַריאַ, וועלכע האָט דערווייל אַהינטעלעפאָנירט.

אויך דער באַראָן מיט דער באַראָנין זענען דאָרט צו אָוונט־ברויט: כמעט דורך טרערן מישט מען אויף אַלטע זכרונות, איי־ביק נישט פאַרענטפערטע פראַגן.

— פרוי פאָן וו. האָט דאָך איבערגעפרעגט אַלע פראָפע־סאָרן — איז לוסטיק דער באַראָן — מיר וועלן אייך שיקן קיין מעראַן.

זיי פאַרגעסן נאָר אַ קלייניקייט: עס איז מלחמה און איך מוז גיין וווהין מיין קאָמאַנדאָ שיקט מיך.

— און מיר זענען שוין אויך געווען בא צוויי גאַליצישע רביים, — פרייט זיך די באַראָנין — אָרימע, עלנטע מענטשן, אָבער מיט אַ גאָר איבעראַשנדער אינטעליגענץ.

איך וווּנדער זיך נאָר, ווי שנעל עס האָט זיך געביטן צום גוטן זייער מיינונג וועגן די „פּוילישע יידן", וועלכע זיי האָבן פריִער געהאַלטן פאַר האַלבע אַזיאַטן.

— דאָס האָבן מיר שוין אייך צו פאַרדאַנקען — שמייכלט טרויעריק פרוי פאָן וו., וועלכע שווייגט הייגט מער ווי תמיד.

— זייער אינטעליגענטע מענטשן, און טאַקע דערפאַר דאַרף מען זיי אַלע אָפּשמדן — וויצלט זיך דער באַראָן, כדי מיך צו רייצן אין גוטן מוט.

עס איז צייט צום צוג קיין ווין.

— די דייטשן זענען די גרעסטע גויערס — מאַכט דער באַראָן אַ ס״ה פון אונדזער שמועס.

— ווי אַזוי? — וווּנדער איך זיך.

— ווייל אַ נאַציע, וועלכע איז אין צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט אַמבעסטן באַוואָפנט איז די גויגערסטע אויף דער וועלט.

איך געזעגן מיך.

— ניין, ניין, ליבער הער פּענריך, אַזעלכע מענטשן ווי מיר

זענען נישט באַשאַפן פאַר קריג — ענדיקט דער באַראָן בײַ דער טיר שוין.

און מיר טוט האַרציק באַנג, וואָס איך מוז אַזוי שנעל אַוועקגיין פון דעם קלוגן מענטש.

אין ווין האָב איך קוים צייט צו פאָרן פון איין וואָקזאַל צום צווייטן. פאַרשידענע טראַנספּאָרטן קומען און גייען, עפּעס דאַכט זיך, אַז אַלע בלאָנדזשען, אַלע יאָגן זיך אין אַן אייביקן תּהו־ובֿהו — עפּעס קלעבט זיך נישט דאָס לעבן. איך וווּנדער מיך נאָר, וואָס מען זעט נאָך אַזוי פיל פערד און געזונטע יונגעלייט, וועלכע דרייען זיך אַרום פראַנק און פריי, זיכער „פּראָטעקציע־קינדער".

דער וואָקזאַל אין באַדען איז כּמעט פּוסט — „ציוויל" טאָרן נישט אַריינגיין. איך גיי מיט מיין פריינדין ה. גלייך אין פּאַרק אַריין. עס ווילט זיך דאָך נישט באַלד אַריינגיין אין שפּיטאָל...

שוין אין קאַנצעלאַריע פון גענעראַל, וועלכער נעמט מיך אויף זייער פריינטלעך, דערפיל איך דאָס שטיקעניש פון די שפּיטאָל־מויערן. און קוים ווייזט מען מיר נאָר מיין צימער און גיט מיר איבער דעם „מיוחוסדיקן" דינער פון ווינער „דייטשמייסטער־רעגימענט", רייס איך מיך ווידער אַרויס פון דעם לעבעדיקן שפּי־טאָל־קבֿר. — כאָטש נאָך איין אָוונטברויט עסן „אין דער פריי". און ווען שפּעט אין אָוונט עס עפנט זיך פאַר מיר ווידער דאָס ברייטע טויער און פאַרמאַכט זיך צוריק מיט אַ הייזעריקן סקריפּ, דאַכט זיך מיר אויס, אַז אַ פאַרדומפּענער פּיסק האָט מיך איינגע־שלינגען אויף אייביק.

מען האַלט מיך אַפּנים פאַר ערנסט קראַנק, דען ה. טרעט נישט אָפּ פון מיין בעט און די איבעריקע פריינט טיילן זיך איין פאָרלעך־ווייז אויף מיר אַכטונג צו געבן. כּמעט יעדן טאָג האָב איך געסט פון ווין, מיט בלומען און טאָרטן און פלעשער וויין און אויבסט. רעדט מען זיך אָפּ פון דעם האַרץ און עס ווערט לייכ־

טער דאָס געמיט מיט האַרציקע ניגונים און לייכטזיניקע וויצן. און מיינע חברים־אַקטיאָרן זינגען דאָס שענסטע, וואָס זיי קענען און דאָס נאָנטסטע, וואָס איך האָב ליב — אַז די גאַס ווערט אַזש באַלאַגערט פון מענטשן!

קומט אַרויף ה. מיט רויט־פאַרוויינטע אויגן — דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט עפּעס „שרעקלעכס" וועגן מיר — צעכליפּעט זי זיך ווי אַ קינד, און די גאַנצע חברה וויינט מיט איר.

מען דערלאַנגט מיר גראָד דאָס רומענישע זאַמלבוך „ליכט", וווּ איך געפין אַ נעקראָלאָג איבער מיר, אַזוי האַרציק, אַזוי ברודערלעך געשריבן, אַז די טרער בלייבט מיר פאַרגליווערט אין אויג — איך בלייב אָן לשון. געמען דאָס אפּנים מיינע פריינט פאַר דעם קריזיס, און אפשר גאָר פאַר מיין גסיסה — ווערט אַ געיאָמער אין דעם קליינעם שטיבל, — און איך קוק צו און קען זיי קיין טרייסטוואָרט נישט זאָגן...

די גאַנצע צייט מוז איך בלייבן אין בעט — עס ווערט וואָס אַמאָל ערגער. די רענטגען־פאָטאָגראַפיע פון מיינע לונגען ברענגט אַ גאָר טרויעריקן רעזולטאַט. און כאָטש דער דאָקטאָר הייבט נישט אָן וויסן, וואָס פעלט מיר, באַשליסט ער פאָרט, אַז מען דאַרף מיך איינגאַנצן באַפרייען פון דער אַרמיי. דערווייל באַשטימט ער מיך אויף דריי חדשים קוראַציע קיין מעראַן. אָבער עס קומט דאָס לעצטע וואָרט פון קאָמאַנדאַ: איך מעג פאָרן אויף אייגענע קאָסטן אויף זעקס וואָכן קיין אַבאַציע, דען „אויס פּאָליטישע סיבות" קען מען מיך נישט שיקן קיין מעראַן.

מיין געוועזענער רבי, דער קרייז־ראַבינער דר״ ג., איז שטאַרק אויפגעבראַכט:

— אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן, דאָס געזונט פאַרלוירן, — זאָלן זיי אַציגד באַצאָלן פאַרן אויסהיילן!

אָבער איך וואָלט זיי גערן שענקען אַלע זייערע שכירות און פּאָסטנס — זאָלן זיי מיך נאָר פריי לאָזן!

איך בין גאַנץ געבראָכן, און פיל, אַז נאָר די ציווילע פריי־הייט קען מיך ווידער מאַכן געזונט.

איך דאַרף פאָרן קיין אַבאַציע, אָבער שוין פאַרן דריטן חודש האָב איך קיין גאַזשע נישט באַקומען. צוויי מאָל מוז איך טעלע־גראַפירן צו מיין באַטאַליאָן, ביז עס קומט ערשט אָן אַביסל געלט אויפן נאָמען פון אַ טויטן קאַמעראַד.

אין כאַאָס, האָבן זיי דאָרט אַפּנים פאַרלוירן דעם חשבון פון זייערע אָפיצירן...

עס איז אַפילו אַ שאַד צו פאַרלאָזן דעם שיינעם זומער־פּלאַץ מיט דער שטילער מוזיק, עס וועט זיכער באַנג טון נאָך די וועס־לויער וויין־בערג און נאָך דעם ליבן „העלענאַ־טאָל״ — אָבער די דאָקטוירים ראָטן „נישט פאַרלירן קיין טאָג״, פאַר איך אויף איי־גענעם רעכענונג אין דעם בארימטן אַבאַציע באַם אַדריאַטישן ים.

אַבאַציע

דער צוג פאָרט גלייך צו דרום. ער בייסט זיך אַריין אין די הויכע פעלזן, יאָגט דורך טאָלן און טונעלן, קלעטערט אויף אייזערנע בריקן און שמאָלע, הויכע שטעגן — אַ פאַרקלערטע שיינקייט, אויס־געהאַקט אין אייביקן גראַניט. פון אומעטום שטעקן אַרויס פעלזן: פון די גרעזער, פון די וועלדער, פון די וואַסערן.

„שטיינער געבערן און פעלזן פאַרשלינגען, און אייביק פאַר־צערן פון לעבן און טויט...״

אין סאַנקט פּעטער בּייטן מיר דעם צוג. יויפיל גרינקייט, ווי־פיל יונגטלעכע שיינקייט פון נאַטור! אָ דאָ האָט געמוזט באַשאַפן ווערן דער ערשטער טאָל — אָ דאָ האָט גאָט אַמאָל געפלאַנצט זיין גן־עדן.

שוין צוויי שעה ווי מיר דערנענטערן זיך צו אַבּאַציע, און איך ווייס נאָך אַלץ נישט: איז עס דער הימל, אַ נעפּל, אָדער טאַקע שוין דער ים?

אָ, עס איז דער ים אַליין! איך פאַרגין זיך נישט אַפילו אַראָפּצופאָרן, נאָר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און מיט אַן אָפן מויל נעם איך תיכף וואנדלען אַרום און אַרום באַם לאַנגן, גלייכן ברעג פון דעם עפּעס אַזוי מענטשלעכן, גוטן ים.

אין דער ערשטער גאַספּאָדע דערלאַנגט מען מיר אַ פולן טע־לער ים־פישלעך מיט פּלעצלעך פון קאָרן־און קוקורוזע־מעל. אויך דאָ איז שוין פּאַרהאַן ווייניק ברויט.

די שלאַנקע, שוואַרצע איטאַליענערקע, בּאַ וועלכער איך דינג אַ קליינע ווילע, גיט זיך אויס האַרטנעקיק פּאַר אַ קראַאַטקע. זי ווייסט עס: מיר זענען אַצינד צעקריגט מיט די איטאַליענער, — איז בעסער צו זיין אַ „קראַאַטקע"...

דער דיקער קראָאַטישער עקספּרעס־מאַן, וועלכער פירט מיך אין פּאַרק, איז שטאַרק ברוגז אויף די איטאַליענער:

— זאָלן זיי נאָר פּרווּון — גלאָצן זיינע כיטרע אויגן — איך מעלד זיך תיכף פּריוווויליק. מיר וועלן איבערלאָזן אַלע פייגט, און זיי איטאַליענער וועלן מיר אָנברעכן די ביינער!

אָבּער נישט ווייניקער האָט ער פייַנט די אונגאַרן:

— אַן אומגליק מיט זיי — טענהט ער — קיין אייגענע שולן לאָזן זיי אונדז נישט צו, קיין טעאַטער אויך נישט, פרייהייטן אוודאי נישט — פאַרוואָס־זשע זאָל מען זיי ליב האָבּן? ברויט האָבּן זיי איבערגענוג, און אונדז אַביסל מעל תאַרקויפן ווילן זיי נישט...

און זיין טענה איז אַ געדעכטע.

דער דאָקטאָר הייסט מיך געניסן אַ סך ים־לופט, פאַר איך אָפּט מיט דער שיף ביז קיין פּיומע. באַם צוריקפאָרן זוכט מען דורך אַלע טשעמאָדאַנעס. באַ אַ ייִדענע, וועלכע איז אַנטלאָפן פון גאַליציע און וואַלגערט זיך דאָ מיט דער גאַנצער פאַמיליע, האָט דער זשאַנדאַר געפונען צוויי ברויט, צוליב וועלכע זי האָט געמאַכט די לאַנגע רייזע. איך בעט קוים אויס, דער זשאַנדאַר זאָל זי נישט באַשטראָפן, אָבער די טייערבאַצאָלטע ברייטלעך נעמט ער פאָרט באַ איר אַוועק.

אויף דער פּראָמענאַדע באַגעגן איך צופעליק דעם „דיש־דייטשן זשורנאַליסט ט., וועלכער פירט דאָ צוזאַמען מיט אונדזער ווינער פריינט ה. דאָס דריישטאָקיקע, ווייסע האָטעל באַם ים. אָן שום טענות מוז איך זיך אַריבערקלייבן צו זיי. די טאָכטער פון הויז שטודירט שוישפּיל־קונסט אין ווין, טרעפן מיר זיך צוזאַמען „ווי שקר מיט שלימזל״: מען פאַרגעסט אָן קריג, אָן די וווּנדן און קראַנקייט, און גאַנצענע טעג האָבן מיר נאָר איין טעמע —: אונ־דזער ליב, ליב טעאַטער! אָבער די אידיליע ווערט באַלד געשטערט: מען טאָר נישט מער צינדן קיין ליכט אין די האָטעלן, וועלכע שטייען באַם ים — מען האָט מורא פאַר די איטאַליענישע אַעראָ־פּלאַנען. עס באַווייזן זיך קליינע אָפּטיילונגען סאָלדאַטן, וועלכע פאַרלירן זיך אין די אַרומיקע געדיכטע גאָרטנס און אין די ליידי־קע האָטעלן און פאַרייכערן מיט זייערע פעטע קיכן די פרישע ים־לופט. עס טוט באמת ווי דאָס האַרץ צוזוזען, ווי מען רייסט לע־בער אין די פרעכטיקע פאַרקנס און אָפּגעטאָקטע, געמויערטע ברעגן — מען פאַרגרייט שוצנגריבער.

דעם קריג מיט איטאַליע איז אָפּנים נישט צו פאַרמיידן.

דער גענעראַל, וועלכער שטייט אין זעלביקן האָטעל, ראָט אונדז זיך איבער־קלייבן אין דעם קליינעם גאַנע־קלויסטער, וועל־

כעס ליגט אָפּגערוקט פון ים — דאָרט וועלן מיר כאָטש אין אָוונט קענען אָנצינדן אַ ליכט. די איטאַליענישע מאַנאַשקעס נעמען אונדז אויף ווי די פירשטן, טרעטן אָפּ פּאַר אונדז די שענסטע צימערן און דאָס בעסטע עסן, און ווילן נישט אַפּילו צונעמען קיין מתּנה אַלס דאַנק. זיי בעטן נאָר, מיר זאָלן זיי „געדענקען צום גוטן". דערפאַר דערציילט זיי דער גענעראַל שוין צום הונדערטסטן מאָל זײַנע „העלדישקייטן" פון סערבישן קריג, — כאָטש „געקריגט" האָט ער זיך אפשר אַרום דריי וואָכן צײַט און איז באַלד געוואָרן „נערוועז". און כאָטש די מאַנאַשקעס פאַרשטייען נישט קיין וואָרט דײַטש, שאָקלען זיי פרום מיט די קעפּ, גלײַך זיי וואָלטן צו יעדן וואָרט זײַנס זאָגן „אמן".

דער קור-דאָקטאָר קומט מיט דער בשורה, אַז אָפיצירן פון די שפּיטאָלן מוזן תּיכּף פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, די לאַגע איז ערנסט. איך אײַל דערום צום סטאַנציע-קאָמאַנדאַ, אַרויסבאַקומען די נויטיקע דאָקומענטן. דער פּאַרק איז כמעט ליידיק פון מענטשן — פון אָפיצירן איז שוין קיין שפּור נישטאָ.

— פאַרוואָס ביסטו נישט נעכטן אַוועקגעפאָרן? — איז ברוגז דער ריטמייסטער פון סטאַנציע-קאָמאַנדאַ, נאָכדעם ווי ער דערזעט אין דאָקומענט מײַן ייִדישן נאָמען.

— ווײַל קיינער האָט מיר נישט געלאָזט וויסן, אַז איך מוז אַוועקפאָרן.

— יעדער אידיאָט האָט עס געוווּסט.

— יעדער אידיאָט, און אויך אײַער קאָמאַנדאַ, הער ריטמייסטער. איז דאַרום געווען אײַער הוב מיר אָנצוזאָגן, אַז מען מוז אַוועק פונדאַנען.

— דאָס קען אָבער אויסמאַכן פערצען טעג אַרעסט.

— וועל איך דאַן אָנפרעגן בײַ אַ העכערן קאָמאַנדאַ, ווער עס האָט פאַרדינט די פערצען טעג אַרעסט. דערווײַל דענק איך,

מעג מען רעדן אַ ביסל דעליקאַטער מים אַן עסטרייכישן אָפיציר, וועלכער האָט פאַרגאָסן בלוט אויפן שלאַכט-פעלד. בפרט, ווען נישט אַלע הערן, וועלכע שרייען, האָבן געהאַט דעם מוט, דאָס צו טאָן.

דער ריטמייסטער ווערט אַ ביסל ווייכער:

— איבער פיומע קען מען שוין נישט פאָרן. איך מיין דאָך גאָר דאָס בעסטע.

איך פאָר צום קלויסטער פאַרנעמען מיינע זאַכן. די באַנעס שטייען אין דרויסן מיט ווינציקע פעקלעך, — בלאַסע, איבער-געשראָקענע: אַן אָפטיילונג מיליטער האָט פאַרנומען זייערע דירות, און זיי אַליין שלעפט מען אַלס „פאַרדעכטיק" אין אינטערנירונגס-לאַגער.

— אפילו דער צלם אויפן האַלדז קען זיי נישט שיצן? — פרעג איך דעם אָפיציר, וועלכער דאַרף זיי אַוועקפירן.

— מיר קענען גאָרנישט העלפן — ענטפערט ער — אַ באַ-פעל פון ״A. O. K.״ (אַרמיי-אויבער-קאָמאַנדאָ).

שעם איך זיך פאַר די גוטהאַרציקע, אומשולדיקע באַנעס — אַט דאָס איז אונדזער לוין פאַר זייער גוטסקייט...

איך פאָר וואָס גיכער צום באַן. גרופנווייז זיצן די אַנטלאָ-פענע קור-געסט פון זומער-פלאַץ. דער צוג וועט אין בעסטן פאַל אַוועקגיין ערשט נאָך מיטערנאַכט, שטיפן דערווייל די אַנטלאָפענע קעלנערקעס מיט די משרתים.

— פאַרוואָס זיצט איר נישט אין אונדזער געזעלשאַפט, הער פענריך? — פאַרבעט מיך איינע פון צוויי דאַמען צו זייער טיש.

מען האָט מורא, אַז מען וועט וואַרפן באָמבעס אויפן וואָקזאַל, ווילן זיי אַפנים — אין זייער קינדישער אומבאַהאָלפנקייט — זיך האַלטן אָן אַ „מיליטער-מאַן". שפּאַצירן מיר ביז גאָר שפּעט אין דער שיינער לבנה-נאַכט באַם וואַלדיקן ברעג פון ים. פינגווייטנס באַווייזן

זיך שאָטנס — שיפן. דער וואַרטנדיקער עולם ווערט אומרויִק און נעמט פּראָטעסטירן, פאַרוואָס מען פאָרט נישט תּיכּף אַוועק. שטעלט מען צוזאַמען עטלעכע אַלטע פּאַק-וואַגאָנען מיט אַ נאָך עלטערן לאָקאָמאָטיוו — און מען פאָרט.

„בעסערע" האָבן זיך אָנגעפּאַקעוועט אין דעם איינציקן וואַגאָן דריטע „קלאַס" — מיר קומט אויס צו האַלטן צוויי קינדער אויף דער שויס.

— מאַמעלע — פּיעשטשעט זיך דאָס צוועלף-יאָריקע מיידעלע — פאַרוואָס פאָרן מיר אַזוי ענג? מיר האָבן דאָך באַצאָלט צווייטע קלאַס.

— עס איז דאָך קריג — טרייסט די מוטער דאָס קינד — מען מוז צופרידן זיין מיט דעם. אינדערהיים וועט שוין זיין בעסער.

זי זיפצט און גלייבט אַליין נישט אין די ווערטער.

קוים אָפּגעפאָרן אַ פערטל שעה, גיט עס מיטאַמאָל אַ שרעקלעכן, מעטאַלענעם קוויטש — עס וואַרפט מיך אַרונטער אויף פאָרויס און צוריק — מיין קאָפּ שטויסט זיך אָן אין דער וואַנט!

אין מאָמענט דערמאָן איך זיך מיין פאַרווּנדונג מיטן גראַנאַט. פאַר די אויגן איז פינסטער און עס וויל גאָרנישט ליכטיק ווערן. איבערגעשראָקענע קינדערלעך יאָמערן אויף די העכסטע טענער — פון די אַנדערע וואַגאָנען דערטראָגן זיך געשרייען און געוויינען.

דער צוג שטייט און מען נעמט שפּרינגען דורך די טירן און פענסטער. מיין האַנט איז צעקאַלעטשעט, אויפן קאָפּ האָב איך צוויי אָנגעלאָפענע „ביילן", אָבער איך האַלט זיך אויף די פיס און לויף תּיכּף העלפן אָפּערשלעפן די פאַרווּנדעטע. אַ וואַגאָן, וועלכער איז געווען פיל מיט קעלנערקעס, איז ממש צעריסן געוואָרן אויף צווייען. דורכגעפוילט אָפּנים דאָס מאַטעריאַל, האָט ער נישט געקענט אויסהאַלטן די צו שווערע משא.

ביז פאַרטאָג אַרבעט מען בײַ די פאַרווּנדעטע. ענדלעך קומט

אַן דער לעצטער מיליטערישער צוג, אַנגעפּאַקט פון די טרעפּלעך ביזן דאַך. עפן איך אַ פענסטערל, זעץ זיך דערויף איינזייטיק רייטן, און פאַרפאָר אַזוי ביז סאַנקט פּעטער. דאָ קומען זיך צונויף די באַנען פון טריעסט, און ערשט דאָ הייבט זיך אָן אַן עלנט, וואָס איז אפשר נאָך גרעסער ווי אין גאַליציע: איטאַליענישע מענער פון 18 ביז 50 יאָר, שטרענג באַוואַכט אין איין צוג, — ווייבער און קינדער אין אַ צווייטן צוג. שטייען זיך אַ קעגן מאַן און ווייב, טאַטעס און טעכטער, שוועסטער און ברודער — און טאָרן צו זיך קיין וואָרט נישט רעדן. קייען די מענער אַ פאַרדאַרטן באָקסער און פאַרטראַכטן זיך ערגעץ ווייט מיט די שוואַרצע, טיפע אויגן, וואָס ברענען מיטן דרום. זאָל מען נאָר געבן אין האַנט אריין אַ שטילעט!...

און די פרויען שרייען נישט, קלאָגן נישט, נאָר טרערן גיסן זיך גישט ווילנדיק פון די רויטע אויגן. הונדערטער געפּלאָגטע, גערייאָגטע, אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרוואָן — און די מאָגערע פּופּצן־יעריקע מיידלעך מיט די שמאָלע, פיינע קנייטשלעך אויפן שטערן, קוקן נאַיוו מיט די שוואַרצע אייגלעך און ציטערן פאַר מורא...

קיינער פון זיי פאַרשטייט נישט קיין דייטש. שלעפּט מען אָפּער דאָס ביסל פאַרגעסענע לאַטיין און מען „קוטשעבעבעט":

— פון וואַנען זענט איר? — פרעג איך די איינגעקאָרטשע־טע אַלטיטשקע.

— טויב, בלינד!... — ענטפערט מיר אויף צעבראָכן דייטש אַ פרוי אין די מיטלערע יאָרן און ציילט אָפּ מיט דער האַנט 90.

זי איז די טאָכטער פון דער ניינציק־יעריקער זקנה, דער „עסטרייכישער שטאַטס־געפערלעכער"...

— זאָל ער געבן אַ ביסל מילך — בעט זיך אַן אָפּגעצערטע פרוי מיט אַנטבלויזטע ברוסטן, ווייזנדיק אויף אַ שייגעץ מיט אַ

קריגל אין האַנט — דאָס קינד שטאַרבט, איך האָב נישט, וואָס עס צו געבן זייגן...

איך וויל געבן דעם שייגעץ צען קראָנען, ער זאָל איר אָפּ־טרעטן דאָס ביסל מילך. דער שייגעץ קוקט מיך אָן פאַרוווּנדערט, ווערט פאַרציטערט, אָבער ער האָט מורא:

— עס איז פאַר דעם אָפיצירס קינד, איך טאָר נישט...

אַ יונגע בלאָנדינקע קלאָגט זיך אויפן הויכן קול:

— וואָס וויל מען פון מיר? וואָס בין איך שולדיק, אַז מיין מאַן איז צופעליק אַן איטאַליענער?

— זאָל אים דער טייוול... אָבער איך בין דאָך אַ געבוירענע ווינערין!

איך בין צופרידן, וואָס עס קומט שוין דער צוג און איך קען אַוועק פון דעם עלנט, און איך פאָר אַצינד ווידער קיין באַדען, ווו איך דאַרף פאַרברענגען דעם רעשט פון מיין „קראַנקן-אורלויב".

באַם „ערזאַץ־באַטאַליאָן"

עס ווערט אַ מאַנגל אין לעבנסמיטל. אַפילו דאָס ברויט איז שוין זאַמדיק און קריצט אונטער די ציין. עס איז דעריבער שווער „פּריוואַט" זיך צו באַקעסטיקן און איך בין געצוווּנגען צו עסן אין אָפיצירן־קיך, כאָטש עס איז מיר נישט שטאַרק ניחא זיך צו חברן מיט מיינע קאַמעראַדן.

אויך די „שטימונג" צווישן די אָפיצירן און דער באַפעלקע־רונג איז אַ סך געפאַלן. עס איז שוין מער קיין סוד נישט, אַז בשעמישל איז געפאַלן נאָר דורך דער שלעכטער פאַרוואַלטונג און

דורך אַנטיסעמיטישער אינטריגע: דער „העלדישער" קאָמאַנדאַנט האָט נישט צוגעלאָזט קיין יידישע ליפעראַנטן, האָט זיך געמאַכט אייגענע מאַלקערייען — און אַזוי אַרום פשוט פאַרהונגערט די פעסטונג.

אין פראָג ברעכט אויס אַן עפּנטלעכע מרידה און זיבן פון די רעדלפירערס ווערן עפנטלעך אויפגעהאָנגען. די אומרוען כאַפּן זיך אויך אַריין אין דער אַרמיי. דאָס טשעכישע רעגימענט „26" גייט איבער צום שונא, און זייער פאָן שטעלט מען אַריין „צום אייביקן זכר פון אייגענער שמאַך".

די סאָלדאַטן זוכן מיטלען נישט צו גיין אין דער פּאָזיציע, אָבער אויך די אָפיצירן ליגט איינס אין זינען: אָפּלעבן אַ „גוטן טאָג". צו הונדערטער ליגן זיי ווענעריש קראַנק, און נישט ווייניקער היילן זיך אויף דעם זעלביקן די קראַנקן-שוועסטערס. פרויען פון באַלעבאַטישע מענער, מאַמעס פון קינדער, ברענגען זיי אָט די פעסט צו זיך אַהיים און ווערן דער סימבאָל פון אַלגעמיינער פוילקייט און אויסגעלאַסנקייט. עס דאַכט זיך, אַז פּאָמפּייעס לעצטע טעג זענען אויפגעשטאַנען אין אָרימען עסטרייך — עס גייט צום סוף!

און דאָך קומען די גרויסע זיגן בײַ גאָרליץ און טאַרנאָוו. עס ווילט זיך פשוט נישט גלייבן! באַקומט מען פרישן מוט און בטחון — צווישן די אַנטלאָפענע יידן איז אַ יום טוב! מען פּאַלט זיך אויפן האַלדז, ווילדע פרעמדע צעקושן זיך — מען וויל שוין דערלעבן צו זען דאָס באַפרייטע גאַליציע.

פאַרגיין די טעג אין „פּאָליטישער" און די אָוונטן בײַ „פּאַט-ריאָטישער קונסט": אין טעאַטער, אין קאַבאַרעט, בײַם קאָנצערט — אַלץ „קריגס-שטימונג", קריגס-זאַכן.

און אָט מוז איך שוין זיך אומקערן צו מיין רעגימענט. מיין פריינט און רופא דר" ר. גיט מיר מיט דאָקומענטן וועגן פּראָצעס פון

מיין קראַנקהייט. דער גענעראַל וויל מיך אפילו תיכּף „סופּעראַרביט־רירן" (אינגאַנצן באַפרייען פון דער אַרמיי), — האָט אָבער דאָס דאָרטיקע שפּיטאָל קיין רעכט נישט דערצו. ער באַשליסט דערום מיך צו שיקן צו מיין רעגימענט מיט דעם פאָרשלאָג, מיך דאָרט תיכּף באַפרייען.

— אוי, קינדער, עס גליסט זיך נישט צו פאָרן!... — קלאָג איך זיך נישט ווילנדיק פאַר מיינע פריינט, ווען זיי באַגלייטן מיך צום באַן.

באַ זיי באַווייזן זיך טרערן אין די אויגן. עס איז אָבער נאָך קוים צייט צו געבן דעם לעצטן קוש, און שוין טראָגט מיך אַוועק דער צוג אַקעגן אומבאַקאַנטע געשעענישן...

דער מאַיאָר באַ מיין באַטאַליאָן נעמט מיך אויף גאָר פריינט־לעך: ער ווייסט דאָך, אַז ער איז די סיבה פון מיין איצטיקער קראַנקהייט.

— איך וויל, מען זאָל מיך „סופּעראַרביטרירן" — דערקלער איך אים.

— גוט — זאָגט ער צו — איך וועל דאָס שוין באַזאָרגן, דערווייל ביסטו צוגעטיילט צו דער פּערטער קאָמאַנדאָ.

מיין נייער הויפּטמאַן איז „צערודערט": ער איז געווען נאָר אָבערלייטענאַנט, מעלדעט ער זיך פרייוויליק אין פעלד אַריין, כּדי מען זאָל אים מאַכן פאַר אַ הויפּטמאַן, איצט טוט אים שוין באַנג, אָבער עס איז פאַרפאַלן.

— גיי אַהיים שלאָפן — זאָגט ער צו מיר — ווען איך וועל דיך דאַרפן, וועל איך שיקן דיך רופן.

און דאָך באַקום איך באַלד „דינסט": באַטאַליאָנס־אינספּעקציע. איך פיל מיך שוואַך, אָבער איך קום איינטיילן די וואַכן. דער פעלדוועבעל לויפט מיר אַקעגן מיט דער מעלדונג:

— הער פענריך! איך מע.. מע..

די ליפּן ציטערן באַ אים, — ער וויל זיך צעלאַכן.

— וויטער, מעלדן דאָקטאָר — מאַך איך אַן ערנסטע מינע און שיער שיס איך נישט אַליין אויס אין אַ געלעכטער.

דער פעלדוועבעל, וועלכער שטייט פאַר מיר אַזוי שטייף אויסגעצויגן איז אַ חבר פון דער פּאַרטיי, דר״ ק.

— וואַכן רעכטס אָפּמאַרשירן! — באַפעל איך, און ערשט אַצינד צעקושן מיר זיך.

אויך אין דער קאַנצעלאַריע אַרבעטן עטלעכע יידישע לאַנדס־לייט, ווערט די „דינסט״ פון איצט אָן געפירט הויפּטזעכלעך אויף יידיש.

נאָך מיטאָג ברענגט מען אַרעסטירט אַן אויסגעמאָגערט יידל אין אָפּגעריסענע, מיליטערישע מלבושים. מען האָט אים געפונען באַ דער באַן־שטרעקע און דער אָבערסט האָט אים באַשטראָפט פאַר „דעזערציע״.

איך רוף דעם דאָקטאָר און לאָז אונטערזוכן דעם „דעזער־טער״ — און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ לונאַטיקער, אַ „חולה נופל״ און ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי ער איז געקומען אויף יענעם פלאַץ.

— אַזוי האָט מען אומשולדיק באַשטראָפט דעם משוגענעם בערל — דערציילט דער יידישער קאָרפּאָראַל — דער קאָמאַנדאַנט האָט געהאַלטן, אַז ער „מאַכט זיך״ באָר משוגע און האָט אים גע־שיקט אין פעלד אַריין, און אַצינד, ווען ער פוילט שוין ערגעץ אונטער אַ פּלויט, איז געקומען דער באַפעל פון מיניסטעריום, מען זאָל „נאָכאַמאָל אונטערזוכן זיין גייסטעס־צושטאַנד״...

— וואָס איז דער חילוק — מיינט דער דאָקטאָר גאַנץ ערנסט — ער האָט באַדאַרפט שטאַרבן אין משוגעים־הויז, איז ער געפאַלן אויפן „פעלד פון ערע״.

און אַזוי דרייט זיך דער „געפרייטער איציקל״, דער „פּ.ג.ר־

ליבטער מיכל״, משוגענע־קרבנות פון שלאַכטן־געטומל און מלחמה־טויט־שרעק — און די דאָקטוירים קענען זיך קיין עצה נישט געבן: דער קאָמאַנדאַנט מיינט, אַז דאָס זענען שווינדלער, און דער דאָקטאָר קען נישט באַווייזן זייער משוגעת...

אין דער נאַכט הערט זיך שיסן באַם פּולווער־שטיבל. מען שמועסט. אַז איטאַליענישע שפּיאָנען האָבן געוואָלט אַרויסרופן אַן עקספּלאָזיע. מען האָט מורא פאַר באָמבעס.

און באַלד טאַקע קומט דער באַפעל, צו שיקן אין דער פּאָזיציע אַ קאָמפּאַניע פון בעסטן מענטשן־מאַטעריאַל. מען שטעלט צוזאַמען אַן אָפּטיילונג, — דער מאַיאָר קומט קאָנטראָלירן, און געפינט צווישן זיי כמעט אַ גאַנצן צוג האַלב־בלינדע, טויבע הינקענדיקע און זדעכליאַטע.

— ווער האָט דאָס זיי אויסגעקליבן? — איז בייז דער מאַיאָר.

— דער דאָקטאָר או., — פאַרענטפערט זיך דער הויפּט מאַן.

דער דאָקטאָר ווערט בלאַס פאַר אויפרעגונג: אַ געבוירענער גוי, האָט ער אָבער שלימזל־גורל אַ יידיש־ענלעכן נאָמען, לייגט מען אויף אים אַרויף אַלע חטאים.

— איך האָב געזאָגט, אַז זיי זענען קראַנק — קען ער שוין לענגער זיך נישט איינהאַלטן — אָבער דער הויפּטמאַן וויל וואָס מער יידן שיקן אין פעלד.

זיין טענה איז אַ מוטיקע און אַ גערעכטע, — און דערפאַר קריגט ער טאַקע פון מאַיאָר דרייסיק טעג „צימער־אַרעסט״...

די פרייע אָוונטן פאַרברענגט מען באַ דער ביליקער דייטשער טעאַטער־טרופּע, אָדער אין דעם אָפּגעריסענעם „קינאָ״ מיט שלעכט נאָכגעמאכטע „קריגס־בילדער״, באַ וועלכע די יונגע ווייבלעך, וואָס האָבן מענער אין דער פּאָזיציע, פאַרגיסן אַ טרער און — ווינקען זיך דערווייל איבער מיט די אָפיצירן.

ווו נעמען גאָר אָט די ווייבער אַזוי פיל עלעקטרישע האַנט־לעמפלעך, וואָס פעלן אַזוי שטאַרק אין דער פּאָזיציע!...

מיט די איטאַליענער גייט אונדז אַפּנים נישט ווי אַם בעסטן. דען גאַנץ אומפאַרהאָפט מוזן מיר פאַרלאָזן שטייערמאַרק און זיך צוריקציִען ביז טיף אין אונגארן.

דער וואָקזאַל אין ווינער ניישטאָט איז פול מיט טראַנספּאָרטן: קאַנאָנען, וואָגנס, פערד און סאָלדאַטן. קיינער ווייסט נישט וווהין זיי פאָרן און פונוואַנען זיי קומען. אונדזערע סאָלדאַטן פאַרגנבע־נען זיך צו אַ טראַנספּאָרט רוסישע געפאַנגענע און דערלאַנגען זיי פּאַפּיראָסן. די וואַך צעטרייבט זיי.

— יעוורעי? — פרעג איך אַ יונגן, „שיינעם רוס“, וועלכער איז דער קאָמאַנדאַנט פון זיין אָפּטיילונג.

— קאָניעטשנאָ! — ענטפערט ער און דערציילט מיט פרייד, ווי ער האָט געמוזט געבן זיין פעלדוועבעל פינף רובל. ער זאָל אים מיט נאָך הונדערט מאַן דערלויבן „גיין אויף פּאַטרול“, און בא דער געלעגנהייט זענען זיי שוין אַלע פאַרבליבן בא אונדז אַלס געפאַנ־גענע.

די וואַך ווערט אומרויִק, דען נישט אַמאָל רעדן איז דער־לויבט מיט די געפאַנגענע, רוק איך אונטער דעם רוסישן ייִד עט־לעכע קראָנען און לאָז זיך אַוועקגיין.

— איז דאָס די גרויסע שטאָט ווין? — פרעגט ער אויף שנעל, און ווערט ערנסט טרויעריק, ווען ער דערוויסט זיך, אַז זיי זענען שוין פאַרבייגעפאָרן ווין.

פון פאַרשידענע גרופּעס דערהערן זיך לידער אין פאַרשי־דענע שפּראַכן. יעדער באַציִע האָט זיך איר כּיתּה. פאַר אַ בינטל רו־מענער קרעכצט אַ ציגיינער אויף זיין פידעלע די באַרימטע, נאַ־ציאָנאַלע „סירבע“: „יאַקאַ אונאַ, יאַקאַ דאָו, פענטרו פּאַטראַ...“ —

און די טענצערס פארגלאָצן די אויגן, האַלטן זיך פאַר די פלייצעס און ווארפן אַזוי שנעל און צום טאַקט צו מיט די פיסלעך...

און פלוצלינג דערטראָגט זיך פון ערגעץ-ווייט אַ כאָר פון הונ־דערט שטימען: „ישמחו, ישמחו במלכותך...״

דאָס קומט אָן דאָס קאָלאָמייער רעגימענט, וואָס באַשטייט פון אַ פערטהלק יידן.

— ווייסט איר נישט, ליבער הער, ווען עס פאָרן פאַרביי די „67-קער״? בעט זיך דורך די שטאַכעטן אָן עלטער ווייבל, אַן אַנטלאָפענע פון גאַליציע.

דער קריג האָט באַ איר צוגענומען דעם מאַן, דאָס איינ־ציקע טעכטערל, דאָס ירושהדיקע הייזל און דאָס לעצטע קישע־לע — וואַרט זי אַצינד שוין זעקס טעג און זעקס נעכט, צו זען איר איינציקן ברודער, פון וועלכן זי ווייסט גאָרנישט זייט אָנהייב פון קריג. אַ דאָ אַרום, האָט מען איר געזאָגט, מוז פאַרבייפאָרן זיין רעגימענט. וואַרט זי און וויל פון פלאַץ נישט אַוועק...

אונדזער נייער „עיר מקלט״ איז אַ דאָרף מיט 37,000 נפשות. צום ערשטן מאָל שטייען דאָ סאָלדאַטן, פאַרלאַנגט די באַפעלקע־רונג אומגעהייערע פרייזן פאַר דירה און עסן. דער אָבערסט איז געצווונגען געווען צו באַשטראָפן פאַר אַרויפרייסן די פרייזן, — ווערט אָן אויפקאָכעניש צווישן די פויערן. מען האָט פשוט מורא פאַר אַ בונט און מען מוז צוליב דעם אויפשטעלן „אַליאַרם־קאָמ־פּאַניעס״, וועלכע זאָלן אונדז באַשיצן פאַר דער אייגענער באַ־פעלקערונג. באַקומען די פעלדוועבעלס אַ נייעם „קוואַל פון הכנסה״, די סאָלדאַטן זוכן מיט אַלע מיטלען זיך אַרויסצודרייען פון די „אַליאַרם־קאָמפּאַניעס״, בפרט ווען מען שמועסט, אַז פון די זעל־ביקע קאָמפּאַניעס וועט מען צוזאַמענשטעלן אַ פרישן מיליאָן סאָל־דאַטן קעגן רומעניע. דער אוקראַינישער פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט אָסט ווערט אַפילו צוליב דעם אַ שטיוול־פּוצער באַם פעלדוועבעל,

ביז מען שיקט אים אַוועק אין רוסישן געפאַנגען-לאַגער, ער זאָל דאָרט „מאַכן פראָפּאַגאַנדע".

ליגן מיר אַזוי אויף דער זומפּיקער פּאַסטוויסקע לעבן דער ווינט-מיל, און די פּושטאַ-זון בראָט מיט אירע שפּיציקסטע שטראַלן. מיר האָבן שוין עטלעכע געלחשטע. אויך מיר נעמט טונקל ווערן פאַר די אויגן, דער אָטעם ווערט שווער, און נאָר ווי דורך אַ חלום הער איך דערציילן וועגן דעם שטעטל אין פאָראַרלבערג, וווּ די יידישע קהילה באַשטייט אַצינד פון צען ווייבער און איין ייד, דעם ראַבינער. — דען אַלע יידישע מענער און מיידלעך זענען אַוועק אין דער אַרמיי.

פּלוצלינג ווערט מיר שטאַרק הייס, איך פּאַרהוסט זיך שווער. איך כאַפּ זיך אויף אין בעט פון מיין צימער. דער דינער זאָגט מיר אויס דעם אמת: איך האָב באַ די מושטרעס מיט די סאָלדאַטן באַקומען אַ בלוטשטורץ.

קראַנקען-קאָנטראָל

איך בין ווידער ערנסט קראַנק און מיינע דאָקטוירים שאָקלען מיט די קעפּ:

— די לינקע לונג איז נישט אין אָרדנונג.

קומען אָבער אָן די שפּיטאָל-דאָקטוירים, און דאָרט שטייט געשריבן: „די רעכטע לונג איז אָנגעגריפן" — ווערט מיטאַמאָל פון דער „לינקער לונג" אַ „רעכטע" און מען הייסט מיך בלייבן אין בעט.

פּילנעוועט מיך מיין אונגאַרישע באַלעבאָסטע מיט טויבן-יאַכ-

לעך און שמעקעדיק אויבסט, און פרעגט יעדן טאָג אויף מיין געזונט באַם „מאַדיאַר", אַ טאַרנאָפּאָלער יידל, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט אַ ביסל אונגאַריש — איינער פון יענע „גליקלעכע" וועלכער איז „גאַנצע 70 פּראָצענט קאַליקע" און גייט נאָך דערוויל נישט אין פעלד אַריין, דען דאָס קראַנק זיין ווערט אַצינד פאַררעכנט אויף פּראָצענטן, און די סאָלדאַטן, וועלכע היטן זיך פאַר דער פּאָזיציע און צוליב דעם מאַכן זיי זיך אַליין פאַר קאַליקעס, ווייסן שוין אַליין נישט, וואָס פאַר מיטלען זיי זאָלן פאַר זיך אויסטראַכטן. ברעכט אויס פּלוצלינג אַ „מגפה", איבער הונדערט זעלנער ווערן ווענעריש קראַנק. מען מאַכט פאַר זיי אַ באַזונדערע אָפּטיילונג (די „יידישע סינאַגאָגע" רופט זיי דער אָבערסט, כאָטש נישט אַמאָל דרייסיק יידן געפינען זיך צווישן זיי) — און דערווייל מאַכט מען צוליב דעם אַן אויספאָרשונג און מען באַשטראָפט עטלעכע ספּעציאַליסטן, וועלכע נעמען הויכע פּרייזן פאַר מאַכן אָט די קראַנקהייט. אַ גאַנצע נעץ פון פּראָוואָקאַטאָרן און מסרים שפּיאָנירט נאָך די קראַנקע — דער אָבערסט אַליין קוקט זיך אונטער דורך די פאַרהאָנגענע פענסטער און געפינט אויס „פאַרברעכערס".

אויף אַלע קראַנקהייטן מאַכט מען איין רפואה: קיין פלייש נישט עסן, כדי אויף דעם אופן צווינגען די פּרעסגיריקע פויערן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער קרענק. און דערגייט דער דאָקטאָר, אויפן גרונד פון זיין „וויסנשאַפט", אַז דער סאָלדאַט „האָט זיך נאָר געמאַכט קראַנק" — באַשטראָפט מען מיט „בינדן און פאַסטן". שרעקן זיך די אָרימע זעלנער אויסצוזאָגן, אַז זיי זענען קראַנק — ביז זיי פאַלן אין דינסט ווי די אויסגעהאָרעוועטע פערד באַם אַקער...

ערשט איצט קומט די אמתע מגפה: צענער סאָלדאַטן שטאַרבן אַוועק פון כאָלערע און טיפוס. מען דאַרף אויפשטעלן אַ פּױלישע

„פעלד-קאָמפּאַניע״, און עס איז נישטאָ מיט וועמען: לויטער קאַליקעס און זדעכליאַקעס. קומט עקסעלענץ אַליין -- פעלדמאַרשאַל-לייטענאַנט. מיט אַ גאַנצער קאָמיסיע — זיי וועלן „קאָנטראָלירן״ די קראַנקע.

מען פאַרזאַמלט דאָס „גאַנצע באַטאַליאָן״ קראַנקע און פאַרוואונדעטע. די געזונטע האָבן זיך סיי ווי ערגעץ אויסבעהאַלטן. עקסעלענץ קוקט דורך יעדן באַזונדער, — אָבער ער גע..ינט זייער ווייניק, וועלכע זענען פעיִק פאַרן פעלד. דערפאַר הייסט ער באַפרייען די „פילפראָצענטיקע קאַליקעס״, וועלכע „באַקומען נאָר אומזיסט עסן און קליידער״.

נאָך מיטאָג קאָנטראָלירט ער אויף דעמזעלבן אופן די אָפיצירן, פון וועלכע די געזונטע, „אָפּגעבעטענע פּראָטעקציע-קינדער״, זענען דערוויייל אויך אַוועק „אויף אורלויב״. דער דאָקטאָר פון זיין שטאַב ווייזט אים אָן אויף מיר.

— געווען אין פעלד? — פרעגט ער מיך מיט די זעלבע ווערטער ווי בײַ די איבעריקע אָפיצירן.

— צוויי מאָל עקסעלענץ — ענטפער איך שוין אַלץ מיט אַמאָל — געקעמפט בײַ 35, דאַן בײַ 80, דריי מאָל פאַרוואונדעט, שפּעטער בײַם אייגענעם רעגימענט קראַנק געוואָרן.

— וואָס-זשע טוט דער הער פענריך דאָ? — ווענדט ער זיך צום אָבערסט — פאַרשטעלן בײַ דער נעכסטער קאָמיסיע.

דורכקאָנטראָלירט, גייט מען צום „דינעי״. עס פאַרגייט צען מאָל דער אַפּעטיט, ביז מען דערוואַרט זיך, עקסעלענץ זאָל נעמען דעם לעפל צום מויל. און ווי נאָר ער פאַרטיפט זיך אין אַ שמועס מיט די אָפיצירס-דאַמען, פאַרגנבעט מען זיך אין צווייטן צימער און מען ווערט פרייליך: חברה נעמט אָפּשפּעטן פון עקסעלענצס „טאָרקוועמאַדאָ-טאָן״, — איינער טוט זיך אַפילו אָן זיין היטל און דעם מאַנטל מיט דער רויטער פאָדשעווקע.

— ביסט ווערט דערפאַר אַ „סיגנום לווידיס“ (דער מעדאַל: „אַ צייכן פון לויב“) — איז איינער גאָר לוסטיק.

— אויב דער מאַנטל איז געווען אין פעלד, געבירט פאַר אים אַ „סיגנום לויזיס“ („אַ צייכן פון כּנים“) — וויצלט אַ צווייטער.

— עס געבירט גאָר אַ “סיגנום לויפּיס“ („צייכן פון לויפן“) — שרייט איבער אַ דריטער — עקסעלענץ איז זיכער דער ערשטער אנטלאָפן פון פעלד.

ווען ניִשט דער קלוגער איינפאַל פון שכּורן לייטענאַנט, וועלכער דרייט אויס דאָס עלעקטרישע ליכט, וואָלטן מיר געמוזט אָפּזיצן מיט זיין עקסעלענץ אַ גאַנצע נאַכט.

נאָך פאַרן אַוועקגיין נעמט מיך אונדזער דאָקטאָר אָן אַ זייט, נאָטירט אַלע איינצלהייטן וועגן מיין קראַנקהייט און באַשטימט אַ טאָג, ווען איך זאָל פאָרן צו דער מיליטערישער דאָקטאָר-קאָמיסיע.

איבער זעכציק פאַציענטן וואַרטן מיט האַרצקלאַפּעניש אויף דעם „פּסק דין“ ווי אַן אָנגעקלאָגטער אויפן אורטייל: לעבן און טויט ליגט איצט אין די הענט פון דער קאָמיסיע.

גאָר ווייניק ווערן באַפרייט. קאַליקעס, מיט וועלכע מען קען זיך שוין גאָר קיין עצה נישט געבן, קלויבט מען אויס צום „לייכטן דינסט“, — דאָס מיינט: טראָגן זעק מעל, אַרומלויפן מיט מעלדונגען א. אַז. וו.!

— ווי בּאַ אַ קליין קינד — וווּנדערט זיך דער דאָקטאָר, ווען ער נעמט מיך אָן בּאַ דער האַנט.

מען הייסט מיך באַלד גיין, און איך אָטעם אָפּ פרייער: ענדלעך געפּטרט די אַלע „וויזיטן“ מיט די „אונטערזוכונגען“ און דאָקטאָרישע „צערעמאָניעס“, וואָס זענען מיר שוין פון לאַנג נמאס געוואָרן! איך האָב זיך פאָרגענומען אַצינד אַוועקפאָרן אין דער שווייץ און דאָר׳ן פאַרבעסערן מיין געזונט. אָבער מיין חשבון איז געווען

אַ צו געאײַלטער: די קאָמיסיע באַפרײַט מיך נישט אינגאַנצן — איך ווער צוגעטײלט צו „לײַכטער קאָנצעלאַריע־דינסט".

קוים עטלעכע טעג בלײַב איך נאָך באַם באַטאַליאָן. די אָפּעג־זיווע אין גאַליציע מיט דער הילף פון די דײַטשן טראָגט זיך שנעל פאָרויס, אויך פּשעמישל איז שוין צוריק אין אונדזערע הענט — עס איז קײן ספק נישט, אַז מען וועט איצט דאַרפן אַ סך אָפּיצירן מיט סלאַווישע שפּראַכן, און אויך איך וועל מוזן גײן אין דינסט.

אַ קאַמעראַד, וועלכער קומט נאָר וואָס פון ווין, דערציילט גראָד וועגן דער ריזיקער „פּאַראַדע", וואָס 30.000 אַנטלאָפענע גאַליצישע ייִדן האָבן געמאַכט לכּבוד דעם באַפרײַען פון פּשע־מישל, און די ווינער אַנטיסעמיטן האָבן דערבײַ געהאַט נאָר אײן פאַרלאַנג: מיט עטלעכע מאַשין־געווערן „אַרײַנצופײַערן" אין דער ריזיקער מאַסע... עס קומט פּאַרסאַפּעט אַ געפרײַטער מיט דער מעלדונג:

— הער פענריך זענען צוגעטײלט צום שטאַב „אָסט"!

איך מוז תּיכף פאָרן. כּמעט אַ האַלבע קאָמפּאַניע באַגלייט מיך צום באַן. פּשוטע זעלנער קושן זיך מיט מיר. זיי האָבן מיך אין דער קורצער צײַט פאַרט ליב באַקומען.

מען דאַרף נאָך צוואַרטן אויפן צוג, און מיר גײען דערווײַל אַרײַן אין קאַפע־גאָרטן. מען הערט ווי מיר רעדן פּויליש, נעמט די קאַפּעליע לישען „יעשטשע פּאָלסקאַ"...

— עליען! — פאַרענדיקן עטלעכע שאַמפּאַניזירנדיקע פּריצים־לעך.

איך קען נישט פאַרליידן דעם „געמאַכטן פּאַטריאָטיזם" און בין שטאַרק צופרידן, וואָס עס נעמט רעגענען און איך קען תּיכף אַרײַן אין צוג.

אין מזרח-גאַליציע

אַ זעלטנהייט אין איצטיקע טעג: מיר זיצן אין פּלושענע קישנס „צווייטע קלאַס — נאָר פאַר אָפיצירן". פון אַלע באַנען האָט מען אַרויסגענומען די באַזונדערע קישנס, ווייל זיי זענען פאַראינמרייניקט און דעריבער גאָר לייכטע קאָנסערוואַטאָרס פאַר עפּידעמיע.

— צו וואָס ביסטו געגאַנגען אין פעלד אריין? — פרעגט מיך פלוצלינג דער אָבערלייטענאַנט מיטן צוגעלעגערטן „סיגנום לודיס", וועלכער זיצט אַקעגן מיר.

איך ווונדער זיך אויף זיין פראַגע.

— קוק נישט אויף מיין „סיגנום" — זיפצט ער — דאָס צווייטע מאָל וועל איך זיכער אַזאַ נאַרישקייט נישט טון.

זיין דינער שפּילט אויף אַ האַרמאָניקע: פון אַ געוויינטלעכן ווינער „שוסטער-מאַרש" ביז וואַגנערס „לאָהענגרין" — אַ מייסטער אויף דעם אינסטרומענט. זיצן מיר פאַרמרה-שחורהטע איבער אונדזער אייגענער ווילן-שוואַכער אָפּהענטיקייט, און די איינפאַכע טענער פון דער האַרמאָניע קלינגען באַלד ווי זיגעס-פאַנפאַרן און באַלד ווי אַ טרויעריקע תפילה פון אַן אָרגל.

מיר בלייבן שטיין אין ס., אַ גרעסער דאָרף, וווּ ערשט נישט לאַנג זענען פאָרגעקומען גאָר שטאַרקע געפעכטן מיט די רוסן. ווי אומעטום, קאָנטראָלירט מען אויך דאָ זייער שטרענג די פּאַפּירן. אונדזער קליינע אָפּטיילונג סאָלדאַטן רייצט זיך מיט אַן אָנגעקומענעם טראַנספּאָרט רוסישע געפאַנגענע. איינער נאַקיוועט אַפילו מיטן געווער צו זיי.

— זדראַוווסטוויטע! — שמייכלען צוריק די רוסן, זיכער, אַז עס וועט זיי קיין בייז נישט געשען.

און ווען אויך אונדזערע סאָלדאַטן צעלאַכן זיך, כאַפּט אַראָפּ איינער פון די רוסן זיין הויך, פּוטערן היטל און צעשרייט זיך בקול רם:

— זאָל לעבן פראַנץ יאָזעף!

עס איז אַזוי לייכט צו פאַרשטיין זיין הגיפה, און מיר ווערן נישט שטאַרק נתפעל פון דעם.

— אונדזערע אויף יענער זייט שרייען מסתּם פּונקט אַזוי „לעבן זאָל דער צאַר" — מאַכט אָוועק דער אָבערלייטענאַנט מיט דער האַנט.

די געגנט איז הייניק צעשטערט. נאָר באַם וואָקזאַל איז אפילו קיין שפּור פון האָלץ נישט געבליבן! אפילו דער דיל איז אויסגעברענט. פון ערגעץ דערטראָגט זיך דאָס וויינענדיקע קול פון אַ בעל-תּפילה. דאָס האָבן די דאָרפס-יידן צוזאַמען מיט די פאַרבייפאָרנדיקע יידישע זעלנער געמאַכט אַ מנין — טאַקע אין די חורבות פון וואָקזאַל.

אויף די אַרומיקע בערגלעך זענען געווען אונדזערע הויפּטשטעלונגען. די שוצנגריבער זענען סרוב איינגעפאַלן, פאַרשיט, די דראָט-מינעס צעשטערט, איבערגעריסן, — און נישט ווייט פון זיי: גרויסע און קליינע קברים מיט פרישע צלמים, אָט זענען די „מאַסנגריבער" מיט די אויפשריפטן: „15 מאַדיאַרן און 13 רוסן" — „16 עסטרייכיש-אונגאַרישע און פיר קאָזאַקן". אין די אָפיציעלע „אַרמיי-באַריכטן" דערציילן נאָך אַלץ, אַז „דעם שונאס פאַרלוסטן זענען צענפאַך גרעסערע ווי אונדזערע..."

— אין דעם שמאָלן טאָל שטייט אַ גאַנצער וואַלד מיט צלמים — סרוב פון אונדזערע. צווישן די אונגאַרישע אויפשריפטן טרעפט מען נעמען ווי: „ראַפּ פערענטש", „גאַל לאַיאָש" — יידישע אונגאַרן אונטער קריסטלעכע צלמים...

קוים אַכציק שריט אין וואַלד אַריין געפינט זיך די געוועזענע רוסישע פּאָזיציע. אַלץ איז נאָך דאָ אַזוי פריש, גלייך ערשט נאָר וואָס וואָלטן די רוסן זיך פונדאַנען אויפגעהויבן — עס אָטעמט מיט נערוועזן פּאָזיציע-לעבן: אָט זענען נאָך די מיט האָלץ אויס

געלייגטע אָקאָפּעס מיט די שיס־לעכער, — הינטער זיי די ברייטע ערד־שטיבלעך מיט דעכער פון שטאַרקע באַלקנס. און די „לויפגריבער“, וועלכע פאַרבינדן איין אָפּטיילונג מיט דעם צווייטער און מאַכן פונם מענטש אַ נאַרישן, זעענדיקן מויל־וואָרף.

אויף אָנגעזעגטן האָלץ און פאַרטריקנטע שמאַטעס קלעבן נאָך פאַרקילטע טראָפּנס פון אַן אויסגעגאָסענער זופּ, און די אַוועקגעוואָרפענע כלים דערמאָנען, אַז דאָס ווערמל־מענטש האָט אין זיין סויט־שרעק קיין צייט נישט געהאַט זיך אָנצוזעטיקן מיט זיין אייגענער שפּייז.

אויף אַ בוים פלאַטערן אַן אויסגעוואַשן העמד און האַלבבלאָטיקע אונטערהויזן. אַ קנויל לאַכעס און צעריסענע שיך ליגן ווי פאַרשעמטע, איבערגעלאָזטע — וווּ איז איצט זייער באַלעבאָס? קעמפט ער ווייטער פאַר דער הייליקער זאַך, אָדער קרעכצט ער יאָמערלעך אין אַ שפּיטאָל? ווערט ער געטריבן אין דער פיינטלעכער געפאַנגענשאַפט, צי אפשר פוילט ער שוין ערגעץ, נאָך שנעלער ווי זיינע פאַרגעסענע מלבושים?...

דורכן וואַלד טראָגט זיך אַ לעגענדאַרישע שרעק: אויף די „פייערשפּייענדיקע“ בערגלעך האָט זיך צעיושעט די חיה־מענטש, זיך צעביסן ביז בלוט איבער אַ צעפּוילטן גערשטן־קערנדל, — ווערט פאַרעיפּושט און פאַרעקלט די געטלעכע נאַטור און מען מיאוסט זיך אַ פּוס אַריינצושטעלן אין דעם שיינעם וואַלד...

נאָך אפשר אַ האַלבע שעה פאָרן מיר מיט דער באַן. נישט ווייט געפינט זיך דער אַרמיי־שטאַב, וועלכער וואַרט אויף טעלעפאָנישע ידיעות פון די לעצטע געפעכטן אַרום לעמבערג. יעדע מינוט קאָן קומען אַ באַפעל, איבערצונעמען די שטאָט. מען שיקט אַרויס אין יענער ריכטונג דריי באַטעריעס קאַנאָנען און צוויי עסקאַדראָנען קאַוואַלעריע.

— נישט מאַרשירן דורכן וואַלד — וואָרנט אונדז מיטן

דיטל אין האַנט דער יידישער עקאָנאָם פון דאָרף — די קאַנאָנען חעלן פאַרזינקען אין די זומפּן.

— וואָס פּלוידערט דאָרט דער „זוי-יוד"! — בייזערט זיך דער גענעראַל — אין דער מאַפּע זענען נישט פאַרצייכנט קיין זומפּן. אַוועקמאַרשירן!

— די „וווכערער נשמות" דאַרף מען גאָר נישט גלייבן — פאַרענדיקט דער גענעראַל צו זיין אַדיוטאַנט — אַלע זענען זיי פאַררעטער.

צוויי שעה שפּעטער יאָגט אָן אַן אולאַנער-פּאַטרול מיט דער מעלדונג:

— אַרטילעריע-אָבערסט בעט אַ קאָמפּאַניע אינפאַנטעריע מיט שטריק, ווייל מען קאָן נישט אַרויסשלעפּן די קאַנאָנען פון זומפּ.

— פאַרוואָס-זשע איז ער דאָרט אַרום געגאַנגען!? — ווערט בייז דער גענעראַל.

פאַרנאַכט דערטראָגט זיך פון יענער געגנט אַ היציק געוועריסן. האָבן די רוסן ווידער אויף אַזוי ווייט זיך דורכגעריסן? דער גענעראַל לויפט אַרום אַ פאַרוווירטער.

— ווו איז דער יידישער שוואַרם? — רופט זיי! אַדיוטאַנט. עס קומט אַ צוגספירער מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל „פאַר טאַפּפערקייט" אויף דער ברוסט:

— צו באַפעל, הער אָבערלייטענאַנט! — קלינגט זיין דייטש מיט אַ גאַליציש-יידישן אַקצענט.

ער איז דער קאָמאַנדאַנט פון „יידישן שוואַרם", אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פון סאַמע יידן: אָט די פאָרמאַציע האָט מען אויפגעשטעלט, כדי „שאַרף צו קאָנטראָלירן די יידישע פייגלינגע" — אָבער באַלד איז די אָפּטיילונג געוואָרן די מוטיקסטע אין רעגימענט, בפרט פאַר פּאַטרול-דינסט: זיי פלעגן ברענגען די שנעלסטע און זיכערסטע ידיעות וועגן פיינט.

דער ייִדישער צוגספירער מוז איצט שיקן פינף פון זיינע מענטשן, זיי זאָלן אויספאָרשן די סיבה פון יענעם געפעכט.

דאָס שיסן האָט באַלד אויפגעהערט, אָבער אונדזערע „מרגלים" זענען נישט צוריקגעקומען, ביז זיי האָבן נישט געגבוי געוווּסט יעדע איינצלהייט: דורכן וואַלד האָט מאַרשירט אַ דייטשע בריגאַדע, די טשעכישע סאָלדאַטן, וועלכע זענען געלעגן אין וואַלד, האָבן געמיינט, אַז דאָס דערנענטערן זיך רוסן, האָבן זיי גענומען געבן צייכנס, אַז זיי ווילן זיך אונטער'געבן. די דייטשן האָבן עס באַלד פאַרשטאַנען און האָבן תיכף — אַלס שטראָף — גענומען שיסן אויף די טשעכן.

— אַ באַנדע! — דרייט זיך אַוועק דער גענעראַל, קענטיק שטאַרק געערגערט איבער דעם, וואָס די דייטשן האָבן געזען דעם פאַראַט פון אונדזערע טשעכישע מיטקעמפערס.

לעמבערג פריי!

נאָך אין דערזעלבער נאַכט קומט דער באַפעל: אָנקניפּן פאַרבינדונג מיטן אַרמיי-קאָמאַנדאָ „אָסט". מאָרגן זאָל אַן אָפיצירן-קוריער, וואָס פאַרשטייט פויליש, זיין באַם „ראַטהויז אין לעמבערג"

אַ שמחה ווערט צווישן די מזרח-גאַליציאַנער: לעמבערג איז ווידער אויף אונדזער זייט!

עס נעמט קוים טאָג, ווען איך מיט נאָך צוויי אָפיצירן זעצן זיך אַריין אין דעם לאַנגן מיליטער-אויטאָמאָביל. צוויי באַוואָפנטע סאָלדאַטן זיצן אין דער פראָנט, און אַ „געמישטע" אָפּטיילונג רייטערס — אולאַנערס, הוזאַרן, דראַגאָנערס אין פאַראַד: אין די גלאַנ...

דיקע הײַלען און קורצע, פֿאַרביקע פּעלצלעך — רינגלען אונדז אַרום, — און אַזוי, מיט פֿרייד אין די הערצער, לאָזן מיר זיך דאָס גיכער קיין לעמבערג.

וואָס ווײַטער אַלץ גרעסער איז די פֿאַרניכטונג. עס שוועבן פֿאַר די אויגן קלײנע הײַזלעך װי אָרימע בית עולמס מיט אויסגע-צוימטע, פֿאַרסמאָליעטע מצבות-קוימענס, וואָס קוקן ווי פֿאַרשעמט אויף דעם שווייסהאָפּטיקן פּלייס פֿון מענטשן, וואָס האָט זיי גע-בויט, און מיט דער זעלבער האַסטיקער רציחה זיי ווידער צע-שטערט.

פֿון גאַנצע דערפֿער און שטעטלעך איז פֿאַרבליבן נאָר דאָס קלויסטערל מיט עטלעכע פּויער-הײַזלעך.

אין „אַלט ס.‟ שטעלן מיר זיך אָפּ. אין אָפּגעברענטן וואָק-זאַל שטעקן נאָך די נישט-עקספּלאָדירטע, רוסישע גראַנאַטן. דאָס שטעטל איז כמעט גאַנץ צעשטערט: וואָס עס האָט באַלאַנגט צו ייִדן איז אויסגערייכערט און פֿאַרברענט.

— אונדזער ייִדישער דאָקטאָר — דערציילט מיר אַ ייִד — האָט אַרויסגעשטעלט אין פֿענסטער די „מאַסקע באָסקע‟ מיט צלמים. אָבער די היגע גוים האָבן אויף אים אָנגעוויזן, האָט מען אים אוי באַרויבט.

— און וווּ זענען די צוגערויבטע זאַכן?

— די רוסן האָבן עס אַרויסגעפֿירט מיט זיך. און נאָר וואָס זיי האָבן נישט געקענט מיטנעמען מיט זיך, האָבן זיי אַוועקגעשענקט די פּויערים, די מוסרים.

אָט זענען מיר באַם בריקל: דאָרט האָט זיכער געוווינט מײַן פֿרײַנדין ה. — יאָ, איך דערקען עס לויט איר באַשרײַבונג. נאָר חורבות זענען איבערגעבליבן. דער גרויסער אויבסט-גאָרטן שטייט אָן צווייגן, פֿול מיט פֿרישע, שוואַרץ-געלע קברים, — פֿון די מילן און טאַרטאַקן איז מער קיין שפּור נישטאָ.

איך מאַך צו די אויגן און וויל נאָר וואָס שנעלער, שנעלער קומען קיין לעמבערג.

אָט איז די ראַגאַטקע! די היימישע ליבע ראַגאַטקע — דער „וועלטן־זייל" פון די קינדער־יאָרן.

הונדערטער מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט און לאָזן אונדז נישט דורכפאָרן: מיידלעך מיט צעזשאַרעטע אויגן וואַרפן אויף אונדז מיט בלומען, אַלטע מענער ווישן דעם שטויב פון אונדזערע רייטער־שטיוול — פרויען קושן די פערד — און „ניעך זשיע! וויוואַט!" קלינגט ווי אַ טריומפּסולער הימן.

דאָך אונדזער שאָפער מאַנעווורירט אַרויס קונציק דעם אויטאָמאָביל און מיר יאָגן ווייטער.

פון דער „ברייטער גאַס" קומט אָן אַ ריזיקער עולם, אַ פּאַראַד־צוג". אַ ייד מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער באָרד, אַ שטריימל אויפן קאָפּ, רייט פאָרויס אויף אַ שיין, הויך פערד. און מיט ביידע הענט טראָגט ער אַקעגן אַ „ספר תורה". אָבער נישטאָ קיין צייט זיך אָפּצושטעלן — עס ווייזט אויס, אַז מיר זענען נישט די ערשטע אין שטאָט. פּאַטרולן קומען אָן פון פאַרשידענע ריכטונגען.

באַם ראַטהויז שטייען שוין צענער אויטאָמאָבילן און הונדערטער רייטערס. אונדזער אַדיוטאַנט הייסט אונדז צוּוואַרטן און גייט אַרויף איבערנעמען שריפטלעכע באַפעלן.

וואָלט איך איצט קענען כאָטש אַ בליק טון אויף מיינע ליבענקע עלטערן, שוועסטער און ברידער!... ס'איז אינגאַנצן פינף מינוט צו פאָרן מיטן אויטאָ...

פון דער ליטשאַקאָווער זייט דערטראָגן זיך פריילעכע מוזיק־קלאַנגען! — עס מאַרשירט אַריין אַן אינפאַנטעריע־רעגימענט, — דאָס ערשטע דאַכט זיך. „וויוואַט" און באַגריסונגען צעטראָגן זיך צווישן די אַלטע מויערן און מישן זיך אויס מיט די ליבע זייגער־קלאַנגען פונם הויכן שטאָט־טורעם.

צווישן די רייטערס פאַרמירט זיך אַ רייזיקע מאַסע אין ציוויל־קליידער, אַ טייל אין מיליטערישע היטלען אויף די קעפּ. די מאַסע וואַקסט, פאַרמערט זיך: יעדעס מאָל קומען צו פרישע. דאָס זענען אונדזערע 8,000 סאָלדאַטן, וועלכע זענען געווען געפאַנגען בײַ די רוסן, און זענען איבערגעטוועגערהייט געבליבן אין שטאַט, כדי צוריק זיך איבערגעבן אין אונדזער מאַכט. כמעט די העלפט פון זיי זענען יידן.

— הער פענריך! — דערפרייט זיך מיט מיר מיינס אַ געוועזענער סאָלדאַט, וועלכן איך האָב שוין פון לאַנג געהאַלטן פאַר טויט.

— וואָס מאַכט איר! אויסגעהאַלטן?

— אויסגעהאַלטן, הער פרענריך, אָבער עס איז געווען שרעקלעך.

און ער בעמט דערציילן איינצלהייטן וועגן דער געפאַנגענשאַפט: באָרוויס און הונגעריק געטריבן צופוס, גענעבכטיקט אויף באַשנייטע פעלדער — און ערשט אינדערהיים געטראָפן חורבות פון הייזער און פון פאַמיליען־לעבנס...

— שווער געווען זיך אויסצובאַהאַלטן? — פרעג איך.

— אַלץ הייסט שווער! באַצאָלט עטלעכע רובל פאַר איבערטון זיך, איז באַלד דער זעלבער סאָלדאַט געקומען אַרעסטירן. די גוים פלעגן מסרן. בפרט גוישע דינסטן, האָט דאָך יעדע געהאַט אַן „אייגענעם קאָזאַק״.

— און די יידישע מיידלעך?

— האָבן אויך געהאַט צו טון מיט זיי. בפרט מיט זייערע אָפיצירן. און יידישע ווייבלעך אויך דאָס אייגענע. אָבער זיי האָבן כאָטש נישט געמסרט. פאַרקערט: פלעגן אונדז נאָך בגנבה אונטערטראָגן טאַקע פון דעם זעלבן עסן און טרינקען, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די רוסן.

— און ווו זענען די אָפיצירן פון פשעמישל? — איז מיר א חידוש, וואָס צווישן 8.000 מאַן איז נישטאָ קיין איינציקער איבער־געטועבער אָפיציר.

— זיי זענען אַלע אוועק מיט די רוסן. א סך פון זיי זענען דאָך געוואָרן יידן — שמייכלט ער.

— איך פאַרשטיי נישט?

— ווען מען האָט אונדז געבומען געפאַנגען אין פשעמישל, האָט דער רוסישער קאָמאַנדאַנט אַרויסגעגעבן אַן אוקאַז, אַז קודם זאָל מען אוועקטראַנספּאָרטירן די יידישע סאָלדאַטן. די רוסן האָבן אונדז געהאַלטן פאַר געפערלעכע פאַטריאָטן. האָבן כמעט אַלע אָפיצירן זיך אָנגעגעבן אַלס יידן, כדי מען זאָל זיי וואָס שנעלער אוועקפירן אין געפאַנגענשאַפט.

אַ טראָמפּייטער בלאָזט „פאַרזאַמלען זיך": מען פירט אוועק די 8.000 מאַן, די קאָמאַנדאָ איבער זיי נעמט איבער איינער פון אונדזערע אַדיוטאַנטן. אויך מיר מוזן מיט זיי צוריקפאָרן.

— אפשר וואָלט איך צייט האָבן צו פאָרן צו מיינע עלטערן אויף עטלעכע מינוטן? פרעג איך אונדזער צווייטן אָפיציר.

— מיר מוזן שוין צוריק. מיר זענען אַזוי אויך שוין צו שפּעט געקומען.

אַזוי נאָענט פון אייגענע — און דאָך זיי נישט זען!...

און אפשר גלייכער אַזוי: עס וואָלט זיין אַ צו פלוצלינגע איבעראַשונג פאַר זיי...

מיט טאָפּלטער שנעלקייט קערן מיר צוריק צו אונדזער שטאַב.

„באַפרייטע".

דאָס דאָרף, אין וועלכן מיר שטייען, איז ווי דורך א נס „אָפגעראַטעוועט" געוואָרן: עס זענען געבליבן שטיין די ווענט פון עטלעכע הייזלעך, אָן טירן, אָן פענסטער, אָן א דיל. דאָס מעבל האָבן אַוועקגעפירט די רוסן, דאָס רעשט קליינינקייטן האָט צוגענומען די אָרטיקע באַפעלקערונג.

זייט עטלעכע טעג דערלויבט מען שוין אַהיימצוקומען די אַנטלאָפענע. איז צווישן זיי אַ יאָמער, אַ געוויין: געהאָפט צו טרעפן כאָטש אַ קישעלע, און געפינט נישט אַמאָל אַ ברעטל פון בעט. איך לאָז מאַכן רעוויזיעס בײַ די איבערגעבליבענע פויערים, ווו די אַנטלאָפענע געפינען אַ טייל פון זייערע זאַכן. דער זשאַנדאַרמעריע-אָפיציר וויל זיי אַפילו נישט באַשטראָפן דערפאַר.

— אויב די רוסן האָבן געשענקט — טענהט ער — מעגן די אָרימע פויערים נעמען.

— וואָס פאַר אַ וווּנדער? — איז שוין גאַנץ זיך מיאש דער אַלטער אַרענדאַר — אַז נאָך איידער די רוסן זענען געקומען, האָבן אונדזערע אייגענע אָפיצירן זיך אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען, און ווען איך האָב געבעטן מען זאָל באַצאָלן, האָבן זיי געלאַכט: „צו וואָס באַצאָלן? די רוסן וועלן דאָך סיי ווי אַלץ צונעמען אומזיסט, איז גלייכער, ווען אייגענע טון דאָס". און אָט, ווי איר זעט: וואָס די אייגענע האָבן נישט געגנבעט, האָט פאָניע אַוועקגערויבט...

דערפאַר נעמט מען זיך שטרענג צו די 8.000 סאָלדאַטן, וועלכע זענען פרייוויליק צוריקגעקומען פון דער געפאַנגענשאַפט. אַל פּי געזעץ, דאַרף מען זיי אַלע שטעלן פאַרן קריגסגעריכט, זיי זאָלן אויפווייזן, אַז נישט דורך אייגענער שולד זענען זיי געפאַנגען געוואָרן. איז אָבער צופיל אַרבעט מיט אַזוי פיל מענטשן, און מען

גיט אַרויס אַ קורצן פּסק דין: אַלע מוזן זיי תּיכּף צוריקגיין אין דער פּאָזיציע.

— אָט דאָס איז די „דאַנקבאַרקייט" — קלאָגט זיך דאָס ני־דעריקע מילך־ייִדל, וועלכער ברעגנט מיר אַן אויספּירלעכן גרוס פון מיינע עלטערן, באַ וועלכע ער האָט זיך אַ לענגערע צייט אויסבאַהאַלטן פאַר די רוסן.

— און בלייבן מיט די „באַקינדערטע" ווייבער איז בעסער? — זיפצט אַ בלאַסער יונגערמאַן.

— ער האָט דאָך אָנגעטראָפן זיין ווייבל און פּ ו פּ צ ע נ ט ן חודש! — לאַכט אים אויס אַ חבר.

— און וואָס איז מיט אייך? — ווענד איך זיך צו אַ בינטל פּאָליאַקן — אויך געהאַט שלעכטע פרויען?

— עט, פּאַניע פּענריך — קרעכצט איינער — מיינע האָט מיך אַפילו נישט געוואָלט דערקענען. איז זיך ווייטער געלעגן מיט איר...

— ער האָט אַפילו אָנגעשריבן אַ טרויער־ליד וועגן דעם — ווייזט מיר דער פּריערדיקער לץ אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר פון דעם פּוילישן מוליאַר.

— און איך — דערציילט אַן אַנדערער — ווי איך האָב נאָר דערזען באַ מיינער דאָס פּיצעלע אויף די הענט, האָב איך באַלד געזאָגט: נאַרעלע, איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט אַ נקבה. מיר האָבן סיי ווי קיין קינדער נישט געהאַט, — זאָל ד אָ ס זיין געזונט.

— בעסער ווי זי זאָל דיך הרגענען — טרייסט אים אַ דריטער — האָט דאָך אונדזערס אַ שכנה דעם אייגענעם מאַן דערהרגעט, אַבי זי זאָל קענען לעבן מיט איר קאָזאַק.

מען רופט מיך צום אַדיוטאַנט.

— גליקלעכער מענטש! — דערלאַנגט ער מיר אַ טעלעגראַמע — ביסט צוגעטיילט צו דער מיליטער־צענזור אין לעמבערג

אַלס צענזאָר פאַר דייטש, פּויליש, אוקראַיניש און „העברעיש".
קיין בעסערע בשורה קען ער מיר נישט אָנזאָגן! זייט עט־לעכע טעג גייט שוין די באַן ביז לעמבערג, נעם איך צוזאַמען די עטלעכע סאָלדאַטן, וועלכע דאַרפן מיט מיר אַוועקגיין — און מיר פאָרן מיטן נאָנטסטן צוג.
שוין צום דריטן מאָל דרייט זיך פאַרביי אַן עלטערער ייִד און בליקט אַריין מיט שרעק אין אונדזער וואַגאָן־אָפּטיילונג.
— נישטאָ קיין פּלאַץ, פעטער?
— ס'איז יאָ דאָ פּלאַץ — ענטפערט ער אָפּהענטיק — נאָר דער קאָנדוקטאָר לאָזט נישט זיצן.
מאַך איך אים פּלאַץ לעבן מיר.
— איך האָב באַצאָלט דעם פּוילישן קאָנדוקטאָר — רוימט ער מיר איין אין אויער — און אַצינד האָבן איבערגענומען דעם צוג דייטשע קאָנדוקטאָרס.
— האָט איר נישט געקויפט קיין באַן־בילעט?
— יאָ געקויפט. אָבער די קאָנדוקטאָרס לאָזן נישט פאָרן, ווען מען גיט זיי נישט באַזונדער אין האַנט אַריין...
ס'איז שוין גאָרנישט ווייט פון לעמבערג. דער צוג גייט פּאַ־וואָליע — די שטרעקע איז אַפּנים נישט פריי. מחנות פּויערים־קינ דער לויפן נאָך דעם צוג און בעטלען:
— פּאַניענקו! מניע! (האַרעניו, מיר) — און דאָס קלינגט מיט ווייטיק און פאַרצווייפלונג...
און דאָך שטייט דאָ די גאַנצע געגנט כמעט אַזוי, ווי זי איז געווען פריִער: ריינע פּויליש־אוקראַיִנישע דערפער מיט די ווייס־בלוי געקאַלעכטע פּויערים־שטיבלעך — אפילו די בהמות פּאַשען זיך אויף די פּאַסטוויסקעס. פעלט זיי ברויט? אָדער איז בײַ זיי שוין געוואָרן אַ ציגייַנערישע השגה — צו בעטלען אויס געוווינהייט?
מען וואַרפט זיי דורך די פענסטער העמדער, קליידער, ברויט,

אויבסט — אַלץ כאַפּן זיי. אָבער ווי נאָר די אָפיצירן שיטן אַרויס: זשמעניעס געלט, לאָזן די קינדער אַלץ ליגן און וואַרפן זיך אויף דער מטבע ווי צערייצטע היענעס — רייסן זיך מיט די נעגל, בייסן זיך אַריין מיט די ציין ביז בלוט — פונקט ווי עס טון דאָס זייערע דערוואַקסענע ברידער אויפן „פעלד פון ערע" פאַר דער „הייליקער זאַך"...

שפעט אין דער נאַכט קומען מיר אין שטאָט אַריין.

באַ דער סטאַנציע-קאָמאַנדאַ גיט מען מיר אַן „אָנווייזונג" אין אַ האָטעל. איבער דריי קאַזאַרמעס פיר איך מיינע מידע זעלנער, ביז עס געלינגט מיר צו געפינען פאַר זיי ענגע געלעגערס אויפן הוילן דיל. ערשט אַצינד פאַר איך צום אָנגעוויזענעם האָטעל: איך וויל נישט אין דער נאַכט איבערשרעקן מיינע עלטער און באַשליס ערשט אינדערפרי גיין אַהיים.

— אַ צימער, ביטע? — פרעגט דער פאָרטיער פון האָטעל.

— איך גיב אים מיין „אָנווייזונג".

— ליידער אַלץ באַזעצט.

— ווי אַזוי?

— מיר האָבן שוין 36 אָפיצירן.

אַן אויפגערעגטער קום איך צוריק צו דער סטאַנציע-קאָמאַנדאַ.

— די גוינער ווילן נישט געבן קיין צימערן — פאַרענטפערט זיך דער פעלדוועבעל, וועלכער האָט דאָרט נאַכט-דינסט — מיר צאָלן זיי צו ווייניק.

פונקט אַזוי נישט גערן נעמט מען מיך אויף אין אַ צווייטן האָטעל. אָבער איך בלייב.

זייט אַ שעה ליג איך שוין אין בעט און קען אַלץ נישט אַנטשלאָפן ווערן; ווי אַזוי איז דאָס פּלוצלינג געקומען? נאָך אַזוי פיל פאַסירונגען, אַזוי פיל געשעענישן... ערשט נישט לאַנג דאַכט

זיך, האָט געבּרויזט די בייזע שלאַכט — פאַרווונדעטע געוואָרן — ווידער אַרויס אין פעלד — אין די שרעקלעכע קאַרפּאַטן... דאָרט מיין אייביק ליידן באַקומען... ווייטער זיך געוואַלגערט אין שפּיטאָלן... קור-פלעצער, קאָמאַנדאָס — און אָט ליג איך ווידער אין מיין צווייטער, ליבער געבורט-שטאָט — איינער אַליין צווישן פיר ווענט — צען מינוטן וועג פון דאַנען געפינען זיך מיינע נאָנטסטע, וועלכע חלומען אפשר אַצינד וועגן אַ בריף פון מיר...

און איך וויל נישט גיין צו זיי — איך האָב מורא — עפּעס שרעקט מיך, מיט זיי אַזוי פלוצלינג זיך צו באַגעגענען.

קוים זיך דערוואַרט עס זאָל טאָג ווערן, גיי איך קודם ריין מאַכן מיין פּנים.

— שיינע צייטן — טענהט אין דער ראַזירער מיט זיין „גאַסט” — זיך אָנגעליטן אַ יאָר מיט די „מאָסקוויטער”, אַצינד מוז מען גיין פאַרשוואַרצט ווערן פאַר „קירע”, אַז זיי נעמען קאַליקעס!...

דאָס באַנוצט ער אייגנס „פּרעמדווערטער”, כּדי איך זאָל עס נישט פאַרשטיין. אָבער באַלד כאַפּט ער זיך אָפּנים, אַז עס איז גלייכער צו מאַכן אַ הויכן קאָמפּלימענט אונדזער אַרמיי:

— אָבער האָבן דאָס אונדזערע געגעבן די רוסן אַ שמיץ!

איך בין שוין אויפן וועג אַהיים. און שטעל זיך ווידער אָפּ: וועט מיין פּלוצלינגדיק דערשיינען נישט אַ צו גרויסע איבּערראַשונג זיין פאַר מיין מאַמען?...

איך גיי אַרויף צו מיין יונגע פריינדין ב., און בעט זי, זי זאָל פריִער צוגרייטן מיינע עלטערן, אַז איך בין דאָ אין שטאָט. זי אַליין קען קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען פאַר איבּעראַשונג: מען האָט דאָך געזאָגט, אַז איך בין טויט, און ביידע פּיס פעלן מיר.

זי נעמט ענדלעך דערציילן דאָס גאַנצע בינטל צרות. וואָס

זי מיט אירע באַקאַנטע האָבן געליטן אונטער דער רוסן-הערשאַפט און בשעת דעם פּאָגראָם.

און דאָ איז שוין צייט, איך זאָל זיך מעלדן צום „דינסט". לויף איך אַרום אַ גאַנצן טאָג פון איין קאָמאַנדאָ צו דער אַנדערער און אומעטום די זעלבע טענה: „צו וואָס געבראַכט אַזוי פיל מענטשן, ווו וועלן מיר זיי אַהינטון?"

— די גאַנצע „דינסט" באַשטייט אין אַרומשיקן מענטשן פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן — באַמערק איך דעם גוטן מאַיאָר, דעם קאָמאַנדאַנט פון דער צענזור.

— ווי בהמות — שמייכלט ער — ווייטער שיקן, אַבי נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי.

ערשט אַצינד וואַג איך גיין אַהיים. דאָס האַרץ זעצט — מיט ציטערדיקע הענט קלאַפּ איך אָן, דער טאַטע שטייט שוין אָנגע-גרייט צו עפענען. זיי ווייסן שוין, אַז איך בין דאָ אין שטאָט, און דאָס מאַכט אַ סך לייכטער.

צו די האַרציקע צערטלעכקייטן פון מיין מאַמען בין איך שוין צוגעוווינט: נישט איינמאָל האָט זי מיך אַזוי באַגריסט — די שטוב ציטערט מיט מיר! אָבער די מאַמע איז עפּעס אַפּהעטיק, דער טאַ-טע אַ פאַרשעמטער — זייערע בליקן פאַלן אויף מיינע פיס. איך פאַרשטיי! און איך נעם פלוצלינג טאַנצן „פּריסאַדקעס":

— נאַט, זעט! האָב איך געזונטע פיס! זעבעט זיי מיינע?

און ווידער אַ געלעכטער און פרייד, און ווידער ווער איך געהאַלדזט און געקושט! און לאַנג, לאַנג וויל זיך נאָך נישט גיין שלאָפן.

אַלס מיליטער=צענזאָר

מײַן נײַע באַשעפטיקונג אַלס מיליטער-צענזאָר, איז גאָרנישט קיין שווערע: עטלעכע שעה אין טאָג לייען איך בריוו אויף פאַרשידענע שפּראַכן. אָבער ווען מען קוקט דורך די הונדערטער פּעקלעך מיט די פאַרשידנסטע פּסיכאָלאָגישע וואַריאַציעס פון „בירגערלעכער״ בלאָטע און מאָראַלישער צבועצטווע, דעם קליינלעכן פּלאָנטער פון מענטשלעכע ווערים מיט זייער גאַנצן סם און עקל — אָן חילוק פון עלטער, שטאַם און פּראָפעסיע — נעמט אַזש שווינדלען אין קאָפּ פאַר שטויבען!

די „נאַיווע״ נשמה פון פאָלק... וויפיל נאַרישע איבערגעבנהייט פון מאַן און ראַפינירטער שווינדל פון ווייב! וויפיל היניטישער גלויבן — און כיטרער באַטרוג!

איך נאָטיר עטלעכע „אויסשניטן״ פון בריף:

דער מאַן אין פעלד האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין ווייבל איז אינדערהיים איז אים נישט געטריי, און דאָס ווייבל „פאַרענטפערט״ זיך:

„...פאַרוואָס האָט ברייגעס מאַן איר איבערגעלאָזט געלט אויף אַ הוט און אויף געלע שיך? וואָס האָב איך געזאָלט טון? האָסט אַ סך געפרעגט? אָבער אינגאַנצן אפשר אַ צוויי מאָל זיך געחברט מיט זיי. נישט ווי אַנדערע...״

שרייבט אַ פויערטע צום מאַן אין פעלד:

„...אַז מען גיט 50 רובל — ווי אַזוי זאָל מען נישט נעמען? אָבער איך שווער דיר: נאָר דאָס איינציקע מאָל. איך בעט דיך דערום: דאַרפסט נישט בייז זיין, דען גאָט האָט מיך שוין דערפאַר געניוג געשטראָפט, איך בין פאַרגאַנגען אין...״

איז זיך מתוודה די נאָנע אין ז. פאַר איר ספּאָוויעדניק אין ק.:

„... דער זעלבער קריסטוס, וועלכער האָט מיט מיר חתונה־געהאַט צוריק מיט 18 יאָר און איך האָב מיט אים געלעבט ווי מאַן און ווייב, — ער האָט זיך מיר ווידער באַוויזן און געשטאַלט פון א יונגן אָפיציר און איך לעב ווידער מיט אים...״

טראָגט זיך איבער די „מאָראַל״ פון די מוטערס אויף דער אינסטינקטיווער קאָקעטסטווע פון זייערע טעכטערלעך, שרייבט דאָס קליינע מיידעלע צום פאָטער אין פעלד:

„...בעט באַ דיינע אָפיצירן, זיי זאָלן דיך שיקן אויף אור־לויב״. זאָג זיי, אַז איך בין שיין און אַז עס איז ווערט מיר צו־ליב צו טון. ווען יאָ, וועל איך זיי שיקן מיין פאָטאָגראַפיע מיט א קוש...״

בעט זיך אַן אָרים זעלנערל פון פעלד באַ זיין ווייבל אין דאָרף:

„...אָבער האַרץ מיינס, ליובע מיינע, אַז איך וויס גאָרנישט פון וואַנען. ווען איך בין אוועק אין פעלד, האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט. ווי אַזוי? און פאַרוואָס האָסטו ביז אַצינד אין קיין שום בריוו נישט דערמאַנט וועגן דעם? און שוין דריי חדשים אַלט? ווי אַזוי הייסט עס? א יינגל אָדער א מיידל...„

„בענקט״ א ווייבל נאָך איר מאַן:

„...אַך, ליבסטער הער הויפטמאַן! איר געדענקט, ווען איר פלעגט מיך דורך די נעכט טרייסטן, אַז מיין מאַן וועט אַהיימקומען. אָבער מען הערט נישט און מען זעט נישט. איך וויין מיר אויס די אויגן. איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט אים אויסצוזוכן. — וועט איר נישט פאַרגעסן, הער הויפטמאַן, אַז איר האָט מיר געשווירן איי־ביקע ליבע?...״

און ווי ציניש, אָן בושה עס קלינגט דער שפּאָט פון דער פוילישער לערערין:

„...זיי נישט איבעראַשט, ליבסטער: עס שרייבט שוין צו

דיר אַצינד אַ פאַרהייראַטע פרוי, נישט קיין מיידל. עס איז מיר געלונגען אָפּצוזוכן מיין חתן, וועלכער ליגט אויפן טויטן־בעט אין ק. און איך האָב אים איינגערעדט, אַז דאָס קינד איז פון אים. און ער, „כדי מיין ערע צו רעטן", האָט מיט מיר חתונה געהאַט אין שפּיטאָל. דער נאַר! ווי געפעלט דיר די בהמה? נו, זענט איר קלוג, איר מענער? גיב אַכטונג, אַז אַנדערע זאָלן דיר נישט אָפּטון דאָס זעלבע! זעסטו שוין, ווי שטאַרק איך ליב דיך? איך דערמאַרט דיך ווי אַמשנעלסטן, ווייל — ווער ווייסט? ער קען נאָך געזונט ווערן און אַהיימקומען..."

נישט העכער שטייט דער גייסט פון די „נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע" און „קריגעריש־פאַרברודערטע"

בעט זיך דער פּוילישער גראַף באַם לאַנדסמאַן, דעם מיניסטער:

„...איך האָב געשיקט מיין סטאַשן, מיין זון, אין לעגיאָן. איך האָב געמוזט — עס פּאַסט נישט אַנדערש. אָבער זע, ער זאָל חלילה נישט דאַרפן גיין אין דער פּאָזיציע..."

און דער יידישער לעגיאָן־לייטענאַנט בעט זיך באַם פעטער:

„...זע אויסצווירקן, די שטאַטהאַלטעריי זאָל בייטן מיין נאָמען. איך שעם מיך פאַר מיינע קאַמעראַדן מיט מיין יידישן נאָמען. באַלד נאָכדעם וועל איך מיך שמדן — אָבער זאָל נאָר די מאַמע וועגן דעם נישט געוווּיר ווערן..."

און ווי אויף געלעכטער קומט מיט דער זעלבער פּאָסט דער בריוו פון אַ קראַנקן־שוועסטער פון לעגיאָנען־שפּיטאָל צו איר ברודער, אַ פּוילישן שריפטשטעלער:

„...אַ נייעס! ביז איצט האָב איך נאָך נישט געזען קיין יידן, וועלכע זאָלן שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד, ענדלעך איינער! דער שווערפאַרוווּנדעטער יידישער לעגיאָניסט איז ענדלעך געשטאָרבן. די העכסטע צייט. פאַר זיין טויט איז מיר געלונגען אים אָפּצושמדן,

און אַזוי אַרום האָב איך כאַטש איינעם גערעטעוועט פאַר יענער וועלט. פראַ אונדז מעגן זיי זיך אַלע געזונטערהייט פגרן, דען כאַטש מיטן צלם אויפן האַרץ, בלייבן זיי פאָרט יידן, און האָבן זיי דען מער די ווערט ווי נאָר אַ שטריק אויפן האַלדז?..."

שרייבט דער אוקראַיִנישער וואַיט צו זיין פּלימעניק אין דער פּאָזיציע:

"... איך שיק דיר אַ ציגעניש מיטן זיגל פון מיין אַמט, אַז דיין טאַטע האַלט באַם שטאַרבן און מען זאָל דיך תיכף אַהיימשיקן. אָבער שרעק דיך נישט: דיין טאַטע איז געזונט און שטאַרק, נאָר אַנדערש וועט מען דיך נישט אַפּלאָזן אַהיים אויף עטלעכע טעג, און מיר דאַרפן דיך בייטיק האָבן צו דער אַרבעט..."

און דער לייטענאַנט פון דעם איטאַליענישן פראָנט:

"...ווייסטו, ווי אַזוי מען הענגט די איטאַליענער? איך שרייב אַ צעטל צו דער קאָמאַנדאַ: „היינט האָב איך אויפגעהאָנגען איינעם פון 30 יאָר — און שוין..."

שיקן דייטשע סאָלדאַטן צו זייערע פריינט אין דערהיים פאָטאָגראַפיעס פון נאַקעטע פויערנווייבער:

"...זייער גוט פרויענפלייש, און ביליק: דריי ווייבער פאַר איין פושקע קאָנסערווירט פלייש..."

און:

"...ווייסט איר, ווי אַזוי די עסטרייכער און אונגאַרן קעמפן מיט אונדז פ אַ ר ב י י ק ט? ווען מיר גייען צוזאַמען מיט זיי אין קאַמף, שרייען זיי באַלד מיט אמת ווינערישער העפלעכקייט: גייט אַוועק, מאַכט פּלאַץ! די דייטשע קאַמעראַדן ווילן מאַכן אַן אַטאַקע..."

ווי מאָדנע, ווי מאָדנע אומגלויבלעך...

— נאַ — גיט מיר איבער אַ פוילישן בריף אָבערלייטענאַנט., אַ לעמבערגער גימנאַזיאַל־פּראָפעסאָר, וועלכער זיצט אויך אַלס

צענזאָר לעבן מיין טיש — אינטערעסאַנט פאַר דיר, און מען מעג עס גלויבן, דען דאָס שרייבט אַ שול-דירעקטאָר.

— איך לייען:

„...וואָס זאָל איך דיר שרייבן וועגן דער רוסן-הערשאַפט? מכות, פלאָגן זענען גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס מיר האָבן איבער־געליטן. אָבער צום מייסטן האָבן געליטן די יידן. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין גרויסער יידן־פריינט. אָבער אַזוי פיל בייזקייט אַקעגן זיי האָב איך שוין אויך נישט געקענט צוזען. דו קענסט דאָך דעם אַלטן מאַשקע? האָט מען אויף אים אָנגעוויזן, אַז ער האָט געלט. נו, האָט מען קודם אַרעסטירט די גאַנצע פאַמיליע און דער־לויבט די פויערן צונעמען זייער מעבל און בעטגעוואַנט. מען באַ־זוכט אים און געפינט באַ אים אין שטיוול 50 קראָנען. „גיב אים!", קאָמאַנדעוועט איינער. און אַ געזונטער סאָלדאַט פאַטשט דעם אַלטן אַזוי לאַנג, ביז ער בלייבט ליגן אָן דריי ציין. „גערמאַנסקע שפּיאָ־נען!" דערמאַנט זיך אַ צווייטער. „בינדן! אויפהענגען!" שרייען די איבעריקע. און ווען דער אַלטער וויל נישט דערלאָזן, מען זאָל שענדן זיין 16-יעריק אייניקל, גיט מען אים אַזוי פיל באַגאַיקעס, אַז ער בלייבט אַ פאַרחלשטער. קורץ: דאָס מיידל איז ערגעץ פאַר־שוואונדן, און אַצינד, ווען אונדזערע זענען ווידער אַריין, זיצט מאַש־קע איינגעזעצט אין לעמבערגער קריגס-געריכט, אָנגעקלאָגט דורך די פויערן, אַז ער האָט די רוסן געוויזן דעם וועג, ווי אַרום אַרייב־צוגיין אין דאָרף. איז עס נישט שרעקלעך? איך ווייס דאָך דעם אמת, — איך האָב אויף אים אפילו רחמנות. אָבער וואָס גייט דאָס מיך אָן? איך מיש מיך נישט אין אַזעלכע זאַכן..."

— קום מיט מיר צום „קונדשאַפטער־קאָמאַנדאַנט" — זאָגט דער אָבערלייטענאַנט — אפשר וועט דער בריה העלפן באַפרייען מאַשקען.

מיר גייען. אין אַ געסל, וואָס פירט צום יידישן קוואַרטאַל,

ווערט מיטאמאל א געלויף. פאליציי־סאלדאטן רינגלען ארום די גאס און פירן אוועק א גאנצן טראנספארט מאנסבילן.

— האסט בא דיר דיין לעגיטימאציע? — פרעגט מיך דער אבערלייטענאנט.

— וואס איז דען?

— גארנישט — לאכט ער — דאס זענען געוויינטלעכע אב־לאווס אויף צו גראבן אקאפעס. נאך אמאל פארטשעפעט מען אויך אפיצירן.

— גיט אונדז אפ אונדזערע מענער! ברויט ווילן מיר! — שרייען נאך די ווייבער מיט מורא.

— דאס האבן זיי געגאשט פון דער ווינער פרויען־דעמאנ־סטראציע — ווינקט דער אבערלייטענאנט — אויך דא וואלט מען געמאכט דעמאנסטראציעס, נאר בא אונדז איז דאס פאלק א סך פלעגמאטישער, צוריקגעהאלטענער, מער פארשקלאפט, און דערפאר שטומער...

באם קריגס־געריכט זענען צוזגעבויט גרויסע באראקן — דאס קריגס־שפיטאל פאר ארעסטאנטן: כמעט לויטער טשעכישע סאלדאטן, וועלכע האבן אליין זיך לייכט פארוואונדעט, כדי נישט צו גיין אין דער פאזיציע, — און אצינד דארף מען זיי דערפאר באשטראפן.

דער „קונדשאפטער־קאמאנדאנט" לאזט אויף זיך ווארטן. אן עלטערער ייד, אן ארעסטאנט, טראגט אונטער דעם שרייבער א פעקל פראטאקאלן.

— פארוואס זענט איר באשטראפט? — פרעג איך דעם אל־טעטשקן מיט די גוטע אויגן.

דער ייד קוקט אויף מיר מיט חשד, און ענטפערט ענדלעך נישט גערן:

— איר וועט עס נישט גלייבן, הער אפיציר.

— און דאך...

— די גוים האָבן אויף מיר געמסרט, אַז ווען די מאָסקאַלן זענען אַריין אין דאָרף, בין איך געשטאַנען אין טלית און תפילין.

— איז וואָס ?

— האָב איך, זאָגן זיי, גאָט געבעטן, אַז די רוסן זאָלן גע־ווינען און די עסטרייכער זאָלן האָבן אַ מפּלה.

— און דערפאַר האָט מען אייך באַשטראָפט ?

— מיט אַ גאַנץ יאָר קערקער — שלינגט דער אַלטער אַ טרער. עס קומט דער קאָמאַנדאַנט.

— נו, גוט, מיר וועלן זען — זאָגט ער נישט גערן, נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעלייענט דעם בריוו — אָבער מען דאַרף די „קערלע" באַשטראָפן פאַר שרייבן אַזעלכע נאַרישקייטן!

דער האַס צו די ייִדן וואַקסט אַלץ שטאַרקער. אויף אַלע שפּראַכן איז דערלויבט צו שרייבן בריוו, אפילו אויף שפּראַכן פון די „שונאים" (רוסיש, פראַנצויזיש, ענגליש, סערביש, איטאַליעניש,) נאָר נישט אויף ייִדיש. אויך אוקראַיִניש איז געווען פאַרבאָטן, האָבן די אוקראַיִנער באַלד פּראָטעסטירט, און מען האָט עס ווידער דער־לויבט. און בעט מען אין מיניסטעריום, מען זאָל אויך דערלויבן ייִדישע בריוו, האָט דער מיניסטער נאָר די איינציקע תשובה: „די ייִדישע באַפעלקערונג האָט נישט פּראָטעסטירט דאַקעגן".

דערלויבט זענען נאָר די „שנה טובה" און „חתימה טובה" קאַרטלעך, וועלכע די פּויערטעס האָבן אָנגערויבט אין די ייִדישע קראָמען און שרייבן אויף זיי אַצינד ליבעס-בריוולעך צו זייערע סאָלדאַטן אין פעלד.

זיך איך מיט מיינע ייִדישע קאַמעראַדן-צענזאָרס און בגנבה שרייבן מיר איבער מיט לאַטיינישע אותיות די ייִדיש-געשריבענע געווייין-בריוו — זאָל כאָטש אַ ייִדיש האַרץ געטרייסט ווערן...

קלאָגט זיך אַ ייִד אויף געבראָכן „דייטש" צו זיין טאָכטער אין אַמעריקע:

„...קינד מיינס, בין איך שולדיק, וואָס איך קען נישט גוייִש? איך וואָלט אַזוי וועלן זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פֿאַר דיר, טאָר מען קיין ייִדיש נישט שרייבן...״

שרייבט אויף פּויליש דאָס קליינע יתומהלע צום פֿאַרוווּנדעטן פֿאָטער אין שפּיטאָל;

„...טאַטעניו טייערער! די באָבע וואָלט דיר אליין געשריבן, נאָר מען טאָר נישט שרייבן קיין ייִדיש. וואָלט די מאַמע געלעבט, וואָלט זי אַליין שענער אָנגעשריבן. אַזוי מוז איך שרייבן, וואָס איך קען. אָבער מיין נישט, אַז אויך די באָבע איז געשטאָרבן, זי לעבט, אָט וועט זי דאָ מאַכן אַ צייכן מיט דער פֿעדער, ווייל זי קען נישט שרייבן קיין פּויליש...״

עס דערהערט זיך פּלוצלינג דאָס זשומען פֿון אַן עראָפּלאַן, גלייך אַ גרויסע בין וואָלט פֿליִען אַרום אונדזערע אויערן, און טאַקע באַלד גיט עס אַ קראַך — דער באַקענטער, שרעקלעכער קראַך פֿון די קריגס־פֿעלדער — די שויבן פּלאַצן פֿאַר ציטערניש! אַ שוואַרצער וואָלקן רויך שפּרייט זיך אויס פֿאַר אונדזער פֿענסטער, און אין דער זעלבער צייט דערהערן זיך יאָמערלעכע קולות אפשר הונדערט שריט דאַלעבן.

אַ רוסישער עראָפּלאַן האָט אפֿנים געוואָלט באָמבאַרדירן אונדזער צענזור, און געטראָפֿן האָט ער אומשולדיקע אַרבעטער אויף דער גאַס: איינער טויט, און פֿינף זעענען געבליבן אָן הענט און פֿיס...

אַ ווײַלע שפּעטער דערהערט זיך עטלעכע מאָל דער זעלבער קראַך פֿון דער געגנט באַם וואָקזאַל. מיר וווינען דאַלעבן, איך אייל אַהיים אין איין מורא.

— גאָט זיי דאַנק, ביסט דאָ! — לויפֿט מיר אַקעגן די מאַמע — מיר האָבן זיך דאָך אַזוי געשראָקן וועגן דיר!

די באָמבעס האָבן דערהרגעט אויפֿן וואָקזאַל פֿיר מענטשן.

— האָב איך דאָך באַדאַרפט זיך שרעקן וועגן אייך, מאַמע־ניו, עס איז דאָך דאָ נישט ווייט.

— זיי וואַרפן דען אויף אונדז? — זיפצט מיין גוטע, באַזורגטע מאַמע — אייך מיינען זיי דאָך, ווי איז צו מיר...

נאָך דעם זעלבן אויפדערנאַכט ברענגען די צייטונגען די „אָפיציעלע דערקלערונג" פון שטאָט־קאָמאַנדאָ: „זאָל די באַפעל־קערונג זיך נישט שרעקן וועגן די געהערטע דעטאָנאַציעס. דאָס האָבן אונדזערע סאָלדאַטן צעשטערט פיינטלעכע אַמוניציע, וואָס מען האָט געפונען אין פעלד. ווער עס וועט וועגן דעם פאַרשפרייטן פאַלשע פּליאָטקעס, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן".

פונם מיליטערישן פלאָנטער

אַ חוץ דער בריוו־צענזור מוז איך נאָך מאַכן שטאָטישע דינסט: קאָנטראָלירן די וואַכן, אַרעסטן, שפּיטאָלן — אַכטונג טון, אַז די פאָרשטעלונגען אין טעאַטער זאָלן נישט זיין „אַנטימיליטעריש", שטיי איך באַם אַריינגאַנג צום פּוילישן שטאָט־טעאַטער, ווו עס ווערט געשפּילט איינע פון די לייכטע דייטשע אָפּערעטקעס. די פּאָליציי צעטרייבט די בלומען־פאַרקויפערינס און — מערקווירדיק. מען טרייבט דווקא נאָר די יידישע, בשעת די גוישע מיידלעך פאַר־קויפן רויק ווייטער.

שוין נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען, ווי די פּאָליציי רודפט יידן. איך רוף צו דעם קאָמאַנדאַנט פון דער פּאָליציי־וואַך:

— ווי באַלד איך וועל נאָכאַמאָל באַמערקן, אַז מען טרייבט

יידישקעס און אנדערע לאָזט מען פריי פאַרקויפן, וועל איך אייך אַלע איינפאַקעווען אין „קאָזע״.

דער פּאָליציי אונטעראָפיציר ווערט בלאַס און רופט תיכף צוריק די יידישע מיידלעך, זיי זאָלן ווייטער פאַרקויפן די בלומען.

די סצענע באַמערקט אַ געהיים-פּאָליציסט, וועלכער ווונדערט זיך אוודאי, אַן אָפיציר זאָל זיך אָננעמען אַ יידישע קריוודע:

— איך וועל בעטן, הער פענריך זאָל זיך לעגיטימירן — קומט ער צו.

— ווער ביסטו? — מאַך איך זיך נישט ווּיסנדיק.

ער ווייזט מיר זיין צייכן.

— אָט דאָ איז מיין לעגיטימאַציע — ווייז איך אים — און איר היט אָפּ אייער פּאָליציי, זיי זאָלן ערלעך מאַכן זייער דינסט.

דער פּאָליציי-אַגענט אַנטשולדיקט זיך און איז צופרידן, וואָס איך לאָז אים אָפּ.

צומאָרגנס קאָנטראָליר איך די אַרעסטן. מען ברענגט און מען פירט אָפּ פאַרדעכטיקע זונות, שיינע רוסישע מיידלעך, האַלב-משוגענע שנאָרערס און מיליטערישע דעזערטערן.

— דאָס איז דער רוסישער שפּיאָן, וועלכן מען האָט געכאַפּט איבערגעטון אין מונדיר פון אַן עסטרייכישן אָבערלייטענאַנט — ווייזט מיר דער קרימינאַל-אָפיציר — מאָרגן וועט מען אים אוודאי הענגען.

— און דער? — איז מיר אויפגעפאַלן אַן עלעגאַנטער אונגאַרישער יונגערמאַן.

— דאָס איז אַ יידישער יוריסט פון בודאַפּעסט. כּדי זיך אויסצוהיטן פון דער פּאָליציי, האָט ער אין היגן שפּיטאָל זיך געמאָלדן אַלס „מעדיצינער״ און האָט פיר חדשים צייט, אונטער דער

אויפזיכט פון אַ באַרימטן פּראָפעסאָר צ., אויסגעפירט די געפער־לעכסטע אָפּעראַציעס. ער האָט אפילו באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר זיין „אויסגעצייכנטער אַרבעט". נאָר דורך אַ צופאַל האָט מען זיך דערוווסט וועגן זיין שווינדל. יעדער ווייסט, וויפיל קראַנקע ער האָט איבערגעפעקלט אויף יענער וועלט...

— און פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן? — פרעג איך איינעם פון די דריי פּוילישע לעגיאָנערן.

— איך האָב שוין לאַנג נישט געזען מיינע עלטערן — פאַר־ענטפערט ער זיך.

איך דער צווייטער באַנוצט דעם זעלבן תּירוץ.

— און דו? — פרעג איך דעם דריטן, אָן וועלכן מען דער־קענט תּיכף דעם ייִד.

— ווייל, איך וויל זיך מעלדן צו דער עסטרייכישער אַרמיי.

— האָסט דאָך פרייוויליק זיך געמאָלדן צו דער פּוילישער אַרמיי?

— אָבער אין די לעגיאָנען הערשט אַזאַ אַנטיסעמיטיזם, אַז מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן!

— פאַרוואָס־זשע אַנטלויפן נישט די איבעריקע ייִדן?

— זיי וואָלטן שוין אַנטלאָפן, נאָר זיי שעמען זיך.

איך דאָס זעכצעניעריקע שייגעצל וויל פרייוויליק זיך מעלדן צו דער אַרמיי.

— צוליב וואָס?

— ווייל דער טאַטע האָט מיך אַרויסגעטריבן, און איך האָב נישט וואָס צו עסן.

אין גרויסן פעלד־שפּיטאָל, וואָס ווערט געשטיצט דורך דעם ראָטשילד, פאַרבלייב איך נאָר אַ קורצע ווייל. אין אַ ווינקל פון גאָרטן שטראָפט מען אַ סאָלדאַט מיט „אָנבינדן": ביידע הענט פאַר־קרעמפּעוועט אויפן רוקן, הענגט דער בלאַסער קרבן, אַן אונגאַרישער

יד, אויף אַ הויכן סלופּ — די אָרעמס רייסן זיך שיער נישט אַרויס פון די אַקסלען! דער זעלנער חלשט.

— ער מאַכט זיך נאָר — זאָגט דער דאָקטאָר, וועלכער מוז „לויט פאָרשריפט" זיין באַם „אָנבינדן".

— וואָס איז זיין פאַרברעכן? — פרעג איך.

— דער גלח איז פאַרבייגעגאַנגען מיטן צלם, און ער האָט נישט אָפּגעגעבן דעם „סאַלוט".

איך באַטיר דאָס און שיק אַוועק וועגן דעם אַ פּראָטאָקאָל צו דער שטאָט־קאָמאַנדאָ. וועט דער גענעראַל זיך אָפּרופן אויף מיין פּראָטאָקאָל?...

עס גייט פון דער אַרבעט אַן אָפּטיילונג רוסישע געפאַנגענע. עטלעכע פון זיי פאַרלירן זיך אין די שמאָלע געסלעך.

— וואָס טוט איר דאָ? — פרעג איך איינעם.

— געדאַרפט בייסיק... וואַשע בלאַגאָראָדיע.

איך לאָז רופן דעם טראַנספּאָרט־קאָמאַנדאַנט:

— פאַרוואָס שיקסטו נישט מיט זיי אַ זעלנער, ווען זיי דאַרפן אַ ווײַלע איבערבלייבן?

דער קאָרפּאָראַל פרוווט זיך פאַרענטפערן.

קוים אָבער גיי איך אַוועק עטלעכע שריט, באַלייגט ער די געפאַנגענע מיט קולאַקעס.

— האַלט! — שריי איך זיי נאָך.

זיי בלייבן שטיין.

— מען טאָר נישט שלאָגן, — ערקלער איך הויך פאַר די געפאַנגענע — טאָמער טוט מען אייך עפּעס, זאָלט איר זיך תיכף באַקלאָגן, און דיך, קאָרפּאָראַל, וועל איך דערפאַר באַשטראָפן!

איך גיי שוין מיט זיי ביז צום געפאַנגענען־לאַגער.

— איז דיין ביקס געלאָדן? — פרעג איך דעם וואַך־זעלנער באַם טויער.

— איך ווייס נישט, הער פענריך — ענטפערט דער אַלטער סאָלדאַט — אַזוי האָט מען מיר די ביקס איבערגעגעבן, האַלט איך זי.

— קוק נאָך, צי עס זענען דאָ קוילן.

— איך ווייס נישט ווי אַזוי — שמייכלט ער — איך קען נישט שיסן.

— האָסט דען נישט געלערנט?

— יאָ, אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געשאָסן.

— און ווייסטו, וועגן וואָס דו שטייסט דאָ?

— יאָ, דער הער וואַך־קאָמאַנדאַנט האָט אונדז געזאָגט: מיר דאַרפן היטן, די רוסן זאָלן נישט אַנטלויפן, קיין פרעמדע זאָלן אַהער נישט אַריינגיין און די יידישע ווייבער זאָלן דאָ נישט פאַר־קויפן קיין אויבסט.

אין באַראַק, גרויס ווי אַ חדר־שטיבל, וואַלגערן זיך אין אויסגעטאָפּטשעטער בלאָטע באַ אַ 500 רוסן. אין די זעלביקע פאַרבלאָטיקטע שמאַטעס, אין וועלכע זיי זענען געקומען פון דער אַרבייט, ליגן זיי אַרום אַ פאַרקאָפּטשעטע אייוועלע, וואָס האָדעוועט זיך מיט זייערע מיטגעבראַכטע, געגנבעטע שפענער.

— סמירנאָ! — ווערט צווישן זיי אַ געשריי, ווען זיי דער־זען מיך.

כאָטש איך פאַרשטיי אַליין רוסיש, נעם איך מיר אַ דייטש פון צווישן זיי (אַ ליטוויש יידל), און פרעג אויס איינצלהייטן:

— האָט איר גענוג צו עסן?

— ווייניק. בפרט קיין ברויט נישטאָ. אַט דאָ שלאָפן מיר און אַפילו זונטיק און חגאות גיט מען אונדז נישט קיין רו.

— און וועש?

— אייגענע נאָך, פון דער פּאָזיציע, נאָך פון פאַר דריי־פיר חדשים.

דער עולם נעמט הויך זיך באַקלאָגן. איך הייס דעם דאָל-מעטש זיי באַרויקן.

— הערט! — שרייט ער צו זיי — בלאַגאָראָדיע זאָגט, אַז ברויט האָבן זיי אַליין נישט, אָבער ער וועט טראַכטן, מיר זאָלן באַקומען מער פלייש, גרעסערע באַראַקן, ריינע העמדער און אַביסל שטרוי צום אונטערשפּרייטן.

די אָרימע באַשעפענישן פאַלן אויף די קני און נעמען קושן מיינע הענט.

— „קושאַט, וואַשע בלאַגאָראָדיע, קושאַט..."

אַ פאַרשעמטער פאַרלאָז איך די באַראַקן — אויפדערנאַכט דאַרף איך האַלטן אינספּעקציע אין יידישן טעאַטער.

— זאָג דאָרט דעם קאַפּעלמייסטער א. ג., אַז ער איז דער-וויל באַפרייט פון דער אַרמיי — גייט מיר אַנטקעגן דער הויפּט-מאַן-אַדיוטאַנט פון דער שטאָט-קאָמאַנדאַ — און דאָ האָסטו אויך פאַר דיר אַן איבעראַשונג.

ער דערלאַנגט מיר אַ פּאַק דאָקומענטן, פון וועלכע עס איז צו זען, אַז נאָך אין טאָג, ווען איך בין צום לעצטן מאָל פאַרוווּנ-דעט געוואָרן, האָט דער קייזער באַשטעטיגט מיין אַוואַנס צום ליי-טענאַנט. נאָר ס'האָט דער דערקרעט מיך נישט געקענט דערגרייכן, וויל כ'האָב צו אָפט געביטן דעם פלאַץ.

— און דאָ איז דיין גאַזשע פאַר דער גאַנצער צייט — גיט ער מיר אונטערצושרייבן אַ קוויט און לאָזט מיך שוין נישט אַוועק, ביז דער מיליטער-שניידער ענדערט מיין קאָלנער פון „פענריך" אויף „לייטענאַנט".

— „האָבע די ערע, הער לייטענאַנט"! — סאַלוטירט אַ ניי-דעריקער, דיקער זעלנער באַם אַריינגאַנג צום יידישן טעאַטער.

דאָס איז דער דירעקטאָר ג. אין מיליטער-אוניפאָרם. זיין

„קריגערישע" אַרבעט באַשטייט אין קאָנטראָלירן די בילעטן בײַ דער טיר.

— קינדער! לאָמיר היינט רעדן, וואָס מיר ווילן! — צעשרייט זיך אויף דער בינע דער רעזשיסאָר ג., ווען ער דערזעט מיך אין לאָזשע — ווען אונדזער אייגענער לייטענאַנט האָט אינספּעקציע, פאַר וועמען־זשע דאַרפן מיר מורא האָבן?

נאָך דער פאָרשטעלונג גיי איך מיט דער גאַנצער חברה אַ „לעב טון".

— טו אַ טובה, גוטער ברודער — בעט זיך בײַ מיר אַן על־טערער וואַריעטע־אַקטיאָר — איך בין אַ רוסישער, אָבער מײַנע פאַ־פּירן זענען נישט אין אָרדנונג, ווײַל מען מיך אַצינד צונעמען אין אײַער אַרמיי.

איך זאָג אים צו „עפּעס צו טון", כאָטש איך ווייס, אַז ער איז נישט דער איינציקער מיט אַזאַ פאַל, און עס וועט זיכער שווער אָנקומען אים צו באַפרײַען.

אויפן פּלאַץ „שוויענטעגאָ דוכאַ" געפינט זיך די „הויפּט־וואַך", די קאַמף־באַרייטע אָפּטיילונג, וועלכע דאַרף אין נויט באַשיצן די גאַנצע שטאָט. אויך זיי שטייען היינט אונטער מײַן קאָנטראָל. חברה אַקטיאָרן נעמען בעטן: זיי ווילן זען, ווי איך „וויזיטיר" אַזאַ וויכטיקע וואַך.

איך טו זיי צוליב.

— געווער אַרויס! — צעשרייט זיך דער „פּאָסטן", ווען ער דערזעט, אַז איך דערנענטער זיך.

אַ מינוט, — און די גאַנצע אָפּטיילונג שטייט פאַרמירט מיט די ביקסן אין האַנט.

— הער הויפּטמאַן! — הייבט אָן „מעלדן" דער אונגאַרישער פעלדוועבעל, וועלכער קען נישט זען די „שטערן", אונטערן אויפ־

געשטעלטן קאָלנער פון מיין מאַנטל, און גיט מיר דעריבער אַ העכערן טיטול.

— „לייטענאַנט" — זאָג איך מיין „ראַנג", און נאָך דעם ווי איך קאָנטראָליר דורך די ביקסן, אַמוניציע, פייער־לעש־אַפּאַראַטן, לאָז איך זיי „אָפּטרעטן".

מיינע חברים זענען „באַגייסטערט": אַ יום־טובדיקער שטאָלץ רוט אויף זייערע פּנימער:

„סטייטש! זייער חבר האָט דאָס אַזאַ מאַכט!" נאָר קומט מיר פאָר מאָדנע דער פּילאָטן־לייטענאַנט ס., מיט וועלכן זיי האָבן מיך באַקענט: פאַרוואָס שטייבט ער אַזוי? בּאַ אים דאַרף דאָך דאָס זיין אַ געוויינטלעכע זאַך.

אין קאַפע־הויז „וואַרשאַווא", דאָס איינציקע, וואָס איז איצט אָפן ביז איינס אַ זייגער אין דער נאַכט, זיצן כמעט לויטער אָפיצירן מיט דאַמען, — צווישן זיי עטלעכע „קראַנקן־שוועסטערס". די פּאָר ציוויל־הערן מיט זייערע פרויען פאַרלירן זיך צווישן זיי ווי פאַרשעמטע מחותנים. די מוזיק קלאַפּט די אַלטע פּאַטריאָטישע און נישט־פּאַטריאָטישע לידער, און אַרום קנאַקן די שאַמפּאַניער־פלעשער. אָפיצירן פון די פּוילישע לעגיאָנען שטופּן הונדערטער קראָנען אין בוזים פון פּראָסטיטוטקעס און טרינקען ווייַן פון זייערע האַלבע שיכלעך. גאַליציע שטיקט זיך אין בויט, און די „נאַציאָנאַלע פּאַרטייִדיקער" וואַשן מיט פּאַלקס־שווייס די פּאָדעשוועס פון זייערע זונות...

עס קומט אַריין אַ הויפּטמאַן מיט עטלעכע אָפיצירן פון דער אַעראָפּלאַן־אָפּטיילונג. אונדזער לייטענאַנט ס. ווערט בלאַס און וויל, מיר זאָלן תּיכּף אַוועקגיין. אָבער נאָך איידער מיר דרייען זיך אויס, שטייט ער שוין אויסגעשטרעקט פאַרן הויפּמאַן און ציטערט אויפן גאַנצן קערפּער.

— וואָס איז? — פרעג איך אים אַ פאַרוווּנדערטער, אָבער

ער קען נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט פאַר שרעק. ער בעט נאָר, איך זאָל אים העלפן אוועקשיקן דעם לעצטן טראַנספּאָרט מעדי־קאַמענטן צו זיין אָפּטיילונג אין ק.

— וואָס האָסטו צו טון מיט מעדיקאַמענטן? — וווּנדער איך זיך.

— פאַרן מיניסטעריום — פּלאָנטערט ער מיט דער צונג, און ווייזט מיר אפילו אַ טעלעגראַם פון קריגס־מיניסטעריום, ווו מען באַשעפטיקט זיך מיט זיין נייער דערפינדונג: אַ פייל פאַר אַעראָפּלאַנען, וועלכע וועט קענען „דורכלעכערן אַ רייטער מיטן פערד".

ער פאַרלאַנגט פון באַן־קאָמאַנדאַ פופציק אַרמיי־אַרבעטער און שיקט אַוועק די סחורה מיטן ערשטן צוג.

זייט דער צייט ווייזט ער זיך נישט אין ערגעץ, ביז ער קומט מיך בעטן, איך זאָל אים דערלויבן שלאָפן בא מיר, דאָק־טאָר פ., אַ באַקאַנטער דענטיסט, וועלכער איז מיט דער פאַמיליע אַנטלאָפן קיין ווין, האָט מיר איבערגעגעבן דאָס גאַנצע הויז, וואָס וואָלט זונסטן אַריינגעפאַלן אין רשות פון דער מיליטער־פאַרוואַל־טונג. עטלעכע צימערן שטייען סיי ווי נישט באַוווינט, נעם איך אויף גערן דעם לייטענאַנט ס. אין יענע טעג באַפאַלט אים כמעט אַ שגעון פון פאַרשווענדונג: ער מאַכט בא מיר אין הויז סעודות פאַר פופ־ציק מענטשן, — הונדערטער פלעשער שאַמפּאַניער ווערן אויסגע־טרונקען! ביז מיטאַמאָל פאַרשווינדט ער אינגאַנצן אויף עטלעכע טעג.

איך זיץ גראָד באַם קלאַוויר און מוטשע זיך איבער אַ פּאַ־סאַזש שווערע „סקאַלן", ווען עס פאַרפאָרט צו מיין הויז אַ געדעק־טער אויטאָמאָביל. עס קומט אַריין אַ פרעמדער אָבערלייטענאַנט. מיר שטעלן זיך פאָר.

— אַליין?

— אַליין.

— קיין דאַמע, קיין הער?

— קיינער נישטאָ.

— מעג איך אַריינרופן נאָך אַ הער?

— ביטע.

ער רופט אַריין נאָך אַ מאַן אין ציוויל-קליידער.

— מיר קומען דאָ אין דער אָנגעלעגנהייט פון דעם אַ זוי-געראָפענעם לייטענאַנט ס. — אַנטשולדיקט זיך דער אָבער-לייטענאַנט — מיר מוזן דאָ מאַכן אַ הויז-רעוויזיע.

אין מאָמענט דערזע איך די גאַנצע סיטואַציע:

— איז ער אַלזאָ אַ „האָכשטאַפּלער"?

— אַן ערשטקלאַסיקער! — שמייכלט דער אָבערלייטענאַנט, בשעת ער קוקט דורך מיינע פּאַפּירן — אַ פּשוטער מעדיקאַמענטן-אַגענט, און האָט אויסגענוצט דעם אָפיציר-מונדור, כּדי צו קענען לייכטער האַנדלען מיט זיין סחורה. נאָך אינדערפרי האָט מען אים אַרעסטירט.

זיי גייען אַוועק מיט גאָרנישט.

ערשט שפּעטער געפין איך אין ווינקל פון פענסטער אַ צעטל, וועלכער וואָלט נאָך אפשר געווען בלאַמירט אַ דאַמע אויך:

„אַלץ איז אין אָרדנונג. טעלעגראַפיר מיר „יאָ", צי האָסט באַקומען מיין געלט.

דיינע פּ."

בראָד

די קריגס־צייט ברענגט מיט זיך אַן ענערגיע, וואָס גרענעצט מיט פוילקייט: מען טוט דאָס, וואָס מען מוז. פאַרזאָרגט מען דעם זינדיקן גוף און מען מאַכט „דינסט". די גאַנצע „גייסטיקע באַשעפטיקונג" באַשטייט אין לייכטן אָפּערעטן־טעאַטער, אין לייענען אַ „בלאַט", און פאַרברענגען מיט דאַמען.

— פאַרוואָס איז גאַליציע אַזוי פאַרדאָרבן, בפרט די יידישקעס? — האָט צו מיר אַ טענה אַן אונגאַרישער אָפיציר.

און ער ווייסט נישט אין זיין נאַיווקייט, אַז פונקט די זעלבע מיינונג האָבן אונדזערע אָפיצירן וועגן זיינע אונגאַרקעס. מען דאַרף נאָר צומאַכן די אויגן און פאַרשטעלן די אויערן, וועט מען זיך פילן אין בודאַפעסט פונקט ווי אין לעמבערג, אין ווין פונקט ווי אין פראָג, בערלין, זאָפיע און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און מסתם ענלעך אין פעטערבורג, רוים, פאַריז און לאָנדאָן. עס איז קריג אין יעדן ווינקל, אויף יעדן שריט, אין יעדן אבר. און קריג באַדייט: רציחה, גזלה, בויט, און זנות — „פרייע ליבע" אָן שום חילוק פון נאַציע, געשלעכט און שטאַנד.

עס ווייזט זיך פאַר מיר אַ שטיקל ערנסטע אַרבעט: דאָס איינציקע יידישע „טאָגבלאַט" אין לעמבערג, וועלכעס די רוסן האָבן פאַרמאַכט און מיין חבר דר" ב. ש. האָט באַם צוריקקומען פון אונדזער אַרמיי ווידער געעפנט, שטייט אונטער שטרענגער מיליטערישער צענזור: דעם גאַנצן טעקסט מוז מען איבערזעצן אויף דייטש, די פראָווינץ־קאָרעספּאָנדענטן טאָרן נישט שרייבן קיין יידיש — פריוואַטע טעלעפאָנען זענען בכלל פאַרבאָטן. אַפילו צו פראַווען אַ חנוכה־יום־טוב, מוז מען זיך פאַרקלייבן אונטער פאַרמאַכטע טירן ווי די אנוסים. איך אַרבעט מיט אין „טאָגבלאַט" אונטער אַ פרעמדן נאָמען, און אַציינד ווייזט זיך אַ מעגלעכקייט, איך

זאָל קאָנען אַ סך העלפן דער צייטונג. איך דאַרף באַשטימט ווערן אַלס צענזאָר פאַר דער יידישער פּרעסע. אָבער פּלוצלינג קומט אַ גאַרנישט אָנגענומענע ענדערונג: אונדזער אַרמיי איז ווידער אַריין קיין רוסלאַנד, און איך מוז איבערגעמען די מיליטער־צענזור אין ב־אָד. עס העלפן נישט די בקשות באַם אָבערסטלייטענאַנט, ער זאָל מיך לאָזן אויף מיין פּאָסטן.

— באַשטימען אַ „טיכטיקן" אָפיציר — ווייזט ער מיר דאָס טעלעגראַם פון אַרמיי־קאָמאַנדאָ — וועמען־זשע זאָל איך שיקן?

מוז איך ווידער איבערלאָזן מיינע נאָנטסטע און טייערסטע און ווידער זיך פּאַקן אין וועג אַריין.

שפּעט אין אָוונט קומען מיר צו דער גרענעץ. באַ אַ הונדערט ווייבער שטייען ציטערנדיקע פאַר קעלט און בעטן, מען זאָל באַ זיי נעמען קוואַרטירן. אַ סאָלדאַט פירט מיך אין אַ צימער.

— אפשר ערשט פון שבת אָן — בעט זיך דער באַלעבאָס — ווייל... איך מוז אַוועקפאָרן...

— איז וואָס? — קען איך אים נישט פאַרשטיין.

— אין שטוב זענען דאָ מיידלעך...

דאָס שיינטשיקע, יונגע טעכטערל פאַרשעמט זיך.

— אָבער ליבער ייד — לאַך איך — איך בין דאָך נישט קיין רוס, און קיין גוי אויך נישט.

— יאָ — קווענקלט ער זיך — אָבער די בראָדער מיידלעך האָבן אַ זאַ שלעכטן שם... וואָס וועלן מענטשן זאָגן?...

און דאָך וויליקט ער איין.

איך נעם זיך אָרגאַניזירן די נייע צענזור.

— מען מוז דאָ שטרענג אַכטונג געבן — מאַכט מיך אויפמערקזאַם דער קאָמאַנדאַנט פון אונדזער ליבער „אַכראַנע" — צו די אוקראַיִנישע בריוו דאַרף מען צוטיילן אַ פּאָליאַק, צו די פּוילישע

אַן אוקראַינער, — בפרט מוז מען אָפּהיטן די בריוו פון די ייִדן, דען אַן אַ שווינדל גייט עס נישט באַ זיי.

— און די אונגאַרישע בריוו? — פרעג איך אים מיט אַ כיוון, ווייל איך ווייס, אַז ער איז אַן אונגאַר.

— די אונגאַרן טרייבן נישט קיין פּאָליטיק! — ווערט ער בייז און האַקט אָפּ דעם שמועס.

מוז איך פון איצט אָן מיט מיינע מיטאַרבעטער יעדן טאָג בודק זיין די אומשולדיקע בריוו, און די פרייע צייט באַנוץ איך אויף קורצע שפּאַצירן צווישן די קליינע הייזלעך מיט די שמאָלע, שמוציקע געסלעך פון דער אַמאָליקער „פּרינצעסין פון השכלה און קאָמערציע".

דער גרויסער מאַרק איז דער „בוידעם" פון דעם לאַנגסטיקן גביר: אַ מחנה באַזאַרן מיט סודות-פולע געסלעך, פול מיט שמאָלע געוועלבלעך פון אַלטוואַרג. דאָס איינציקע קאַפע-הייזל איז אָרעם, און די „צוקערניע" איז אַ גוישע — גליסט זיך נישט געבן צו לייזן. דאָס קינאָ, וואָס די אָפיצירן אַליין האָבן געמאַכט צוליב „דעם רויטן-קרייץ", איז אויך אַ שטיקל אַפּקומעניש.

פרייטיק גיי איך אין מרחץ:

— דאָס האָט פּאָניע געמאַכט אַזאַ תל פון אונדזער באָד — אַנטשולדיקט זיך דער בעדער, ווען ער זעט, אַז איך מיאוס זיך צורירן צו דער באַנק.

ייִדן רינגלען אַרום מיין דינער און בעטן ציגאַרעטלעך איך פאַרטייל זיי מיין גאַנצן טאַבאַק.

— מיר זענען חלילה נישט קיין שנאָרערס — בעט מיך איבער אַ ייִד, אַ זקן — אָבער אַז מען קען נישט באַקומען אַפילו פאַר קיין געלט...

אַ ייִד פירט מיך אין שול אַריין.

— דאָ „ „ ער אָן — האָט געוווינט דער זיבעציק-

יאָריקער צירולניק, וועלכן די רוסן האָבן דערשאָסן. און טאַקע באַלד נאָך דעם זענען יאַקאָש זײַנע צוויי טעכטערלעך אַנטלאָפן מיט די רוצחים קיין רוסלאַנד.

די באַן-גאַס איז כמעט אינגאַנצן חרוב.

— די גאַס האָבן זיי חרוב געמאַכט — דערקלערט דער ייִד — ווײַל אַ ייִדיש מיידל האָט דערשאָסן אַ רוסישן אָפיציר.

— ווי קומט עס? — שטוין איך.

— וואָס פרעגט איר — זיפצט דער ייִד — זי האָט געוואָלט שיסן אויף אַ קאָזאַק, וועלכער איז באַפאַלן איר ייִנגערע שוועסטער. איז גראָד אונטערגעקומען דער אָפיציר, און זי האָט אים געטראָפן. נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג ווייסט מען נישט פון וואַנען עס האָט זיך צו איר גענומען אַ רעוואָלווער.

די אַלטע שול איז גאָר אַ גרויסע. די שײַנע הענגלײַכטער טראָגן אויף זיך שווערע יאָרן, די קופערנע „ברושטשעכער" זענען גרויס ווי מילשטיינער און קוקן אַראָפּ פון די ווענט מיט שטאָלץ. נאָר וועלכע אומגעלומפּערטע האַנט האָט דאָ אַרײַנגעפירט דאָס עלעקטרישע ליכט!

אַלץ איז שוין „פאַרשריבן" פונם מיליטער — מען וועט דאָס באַלד „רעקווירירן" — און פון דעם הייליקן קופּער וועט מען מאַכן האַרמאַטן...

קוים אַ מנין ייִדן. פון דער ווײַבערישער שול קוקן אַראָפּ צוויי געציילטע טיכלעך. נישט ווילנדיק גייט מען אַרויס מיט דעם געפיל פון אײַנהאָרנס „אַלטע שול"...

שבת איז דאָס שטעטל ווי אָפּגעשאָרבן. אפילו דאָס מיליטער, דאַכט זיך, שלאָפט. אויסגעקעמטע מיידלעך פירן אַ וויכּוח אויפן קול אין מיטן גאַס: „וואָס איז אַצינד שענער צו רעדן — פויליש אָדער דײַטש?" פון די אַמאָליקע משכּילים-טיפּן באַגעגן איך נאָר איינעם: אַ באַלעבאַטישער, קורץ-דיקלעכער ייִד מיט גאָלדענע שפּאַ-

קולן און לאַנגע, ווייטע האָר. פעלט אים אָבער שוין דער באַרימ־טער „בראָדער צילינדער".

פון איבער דער גרענעץ קומען אָן פינף פורן מיט צעבראָכן מעבל און קויטיקע, צעריסענע קישעלעך. נאָך זיי פירן סאָלדאַטן אַ דרייסיק יידן מיט ווייב און קינד, איינגעוויקלטע אין שמאַטעס. זיי ציטערן אין פראָסט. דאָס איז אַ טראַנספּאָרט רוסישע יידן, אַרויס־געטריבן פון פּאָטשאַיעוו. פאַרוואָס? צוליב וועמען?

אַזוי האָבן די רוסן געטון מיט „אונדזערע", טון מיר דאָס זעלבע מיט „זייערע".

„שלאָגסטו מיין ייד, שלאָג איך דיינעם"...

נאָכמיטאָג גייען מיר צו אַ פידל־קאָנצערט, וואָס איז אָרגאַני־זירט פון דער „רויטער־קרייץ־סעקציע". סאַראַסאַטי און מענדעל־זאָן פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן און מען פאַרגעסט באַלד, וואָס עס טוט זיך אַרום. פּלוצלינג ווערט אַ פאַרווונדעטער סאָלדאַט היס־טעריש, רייסט זיך באַ די האָר און נעמט שרייען אויפן קול:

„וואָס האָב איך געטון! וואָס האָב איך געטון..."

באַם אַרויסגיין דערקלערט אונדז זיין דאָקטאָר וועגן דער סיבה פון דער היסטעריקע: דער פאַרווונדעטער איז אויך אַ פידלשפּי־לער. אָבער ער אַליין האָט זיך בשתיקה דורכגעשאָסן די האַנט, כּדי נישט צו בלייבן אין דער פּאָזיציע. איצט האָט דער קאָנצערט אים קלאָר געמאַכט, ווי אומגליקלעך ער איז פאַר זיין גאַנץ לעבן.

— און ווערט ער נישט דערפאַר באַשטראָפט?

— עס איז אַצינד שווער צו באַווייזן אַזאַ זעלבסט־פאַרווונ־דונג — מיינט דער דאָקטאָר — אויב דער פּאַציענט פאַרווונדעט זיך אַליין, ווערט דאָס פלייש אַרום דער ווונד פאַרברענט. זענען זיי אָבער געפאַלן אויף אַ ספּאָסאָב: זיי לייגן צו אַ לעבל ברויט און דערנאָך ערשט שיסן זיי דורך, — זעט עס שפּעטער אויס, ווי די קויל וואָלט געטראָפן פון אַ מייל די ווייט.

אַ באַטעריע קאַנאָנען גאַלאָפּירט דורך דעם מאַרק און יאָגט אין דער ריכטונג צו דער פּאָזיציע.

— אפשר נעמען מיך פּאַקן! — פרעגט מיך פּאַרזיכטיק אַ ייִדענע.

זיי רופן מיך אין שטעטל „אונדזער ייִדישער אָפיציר, דער צדיק" — אַזוי דערציילט מיין דינער — האָבן זיי צו מיר פאַר־טרויען און באַראַטן זיך מיט מיר וועגן דער „פּאָליטישער לאַגע".

— עס איז גאָרנישט — באַרויִק איך די ייִדענע — מיר שטייען פעסט אויף דער פּאָזיציע. איר דאַרפט נישט קיין מורא האָבן.

עס קומט אָן אַ רעגימענט אינפאַנטעריע מיט מוזיק. אַ פרייד ווערט אין שטעטל: זיי וועלן דאָ איבערנעכטיקן און מען וועט קע־בען עפּעס לייזן.

מען דערוואַרט זיך קוים אויפן ערשטן שטערן און שוין באַ־ווייזן זיך ייִדענעס מיט זידנדיקער טיי, צוקערלעך און שטיקלעך ברויט.

— אוי, ווען מען זאָל מעגן פאַרקויפן שנאַפּס... — זיפצט איינע פון זיי.

פלוצלינג ווערט אַ געלויף — מען פאַרמאַכט די קלייטן.

— וואָס איז געשען? — פרעג איך אַ פאַרמאַטערטע ייִדינע.

— מען זאָגט, אַז מען וועט ראַבעווען.

— ווער וועט ראַבעווען?

— די „איבוועטס" זענען דאָך געקומען.

די „האָנוועט" מיינט זי, די אונגאַרישע „לאַנדווער".

— איז וואָס? — פאַרשטיי איך נישט די שרעק.

— איר דאַרפט נאָך פרעגן? זיי זענען דאָך ערגער ווי די קאָזאַקן.

דאָס וואָרט „רוסן" האָט זי מורא צו ברענגען אויף די ליפּן.

— זיי האָבן אָבער פּאָרט נישט קיין נאַגייקעס — ווײַזל איך זיך.

— עס, — מאַכט זי אַוועק מיט דער האַנט און בייגט זיך צו צו מיין אויער — פריער האָט מען געשלאָגן מיט נאַגאַיקעס, האָט מען כאָטש געהאַט וואָס צו עסן..

און זי לויפט ווייטער, ווי מורא האָבנדיק, אַז אָט, אָט פאַר־שפעטיקט זי אַ שלאַכט.

צוריק בײַ דער קאַמף־אָפּטיילונג

אונדזער „אַכראַנע־קאָמענדאַנט״ איז גאָר אַ פּלייסיקער און „אַנטדעקט״ יעדעסמאָל אַנדערע „פאַרברעכנס״: אָט שיקט ער מיר צו אַ גאַנצן פּאַק בריוו מיט „געהיימע צייכנס״.

— מאָסקאַלאָפּילן! — רייבט ער זיך די הענט אַ צופרידענער.

מיר געפינען דעם „שליסל״ פון דער „געהיימער שריפט״, און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס זענען אומשולדיקע ליבעס־בריוולעך פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט צוליב „דעזערציע״ פון זייערע פאַרהעלטעניש, אויסגעקלערט אַן „אייגע־נע שפּראַך״.

נישט געלונגען מיט דעם, ברענגט ער אַ פּעקל יידישע בריוו פון רוסישע יידן: ער איז זיי חושד, אַז זיי זענען עסטרייכער, נאָר דער אַמעריקאַנישער קאָנסול אין בודאַפּעסט האָט זיי אויסגעשטעלט פאַלשע פּאַספּאָרטן.

אויך דאָסמאָל זיך אָפּגענאַרט: די בריוו זענען פריי פון יעדן

חשד. און דאָך לאָזט ער אַ סך פון יענע ייִדן אַרעסטירן און שיקט זיי אָפּ צו דער אַרמיי, אָדער צו מיליטער־אַרבעטן אין פעלד.

גאַנץ אומפּאַרהאָפט רופט ער מיך טעלעפאָניש אין זיין קאַנ־צעלאַריע. מען פירט גראָד אַרויס די צוויי רוסישע שפּיאָנען, וועל־כע מען האָט געכאַפּט איבערגעטוענע אין פּרויען־קליידער. אין הויף וואַרטן צענדליקער אַרעסטירטע רוסישע פּויערים און ייִדן: זיי זע־נען אַנטלאָפן פון די פעלד־אַרבעטן, צו וועלכע מען האָט זיי גע־וואָלט צווינגען.

אַן אונגאַרישער זשאַנדאַר פירט אַריין אַ רוסיש מיידל, אַ שיינ־קייט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און טרויעריק־אויסגעלאָשענע אויגן: ער האָט זי געכאַפּט מיט אַ פור עסנוואַרג, וואָס זי האָט געוואָלט אַריינפירן צו זיך אין שטעטל, וועלכעס איז שוין באַזעצט פון אונ־דזער אַרמיי.

דער קאָמאַנדאַנט ווייסט אַליין נישט, וואָס צו טון מיט איר. דען אייגנטלעך איז נאָך נישט פאַרבאָטן צו פירן עסנוואַרג, — אָבער טאַקע דערפאַר הייסט ער זי „דערווייל" פאַרשליסן אין די אַרעסטן.

— וועט דיין שטעלפאַרטרעטער שוין קענען פירן די צענ־זור אָן דיר? — פרעגט ער, ווען מיר בלייבן אַליין.

— איך דענק אַזוי.

— דאַן האָב איך פאַר דיר אַ וויכטיקע אַרבעט: וועסט אי־בערנעמען די געהיים־פּאָליציי אין ז.

אויפן מאָמענט בין איך שטאַרק צופרידן: אין ז. בין איך געבוירן, מיינע אַלע פעטערס, מומעס און געשוויסטערקינדער וווי־נען נאָך דאָרט, מיינע יוגנט־פריינט, — אָבער — ווערן אַ פּאָליציי־אַגענט און אונטערקוקן די „זינד" פון מיינע אייגענע?

— די געהיים־פּאָליציי וועל איך נישט קענען פירן, האַר הויפּטמאַן — בעט איך זיך בא אים — אָבער ווען עס זאָל מעג־

לעך זיין דאָרט איבערצוגעמען די צענזור... ז. אין מיין גע-בורטס-שטאָט.

— דיין געבורטס-שטאָט? — טוט ער זיך אַ כאַפּ — אויב אַזוי, מיין ליבער, בלייבט שוין דאָ. די יידלעך דאָרט וואָלטן באַלד געזוכט פּראָטעקציע באַ דיר.

בלייב איך באַ מיין אַלטן פּאָסטן — אָבער נישט אויף לאַנג: מיין אַרמיי-קאָמאַנדאָ טעלעגראַפירט, איך זאָל תיכף אי-בערנעמען אַ קאָמפּאַניע אין „מעריש ג."

— איך בין דאָך פון דער מיליטער-קאָמיסיע באַשטימט צום לייכטן קאַנצעלאַריע-דינסט — דערקלער איך דעם הויפּטמאַן.

— באַפעל איז באַפעל — ענטפערט ער מיט אַ וויכטיקייט, ווי אין די ווערטער וואָלט ליגן דער אָריגינעלסטער געדאַנק.

איך מוז פאָרן. פרץ, מיין דינער, צעוויינט זיך באַם פּאַקן: דאָ האָט ער אַן אַלטע מוטער. אין לעמבערג האָט ער איבערגע-לאָזט אַ טיפוס-קראַנקע פרוי — די קינדער האָט אַוועקגענומען דאָס שטאָט-פיזיקאַט — פלעגט ער נאָך פאָרט ווען זיך אַריבער-כאַפּן זיי זען. אָבער איצט? אַזוי ווייט אַוועקפאָרן... אַ רחמנות אויף מיין גוטן פרצן. כאָטש שוין צוליב אים אַליין באַשליס איך פריער אַריינפאָרן קיין לעמבערג. איך זאָג עס אים, ווען ער שטייט שוין באַלאָדן מיט פּעק און טלומקעס ווי אַן אייזל. ווידער צע-וויינט ער זיך — דאָסמאָל פאַר פרייד.

און איך האַלט מיין צוזאָג: מיר בלייבן אין לעמבערג גאַנ-צע פיר טעג.

פאַרטאָג קומען מיר אין מעריש ג. מיר זענען פיר אָפיצירן מיט די דינערס.ביידע האָטעלן אין שטעטל זענען פאַרמאַכט. דער איינציקער פאַרשלאָפענער פּאָליצמאַן לאָזט אויס זיין גאַנצן כעס צו די טירן און פענסטער פון דעם גרעסטן האָטעל, — ביז עס דערהערט זיך די שטימע פון אַן עלטערער דאַמע:

— וואָס איז געשען?

דער פּאָליצמאַן אָטעמט לייכטער:

— די אַלע הערן אָפיצירן זענען דאָ. מען וויל איבער־געכטיקן.

— פיר אַ זייגער אינדערפרי? — ענטפערט זי — נישטאָ קיין פרייע צימערן.

— צום טייוול — ווערט שוין אין כעס הויפּטמאַן דר״ א., דער יידישער וויצעבירגערמייסטער פון לעמבערג — קומט אַרויף, לאָמיר זען!

די גרייז־גרויע, דייטש־בעמישע באַלעבאָסטע פאַרשעמט זיך נישט אַפילו, ווען מיר געפינען אַ האַלבן האָטעל ליידיקע צימערן.

אַ שטעטל פון 5.000 באַוווינער (צווישן זיי קוים אַכט יידישע פאַמיליעס, וועלכע ווייסן פון יידישקייט נאָר אַזויפיל, אַז זיי „זענען נישט קיין גוים״) מיט ריינע, ברייטע, געפלאַסטערטע גאַסן, הויכע הייזער מיט עלעקטרישע ליכט, מיט אַ קינאָ־טעאַטער, בוכהאַנדלונגען, גרויסע שולן און ריזיקע קלויסטערס — דאָס לעבן איז ביליק, קיין שפור נישט פון אַ מלחמה — און דאָך וויל מען נישט אַרייַנלאָזן איבערנעכטיקן.

די איינציקע, וועלכע אינטערעסירן זיך נאָך מיט די סאָלדאַטן, זענען די פון גאַליציע אַנטלאָפענע יידן.

דער גאָר ליבענקער אָבערסטלייטענאַנט מאַכט אַ באַל צוליב אונדזער קומען, באַצינ צוליב דעם אַ מוזיק־קאַפּעליע אַזש פון ברין — אויף אונדזער אייגענעם חשבון, פאַרשטייט זיך. און טאַקע באַלד דעם צווייטן טאָג גיט מען אונדז איבער קאָמפּאַניעס — מיר זענען „מאַרשבאַרייט״.

אָבער דאָ ווערט אַ שטורם צווישן מיינע קאַמעראַדן: מיר אַלע זענען באַשטימט צום „לייכטן דינסט״, און מיטאַמאָל וויל מען אונדז שיקן אין דער פּאָזיציע. מיר פּראָטעסטירן באַם אָבערסט־

לייטענאַנט און בעטן אים, אינדזער פּראָטעסט איבערצושיקן טעלע-פאָניש צו דער מיליטער-קאָמאַנדאָ. אָבער דערווייל מוזן מיר אי-בערנעמען די אָפּטיילונגען, וועלכע זענען אַצינד גאָר מאָדנע איינ-געטיילט — לויט נאַציע: רומענישע, רוטענישע, פּוילישע, און — „דייטשע", — אַן אָפּטיילונג פון לויטער יידן.

מיר גיט מען איבער די „דייטשן". די שוואַכערע און נישט שטאַרק „באַגייסטערטע" פאַרטייל איך אויף פאַרשידענע „זיכערע" פּאָסטנס אין שטאָט און אין דער סביבה, עטלעכע אינטעליגענטע יידן מאַך איך פאַר אונטעראָפיצירן, און אַזוי אַרום באַקום איך אַ קאָמפּאַניע פון אַ נישקשהדיק געזונט און מוטיק מענטשן-מאַטעריאַל, וועלכע ווערט באַלד אַ מוסטער-אָפּטיילונג פון „גוט עסן, זיין ריין אָנגעטון און פון דיסציפּלינירטער אַרבעט". קיין שפּור נישט פון דעם שפּאָטישן ווערטל „יידישע מלוכה"!

דאָס לעבן אין גאַרניזאָן גייט זיך דערווייל דעם געוויינט-לעכן גאַנג. נאָר ווערן די „קאָנצערטן" און „טיי-אָוונטן" וואָס אַמאָל אָפטער, די „בלומען-טעג" פאַר דעם רויטן-קרייז ווערן אַלץ טייערער, און דאָס זנות צווישן דעם מיליטער און דער היימישער און נישטהיימישער פרויען-וועלט ווערט אַזוי „פּאָפּולער", ווי דאָס טעגלעכע עסן און שלאָפן.

און דאָך ברענגען די מאָנאָטאָנע טעג אויך שיינע מינוטן: די ליבע שוועסטער פון דעם יידישן דיכטער מיכל וו. פאַרבעט אָפּט אין איר היימישלעכן הויז, דער יונגער דיכטער בער ה. לייענט זיינע זון-פרישע לידער — און זייער אָפּט זענען מיר מחותנים אויף חתונות פון יידישע זעלנער מיט גאַליצישע מיידלעך. דאָס נעווגד זיין דערנענטערט די מענטשן, און כאָטש מען שרעקט זיך פאַר „בלייבן אַן אלמנה", טרייסט מען זיך מיט דער „מיליטערישער פּענסיע" — און יעדן זונטיק פאָרט אַראָפּ דער „פעלד-ראַבינער", טיילט אויס

אין עטלעכע מינוטן אַ האַלב טוץ חתונות „ברית משה" און „קריגס-ערע" — און מיר זענען זיך משמח.

מיין דינער פירט דעם חשבון.

— דעם צוגספירער פּ. — דערמאַנט ער מיר — דאַרף מען קויפן דרשה-געשאַנק אַ גרויס שטיק לייוונט פאַר דער כלה פאַרן בעפרייטער ב. איז גענוג עפּעס אַ זייגערל.

אונדזער „פּראָטעסט" האָט גאָרנישט געהאָלפן: דער אָבערסט-לייטענאַנט איז אַ „ווייכער", ער איז אַ שפּילצייג פון די קאָקעטי-שע אָפיצירס-דאַמען — בלייבן זייערע געזונטע מענער אין „הינ-טער-לאַנד", און מיר צו „לייכטער דינסט-באַשטימטע", מוזן ווידער גיין אין פעלד אַריין.

איך ווייס שוין, מיט וואָס דאָס „שמעקט"... פאַרפאַס אין אויף שנעל אַ קורצע צוואה און שיק זי צו מיין נאָנטסטן פריינט ד"ר ב.

צום לעצטן מאָל דערלאַנגט מיר מיין באַלעבאָסטעס שיין טעכטערל אַ פרישן בוקעט בלומען, זי הענגט מיר אויף אויפן האַלדז אַ גאָלדן צלמל אַלס אַ „קמיע" — און אונדזער באַטאַליאָן פאָרט אַוועק אין פייער אַריין.

דורך רוסיש-פּוילן

אין אָדענבערג ווייסן מיר עס שוין באַשטימט: מיר גייען אויף דער פּאָזיציע איבער רוסיש-פּוילן. מיינע אַכצעניעריקע זעלנער, העלכע צעווייגן זיך בא יעדן בייזער פון פעלדוועבעל, און די פער-ציק-יעריקע יידן, וועלכע האַלטן אין איין קרעכצן, אפילו באַם זינ-

גען זמירות אָדער די „שטיקלעך“ פון יידישן טעאַטער, — ווערן גאָרנישט נתפעל פון אונדזערע זיגן אין סערביע, מאָנטענעגראָ און אַלבאַניע, פונקט ווי זיי ערגערן זיך נישט איבער דעם סכסוך מיט אַמעריקע און איבער דעם פאַלן פון ערזערום. שוין דריי טעג ווי מיר פאָרן גאַנץ באַקוועם, פאַרזאָרגט מיט אַלדאָס גוטס, — האָבן מיינע זעלנער אַ חוץ דעם אַלגעמיינעם באַגער צו פרידן, נאָר נאָך דעם איינציקן ווונטש: וואָס לענגער פאָרן, אַבי אַלץ שפּעטער קומען אין דער פּאָזיציע.

אויפן פערטן טאָג פאָרן מיר אַריבער די גרענעץ. אַרום און אַרום סימנים פון פאַרניכטונג. געזונטע, רויט־באַקיקע שיסקלעך ווינקען צו די זעלנער, אָפּגעריסענע, בלאַסע יינגלעך און ווייבלעך זוכן זייער מסחר אין דער איין־גרייצערדיקער טשאָקאָלאַדע און ציטערן פאַרן הויך פון יעדן צוגעקומענעם אָפיציר, — פוילישע גוים זעבען באַשעפטיקט בײַ דער באַן־אַרבעט. דער קליינער, אָפּגעבערענטער און ווידער אויפגעבויטער וואָקזאַל איז פאַרפלייצט מיט פוילישע לעגיאָנערן. נישט ווייט איז אַ נייע, גאָר גרויסע, אייזערנע בריק מיט דער אויפשריפט: „פאַרפאַרטיקט דורך דייטשע פּיאָנערן“. סערבישע געפאַנגענע, וועלכע מען האָט אַהער פאַרשלעפּט „אויס פּאָליטישע סיבות“, פאַרענדיקן דעם בוי. די ציוויל באַפעלקערונג טאָר נישט צוטרעטן צו די רעלסן, וואַרטן זיי פון ווייטן, ביז די זעלנער וועלן צוקומען עפּעס קויפן.

— אַ קאָפּעקע, איך מיין, אַ קרייצער אַ פּאַפּיראָסל! —

איז זיך טועה אין אויסשרייען דאָס צוועלף־יעריקע חסידל, וועלכעס איז אַרומגערינגלט פון די סאָלדאַטן און „מאַכט געשעפט“.

איז דער גוי מיטן קאָלבאַס מקנא דעם קליינעם „זשידזשאַק“, וועלכער פאַרשטייט די „שוואַבן“, — בשעת ער קען קיין קאָפּעקע נישט לייזן.

ווען נישט די מאַסן־קברים מיט די רוסישע און יידיש־רוסישע

אויפשריפטן, וואָס ציִען זיך ווי אַ נעפּל פון טרויער, וואָלט זיין דער וועג גאָר אַן אינטערעסאַנטער. די רוסישע געפאַנגענע, אָנגעגורטע מיט דעם לעפּל אין דער כאַליעווע און מיט דעם „טעפּל" אַן דער זייט, לאָזן ליגן די העק און לאָפּעטעס בא די קוילן אָדער באַם זאַמד, און לויפן נאָך אונדזער צוג, בעטלענדיק ברויט. אונדזערע זעלנער האָבן רחמנות און פאַרשענקען דאָס לעצטע — ווערט נישט איינמאָל אַ געריסעריי צווישן די „רעביאַטאַ" — ביז צום בלוט!

וואָס ווייטער, אַלץ שווערער איז די נויט, אַלץ גרעסער דער חורבן. אָט איז קראַשניק, מיט די ווייטע, פלאַכע זאַמד-פעלדער, וווּ גענעראַל דאַנקל האָט אין די באַרימטע שלאַכטן באַקומען זיין טרויעריקן סוף. מיט בלוט זענען דורכגעווייקט די זאַמדן, די שטומע וועלדער זענען איין גרויסער בית-עולם: הונדערטער קינדער פון פאַרציטערטע מאַמעס, חתנים פון בענקענדיקע כלות, זין פון פאַרשידענע נאַציעס און רעליגיעס ליגן דאָ באַהאַלטן אונטער איין זאַמדיקן צודעק, אַרומגערינגלט מיט יונגע באַטריבטע סאָסנעס.

די גאַנצע סביבה דאָ איז חרוב, און מיר, די אָפיצירן, מוזן אָנהייבן עסן די זעלבע מאכלים, וואָס די מאַנשאַפט עסט.

ווייבער און מיידלעך לויפן נאָך דעם צוג און האַלטן אָקעגן צווייפגעקליבענע פאַפּיראָסלעך:

— קויפט! קויפט, גוטע מענטשן...

מען דערקענט, אַז דער הונגער פאַרצערט זיי.

אין לובלין איז צייט אַראָפּצופאָרן אין קאַפע-הויז. דער פּאָלישער קעלנער האָלט פאַר „פּאַסיק" אָפּצושפּעטן פון די רוסישע אָפיצירן, -- עקלט מיך זיין חניפה און איך פאָר צוריק.

אויפן וואָקזאַל שטיפן זיך יידן באַם רעווידירן די פאַספּאָרטן און אַ עסטרייכישער סאָלדאַט „מאַכט אָרדנונג" אויפן קאָזאַצקע אופן.

אַ נידעריקער ייד, אַ הדרת פנים, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, שטייט אָפּהענדיק אָנגעשפּאַרט אין אַ ווינקל. עס נעמט נישט לאַנג, ביז איך דערוועק אין אים אַ פאַרטרויען צו מיר, און איך דערוויס מיך, אַז ער איז דער רב פון ב. און איז געקומען אַהער בעטן הילף פאַר זיין קהלה:

— מען זאָגט יאַקאָבי, אַז ווין האָט געשיקט עפּעס געלט. אַז מען שטאַרבט בא אונדז פשוט פאַר הונגער! מיט בראָנפן טאָר מען נישט האַנדלען, די תבואות האָט די „גאָטשאַלסטווע" איבער־גענומען — טאָ וואָס־זשע בלייבט?

— און די בעל מלאכות?

— שטאַרבן אויך פאַר הונגער, און די סוחרים פאַרדינען נישט, ווען־זשע גלוסט זיך עפּעס מאַכן?

— איז פריִער געווען בעסער? — פרעג איך פאַרזיכטיק.

— שייך צו זאָגן — גיט דער רב אַ בלינצל מיטן אויג און רוימט מיר איין אין אויער — מען בעט

„חדש ימינו כקדם"...

— וואָס־זשע קען זיין די סיבה?

— איך וועל דיר זאָגן — איז ער שוין מיט מיר אויף „דו" — איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז נישט די „פּאָלאַזשעני". אָבער די פּאָ־ליאַקן זענען גרויסע אַנטיסעמיטן, און ווו עס איז דאָ זייערס אַ אָפּי־ציר אָדער אַ „איספּראַווניק", רייסט מען די הויט פון די יידן. מיט די אמתע עסטרייכער איז פאָרט נישט אַזוי ביטער.

— און די אמתע „רייכס־דייטשן"?

— פע! פע! זיי זענען גאָר שלעכט...

אַפּנים, אַז אונדזער שמועס קומט פאַר פאַרדעכטיק, דען באַלד וואַקסט אויס אַ זשאַנדאַרמעריע־וואַכמייסטער און באַפאַלט דעם רב:

— ווו פאָרט איר? ווער זענט איר? וואָס טוט איר דאָ?

און איך מוז דעם איבערגעשראָקענעם זקן אַרייןבאַגלייטן ביז אין וואַגאָן, — כדי אים אויסצוהיטן פון אַרעסט.

עס דערנענטערט זיך ברעסט־ליטאָווסק. די פעסטונג איז אַ בשותּפותדיקע „ירושה" פון די דייטשן און עסטרייכער: ביידע אַר־מייען האָבן זי איינגענומען, און דאָך האָבן די דייטשן צוגענומען פאַר זיך די הויפּט־פּלעצער.

פון אַלע זייטן לויפן מיידלעך מיט טלומעקלעך „סחורה", אָבער די דייטשע וואַך לאָזט זיי נישט פאַרקויפן. איך הייס זיי צורופן, און דער דייטש דרייט זיך אַוועק אַ נישט צופרידענער. צווישן די מיידלעך ווערט אַ געריסעריי און אַ „קאָנקורענץ", — כאָטש אַלע פאַרלאַנגען זיי אומגעהייערע פּרייזן. אָבער מיינע סאָל־דאַטן „סטרייקן", ווילן נישט קויפן, — פאַלט די פּרייז און — מען קומט דורך.

— נעם צו בײַ איינער דאָס גאַנצע קײשל — הער איך ווי דער דייטשער באַן־קאָנדוקטאָר בונטעוועט מיינעם אַ סאָלדאַט — וועל איך דערווייל אונטערקומען און זאָגן, אַז דער צוג גייט אַוועק, וועסטו אַריין אין צוג און וועסט איר נישט באַצאָלן קיין פעניג.

— אָבער ניין — ווערט מיינער בלאַס — מען וועט באַ־שטראָפן.

— וואָס באַשטראָפן! — איז יענער זיכער — דאָס זענען דאָך יידישקעס.

איך פאַרשרייב זיין נאָמען, כדי אים צו פאַרקלאָגן פאַר זיין קאָמאַנדאַנט. דער דייטש ווערט בלאַס און וואַגט שוין מער נישט אַרויסצוגיין פון צוג.

מיינע סאָלדאַטן האָבן פאַרן גאַנצן טאָג גאָרנישט געגעסן. לאָז איך זיי פירן דורכן קילאָמעטער־לאַנגן וואָקזאַל צו דער קיך. זיי זענען דורכגעפרווירענע, און דאָך זענען זיי צופרידן: מען גיט אַ סך און געשמאַק עסן.

די דייטשן האָבן איבערגענומען דעם צוג און מען מוז זיין פּינקטלעך. הייס איך פאַרזאַמלען מיינע סאָלדאַטן אין זייערע וואַגאָנען, און אַליין גיי איך דערווייל מיט נאָך צוויי אָפיצירן זיך דערוואַרעמען באַ אַ גלעזל וויין.

דער צוג דאַרף אַוועקגיין זייגער זעקס מיט זיבן מינוט. מיר כאַפּן זיך אין צייט און לויפן אַרויס צום צוג — אָבער פּונקט דערווייטערן זיך שוין די רויטע לאַמטערנדלעך פון לעצטן וואַגאָן!

— ווי קען מען דאָס אַוועקפירן סאָלדאַטן אָן די אָפיצירן? — האָבן מיר אַ טענה צום דייטשן באַן-קאָמאַנדאַנט.

— מיר פאָרן לויט דייטשער פּינקטלעכקייט — גיט אונדז דער קאָמאַנדאַנט אַ שטילן קיבעץ — אונזערע אָפיצירן זענען תמיד באַ זייערע סאָלדאַטן.

און דאָך שטעלט ער אונדז צו אַ באַזונדערע לאָקאָמאָטיוו מיט אַ „טענדער", און מיר נעמען נאָכיאָגן אונדזער צוג. איך טרעף מיין טראַנספּאָרט שוין אויפן וועג אין דאָרף אַריין. מיין דינער פירט מיך אויף מיין נייער קוואַרטיר: די האָלצערנע שטוב איז גרויס, נאָר פיל מיט לעכער, מיט אָפענע טיר און פענסטער. דער ברייטער אויוון איז איינגעהייצט — אָבער די קעלט איז פאָרט שטאַרקער. אויפן צעפאַלענעם בעטל ליגט פריש היי, דאַכט זיך, איבערגעדעקט מיט אַ פאַרבלוטיקטער געצעלט-לייוונט. צוויי ברעטלעך — אַלס טיש, איין ברעטל — אַלס שטול, — אין די ווענט זענען אַריינגעשלאָגן אַ סך טשוועקעס. האָבן דאָ פאָרט אַמאָל געוווינט מענטשן... זיי זענען אַלע אַנטלאָפן מיט די רוסן. און אַזוי ווי צייכנס פון דער אַמאָליקער באַלעבאַטישקייט זענען איבערגעבליבן אַ גרויסער גלעזערנער לייכטער, אַ אומגעלומפּערט-געמאַכטער קליידער-הענגער און אַ גאָר דעליקאַט פאָרהענגעל באַם פענסטער. גראָד צו דעם „סאַלאָן" פּאַסט זיך דער שראַפּנעל, וועלכן איך געפין אונטער מיין בעטל. מיין דינער דערשרעקט זיך א ביסל:

— אפשר האָט דאָס עמעצער פון דער באַפעלקערונג אונטער־געלייגט ?

איך באַרויִק אים, און הייס אים שלאָפן מיט מיר אין שטוב.

ביידע פירן מיר אַ גאַנצע נאַכט. דעם צווייטן טאָג איז שוין מיין דינער קליגער: ער לייגט אָן דעם אויוון און לאָזט שוין נישט אויסגיין דאָס פייער טאָג און נאַכט — ביז מיר ציִען זיך אַרויס אין אַן אַנדערער דירה. אַ קליין וועלדל האָלץ האָט ער דערביי אויסגעבר ענט.

אויף די ברייטע שניי־פעלדער

אין דערפל אָ. לעבן לויטער יידן, אַרויסגעטריבענע פון בריסק. די גויים זענען אַוועק מיט די רוסן און האָבן, ווי מען דער־ציילט, צוריקגעלאָזן פאַרגראָבן אין די פעלדער אַ סך תבואה און קאַרטאָפלעס. די יידן פירן צוביסלעך מסחר, קען מען אָבער נישט קריגן קיין סחורה: אויף דער דייטשער זייט געפינען זיך די גרוי־סע סוחרים מיט די רייכע סקלאַדעס, און די דייטשן לאָזן נישט פירן קיין סחורה איבער דער „גרענעץ", וואָס מען האָט באַשאַפן צווישן דער דייטשער און עסטרייכישער אָקופּירטער טעריטאָריע.

— מיינט איר, אַז מיין טאָכטער וואָלט געקענט עפּעס אַרי־בערברענגען פון דער דייטשער זייט ? — האַלט מיט מיר אַן עצה דער גרויער ייִד, וועלכן איך פיר צום קאָמאַנדאַנט, ער זאָל אים געבן די „פּעטשאַטקע" אויף קוויטלעך פאַר האָלץ.

פריִער איז ער געווען אַ פריקאַזשטשיק אין וואַלד, אַצינד האָט אים אונדזער קאָמאַנדאָ געמאַכט פאַרן פאַרוואַלטער איבערן

אויסגעהאַקטן האַלץ, און ער נעמט „קוויטלעך" פאַר יעדן פורל. א חוץ דעם האָט זיין חנעוודיק טעכטערל געפועלט, מען זאָל זיי לאָזן עפענען אַ קלייטל פאַר די סאָלדאַטן.

— מיידלעך פועלן אַלץ — זאָג איך דעם ייד — פרווו. אָבער זייט פּאָזיטיוו, פעטער: אייער מיידל איז אַ יונג קינד און די אָפיצירן זענען הפקר-יונגען...

— וואָס-זשע לאָזט זיך טון? — זיפצט דער ייד — מען דאַרף דאָך פרנסה. וועל איך דען זען אַ קאָפּיקע פון די אַלע „פעטשאַטקעס"? לע״ע האָב איך נאָר „קוויטאַנציעס".

— אפשר אינגאַנצן אַריבערפאָרן אויף דער דייטשער? —

— חלילה! — כאַפּט ער זיך — מיט זיי? זאָל גאָט היטן. אַ סך ערגער. פאַר דער קלענסטער זאַך שיקן זיי אין טורמע. און ווען דאָס זאָל שוין נעמען אַ סוף — פאַרטראַכט ער זיך.

איך פאַרשטיי די סיבה פון זיין יאוש: די רוסישע אַדמיניסטראַציע האָט צוגעווינט, אַז דער האַלבער רובעל זאָל ברעכן יעדע פאַרשריפט, — און דאָ טרעפט מען זיך מיט דער איינגעעקשנטער, געזעץ-היטנדער דייטשער דיסציפּלין.

דער דייטשער גרענעץ-פאַרבאָט גייט אַזוי ווייט, אַז זיי פאַרנעמען אַ טראַנספּאָרט אייער, וואָס איז באַשטימט פאַר אונדזער אָפיציר-קיך אין פּרוזשאַני, און זיי שיקן אַריין 600 קראָנען אַלס „שאָדן-ערזאַץ" פאַר די 10.000 קראָנען, וואָס די אייער האָבן אָפּגעקאָסט. מען פאַרנעמט אויך די פעקלעך, וועלכע אונדזערע אָפיצירן באַשטעלן דורך דער פעלד-פּאָסט, און דאָס פירט שוין צו ערנסטע קאָנפליקטן.

„די פּאָסט האָבן אויסגערויבט אומבאַקאַנטע פאַרברעכערס", פאַרענטפערט זיך די דייטשע קאָמאַנדאָ.

אונדזער קאָמאַנדאָ גלייבט נישט שטאַרק אין דעם פאַרענטפערן זיך, און דאָך קאָן דאָס לייכט מעגלעך זיין. מיר שטייען פאַר

אַ נייער אָפּענזיווע. און עס האָבן גענומען זיך באַווייזן פאַרשידענע פאַרדעכטיקע ברואים, וועלכע מאַכן נישט זיכער די פּאָסט און די באַן. מען מוז ווערן פאָרזיכטיקער. שיקט מען מיך מיט מיין קאָמ-פּאַניע צו זיכערן די באַן-שטרעקע מאָלאָדעטשנאַ-באַראַנאָוויטש.

מיין קאָמפּאַניע מאַרשירט אַוועק פאָרויס, און איך מיט מיין דינער און אַ באַוואָפנטער סאָלדאַט זעצן זיך אַריין אין דעם אויס-געבעטן שליטן און — „קאַטאַי!"

די געגנט איז אַ פלאַכע, און ווי ווייט דאָס אויג גרייכט, איז אַלץ באַדעקט מיט שניי. די טומאַנעס שיטן אָן פולע אויגן און אויערן, און וויל מען אָפּדעכען, שלינגט מען איין גאַנצע הויפנס נאַסן שניי. עס אָטעמט פּשוט מיט סיביר. און נישט אומזיסט ציטערט מיין פּרץ:

— הער לייטענאַנט, קאָן מען דאָ טרעפן בערן?

אַפּנים די פאַנטאַזיע ווירקט פאָרט. דען דער אַלטער זעלנער, וועלכער טרייבט די פערד, ווערט צעטומלט און נעמט זיך צלמ'ען, און מיין וואַך-סאָלדאַט נעמט שיסן — אים ווייזט זיך אויס, אַז וועלף פאַרלויפן אים דעם וועג.

— מיר מעגן גומל בענטשן, הער לייטענאַנט — זאָגט פרום מיין פּרץ, ווען מיר זענען שוין אויפן פּלאַץ.

אין דער נאָענט פון מיין נייער פּאָזיציע ליגן דריי דערפער, — אייגנטלעך נאָר מצבות פון זיי: אַלץ איז פאַרברענט, אַלץ צעבראָכן, אַרויסגעפירט. קיין לעבעדיקער נפש נישטאָ. און דאָס איז טאַקע דאָס בעסטע באַהעלטעניש פאַר די רויבערס און באַוואָפנטע רוסישע דעזערטערן, וועלכע באַפאַלן די הייזער און שטאַלן און פירן אַלץ אַוועק, וואָס עס לאָזט זיך. מיר גיבן אַרויס „צירקולאַרן" צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג, מען זאָל תיכף מעלדן, ווו עס באַווייזט זיך נאָר אַ פרעמדער אין זייער געגנט, אָבער די כיטרע גויים שווייגן, און באַקלאָגט זיך עמעצער בײַ דער קאָמאַנדע, ווערט ער באַלד דער-

שאָסן פון געהיימע הענט. מוזן מיר פאַרשטאַרקן אונדזערע וואַכן, און אָפט קומט טאַקע אויס צו פירן אַ בלוטיקן קאַמף מיט די באַ־וואָפנטע באַנדיטן, וועלכע פאַרשאַנצן זיך אין טיפע געדיכטע וועלדער.

— זייט פאָרזיכטיק און היט אָפּ אייערע אייגענע לעבנס, איר זאָלט נאָך קענען אין פרידן זען אייערע קינדערלעך — זאָג איך אָן מיינע סאָלדאַטן איידער איך צעשיק זיי אויף זייערע פּאָסטנס.

מיינע גרויע זעלנער־קינדער נעמען אַראָפּ די היטלען, צלמען זיך און וויינען אויפן קול. איך בין זיכער, אַז זיי וועלן טון זייער אַרבעט בשלימות.

דערווייל האָבן זיי זיך גאַנץ נישקשהדיק איינגעבאַלעבאַטע־וועט: אויסגעבעסערט די פויערים־הייזלעך, אַריינגעשטעלט טיר און פענסטער, אויפגעבויט אויוונס און געלעגערס. אין קיך באַ זיי טרעף איך שוין אַ גאַנצע מענאַזשעריע: אַכט קעץ זיצן אויסגעזעצט אויף די באַלקנס און דרימלען צופרידן נאָך די פעטע ביינער, וואָס דער קוכער האָט זיי צוגעוואָרפן. פּאָרט נישט אמת דאָס בייזע ווערטל: „צווי קעץ אין איין זאַק"... אויסגעהונגערטע זענען זיי זיך צו־זאַמענגעלאָפן פון דער גאַנצער סביבה און לעבן זיך דאָ גאַנץ בשלום. דערפאַר מעלדעט מיר מיין פרץ כמעט יעדן אינדערפרי מיט דעם זעלבן זויערן פּנים:

— ווידער האָט אַ קאַץ אויפגעגעסן דאָס פלייש...

— זאָל איר וויל באַקומען! — לאַך איך.

— הער לייטענאַנט לאַכן — איז ער ברוגז — און מיר טוט ווי דאָס האַרץ. איך וועל אַלע קעץ דערשיסן.

אָבער איך בין גאַנץ רויק. מיין גוטער פרץ וועסט נישט אפילו ווי אַזוי צו האַלטן אַ ביקס אין האַנט! דערפאַר אָבער קאָכט

ער פאַר מיר די בעסטע מאכלים — פון פּיראָגעס ביז שבתדיקע פיש — און שלאָפט מיט מיר אין איין הייזל.

— וואָס זאָל איך מאָרגן קאָכן אונטער דער יויך? — הייבט ער אָן זיין טעגלעכן פּזמון פאַרן שלאָפן גיין.

— קאָכט מאָרגן אונטער דער יויך פאַרפל — גיב איך תמיד אָן אַ וואַזשנע מינע.

— הער לייטענאַנט, איך האָב דאָך אָבער ליב לאָקשן. — בעט ער זיך ווי אַ קינד, און עס בלייבט בײַ זײַנעם.

כּדי צו קאָנטראָלירן מײַנע וואַכן און זיך באַקענען מיט דער געגנט, רייט איך אָפט אַרויס אויף מיין קאַשטאַנעוואַטע פערדל, אָדער איך מאַך שפּאַצירן צופוס. און אַזוי פאַרגיי איך אין איינס פון די נאָנטע דערפער. אין אַ איינגעפאַלן הייזל וווינט, דאַכט זיך, אַ קינד. איך גיי אַריין. אין אַ ווינקל פון פינסטערן, ענגן שטיבל דערבליק איך בײַם שײַן פון מײַן עלעקטריש האַנט-לעמפּל אַן אַלטע גויע — אפשר אַ ניינציק-יעריקע זקנה. זי כאַפּט זיך אויף ווי אַ דערשראָקענע הין און רייבט זיך די האַלב-בלינדע אויגן.

— וואָס טוט איר דאָ?

מיט אַ קוים פאַרשטענדלעך קול שושקעט זי אַרויס, אַז זי וווינט דאָ מיט איר טאָכטער. פון פּיעקעליק שפּרינגט אַראָפּ אַ גאַנץ יונגע גויע, און נאָך איר קריכן אַראָפּ זעקס קינדערלעך: דער מאַן איז „אויפן שלאַכט", לעבן זיי דאָ פון איבערגעלאָזענע תּבואה און קאַרטאָפלעס.

— פאַרוואָס-זשע וווינט איר דאָ אין אַזאַ ענגשאַפט? זענען דאָך פאַרהאַן אין דאָרף גענוג ליידיקע גרויסע שטובן.

— אייער קאָמאַנדאַנט — רעדט די יונגע אין ציטערניש — האָט אונדז געהייסן דאָ וווינען, האָבן מיר מורא צו בייטן דעם פּלאַץ.

די אַלטע קוקט איר אין די אויגן און האָט מורא זי זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט.

— אַצינד בין איך דאָ קאָמאַנדאַנט — גלעט איך די איבער־געשראָקענע קינדערלעך, פאַר וועלכע איך געפין אין קעשענע אַ היפּש שטיק טשאָקאָלאַד — דאָ האָט איר אַ צעטל, אַז איר מעגט וווינען אין וועלכן הייזל איר ווילט אַליין.

— וועלן מיר טאַקע אויף חגאות זיך אַרייַנציִען — פרייט זיך די יונגע.

— וועלכע חגאות?

— די מאַמע האָבן אויסגערעכנט, אַז די אַנדערע וואָך אָדער אין צוויי וואָכן אַרום איז „פּאַסכאַ“.

— נישט די אַנדערע וואָך „באַבושקע“, גאָר ערשט אין צוויי חדשים אַרום איז „פּאַסכאַ“. וואָרט־זשע טאַקע נישט און ציט זיך שוין אַריין.

— יאָ, אָבער היינט נישט, היינט איז זונטיק — בעט זיך די אַלטע.

— מאַטושקאַ, אָבער היינט איז דאָך דאָנערשטיק, נישט זונטיק.

— זונטיק, באַרין — איז זי פאַרעקשנט — אָט האָב איך דאָך אָנגעטון דאָס נייע פאַרטוך.

אויף אירע צעריסענע, פאַרקאָפּטשעטע לאַכעס טראָגט זי באמת אַ גאַנץ ריין, געבלומט פאַרטוך — דאָס זונטיקדיקע.

עס איז שווער אַרויסצובריינגען די אַלטע פון טעות: דער פּאָפּ איז אַוועק, די גלאָקן קלינגען נישט מער, האָט די איינטאָ־ניקייט פון לעבן אַרויסגערופן בא איר די איינטאָניקייט פון צייט...

און אין אָט דעם פּרימיטיוון מצב לעבן אַלע דריי פאַמי־ליעס, וועלכע איך טרעף אין דער גאַנצער געגנט — די איינצי־קע אין דעם גאַנץ גרויסן, פאַרלאָזענעם שטיק לאַנד.

איך װעל מיט זײ אמתע גוטע פרײנט: איך שיק פאַר די יונגע זאַלץ, צוקער, קאַװע, קעראָסין — פאַר די אַלטע טאַבאַק — פאַר די קראַנקע פלײש, און שפּעטער פיר איך זײ אויך צום דאָקטאָר. און זײ װידער פילן זיך דאַנקבאַר און ברענגען מיר צומאָל פרעמדע קאַרטאָפלעס.

זײ זענען, דאַכט זיך, מיט מיר צופרידן. און דאָך — מען האָט זײ געזאָגט, אַז איך בין אַ ייד...

איך פאָר גראָד אַרום די גאַנצע געגנט. צו מאַכן אַ סקיצע פאַר דעם „שנײ-שוץ". מען גרײט זיך אויף גרויסע שנײ-שטורעמס, און מיר װילן אויפבויען „שוץ-װענט" אויף די געפערלעכע פונקטן, כדי אויסצוהיטן די באַן-שטרעקע פון פאַרשאָטן װערן. טרעף איך אויך אָפּ צו באַזוכן מײנע געצײלטע „אונטערטאַנען".

— װי פילט די באַבושקאַ? — טרעף איך אָן נאָר דאָס קלײנע אײניקל אירס.

— שלעכט, באַרין.

— האָט איר װײניק עסן?

— פאַרהאַנען צו עסן — מאַכט נאָך דאָס שיקסעלע דעם קרעכץ פון אַן אַלטן — אָבער װען גאָט העלפט שוין און מיר װערן פּטור פון דעם זשידאָװסקי צאַר.

— פון װעלכן זשידאָװסקי צאַר? — פאַרשטײ איך נישט.

— „זײער" צאַר איז דאָך אַ יעװרעי — גיט זי מיר איבער דער באַבושקאַס װערטער — מײן מאַמע און מײן באַבושקאַ זאָגן דאָס, און אַלע זאָגן דאָס: „זײ" אַלע זענען יעװרעיעס. אויך דער קאָמאַנדאַנט אונדזערער איז אַ יעװרעי.

דאָס קינד האָט מיך נישט דערקענט און האָט זיך אַרויסגערעדט מיט דעם, װאָס זײ דענקען װעגן אונדז.

דער יקרות אין הינטערלאַנד וואַקסט, מיר באַקומען דעם באַ־פעל, אַז יעדער באַטאַליאָן מוז זיך דערנערן פון די פּראָדוקטן, וואָס ער קען אַליין צוזאַמענקויפן אין דער סביבה. אָבער דער פּאָזיציע-קאַמף דויערט שוין חדשים, ווערט אויך די רייכסטע סביבה אויסגעהונגערט. יעדע אָפּטיילונג היט דאָרום די גרענעצן פון איר ראַיאָן, מען זאָל פון דאָרט נישט אַרויספירן קיין לעבנסמיטל. עס איז די וואַכן שטרענג פאַרבאָטן דורכצולאָזן סחורות, און צו דעם צוועק ווערן די סאָלדאַטן דערצויגן צו פּשוטע פּראָוואָקאַטאָרס. אַלס ביישפּיל צעשיקט מען צירקולאַרן, וועלכע מען מוז פאָרליי־נען פאַר די סאָלדאַטן: „אינפאַנטעריסט ב. ווערט געלויבט דער־פאַר, וואָס שטייענדיק אויף דער וואַך, האָט ער צוגענומען באַ ייִדן דריי קי און די 25 רובל, מיט וועלכע זיי האָבן געוואָלט אים אי־בערקויפן פאַר אַריבערפירן די קי. ב. באַקומט אַלס לוין 5 קראָ־נען. אַלע סאָלדאַטן דאַרפן נאָכטון זיין ביישפּיל".

די ייִדן ווייסן וועגן דעם און וואַגן נישט מער אַרויסצופירן בהמות אָן אַ דערלויבעניש פון זייער קאָמאַנדאַנט. און דאָך באַ־מערק איך אויפן הויפּט-טראַקט אַ טראַנספּאָרט פון בהמות, וועלכע די סאָלדאַטן האָבן פאַרנומען צוזאַמען מיטן טרייבער.

— איר ווייסט דאָך, אַז מען טאָר נישט אַריבערפירן — פאַרהאַלט איך דעם ייִד.

— אוודאי ווייס איך — כאַפּט זיך דער ייִד — אָבער מיין קאָמאַנדאַנט האָט דאָך מיר דערלויבט.

— וווּ איז די דערלויבעניש?

— דער קאָמאַנדאַנט פון צווייטן ראַיאָן האָט זי צעריסן.

איך טעלעפאָניר תיכף צו יענעם קאָמאַנדאַנט:

— פאַרוואָס האָט מען פאַרנומען די קי? דער ייִד האָט דאָך געהאַט אַ דערלויבעניש.

יענער צעלאַכט זיך אין טעלעפאָן.

— דאָס האָט אָבערלייטענאַנט ל. אומישנע געהייסן אַריבער־פירן די בהמות, כדי איך זאָל עס קאָנען פאַרנעמען. איצט וועלן מיר זיך טיילן, און מיר וועלן זיין פאַרזאָרגט מיט מילך און פלייש אויף עטלעכע וואָכן.

נישט ווייניקער קאָפּ־דרייעניש רופן אַרויס די דעזערציעס פון די רוסישע געפאַנגענע: אונדזערע שפּיאָנען מאַכן אויפמערק־זאַם, אַז די רוסן שיקן אייגנס זייערע סאָלדאַטן צו אונדז אין געפאַנגענשאַפט, פון וועלכער זיי אַנטלויפן שפּעטער איבערגעטון אין עסטרייכישע און דייטשע מונדירן, און אויף דעם אופן קאָנען זיי לייכטער שפּיאָנירן. מען ווערט שטרענג באַשטראָפט פאַר לאָזן אַנטלויפן אַ געפאַנגענעם. און דערפאַר מאַקע, ווען מען כאַפּט אַזעלכע דעזערטערן, האָבן די קאָמאַנדאַנטן מורא זיך מודה צו זיין, אַז די אַנטלאָפענע באַלאַנגען צו זיי, פירט מען אַרום די דעזער־טערן וואָכנלאַנג, ביז מען קאָן זיי ווידער איינטיילן באַ אַן אָפּ־טיילונג.

אָבער דאָס אַלץ שטערט נישט די שטאַבסאָפיצירן צו מאַכן הולאַנקעס און „פעכטן" — „צוליב דעם רויטן קרייץ". אַ גרע־סערע צאָל אָפיצירן פון אונדזער פאָלק האָט באַקומען אַ העכערן ראַנג — אויך איך צווישן זיי: דער קייזער האָט אונטערגעשריבן מיין דעקרעט צום אָבערלייטענאַנט. מיין וואַנס קומט אומפאַר־האָפט: — בין איך דאָך ערשט נישט לאַנג געוואָרן לייטענאַנט, און שוין ווידער אַ העכערן ראַנג! איך ווער דאַרום אַ „חשוב" און דער שטאַב פאַרבעט מיך צו אַ „פעלד־פעסט". מוז איך פאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל אַזש ביז פּרוזשאַנע, ווו נאַרישע גראַפן מיט באַצויגענע אַלטע באַראָנעסעס דעמאָנסטרירן זייער „טעטיקייט"

פאַרן רויטן קרייץ, טאַנצט מען מיט די קראַנקן-שוועסטערס און גלאַט „דאַמען" באַם קלאַנג פון דריי מוזיק-קאַפּעליעס און מען פאַרפירט אַרגיעס באַם שאַמפּאַניער. צום לעצט אימפּראָוויזירט מען אַ קאַבאַ-רעט, כדי אָפּצושפּעטן פון די היימישע און פרעמדע יידלעך. פּלוצ-לינג צעטראָגט זיך אַ קראַך, ווי הונדערט באָמבעס וואָלטן מיטאַמאָל עקספּלאָדירן. עס ווערט אַ פּאַניק: די דאַמען אַנטלויפן קוויטשענ-דיק, די אָפיצירן כאַפּן די וואָפן — די „באַרייטשאַפט" לויפט זיך צוזאַמען און שטעלט זיך קאַמף-באַרייט — און ווידער ווערט אַ געלעכטער, ווידער אַן אָרגיע: דאָס האָט אַ שיכורער אַרטילעריע-אָפיציר געלאָזט אויסשיסן זיינע קאַנאָנען אויף אַ „וויוואַט".

צומאָרגנס בין איך פאַרבעטן אויף מיטאָג צו מיין באַטאַליאָן. זיי האָבן נאָך די רייכסטע שפּייזן און געשמאַקע געטראַנקען. דער פּאַנאָגראַם האָט שוין אויסגעסקריפּעט אַלע גאַסן-לידלעך, עס זענען שוין נמאס די הומאָריסטישע געדיכטן פון דעם יידישן רעגימענט-דאָקטאָר ב. — נעמט מען זיך געשמאַק צום טרינקען און „פאַר-ברענגען" מיט די „שיינע יידישקעס".

— זיי דאָך נישט איינגעשפּאַרט, שרהלע — כאַרכלט ליי-טענאַנט ב.'ס שטימע פון אַנדערן צימער — איך האָב דאָך דיר אַלץ צוליב געטון: נעעפנט דיין פאָטער די גוראַלניע, דערלויבט פאַר-קויפן שנאַפּס, און דו...

— אָבער איך טאָר נישט — בעט זיך די זיבצעניעריקע שרהלע מיט די פלאַמענדיקע אויגן — אין פּיר וואָכן אַרום גיי איך חתונה האָבן. איצט האָב איך מורא...

— פאַרמאַך כאָטש די טיר — גייט צו שיכורלעך דער קליי-נער ריטמייסטער — מיר שפּרינגען דאָך אַלע פאַר אייפערזוכט.

ער פאַרמאַכט זיי אין באַזונדערן צימער, און אונדזערע שיכורע אָפיצירן פאַרגיין זיך פאַר געלעכטער...

— הייסט מיר געבן אַן ערלויבעניש צו פאָרן אין מ. — בעט מיך די ליבענקע ה. מיט די בלויע, כשרע אויגן.

— צו וואָס דאַרף מען דאָס פאָרן אין מ.?

— הייַנט איז פּורים, מאַכן דאָרט די יונגעלייט אַ פאָרשטעלונג „מכירת יוסף".

— „מכירת יוסף!" — ווער איך פול פרייד — קומט, איך פאָר מיט!

אין אַ רגע אַרום איז אויסגעשטעלט די ערלויבעניש און מיר פאָרן אין מ.

פון גאַנצן שטעטל איז נאָר געבליבן שטיין דער נייער נאָך שיינער קלויסטער. אַלץ אַרום איז פאַרברענט. אין מיטלאַלטער וואָלטן זיכער פרומע קריסטן עולה רגל זיין צו יענעם קלויסטער — איז ער דאָך נאָר ווי דורך אַ נס ניצל געוואָרן פון די פלאַמען. דער באַזאַר טראָגט סימנים פון אַ סך קלייטן — איצט ליידיקע מיט פאַרבלאַטיקטע ווענט. בייַ יעדן שטעלעכל שטייען אַ טוץ ווייבער מיט מאַנסבילן מיט יונגע לייט. אַפּנים שותּפים. מען וואַרעמט זיך אויך בשותּפות באַם פייער־טאָפּ.

— וואָס האָט איר צום פאַרקויפן? — גיי איך אַריין אין אַזאַ קלייטל.

— אַלץ וואָס איר ווילט — ווערט אַ גערודער אין דעם ענגן געוועלבל.

עס לויפן אָן נאָך אַנדערע, איך זאָל זיי „געבן עפּעס צו לייזן" — און איך האַנדל שוין באַלד מיט אַ האַלב שטעטל סוחרים. מען טראָגט צונויף „סחורה" פון פאַרשיידענע קלייטן, און איך קלויב אויס אַן אייַזערנעם טאָפּ, אַ פענדל, אַ לאָמפּ, צוויי לאָמפּן־גלעזלעך, אַ האַלב בייגעלע ציגאַרעטן־פּאַפּיר.

איך געם צאָלן.

— זאָל איך אים זאָגן 80 קאָפּיקעס פאַר אַ גלעזל? — סודען איך צווײ מײדלעך אויף רוסיש.

— זאָגט, זאָגט, שעמט זיך נישט — שמייכל איך, און באַצאָל אַרום 30 רובל, — דעם רעשט הייס איך געבן דעם האַלבּ־באַקעטן יינגלע, וועלכער ציטערט פאַר קעלט בײַ דער טיר.

— זאָלסט עס געבן דער מאַמען, הערסט? — שרייט אים נאָך אַ ייִד.

— פאַרהאַנען אַ שוחט בײַ אײַך? — פרעג איך דעם באַלעבאָס.

— פאַרהאַנען, פאַרוואָס נישט.

— טייער פלייש?

— „פלייש"?!— קוקט ער מיך אָן, גלײַך איך וואָלט אַרויסזאָגן דעם „שם יהוה" — מיר האָבן שוין איבער אַ יאָר קיין „פלייש" נישט געזען.

— מיט וואָס־זשע לעבט איר?

— אָט, די גויים האָבן איבערגעלאָזן אַ ביסל תבואה, אַ ביסל קאַרטאָפלעס אין דער ערד, קלויבט מען צונויף...

— אוי, הער אָפּיציר טײַערער, — צעקלאָגט זיך די ברייטע, פאַרגעלטע ייִדענע — מיר זענען געווען נאָך אין אַ גוטן שטאַנד, 700 רובל דער טאָכטער נדן געגעבן, — אַ יונגערמאַן אַ גאָלד! אַצינד, ווייס איך ווו ער איז? און דאָס ווייבל איז, פּונקט אַ שבת איידער איירע זענען אַריין, אַוועקגעפאָרן צו דער מחותנתטע, און איז שוין אַפּנים דאָרט פאַרבליבן. ווייס איך? און אַצינד קוקט אונדז אָן: אַ שיין פּנים, האַ? אוי, הער אָפּיציר גאָלדענער...

פון אירע גערוועזע אויגן גיסן זיך אויף דעם ברייטן קרענקלעכן פּנים הייסע טרערן.

— מאַמע, הער שוין אויף, וואָס וועט עס העלפן — בעט

זיך בא איר דאָס בלאַסע זיבצעניעריקע טעכטערל און צעוויינט זיך אַליין.

— איך האָב טשאָקאָלאַדע ? — לויפט אַריין אַ פאַרסאָפּע־טער ייִד.

איך דערקען אַ טאָוול פון מיין אייגענער טשאָקאָלאַדע — אוודאי אויף שנעל אָפּגעקויפט בא מיין דינער.

— גוט — זאָג איך — איך וועל קויפן, — אָבער די שיי־נע מיידלעך מוזן זיי אַליין אויפעסן.

עס ווערט אַ טאָפּלטע שמחה.

— און ווו קען מען דאָ פּראַווען די סעודה ? — פרעג איך דעם „קאָכלעפל" פון שטעטל.

— איך דענק — קייעט ער דאָס בערדל — באַם צירולניק. אַ ווילער פּלאַץ.

— און קען מען דאָרט עפּעס קריגן ?

— באַ אים קריגט מען אַלץ. ער באַקומט שוין, דער נישט־גוטער ווייסט פונוואַנען.

די אויסגעהונגערטע מענטשן ווילן מיר קושן די הענט פאַר די פּאָר געלייזטע רובל.

— קומט נאָכאַמאָל, מיר בעטן אייך, איר וועט האָבן אַ מצווה — באַגלייטן זיי מיך איבערן שטעטל.

דער צירולניק מיט זיין ליבן ווייבל נעמען מיך אויף גאָר פריינטלעך. איך בין זיכער, אַז זיי גיבן מיר אַוועק זייער גאַנצע וועטשערע — אפילו געהאַקטע „קיילעכלעך" מיט סאָס. און זיי ווילן נישט נעמען קיין געלט. איך דינג זיך נאָך, זיי זאָלן כאָטש צונעמען אַ מתנה פאַר זייער האַרציק, קליין טעכטערל, — ווען עס קומט אַריין דער שמש:

— דער רב בעט, צי ער מעג קומען זיך דורכרעדן מיטן הער אָפּיציר.

— ווענן וואָס? — חידוש איך זיך.

— וועגן אַ קהלשער זאַך.

— וואָס ווייס איך ווענן אייער קהל? — בלייב איך אָפּ־הענטיק, און דאָך וויל איך נישט מטריח זיין דעם רב צו מיר און גיי אַריבער צו אים.

— מיר האָבן געהערט — גיט מיר דער אַלטער רב אַ ברייטן שלום עליכם — די יידן האָבן דערציילט — אפשר קענט איר אויך עפּעס טון פאַר אונדזער קהלה?...

איך שטוין ווי שנעל דאָס שטעטל האָט גענומען „קלינגען" מיט מיר. דאָך האַלט איך מיט זיי אַ קורצע אַספה, זאָג זיי צו שרייבן ווענן דעם צום לובלינער „רעטונגס־קאָמיטעט" און אַסיג־ניר באַלד דאָס ערשטע פּעקל דייטשע מאַרקן אַלס „פּאַטשאַטאָק".

— אַ יישר כח — דאַנקט מיר דער רב — אָבער וואָס וועט זיין, ווען איר וועט אַוועקפאָרן?

— וועלן מיר אויך געפינען אַן עצה, רבי — באַרויק איך אים.

איך לאָז תיכף צוזאַמענשטעלן אַ דאָרטיקן קאָמיטעט און פיר זיי צום דאָרטיקן קאָמאַנדאַנט, וועלכער זאָגט צו גערן איבערצו־נעמען די לייטונג פון דער וויטערער אַקציע.

ערשט אַצינד פאָרן מיר צום פורים־אָוונט.

ווייט פון שטעטל, אין אַ האַלצערנער געביידע, אַ פּאָדיום פון ברעטער מיט פעסער. שיינטשיקע קינדערלעך, צעפלאָמטע און פריילעכע, רייסן זיך איבער די בענק, זיי זאָלן „בעסער זען", און שרעקן זיך נישט אפילו פאַר די בלישטשענדיקע באַיאָנעטן פון די סאָלדאַטן, וועלכע „האַלטן אָרדנונג". „יעקב אָבינו" מאַכט שוין פון לאַנג משוגענע העוויות, און „יוסף הצדיק" צעקלאָגט זיך אין „גרוב" מיט אַזאַ מסוקנדיק־האַרציקן אַלט, אין אַזאַ ליבענקן, ליטווישן יידיש.

אַז עס ווערט היימלעך-זיס אויף דער נשמה און עס שטעלן זיך טרערן אין די אויגן.

און מיט וואָס זיי אָפּדאַנקען פאַר אָט דער גאַנצער וואַרימקייט, האַרציקייט? איז נאָך אַ פּאָר רובל פאַר אָרעמע לייט און פאַר די „שפּילערס", און טשאָקאָלאַד און זיסע פּלעצלעך פאַר די אַלע שיינע, האַרציקע, גוטע מיידלעך, — קינדערלעך, וואָס פלאַמען מיט אַזעלכע רויזיקע בעקלעך, גאַפן מיט די ייִדיש-פאַרחלומטע פּייערלעך אין די אויגן און פרייען זיך מיט אַזוי פיל נאַיִווקייט אין די יונגע הערצלעך!...

— אַ המן-טאַש, קינדער! אַ רובל פאַר אַ המן-טאַש!

און באַלד ברענגען מיר מיידלעך המן-טאַשן, היימישע, אָרעמע נעבעך, — און זיי קריגן פאַר יעדן שטיק נישט אַ רובל, — נאָר צוויי און דריי רובל פאַר אַ שטיק! וואָס דען איז צו טון מיט דעם פּאַק פּאַפּירן געלד, — מיט וועלכן די אַרמיי-קאַסע פאַרפלייצט אונדז?

איך שיק אַהיים מיין פערד און וואָגן, און אַליין נעכטיק איך באַם דאָרטיקן קאָמאַנדאַנט.

פאַרטאָג וואַרט איך אויף די „פיר פערד נאַשפּיץ", מיט וועלכע איך דאַרף אַהיימפאָרן. אַנדערש וויל נישט מיין גאַסטגעבער מיט דער ברייטקייט פון אַן אמת-אונגאַרישן אַריסטאָקראַט. יונגע-לייט און ווייבער גייען אין וואַלד אַריין מאַכן סמאַלע פאַר דער אַרמיי. צוויי קראָנען אַ טאָג קריגן זיי דערפאַר. איך דערקען צווישן זיי די אַלע „צוועלף שבטים" פון נעכטן. אַ שיין בליענדיק מיידל צווישן זיי, דער צוגספירער, וועלכער פירט זיי צו דער אַרבעט, קוקט אויף איר מיט זשעדנע בליקן.

— זי געפעלט אייך?

— אין דעם שטעטל, הער לייטענאַנט — לאַכט דער צוגס-פירער פאַרשעמט — איז גאָר נישט אויפצוטון, סיידן די עטלעכע

אלמנות, אָדער די ווייבלעך, וועלכע האָבן מענער אין אַמעריקע...

אין ק. איז געווען אַ לעבן!...

מײַנע פיר פערד קלאַפּן צום טאַקט אין דער שנייִקער בלאָטע אויף אַהיים, און איך קען נישט פאַרגעסן דעם יידישן, האַרציקן פּורים אין דעם שטעטל מ.

צוויי מאָל אין דער וואָך שיק איך אַהין אַריין מײַן דינער, אָדער איך כאַפּ זיך אַליין אַריבער מיט פעקלעך צוקער, טיי, קאַווע, מאַרמעלאַדע, קעראָזין, צוויבאַק — און די דאָרטיקע יידן באַלוינען מיך דערפאַר מיט ברכות פון אויסגעמוטשעטע, אויסגעזיפצטע מענטשן־הערצער.

פּסח אין פעלד

דער שניי אויף מײַנע פּוסטע פעלדער ליגט געפרוירן, דער הימל וויל זיין בלויי נישט צעלאָזן — מיר אַלע זענען ווי פאַרגלייווערט. נאָר פון העט ווייט, פון דער היים און באַקאַנטע, קומען צומאָל ידיעות וועגן באַגעגענישן און צוזאַמענקונפטן אויף שיינע אָוונטן און באַ ליכטיקע מאָרגנס, וועגן אידעאַלן, פּלענער, צייפונגען, ביכער און — טעאַטער! מען גייט נאָך דאָרט אין טעאַטער! מערקווירדיק: „דאָרט“ לעבט זיך נאָך ווי אַמאָל — אין די גוטע צייטן — ווער געדענקט דאָס נאָך?...

טויזנט האַרציקע, זיסע זכרונות...

צומאָל קומט אַ טרויעריקע בשורה: אַ באַקאַנטער איז געפאַלן — אַ פרײַנט איז אַוועק אין פעלד — מײַן ברודער גייט צום פּריזיוו...

אָבער ווי נאָר עס נעמט קאַפּען אַ וואַרימער טראָפּן פון די אויסגעווייקטע ביימלעך, ווערט אויך באַ אונדז רירעוודיקער, „לעבעדיקער“. עס נעמען זיך באַווייזן סימנים פון דער פרישער אָפּעגזיווע: אָפּטייליונגען אַעראָפּלאַנען, ווי די ריזיקע רויב־פויגלען, פאַרגרעגערן די הויכן פון הימל מיט זייער מיל־אַרטיקן, גוואַלטיקן קלאַפּן — פאַרגנבענען זיך דורך די וואָלקנס גאַר נאָנט צו דער פיינטלעכער פּאָזיציע, שוועבן מיט ריזיקע רעדער איבער דעם שונאס קאָפּ — און אָקאָפּעס זיפּצן אויף מיט שטויב און רויך־וואָלקנס, הייזער און מאַגאַזינען צעשרעקן זיך מיט קורצע, ברייטע פלאַמען און צעברענען זיך אין אַ גרויסער לאַנגווייליקער שרפה. דאָס האָבן די באָמבעס פון די אַעראָפּלאַנען צעזייעט אַלע מיתות פון דער תכחה און זיי דערשטיקן אין דעם גיפטיקן גאַז די מוראדיקע יללות פון די געהעצטע קעמפער — טויט צו שטיין און היה און צו די מאָרד־לוסטיק־געוואָרענע מענטשן!...

אַלץ אָפטער קומען פאַר געפעכטן צווישן גרויסע פּאַטרולן. די רוסן קלויבן אָן מאַסן רעזערוון, פּרוּוון אויס די מאַכט פון אונדזער פּאָזיציע, און פאַרטשעפּן מיט אַ קורצן קאַמף באַלד דאָ, באַלד דאָרט — זיי ווילן דורכברעכן. ענטפערן מיר אויף אַטאַקעס מיט „פאַרשטויסן“ און אויף מאַשינען־געווערן מיט קאַנאָנען — אַז די ערד ציטערט אַזש! מיין ליימען שטיבל, וועלכעס האָט שוין אפילו אַ שטרויענע „ראָגאָזשע“ אויף דער וואַנט, צעפאַלט נעבעך פון די גוואַלטיקע דעטאָנאַציעס און פאַרלירט יעדעס מאָל אָן אַנדער ווינקל. און מיין גוטער פּרץ מיטן פאַררוסטן נעזל און מיט די פאַרשמאַלצענע הויזן ווי באַ צען חזירניקעס, ציטערט מיט און געפינט אַ ספּאָסוב:

— הער אָבערלייטענאַנט, אפשר פאָרט...

— וואָס?

— דאָס בעט איינגראָבן אין דער ערד.

— נו?

— וועט מען דאָרט שלאָפן.

באַ יעדן שאָס טוט עס נעבעך מיט אים אַ וואָרף, אַז ער צעגיסט אַ האַלבע „שאַלקע" שוואַרצע קאַווע, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב.

— מילא, באַטאָג — בעט ער זיך — נו... אָבער אין דער נאַכט...

און די נעכט זענען גאָר טשיקאַווע: עס דונערט מיטאַמאָל אַ ווייטער קאַנאָן, און באַלד טוט אַ שפּרונג אונטער אַ „ליכט-ראַקעט" ווי אַ שייגער, ליכטיקער בליץ, קוקט אַריין דורכן האַלב-געבראָכענעם פענסטערל און באַלייכט מיט זיין ווייס-בלויען פלעמל דאָס גאַנצע פעלד. נאָר האָב איך נישט דערויף קיין תירוץ פאַר מיין האַרציקן, צעשראָקענעם פרץ, — קייעט ער ווייטער זיין קאָמיס-ברויט מיט מאַרמעלאַדע — אויףביידע באַקן, ווי ער האָט דאָס ליב.

די רוסישע אָפענסיווע צעפלאַקערט זיך. אָבער הינדענבורג, וועלכער פירט אונדזער פראָנט, איז אויף אַלץ גרייט, האָט אַלץ אין אויג, — שטייען מיר אויפן פלאַץ ווי אַן אייזערנע וואַנט און פאַרנעמען נאָך ב., אַרום וועלכן מיר האָבן חדשים לאַנג געקעמפט.

נישט ווייניקער „לעבעדיק" איז אויך „הינטער דער ליניע". עס הערט זיך אין מיטן דער נאַכט אַ געשיסעריי פון ביקסן, און ווען מיינע וואַכן לויפן אַרויס, טרעפן זיי דעם געפרייטער ג. אַ פאַרוווּנדעטן און אַן אינפאַנטעריסט דערשאָסן פון דריי קוילן.

— ווער האָט עס געטון?

— ווער ווייסט... זיי זענען געגאַנגען אויף פאַטרול, איז מען זיי פלוצלינג באַפאַלן...

אין דער צווייטער נאַכט געפינט מען טויט דעם הוואַרן-אָבערלייטענאַנט גראַף טש. ווידער פון אומבאַקאַנטע הענט דער-

הרגעט... מען שיקט אַוועק שטאַרקע פּאַטרולן, מען זוכט דורך די געגנט — געפינט מען בײַ אַ קאַצאַפּ אין בעט געלאָדענע ביקסן. בײַ אַ פויער טרעפט מען דרײַ איבערגעטועטע רוסישע געפאַנגע־נע — אַ טאָג שפּעטער הענגען זיי אַלע אויף דער תּליה — אָבער ווער קען זיך אויסהיטן פאַר אַ באַהאַלטענעם „היימישן" שונא?

מײַנע סאָלדאַטן ברענגען צופירן אַ שיקסל: זי ווייסט נישט ווער זי איז, פונוואַנען זי קומט.

— מײַנע קינדער — כאַפּט זי פון מײַן טישל אַן עפּל און טוליעט אים צו דער צעכראַסטעטער ברוסט.

משוגע, דאַכט זיך.

איך הייס זי פאַרהאַלטן, כּדי זי שפּעטער שיקן אין שפּיטאָל. אפשר איז זי אומשולדיק. און אפשר האַלט איך גאָר פאַרשפּאַרט אַ רוסישע „זשאַן דע אַרק"? מען האָט זי פאָרט געפּאַקט „מייסט־רעווען" בײַ די רעלסן...

מײַן פּרץ דערמאַנט מיך, אַז ס'איז ערב פּסח. איך אַליין מוז בלײַבן אויפן פּלאַץ. אָבער די עטלעכע ייִדן, וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן בײַ מײַן אָפּטיילונג, קען איך באַפרײַען אויף עטלעכע טעג. גיב איך מײַן דינער געלד, און ער מיט נאָך אַ ייִדישן סאָלדאַט פאָרן אין „צענטן דאָרף", כּדי בײַ דאָרטיקע ייִדן „באַשטעלן פּסח".

ווי געוויינטלעך, נעם איך אויך דאָס מאָל סאָלדאַטן מיט גע־לאָדן געווער און לאָז זיך קאָנטראָלירן מײַנע וואַכן.

צווישן דעם אָפּגעזונדערטן שטיבל „פּאָסטן נומער 9" און דעם דײַטשן „בלאָק־הויז" באַמערק איך צוויי שורות פרישע שפּיל־קע ביימלעך. בײַם גערטנדל צו דעם מאָדנע אַרײַנגאַנג שטייט אַ אַ גרויסע טאָוול מיט דעם אויפשריפט: „קלאַראַ־אַלעי". איך גיי אַרײַן. דער קאָמאַנדאַנט, אַן אונגאַריש־ייִדישער קאַרפּאָראַל, לויפט אַקעגן און מעלדעט, אַז אַלץ „איז אין אָרדנונג". די פון דינסט

פרייע סאָלדאַטן מאַכן פון אויסגעשאָסענע שראַפּנעלן און גראַנאַטן גאַר שיינע „קריגס-רינגען" און קעפּלעך צו שטעקנס.

— ווער איז עס דאָ די באַרימטע „קלאַראַ"? — פרעג איך דעם קאָרפּאָראַל.

ער ווערט רויט:

— אַ מיידל, הער אָבערלייטענאַנט, מיינס אַ באַקאַנטע פון מ.

— לכּבוד איר?

— יאָ.

— איז זי דאָ שוין געווען?

— אַ ניין, הער אָבערלייטענאַנט, אַן אָנשטענדיק מיידל, פון דער בעסטער פאַמיליע. מיר זענען פאַרלאָבט...

איך דערוויס זיך, אַז ער מיט נאָך אַ קאַמעראַד האָבן זיך פאַרליבט אין צוויי ליטווישע מיידלעך אין מ. און האָבן מיט זיי געשריבן תּנאים. פאַר פרייד צעטייל איך צווישן די סאָלדאַטן אַלע מיינע פּאַפּיראָסן!

— און ווילט איר פאָרן אויף פּסח צו אייער „קלאַראַ"?

דער קאָרפּאָראַל קען זיך נישט האַלטן פאַר פרייד:

— איך האָב סיי ווי גערעכנט זיך אַריינצוכאַפּן צו אַ ייִדישער פאַמיליע. אָבער אויב אַזוי, הער אָבערלייטענאַנט....

— וואָס פאַר אַ ייִדישע פאַמיליע? — וווּנדער איך זיך.

— באַ אַ צוואַנציק ווייאָרסט פון דאַנען זיצט אין וואַלד אַ ייִדישע פאַמיליע.

— ווייסט ווער דעם וועג?

— זיכער.

איך פאַרליר נישט קיין צייט:

— אויב מען וועט מיך דאַרפן, זאָל מען קומען אַהין מיך רופן — זאָג איך אָן דעם קאָרפּאָראַל, לאָז תּיכף שפּאַנען אַ פערדל,

בעם מיט איינעם פון מיינע סאָלדאַטן, — און מיר יאָגן ווי אַ שטורם צו יענעם וואַלד.

עס איז שוין שפּעט פאַרנאַכט, ווען מיר פאָרן פאַרביי דאָס וועלדל, וואָס איז ווי אַ פעסטונג אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצן גאַרטל ווייספּן. פלוצלינג פאַרנעמט זיך אַ געוויש, עפּעס אַ כראָמקען — דאָס פערד בלייבט שטיין און וויל זיך נישט רירן פון אָרט: אויפן פרייען שטיקל זומפּ, צווישן צוויי ברעגעס וואַלד, באַווייזן זיך מיטאַמאָל פיר ווילדע חזירים. מיין זעלנער שיסט אויס אויף אַ „ווי-וואַט" — דען ער ווייסט סיי ווי, אַז ער וועט גאָרנישט טרעפן. די חזירים צעיאָגן זיך, און ווידער ווערט שטיל ווי פריער. אָבער מיין זעלנער מוז שוין פירן דאָס פערד פאַרן צוים, אַנדערש וויל עס נישט גיין.

כמעט שוין אַרויס פון וועלדל — און ווידער וויל נישט גיין דאָס פערד.

— עס ליגט עמעצער — זאָגט מיין סאָלדאַט מיט שטילער מורא.

איך נעם אַרויס מיין עלעקטריש האַנט-לעמפל: אַ פערד מיט אָפּגעפוילטע, אָדער אָפּגעגעסענע פיס ליגט צעשפּרייט אין זומפּ. פון זיין קאָפּ גלאָצן נאָך די אויגן ווי לעבעדיק. נישט ווייט, ווי אייגנס איינקאָנסערווירט, שטעקט אַרויס אַ מענטשלעכע פויסט מיט אַ קליין שטיקל אָרעם-ביין. אַ האַנט פון אַ דייטש. עס איז לייכט צו דערקענען אָן דעם שטיקל גרינלעכן אַרבל מיט די דייטשע קנעפּלעך. דער רעשט איז אָפּגעסמאַליעט.

געוויס אַ גראַנאַט אָדער אַ פולער שראַפּנעל צעריסן דעם גאַנצן גוף, אַ חוץ די רעכטע פויסט. עס איז זיכער אַזוי, דען אויף די ביימער הענגען נאָך גאַסע שמאַטעס פון מונדירן און אַ היטל פון אַ דייטשן אַרטילעריסט. דאָס האָט דער זאַמאַך פון דער עקספּלאָזיע זיי אַרויפגעוואָרפן אויף די ביימער, און דער שמעלצ-

דיקער שניי האָט אַצינד באַוויזן דעם חדשים־לאַנג פאַרבאָרגע־נעם סוד...

דאָס עלעקטרישע ליכט פון מיין האַנט־לעמפּל האָט אָפּגעם אויך באַרויִקט דאָס פערדל, דען נאָר אַ ניוכע טועַנדיק צום געפּגרטן „קאַמעראַד", נעמט עס האַסטיק גיין ווייטער.

עס לייכט זיך דורך אַ פענסטערל: שאָטנס דרייען זיך אַרום — מען גרייט זיך געוויס צום סדר.

אַ הונט צעוואָיעט זיך מיט אַ יאָמערלעך געשריי — און תּיכּף ווערט אין שטיבל פינסטער.

איך קלאַפּ אָן.

— קטאָ טאַם? — פרעגט ברוגזדיק אַ באַסאָווע שטימע.

— גוט יום־טוב אייך! מאַכט אויף, אַ ייִד.

אַ ווײַלע איז שטיל. באַלד דרייט זיך אויף אַ קייטל, דער־נאָך אַ ריגל — און פאַר מיר שטייט אַ צעשראָקענער ייִד מיט אַ לאַנגער, ציטערדיקער באָרד.

— קען איך זיין אייער אורח אויף פּסח?

— מהיכא תיתי — איז דער ייִד שוין רויִקער.

— וואָס־זשע האָט איר אויסגעלאָשן דאָס ליכט? אַזוי האָט איר מורא פאַר די „אויסטריצעס"?

— חלילה — פאַרענטפערט זיך דער ייִד, אַרויסנעמענדיק די צעפלאַמטע ליכט פון אויוון, ווו מען האָט זיי דערווייל אויף שנעל באַהאַלטן — פאַר אויסטריצעס נישט. אָבער „פּלעניקעס" דרייען זיך דאָ אַרום און טוען אָן געברויגטע לייד: עסן זיך אָן, און דערנאָך ציגדן זיי אַלץ אונטער.

אין שטוב איז ליכטיק: די זילבערנע לייכטערס, וועלכע ליגן די גאַנצע צייט פאַרגראָבן אין וואַלד, לאַכן אַצינד אויף דעם וויס־געדעקטן טיש.

מיר זעצן זיך צום סדר: איך, דער באַלעבאָס, די האַרציקע

באַלעבאָסטע מיטן שייטל אויפן קאָפּ, דאָס שוואַרצע, חנעוודיקע סעכטערל „ראָזאַ-רויזע״, וועלכע האָט טאָלסטאָין אויף דער וואַנט, קאָן דערמאָנטאָוון אויף אויסנווייניק און לייענט אויך „זשאַרגאָניס״, — ווייטער אַ צוואַנציק-יעריקער בחור און אַ טאָכטער מיט אַן איידים מיט צוויי אייניקלעך — קוקלעס!

עס גייט צו אַ ביסל אומעטיק: איך דערמאָן מיך אין מיין היים, און זיי אָן דעם פאַרוואונדעטן זון, וועלכער איז אין עסטרייכישער געפאַנגענשאַפט — און אויפן אָרט פון דער הגדה, נעמט מען דערציילן „יציאת מלחמה״: זיי זענען געווען אויף דער דייטשער זייט און „דורכגעשוואַרצט״ די גרענעץ צו די עסטרייכער.

— דאָ איז פאָרט לייכטער — דערציילט דער איידים — דאָרט איז גאָרנישט מעגלעך צו לעבן. פאַרטאָג הייבט אָן אַרומגיין אַ פּאַטרול איבער די הייזער און שלעפּט אַראָפּ די קאָלדרעס פון פרויען און מיידלעך, — מען טאָר נישט שפּעט שלאָפן. מען כאַפּט גרויסע ייִדן און מען קוקט זיי דורך די קעפּ, צי זיי זענען ריין.

— אמתער שבת הגדול! — וויל איך זיי לוסטיק מאַכן, אָבער עס גייט נישט.

— קיין אַנדערן נאָמען קענען זיי נישט ווי נאָר „ייִדישע שווינע״.

— און מיר זענען נאָר געווינט צו „פּראָקלאַטיע יעווריי״ אָדער „זשיד פּ...״ — שמייכלט דער אַלטער, אָבער ער ווערט באַלד ערנסט — אַ דייטשער סאָלדאַט ווייזט מיר, ווי ער הייבט אויף אַ פוד שטיינער און הייסט עס מיך אַריבערטראָגן אין הויף אַריין. נו, קאָן איך טראָגן אַ פוד שטיינער? פרעגט-זשע שוין גאָרנישט... האָב איך אַריינגעכאַפּט...

— מ׳שלאָגט?

— וואָס פרעגט איר, — די באָרד און פאות רייסט מען אויס.

— איר זעט די שיניאַקעס — פאַרקאַטשעט די עלטערע מאַכ־
טער די אַרבל באַ דער יינגערער שוועסטער — דאָס האָבן זי די
דייטשע סאָלדאַטן געוואָלט צווינגען באַם באָדן, זי זאָל זיך לאָזן
באַקעט פאָטאָגראַפירן.

— איר וועט אונדז אַנטשולדיקן — פאַרשעמט זיך דאָס
שוואַרצע מיידל און זוכט צו ענדערן דעם שמועס — עס איז נישט
באַ אונדז אַלץ ווי עס דאַרף זיין, אָבער איר ווייסט דאָך שוין
דאָס פוילישע קריגס-ווערטל: „ווסיסטקאָ מאָסקאָלי זאַבראַלי!...״

— „נאַשי זאַבראַלי אי וואַשי זאַבראַלי״ — פאַרענדיק איך,
צופרידן וואָס מען קען כאָטש אַ לאַך טון.

מיר זיצן שוין באַ די פלוימען מיט קאַרטאָפלעס, וועלכע
די עלטערע שוועסטער האָט געבראַכט אַזש פון פּרוזשאַני, ווען עס
יאָגן זיך אָן צוויי סאָלדאַטן מיט אַ פאַרזיגלטן באַפעל. איך עפן:
„100 רוסישע שפּיאָנען, איבערגעטון אין אונדזערע אוניפאָרמען,
צווישן זיי עטלעכע אָפיצירן, דרייען זיך אַרום אין דער געגנד און
פּלאַנען אַן איבערפאַל אויף דער באַן-ליניע. שטרענגסטע אויפ־
מערקזאַמקייט״.

איך געזעגן זיך מיט מיינע צעשראָקענע גאַסט-געבערס, וועל־
כע דערוויסן זיך ערשט אַצינד, אַז איך בין אַן אָפיציר — איך
וויקל איין עטלעכע באַנקנאָטן אין אַ פּאַפּיר און לייג עס אַוועק
אויפן פענסטער:

— פאַר אָרימע — זאָג איך אַ ביסל פאַרשעמט.

און נאָך איידער מיינע ליבענקע באַלעבאַטים האָבן צייט צו
פּראָטעסטירן, בין איך שוין אין דרויסן און לאָז זיך מיט מיינע
סאָלדאַטן אין וועג אַריין.

נישט ווייט געפינט זיך מיין ערשטע וואַך-פּאָסט. איך לאָז
מיינע סאָלדאַטן איבערוואַרטן אין נאָנטסטן וועלדל און אַליין דער־

בענטער איך זיך גאַנץ שטיל, כּדי דעם וואַך-סאָלדאַט צו קאָנטראָ-
לירן אומפּאַרהאָפט.

עס איז פינסטער, פאַרכמאַרעט, דערזעט מיך דער סאָלדאַט ערשט עטלעכע שריט פאַר זיך.

— האַלט, ווער דאָ? — פּלאַצט ער אויס פון שרעק. און דער שאַרפער שפּיץ פון זיין באַיאָנעט באַרירט שוין כמעט מיין ברוסט.

עס טוט מיר שוין באַנג וואָס איך האָב אים אַזוי איבעראַשט. פאַר שרעק וואָלט דער פופציק-יעריקער פויער געקענט אויסשיסן, און איך וואָלט זיכער געווען אַ כשרער „קרבן פסח".

— „אינספּעקציע-אָפיציר" — מעלד איך זיך.

— „פעלד-רוף" — פרעגט ער באַ מיר כאָטש ער דערקענט מיך שוין.

— „אָנפאַל" — זאָג איך שטיל.

— „פאַסירט" — ענטפערט דער סאָלדאַט און האַלט נאָך די געלאָדענע ביקס אַקעגן מיין ברוסט.

איך פאַרפיר מיט אים אַ שמועס, און ערשט אַצינד הענגט ער אויף די ביקס אויפן אַקסל, ער איז שוין מיט מיר זיכער.

— די ביקס איז דאַכט זיך נישט ריין — פּרווו איך אים.

— ניין, הער אָבערלייטענאַנט, אַלץ איז אין אָרדנונג.

— אַנו, ווייזט נאָר אַהער.

ער קוקט אויף מיר אַ ווײַלע, און מיט אַ ציטערנדיקער האַנט גיט ער מיר ענדלעך די ביקס.

— האָט איר מיך גוט דערקענט? — פרעג איך שאַרף.

— ווי הייסט נישט? — שמייכלט ער קינדיש.

— און אַצינד אַרעסטיר איך אייך און לאָז אייך שטרענג באַשטראָפן.

דער גוי ציטערט אויף יעדן אבר

ווייסט איר נישט, אַז אויף וואָך טאָר מען קיינעם נישט אַרויסגעבן די ביקס פון האַנט? אפילו דעם ק י י ז ע ר נישט!

— אָבער... דעם הער אָבער־לייטענאַנט... — שטאַמלט דער אַלטער סאָלדאַט.

— און ווען איך בין אַ שפּיאָן און קוילע אייך אַצינד? — פּאָכע איך מיט זיין אייגענעם באַיאָנעט פאַר זיין פּנים.

ער טוט אַ קורצן פינטל מיטן אויג, און בלייבט שטיין ווי אַ שטיין.

— ווייסט איר וואָס עס וואָלט דאַן געשען מיט אונדזער באַן, מיט אונדזער גאַנצער פּאָזיציע?

— אָבער אייך, הער אָבער־לייטענאַנט — הייבט זיך בא אים די ברוסט אין כוואַליעס — אייך זאָל איך נישט געטרויען דאָס געווער, — טאָ וועמען דען? איך וואָלט דאָך אייך מיינע קינדער געטרויט... איר זענט דאָך אונדזער פאָטער...

דער גוי צעוויינט זיך.

— באַרויִקט זיך, פאָטערל — נעם איך אים פאַר ביידע אַקסלען — איך האָב אייך נאָר געוואָלט אויספּרוּוון.

און איך גיי אַוועק מיט דער איבערצייגונג, אַז בא אַזאַ איבערגעבנקייט איז מיין באַן־ליניע אויף יעדן פאַל געזיכערט.

הינטער דער קאַמף־ליניע

אַנטלאָפענע פון דער געפאַנגענשאַפט און ד אייגענער פּאָזיציע, האָבן זיך רוסישע באַנדיטן פאַרקליבן אין דעם אָפּגעלע־בענעם זומפּיקן וואַלד, זיך פאַרבאַריקאַדירט, און פון דאָרט אויס

באַפאַלן און באַרויבט די פאַרבייפאָרערס. און אָפט רייסן זיי זיך אַריין אין די דערפער, צייכענענדיק דעם וועג מיט בלוט. אין מיין ראַיאָן געפינט מען דריי געהרגטע ייִדן, — אויף דער דייטשער זייט זענען פאַרהאַנען נאָך מער קרבנות. עס איז נישט מעגלעך לענגער צו וואַרטן — מיר מוזן די רויבער־באַנדע באַזייטיקן.

אונדזערע זשאַנדאַרמען ברענגען צוויי געפאַנגענע, וועלכע זענען ענדלעך זיך מודה, אַז זיי באַלאַנגען צו יענער באַנדע. מיר דערוויסן זיך אויך, אַז זיי זענען באַוואָפנט מיט אַלערליי כלי־זין — אפילו מיט אַ מאַשין־געווער, און אַז זייער אָנפירער איז אַ קאָזאַקן־אָפיציר. מיר שטעלן דאַרום צונויף אַ קאָמבינירטע אָפטיילונג פון דייטשע און עסטרייכישע סאָלדאַטן און זשאַנדאַרמען אונטער דער קאָמאַנדאָ פון אַ דייטשן הויפטמאַן און פרוּוון אַרומרינגלען די רויבער־נעסט.

נאָך איידער מיר דערנענטערן זיך צו די זומפן, שיקן זיי אונדז אַקעגן אַ שטורמיש שנעל־פייער. איך פאַרנעם מיט מיין אָפטיילונג אַ קאַמף־ליניע הינטער די קליינע שאַנצן, און די דייטשן נעמען דערווייל בויען פּראָוויזאָרישע בריקלעך, כדי לייכטער אַריבערצוגיין די זומפן. נאָך עטלעכע שעה שיסן, בײַ וועלכן מיר פאַרלירן צוויי טויטע און דריי פאַרווונדעטע, געלינגט אונדז זיך צו דערנענטערן אויף אַ 100 שריט. מיר האַלטן שוין אין איבערגיין צום שטורם, ווען עטלעכע פון דער באַנדע שטעלן זיך אויף אין זייערע אָקאָפּעס און האַלטן הויך די געווערן — אַ צייכן, אַז זיי גיבן זיך אונטער.

— פייער איינשטעלן! — קאָמאַנדעוועט דער הויפטמאַן, און מיר דערנענטערן זיך צו זיי גאַנץ פרידלעך.

מיטאַמאָל נעמט קלאַפּן זייער מאַשין־געווער, און מיר באַקומען אַ געדיכט פייער פון זייער גאַנצן פראָנט. זיי האָבן אונדז פאַרנאַרט.

— שטורם! — שרייט געריצט דער דייטשער הויפטמאַן. אונדזערע סאָלדאַטן וואַרפן זיך פול כעס אויף די רוסישע אָקאָפּעס.

די באַנדיטן זענען באַצוואונגען. עס איז שווער אָפּצוהאַלטן די דייטשן אין זייער אַרבעט מיטן באַיאָנעט — זיי ווילן נעמען נקמה פאַר דעם נישט־מיליטערישן פּאַראַט און ווילן אַלעמען אויסקוילן.

איבער דרייסיק טויטע און פאַרווונדעטע בלייבן אויפן פּלאַץ — צווישן זיי אויך דער קאָזאַקן־אָפיציר. אויך מיר האָבן פאַרלוירן צוועלף מענטשן. דעם רעשט — 28 מאַן — נעמען מיר געפאַנגען און, געשלאָסענע אין קייטן, שיקן מיר זיי אין די אַרעסטן.

— מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט די יעוורעיעס — באַקי־וועט אייגער פון זיי — דאָס האָבן זיי אונדז פאַראַטן.

די ציוויל־באַפעלקערונג אָטעמט אַ ביסל פרייער. מען האָט זיך שוין צוגעוווינט צום גורל פון דער אָקופּאַציע־פאַרוואַלטונג: וואָס דער רובל האָט נישט געקענט פועלן, האָבן אויסגעפירט באַ די קאָמאַנדאַנטן די שיינע יידישע ווייבלעך און מיידלעך — יידי־שע טעכטער האָבן שוין אפילו גענומען פראַווען חתונות מיט דייטשע שקצים.

אין דער פּאָזיציע זענען שוין ביידע פּאַרטייען אויסגעמו־טשעט, און כאָטש רוסלאַנד לייגט ווידער אַוועק 70 000 פון זיי־נע נאַרישע אָבער אומשולדיקע מוזשיקעס, שטייען מיר אַלע פאַר־עקשנט אויף איין פּלאַץ. נאָר פון „הינטער־לאַנד" הערן זיך נישט פריילעכע בשורות: דער יקרות וואַקסט און עס פעלט שוין מאַטע־ריאַל צו אַמוניציע. פּירט מען אַוועק מאַשינען, אַקער־אייזנס, גלעקער פון קלויסטערס, אויף צו בויען קאַנאָנען — גאַנצע וועלדער ווערן אויסגעהאַקט און אַוועקגעפירט.

אויך די באַפעלקערונג אין דער אָקופּירטער געגנט הונגערט, מוז מען פלייסיק זיך נעמען צו פעלד־אַרבעט. און די פעלדער זע־

נען מאָדנע שנעל גרין געוואָרן: אומעטום, ווו עס איז נאָר געשטאַנען אַ מענטשן־פוס, בשעת דער לעצטער עוואַקואַציע, איז אויסגעוואַקסן געדיכטער קאָרן — פון קיינעם נישט פאַרזייט, פון קיינעם נישט באַרירט. דאָס האָבן די אַנטלאָפענע פאַרלוירן זערנעס איבערן וועג, האָט די נאַטור אירס געטון און זיי צעוואַקסן.

מיר דערלויבן אויך צו באַאַרבעטן די פרייע פעלדער: מיר פאַרטיילן צו דעם צוועק זריעה און באָרגן אויס אומזיסט פערד — מוטשען זיך דעליקאַטע, צאַרטע מיידלעך מיט בלאַסע פנימער, — זיי גראָבן קאַרטאָפלעס, און יידן מיט לאַנגע בערד צעוואַרפן מיסט איבער די פעלדער.

— פריער אויך געאַרבעט אין פעלד? — פרעג איך איינעם.

— אַ קלייטל געהאַט — קוקט ער אויף מיר טרויעריק.

אונדזער רעגירונג מאַכט שוין דערווייל די פערטע קריגס־הלוואה. און כדי אויך צוריק צו באַקומען די הוצאות, וואָס זי גיט אויס אויף דער אַרמיי, פאַרביט מען דער „פעלד־פאָסט" איבערצושיקן געלד פון די אָפיצירן אין פעלד. איז מען ממילא געצוואונגען אַוועקצוגעבן דאָס „פאַפירענע גאָלד" אויף דער „קריגס־הלוואה".

און דאָ לייגן מיר אַוועק די בעסטע סאָלדאַטן: דייטשלאַנד באַ „ווערדון" און עסטרייך אויף דעם איטאַלעניש פראָנט. פרוווט הינדענבורג זיין מזל אויף אונדזער פראָנט: ווידער טרייבן מיר די קרבנות צום טויטן־טאַנץ ווי דעם בער אויף דער צעגליטער בלעך — ביז אויך מיר מוזן זיך צוריקציען. זוכט מען אַ שעיר לעזאזל — און מען געפינט: „די ציוויל־באַפעלקערונג האָט פאַראַטן!" און מען נעמט אַרויסטרייבן די אָרימע באַפעלקערונג פון די אַרומיקע דערפער.

איך מוז איבערנעמען אַ נייעם קאָמאַנדע־ראַיאָן, און מיין ערשטע אַרבעט איז: אויפצונעמען די פריש־אַרויסגעטריבענע.

עטלעכע פון זיי האָבן זיך פאַרשפּעטיקט מיט אַ האַלבער שעה. אַ באַוואָפנטער קאַפּראַל פירט זיי ווי פאַרברעכערס.

— צו אַכט טעג אַרעסט און צו הונדערט קראָנען שטראָף יעדן! — צעשרייט זיך דער זשאַנדאַרמעריע-ריטמייסטער.

— פאַרוואָס זענט איר נישט געקומען אין דער צייט? — פרעג איך אַן עלטערן ייִד.

— דאָס אייניקל — ענטפערט ער נישט גערן — איז בא מיר אַוועקגעפאַלן, מען האָט געהייסן אָנרייסן קרייטער, און דאָ מוז מען זיך פּאַקן.

באַ אַ פערציק משפחות אויסגעמוטשעטע, אָפּגעצערטע, אָפּגעריסענע מענער, ווייבער און קינדער שלעפּט מען פון איין אָרט אויפן אַנדערן. צווישן זיי זענען פאַרהאַנען עטלעכע פּויערים מיט אייגענע פערד און וואָגנס. די צוזאַמענגעבונדענע לאַכעס פון זייער „געפּעק״ זענען נאָך מער צעריסן ווי די קליידער אויף זייער לייב. אייניקע טראָגן זיך מיט אַ זעקל קאַרטאָפלעס, אַנדערע מיט אַ האַלב זעקל קאָרן. נאָך אַ לאַנגן וואָגן לויפט נאָך גאָר אַ יונג, גרין מיידעלע און פירט אַ קאָזע באַ אַ שטריקל. אָבער אַלע באַוווּנדערן מיר די שלאַנקע ברונעטקע, וועלכע האָט גראַציעז די לייצעס אין אירע ווייסע הענטלעך און פירט אַ האַלב ליידיקן וואָגן, אויף וועלכן עס זיצט אַן אַלטע ייִדענע. פאַרבייפאָרנדיק, שענקט זי אונדז אפילו נישט קיין בליק, נישט גאָר אַ הויכן קנאַל מיט דער בייטש, וואָס קען באַדייטן „וויאָ!״ — און ווערט אַ ביסל רויט.

— פרײַלין — גיי איך צו איר צו — פאַרוואָס פירט איר אַליין די פערד?

— איך פאַרשטיי נישט קיין דײַטש — ענטפערט זי דעמאָנסטראַטיוו, אַוועקדרייענדיק דאָס פּנים.

איך פּרוּוו אויף רוסיש איר געבן צו פאַרשטיין, אַז איך רעד

פראָסט יידיש און נישט קיין דייטש. זי נעמט אָן אַ פריינטלעכע־רע מינע:

— ווער זאָל פירן? אַז דעם טאַטן האָבן „אונדזערע" אַוועק־גענומען.

— פאַרוואָס?

— נו, מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ דייטשער שפּיאָן — שמייכלט זי ביטער — און... אַ פּלימעניק איז בײַ אונדזו געווען, האָט איר אים צוגענומען...

— ווייל?...

— נו, געוויס: „אַ רוסישער שפּיאָן", האָט מען אויף אים געזאָגט...

— ווייטער מאַרשירן! און אַראָפּנעמען דאָרט די געזונטע ווייבער פון וואָגן! — צעשרייט זיך דער קאָמאַנדאַנט — אַ שאָד די פערד.

— ערשט נאָך אַ קימפעט — בעט זיך דאָס בלאַסע ווייבל און פּלאָנטערט מיט די פיס ווי אַ שיכורע, טוליענדיק צו דער ברוסט דאָס צעוויינטע קינד.

דער טרויעריקער צוג פון די „רוסישע, עסטרייכישע און דייטשע שפּיאָנען" שלעפּט זיך ווייטער.

— דאָס איז אַ „פּאַרפאַלענער באַגאַזש"! — נאַקיוועט צו זיי מיטן פינגער דער קאָמאַנדאַנט און ווענדט זיך דערנאָך צו אונדז — נו, מײַנע הערן, מיר וועלן גיין אויסטרינקען אַ קאָ־ניאַק.

מײַן נײַע „מלוכה" נעמט אַרום צענער דערפער מיט גיטער, הויפן, שלעסער, פאַרלאָזענע פּאַלאַצן, מיט די גרויסע „קאַזיאָנע וועלדער", מיטן קלײנעם וועלדל, וואָס באַלאַנגט צום „צאַר אַליין". יידן זענען שטאָלץ, וואָס גראָד איך בין דער באַלעבאָס, איבער אַזאַ „אימעניע". און איך בין נישט נאָר פאַקטישער באַלעבאָס און

ימר, — איך בין דער פּאַקטישער „רעגירער". דער קאָמיסאַר, דער שופט — דער „העראיבער טויט און לעבן". ביז מיט אַ יאָר אַרעסט קען איך באַשטראָפן, נישט אָנפרעגנדיק בײַ קיינעם.

די אַרבעט דערבײַ איז גאָרנישט קיין לײַכטע. דאָס הפקר-לעבן פון דער לעצטער רוסישער הערשאַפט האָט איבערגעלאָזט אַ וויסטע בהלה: פאַר „כאַבאַר" האָבן די באַאַמטע פאַרדרייט די „פּאַבולעס" פון די צנטלאָפענע, — די פויערים האָבן אָנגערויבט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט — די ייִדן האָבן באַצאָלט פאַר „אַרענדע", און נישט באַקומען די פעלדער, — ווייסט מען נישט, וואָס צו וועמען עס באַלאַנגט. און פון אַזאַ „קנויל" דאַרף איך אַרויספּלאָנטערן דעם אמת, נישט זײַענדיק פריִער נישט קיין ריכטער און נישט קיין פּאָליצײַ-אַגענט. דערצו גרענעצט נאָך מײַן מדינה פון דרײַ זײַטן מיט דעם דײַטשן אָקופּאַציע-ראַיאָן און ליגט מיט דער גאַנצער לענג אויף דעם באַרימטן „מאָסקווער טראַקט", — די איינציקע באַקוועמע קאָמוניקאַציע נאָך פון נאַפּאָלעאָנס צײַטן. דער שטראָז איז טאַקע די גרענעץ און בלײַבט „נייטראַל" צווישן אונדז און די דײַטשן, נאָר אַזוי ווי אויף דער דײַטשער זײַט זענען די בעסטע סחורות, היטן דײַטשע זשאַנדאַרמען, מען זאָל גאָרנישט אַריבערפירן. אָבער ייִדן דאַרפן לעבן, זוכט מען „נעבן-וועגן" — כאַפּט מען „קאָנטראַבאַנדע" — און עס שטעלט זיך פאַר מיר אַ צײַט פון פאַרפירן „פּראָצעסן" מיט דײַטשע זשאַנדאַרמען און דײַטשע קאָמאַנדאַנטן, און מײַן קליינע „רעגירונג" פון די 200 קוואַדראַט-קילאָמעטער ווערט אַ גאַנצער „דיפּלאָמאַטישער" צענטער.

אין מיין קליינער „מלוכה"

די שווערסטע אַרבעט איז באַם דורכפירן די רעקוויזיציעס. גויים פאַרבאַהאַלטן די תבואה און בהמות, יידן פאַרגראָבן ערגעץ זייער וואָל און פעלן — און וואָלט איך שוין וועלן זיך מאַכן נישט זעענדיק, קומען מסירות פון איינעם אויפן צווייטן, ביז איך בין געצוואונגען שיקן מיינע זשאַנדאַרמען, די זאָלן זוכן. און געפינט מען עפעס, מוז מען שוין לויטן „זאַקאָן" באַשטראָפן. געווייניטלעך זוך איך אויס די קלענסטע געלט-שטראָף. אָבער די באַפעלקערונג ווייסט פון דעם, נעמען זיי דערפאַר נישט אַזוי שטרענג מיינע באַפעלן.

— צופרידן מיט דער שטראָף? — פרעג איך אַ רייכן פויער, באַ וועלכן מיינע זשאַנדאַרמען האָבן געפונען הונדערט פוד „נישט פאַרשריבענע" תבואה, און איך האָב אים דערפאַר באַשטראָפט מיט פינף הונדערט רובל פאַר דער אָרימסטער גויע פון זיין דאָרף.

— אַ דאַנק פאַר דער שטראָף, וואָשע בלאַגאָראָדיע, — שמייכלט דער פויער — אונדזערע אָפיצירן וואָלטן שוין מיט אַ סך מער באַשטראָפט.

— און דערפאַר וועסטו ווידער באַהאַלטן תבואה! קען זיך נישט איינהאַלטן מיין זשאַנדאַרמעריע-וואַכמייסטער, וועלכער איז נישט צופרידן מיט דער צו קליינער שטראָף.

מען ברענגט אַ „דאָנאָס", אַז גויים האָבן פאַרגראָבן אין אַ קבר פאַרשידענע מעטאַלן, וועלכע מיר דאַרפן איצט אַזוי נייטיק צום אויסאַרבעטן אַמוניציע. אָבער כדי נישט צו רייצן די רעליגיעזע געפילן, לאָז איך נישט רירן דעם פלאַץ. טראָגט מען אָבער דעם „דאָנאָס" צו דער העכערער קאָמאַנדע — און איך מוז לאָזן עפענען דאָס קבר: — פאַר עטלעכע טויזנט רובל קופער געפי-

מען דאָרט! און דאָס איז גאָר קיין קבר נישט: דאָס האָבן די־ כיטרע פויערים פאַרגראָבן אָנגערויבטע פארמעגנס, און כדי מען זאָל עס נישט אויסגעפינען, האָבן זיי אויף דעם אַרויפגעשטעלט דעם צייכן פון „אייביקן אמת", דעם צלם. מיין קרייז־קאָמאַנדאַ גיט אַרויס אַן „אוקאַז", מען זאָל ווייטער זוכן, און באַשטימט אַ פרעמיע פון הונדערט רובל פאַר אויסגעפינען אַזעלכע „קברים", — הייבט זיך אָן אַ גראָבן און וואַרפן מיט ביינער פון מתים — טאַקע פון דער אייגענער דאָרטיקער באַפעלקערונג.

נישט ווייניקער מי האָב איך מיט די „פּאָדריאַדן": ייִדן דאַרפן ליפערן פאַר מיינע זעלנער מילך און פלייש, וויל יעדער זיין אַ „פּאָדריאַטשיק", — און עס פאַרגעמט זיך אַ קאָנקורענץ צווישן שווערס און איידעמס, טאַטעס און זין — און עס דערגייט ביז קריגערייען און געשלעגן. איך בין דערביי אָפּט געצוווּנגען צו מוכרן און באַשטראָפן, — זוכן מיינע „אונטערטאַנען" גאַנץ „ביי־ וועגן: מען הייבט אָן ברענגען „כאַבאַר". גויים קומען מיט גאַנצע פעסלעך פיש, קעז און פוטער, — איינער וויל אַפילו פאַרדינגען צו מיר זיין יונג טעכטערל אַלס „דינסט". ייִדן ווידער גייען „דיפּלאָ־ מאַטיש": מיינע זשאַנדאַרמען ברענגען אַ יונג מיידל, וועלכע זיי האָבן געכאַפּט מיט אַ געשאָכטן קעלבל. כדי צו פאַרמערן די בהמות, טאָר מען נישט שעכטן קיין קעלבלעך, מוז איך זי דערפאַר באַ־ שטראָפן.

— דאָס קעלבל האָב איך געבראַכט פאַר אייך, הער קאָ־ מאַנדאַנט — רוימט זי מיר איין אויף ייִדיש.

— וואָס דאַרף איך אַזוי פיל פלייש? — וויל איך זיין ערנסט — ווען איך זאָל האָבן אַ פרוי, אַ קינד...

— וואָס דאַרף דער הער קאָמאַנדאַנט קינדער? — ווערט זי פלאַמיק־רויט — דער הער קאָמאַנדאַנט אַליין זעט דאָך נאָך אויס ווי אַ קינד.

בא מיין גאַנצער ערנסטקייט און „אַנגעבלאָזענער פּאָזע" (ווי עס פּאַסט פאַר אַ קאָמאַנדאַט) מוז איך אויסשיסן אין אַ גלעכטער. אָבער איך „באַשטראָף" זי: איך לאָז בא איר אַוועקנעמען דאָס קעלבל, פאַרקויף עס טעלעפאָניש אין „אָפיצערסקי קלוב", און צאָל איר אויס דאָס געלט.

נאָך מיטאָג שטייען בא מיין קאַנצעלאַריע עטלעכע יידן. שוין זייט עטלעכע טעג מעלדעט מיר מיין דינער, אַז יידן ווילן מיט מיר רעדן, נאָר זיי „וואַגן נישט" אַריינגיין.

איך גיי אַרויס צו זיי:

— וואָס קען איך פאַר אייך טון, ליבע יידן?

זיי הייבן די קאַשקעטן, אָבער קיינער רעדט נישט קיין וואָרט.

— איך וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן ענין, הער קאָמאַנדאַנט — ווינקט צו מיר דאָס קליינע יידל, וועלכער האָט אין אַרענדע דעם גאַנצן פּריצישן הויף, אין וועלכן איך וווין.

ער פאַרמאַכט זיך מיט מיר אין אַ באַזונדער חדר.

— ...פאַרשטייט איר מיך — קומט ער צום „ענין" נאָך אַ לאַנגער הקדמה — מען דאַרף אַריבערפירן בהמות איבער אייער גרענעץ.

— איז וואָס?

— ווילן זיי צאָלן צו 50 רובל פאַר יעדן „שטיקל", מען זאָל זיי נישט שטערן.

— וועמען צאָלן?

— זיי וועלן אייך געבן דאָס געלט, און איר מעגט דערמיט טון וואָס איר ווילט.

— האָב איך דען אַמאָל אָפּגעזאָגט אַ ייד אַ „פּשעפּוסטקע"?

— חלילה, קיינמאָל נישט.

— אין זינקט איר ר׳ ז. — ווער איך ערנסט — אַז איך שרייב אונטער אָט די אַלע דערלויבענישן צוליב 50 רובל?

— אמת — פאַרשטייט ער מיך נישט — דער פריערדיקער קאָמאַנדאַנט פלעגט נעמען צו 100 רובל פאַר יעדן שטיקל, אָבער די צייטן זענען שלעכטע...

— הערט-זשע ר׳ ייד — פאַרליר איך שוין דאָס געדולד — איב מען וועט מיר נאָכאַמאָל רעדן וועגן „כאַבאַר", וועל איך אײַנגאַנצן פאַרמאַכן די גרענעץ!

א בלאַסער פאַרלאָזט דער ייד מיין קאַנצעלאַריי
צום אָוונט-ברויט איז מיין דינער עפּעס אַ נישט צופרידענער.

— וואָס איז, פרץ, ברודער? — וויל איך אים אויפמונטערן.

— אַן אַנדערער אויף הער לייטענאַנטס אָרט וואָלט דאָך פאַרדינט טויזנטער, מיליאָנען! — היקעט ער אַרויס — ווען נאָר לאָמיר זאָגן: פופציק שטיק בהמות יעדן טאָג, איז צו פופציק רובל אַ שטיק, מאַכט עס אויס יעדן טאָג פינפאונצוואַנציק הונדערט רובל...

— איי פרץ, פרץ, — נאַקיווע איך אים — איר האָט שוין מסתמא אַרייַנגעקריגן „שווייג-געלט"?

ער רעדט נישט מער: ער ווייסט, אַז נישט איינמאָל האָב איך יידן געטון טובות, און ער האָט דערפאַר „אָפּגעלעקט אַ ביינדל"...

איך פאַרשטיי אָבער, אַז אַזוי וועט עס ווייטער נישט גיין, ווען אויף מיינע יידן איז געפאַלן אַ מרה שחורה: „אַן אומגליק — שושקעט מען זיך — ער נעמט נישט". איך לאָז דאַרום פאַרזאַמלען די גאַנצע באַפעלקערונג פון מיין ראַיאָן און האַלט זיי אַ „דרשה", אַז — מיר מאַכן נישט קיין חילוק צווישן פויערים און פריצים, קניאַזש און בעטלער. יידן צי פראַוואָסלאַוונע זענען בײַ אונדז אַלע גלייך, און — זאָל מען נאָר אָפּהיטן אונדזערע פאַרשריפטן, וועט אַלעמען זיין גוט...

— האָט ווער אויף עפּעס זיך צו באַקלאָגן? — פרעג איך באַם עולם און פאַרזיכער זיי, אַז איך וועל באַזייטיקן יעדער עוולה.

— מיר ווייסן נישט, וואָס צו טון מיטן געלט — וואָגט זיך איינער — די עסטרייכער פאַרלאַנגען פאַר אַ קראָנע אַ האַלבן רובל, אָדער 80 דייטשע פעניג, און די דייטשן צאָלן פאַר אַ קראָנע נאָר 60 פעניג אָדער 30 קאָפּיקעס. דאַרפן מיר אַרויספאָרן פונם ראַיאָן, מוזן מיר געבן קויציע 10 רוסישע רובל אין גאָלד, און ווען מיר נעמען אָפּ די קויציע, גיט מען אונדז פאַפּירענע קראָנען...

— און די גויים ווילן גאָר אינגאַנצן נישט נעמען אייער געלט — קלאָגט זיך אַ צווייטער ייִד.

— וואָל האָט דער פריערדיקער קאָמאַנדאַנט רעקווירירט נאָר בײַ ייִדן און נישט בײַ גויים — קלאָגט זיך אַ דריטער.

— אין מיין דאָרף — פאַרקלאָגט זיך אַ וואָיט — האָט מען געדאַרפט יעדן פויער באַצאָלן פאַר 210 שעה אַרבעט אויף אייערע פעלדער, און „קוויטאַנציעס" האָט מען זיי געגעבן נאָר פאַר 150 שעה.

— און די ייִדן האָט מען גאָרנישט באַצאָלט פאַר דער אַרבעט.

— פאַרוואָס האָט איר נישט אויפגעמאָנט? — פרעג איך דעם עלטסטן.

אוודאי האָבן מיר געמאָנט, אָבער דער קרייז-קאָמאַנדאַנט האָט געזאָגט, אַז ייִדן דאַרפן נאָך צוצאָלן, ווייל מען האָט זיי אויסגעלערנט די פעלד-אַרבעט.

— מיר אַרבעטן צוועלף שעה אַ טאָג, אפילו זונטיק און חגא — קלאָגט זיך אַ פויער — און באַנאַכט מוזן מיר גיין אין „אַרעשט".

— פאַרוואָס האָט מען אייך באַשטראָפט?

— ווייל מיר זענען געווען קראַנק, און אייער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז מיר זענען געזונט.

— נעמט זיך אָן מיין קריוודע — ווייגט אַן אַלטער אַרענדאַר — די גויים האָבן אויף מיר געמסרט, אַז איך פאַרקויף שנאַפּס די דעזערטערן. אַצינד וויל מען מיך פאַרשיקן. האָט רחמנות אויף מיינע אייניקלעך די יתומים...

דער ייִד פאַלט אין חלשות.

— איר זעט — נעמט אַ ייִד אַראָפּ דעם רוסישן קאַשקעט און ווייזט מיר זיין צעבלוטיקטן קאָפּ — דאָס האָט מיר געמאַכט דער דייטשער קאָמאַנדאַנט מיט אַ „נאַגאַיקע".

— פאַרוואָס? — בין איך אויסער זיך.

— מיר האָבן אויפן הויפּט-טראַקט געוויגן תבואה, וואָס מיר האָבן ערשט געהאַט געקויפט. איז פּלוצלינג אָנגעקומען דער דייטשער קאָמאַנדאַנט מיט נאָך צוויי אָפיצירן, האָט געהייסן זיינע סאָלדאַטן פאַרנעמען די סחורה, און אונדז האָט ער אַזוי צעטריבן מיט מיט דער נאַגאַיקע.

איך לאָז אַלעמען שטיין און טעלעפאָניר תיכף צום דייטשן גרענעץ-קאָמאַנדאַנט.

— געוויס, הער קאַמעראַד — פאַרענטפערט זיך יענער — איך וועל באַלד לאָזן אָפּשיקן דאָס קאָרן, אָבער מיט די מיאוסע ייִדן קען מען אַנדערש נישט אויסקומען. דער פּוילישער גוט-באַזיצער פּונדאַנען האָט מיר געזאָגט דערציילט וועגן זיי. נאָר מיט נאַגייקעס, זאָגט ער, קאָן מען זיי באַהערשן.

נאָכאַמאָל פאַרזיכער איך דעם עולם, אַז איך וועל זען גוט צו מאַכן אַלע זייערע קריוודעס און שיק זיי צופרידענע אַהיים.

— רוסישע אָפיצירן וואָלטן זיכער אַזוי נישט באַהאַנדלט זייערע פּויערים — מאַכט מיר אַ קאָמפּלימענט דער אַלטיטשקער גוט-באַזיצער, וועלכער האָט געקעמפט נאָך אין פּוילישן אויפשטאַנד.

— זאָלן זיי וויסן, די פּאָניעס — איז שטאַרק צופרידן אַ בכבודיקער ייִד, וועלכער איז פאַרבליבן אין מיין קאַנצעלאַריע מיט זיינע פיר שיינע טעכטער, כדי אפשר דורך זיי לייכטער אויסצופירקן אַ „טובה" — זאָלן זיי זען, אַז אַ קאָמאַנדאַנט, וועלכער רעדט ייִדיש, איז נישט קיין בעל נקמה.

איך באַמי מיך דורכצופירן אַלץ, וואָס איך האָב צוגעזאָגט, און די באַפעלקערונג איז מיט מיר צופרידן, בפרט די ייִדן. און ווען איך מאַך נאָך אויף שבועות אַ מנין באַ זיך אין די קאַנצעלאַריעס און פאַרטייל נאָכן דאַווענען משקה מיט זיסן קעז-פלאָדן, וואָס מיין פרץ אַליין האָט אָפּגעבאַקן, — חערן די ייִדן מיינע אָנהענגער, ווי חסידים באַ אַ רבין:

— איר זאָלט זוכה זיין צו ווערן אַ נשיא אין ארץ ישראל — טרינקט מיט מיר לחיים דער שוחט.

— נאָר אַ מלאך — שמאַטשקעט דער אַלטער מלמד, וועמען איך דערלויב צו עפענען אַ שטיקל חדר אין דאָרף.

יעדן שבת נאָכן עסן טייל איך זיינע תלמידימלעך „שבת-אויבס", און ווען עס פאַרבלאָנדזשען צו מיר עטלעכע ייִדישע סטודענטן און קורסיסטקעס פון דער סביבה, מאַכן מיר „ליטעראַרישע וועטשערינקעס" און שפּאַצירן ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף דעם גרויסן, ברייטן מאָסקווער טראַקט. ווי האַרציק קלינגען אין יענע לבנה-נעכט די פאָלקס-לידלעך, וועלכע עס זינגט מיט אונדז אַזויוויס די קליינע, חנוודיקע חנהלע!...

און אויך איך בין צופרידן מיט מיינע ייִדן — נאָר עס איז שווער זיי אָפּגעוויינען פון געבן „כאַבאַר".

קומען סוחרים זיך קלאָגן, אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען 17 שטיקלעך.

— ווו איז דאָס געווען?

— אויף דער גרענעץ.

— אָבער אין מ י י ן זייט, צי אויף דער דייטשער זייט? דען אויב נישט אויף מיין זייט, קען איך גאָרנישט טון.

— געוויס אויף דער עסטרייכישער זייט — פאַרזיכערט מיך דער „רעדלפידער" און געפינט באַלד מיינס אַ סאָלדאַט אַלס עדות, אַז עס איז געווען „עטלעכע שריט פון דער גרענעץ אויף דער עסטרייכישער זייט."

איך שיק אַ „דינסט-צעטל" צום דייטשן קאָמאַנדאַנט, און די יידן באַקומען צוריק זייערע בהמות.

— אָבער ווי איז דאָס קעלבל? — וווּנדער איך זיך, ווען איך קאָנטראָליר, צי מען האָט אַלץ אָפּגעגעבן.

— מיר האָבן עס געגעבן די דייטשע זשאַנדאַרמען אַלס מתנה — מאכט אַ „שוויג" דאָס יידל.

— אָבער פאַרוואָס קומט דאָס זיי?

— גלאַט אַזוי, עס קען צונוץ קומען אַ צווייט מאָל.

און אַזוי געווינען זיי אויך די דייטשע זשאַנדאַרמען צו כאַבאַר. אָבער די שפּע אין מיין ראַיאָן וואַקסט, און אין מיין „רעזידענץ", דאָס גרעסטע דאָרף אין דער סביבה, ווערן באַלד אָפּגעהאַלטן צוויי מאָל אין דער וואָך ירידים. און ווען איך דער-ליב נאָך עטלעכע משפּחות, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן, זיך באַזעצן אין מיין דאָרף, — ווערט באַלד פון דעם דאָרף אַ גאַנץ שטעטל.

דאָס קען נישט פאַרליידן מיין אַלטער קרייז-קאָמאַנדאַנט, ריטמייסטער פאָן ל. ער האָט שוין מיט מיר „אַלטע חשבונות": איך לאָז אַרעסטירן פאַר גנבה דאָס שיקסל „אַלעקסאַנדראַ", צו וועלכער ער פלעגט אָפט פאַרפאָרן. בייט ער אין די דאָקומענטן דעם נאָמען "אַלעקסאַנדראַ" אויף „אַלעקס", באַפרייט דאָס שיקסל, און לאָזט פאַר דעמזעלבן פאַרברעכן אַרעסטירן אַן אומשולדיקן פויער. וויל איך נישט דערלאָזן צו אַזאַ באַוווּסטן „טעות" און

פאַרקלאָג נאָכאַמאָל דאָס שיקסל. און דאָס פירט צום ערשטן ברוגז.

אַ צווייט מאָל וויל ער אויסהיטן פון שטראָף אַ „באַקענטע" גוטבאַזיצערין, וועלכע האָט נישט געבערענגט איר פערד צו דער רעקוויזיציע. ראָט ער איר צו פאַרקויפן דאָס פערד צו אַ ייִד — און ערשט אַצינד אַרעסטירט ער דעם ייִד פאַר „באַהאַלטן רעקווירירטע פערד". איך דעק אויף דעם שווינדל — און מען מוז דעם ייִד באַפרייען. און דאָ צעפלאַקערט זיך ערשט דער גאַנצער קאַמף צווישן אונדז: ער לאָזט מיר זאָגן, אַז ער וועט נישט צולאָזן, מיין ראַיאָן זאָל ווערן אַ „קליין ירושלים". די גאַנצע אַפּערע נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַן אַנטיסעמיטישער העצע. ער באַשטראָפט אַפילו דעם ייִדישן רעגימענט-דאָקטאָר ב., וועלכער „האָט געוואַגט" צו פאַרקלאָגן אַן אָפיציר פאַר רודפן ייִדן. אָבער איך גיי מיר מיין וועג און ברענג באַווייזן אויף יעדער באַשולדיקונג. און ווען דער רב פון זיין שטעטל קומט אים בעטן, ער זאָל דערלויבן די ייִדן צו אַרבעטן זונטיק אַנשטאָט שבת, און דער אַלטער אַכזר וואַרפט אים אַרויס מיט די ווערטער:

— איר אַליין זענט דער גרעסטער גויגער און איר לערנט אייערע ייִדן צו זיין שווינדלער.

לאָז איך אים, דעם קרייז-קאָמאַנדאַנט, פאַרקלאָגן פאַר „רעליגיעזער-באַליידיקונג", — און דאָס מאָל ווערט יאָ באַשטראָפט אַ ייִדישע קריוודע: דער ריטמייסטער ווערט אוועקגעשיקט אין אַ פרעמדן ראַיאָן.

אויך איך בלייב נישט לענגער אין יענעם ראַיאָן: גאַנץ א־ פאַרהאַפּט קומט פיר אַ זייגער פאַרטאָג דער טעלעגראַפישער באַפעל.

„תּיכף אָפּמאַרשירן קעגן אַ."

איך לאָז בלאָזן „אַליאַרם" און רייט דערווייל אַרויס, אויף שנעל נאָכאַמאָל דורכקוקן די געגנט, כּדי צו קענען מאַכן אַ גענויען ראַפּאָרט וועגן דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע.

די ידיעה, אַז מיר גייען אַוועק, האָט אַפּנים שנעל זיך פאַרשפּרייט, דען ווען איך קום צוריק, טרעף איך שוין פאַרזאַמלט פאַר מיין קאַנצעליאַריע כּמעט דאָס גאַנצע דאָרף — גויים, ייִדן ווייבער, קינדער.

— איז עס נישט קיין „ריקצוג" חלילה? — וויינט מיין באַלעבאָס.

עס איז שווער זיי צו טרייסטן מיט דעם, אַז די דייטשן וועלן פאַרנעמען אונדזער פּלאַץ.

— און מיט די דייטשן איז דען בעסער ווי מיט די קאָזאַקן? — נעמט זיך אָן אַ ייִד מיט כּוח, אויסצוגיסן זיין ביטער האַרץ.

איך פאַרטייל נאָך די איבריקע תּבֿואה צווישן די אָרימסטע פון דאָרף, זאָג אָן דעם זשאַנדאַרמעריע-קאָמאַנדאַנט, ער זאָל די באַפעלקערונג באַהאַנדלען מיט יושר, און מיט אַ שווער האַרץ גע־ זעגן איך זיך מיט מיינע איבערגעבעבענע „אונטערטאַנען"...

איך ווער באַשטימט אַלס „קוואַרטיר-רעגולירנדער אָפיציר". פאַרשטענדיק איך זיך טעלעפאָניש מיטן גענעראַל-שטאַב, און געפין אויס, אַז מיר גייען אין דער פעסטונג ברעסט-ליטאָווסק — צו הינדענבורגן. מען וויל עס קוים גלייבן!

נאָך אין דער זעלבער צייט מוז איך פאָרן קיין ברעסט.

דער דייטשער פעסטונג-קאָמאַנדאַנט, אָבערסט-לייטענאַנט פאָן

ר. נעמט מיך אויף זייער פריינטלעך, און עס נעמט קוים א שעה צייט, זענען דורכן טעלעפאָן באַזאָרגט קוואַרטירן פאַר אַלע סאָלדאַטן מיט די אָפיצירן. אָבער מיין באַטאַליאָן קומט ערשט שפּעט אין אָוונט. האָב איך אַ גאַנצן טאָג צייט זיך צו באַקענען מיט דעם נייעם פּלאַץ.

פון דער גרויסער פעסטונג זענען געבליבן נאָר אויסגעבע־סערטע חרבות. כמעט די גאַנצע שטאָט איז אָפּגעבראַנט. און נאָר די גרויסע פּלאַקאַטן וועגן „קריגס-געזעץ", אין דייטש, רוסיש, פּויליש און יידישער שפּראַך, זענען עדות, אַז די באַפעלקערונג דאָ איז געווען גאָר אַ גרויסע. בפרט וואַרפן זיך אין די אויגן די יידישע אויפשריפטן. אפילו די „באַן-פאַרשריפטן" אויפן וואָקזאַל זענען געדרוקט געווען אין יידיש.

די גאַנצע ציוויל-באַפעלקערונג האָט מען אַרויסגעטריבן. זענען פאַרבליבן נאָר די ציוויל-אַרבעטער מיט די געלע צייכנס (ווי אין אַמאָליקן יידן-געטאָ...), וועלכע מען צווינגט צו אַרבעטן פאַר צוויי מאַרק אַ טאָג, און די עטלעכע דייטשע קראַנקען-שוועס־טערס, וועלכע באַטרייבן „פרייע ליבע" און שטייען אַמאָל בײַ אַ קראַנקן אויך.

אַ באַזונדערן פּלאַץ פאַרנעמט די „היגיענישע אָפּטיילונג" בײַם גרויסן „פעלד-שפּיטאָל": אַ מיליטעריש איינגעאָרדנט שאַנד־הויז מיט באַזונדערע אָפּטיילונגען פאַר אָפיצירן און סאָלדאַטן, ווו עס ווערן געהאַלטן אונטערן מיליטערישן רעזשים עטלעכע טוצן זונות. פול „מיט גאָט" איז דער דייטשער קריגס-גייסט, אָבער די קריגס־טאַט שלאָגט וואָרצלען אין אַלע באַדערפעניששן פון זעלנערישן הומר...

די ווייניק איבערגעבליבענע הייזער זענען כמעט אינגאַנצן ליידיק, דען די דייטשן האָבן שוין פון לאַנג אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד די בעסטע מעבל. און ווען דער אָפענער רויב ווערט

פאַרבאָטן, איז שוין צו שפּעט: ס'איז פון לאַנג שוין גאָרנישט איבערגעבליבן...

באַם וואָקזאַל בייטן זיך טראַנספּאָרטן פון דער פּאָזיציע און צו דער פּאָזיציע. ווי מאָדנע: די רוסן האָבן שוין באַזעצט די גאַנצע בוקאָווינע, און דווקא פון יענעם פראָנט קומען אָן פּאָלקן, איבערגעשיקט אַהער. שטופּן זיך סאָלדאַטן ווי שעפּסן צו דער שלאַכטבאַנק, פערד און וואָגנס יאָגן ווי אין אַ שרפה, עס קומט אָפּט צו שאַרפע סכסוכים צווישן דייטשן, עסטרייכער און אונגאַרן, — און די מוזיק קלאַפּט און פייפט דערביי עפּעס אַ בערלינער יאַרעד — צום טויב ווערן!

נאָך האַלבער נאַכט מאַרשיר איך אַוועק מיט מיין קאָמפּאַניע. דייטשע סאָלדאַטן פירן אונדז אין פינסטערע קאַזעמאַטן דורך בערג, גריבער און דראָט-צוימען, און ערשט אינדערפרי באַמערק איך, אַז מיר געפינען זיך אין דעם ריזיקן פעסטונג-גאַרטל, וועלכער איז שוין אויסגעבויט אַקעגן מזרח — אַקעגן די אייגענע פריערדיקע באַלעבאַטים, די רוסן. און דאָך ליגן נאָך איבערגעקערטע, מעטערדיקע שטאָלערנע ווענט, אויסגעדרייט און פאַרקרומט ווי אַ בלעך נאָך אַ שרפה — די צעמענטענע געוועלבן זענען דורכגעלעכערט ווי אַן איבערגעפוילט גאָנטן-דעכל, — די רוסישע זיבצען-צענטימעטער-קאַנאָנען ליגן נאָך איינגעגראָבן מיט די „פּיסקעס" אין די הויכע שאַנצן און סטאַרטשען נאָך אַרויס מיט די ברייטע, צעשמעטערטע רוקנס. דאָס האָבן אַזוי די דייטשע „צוויי-און-פערציקער" און אונדזערע „דרייסיק-אַ-האַלב-מערזער" אויפגעריסן און צעדרובלט דעם גרעסטן רוסישן ריז.

איך זע אַזוי זיך איינבאַלעבאַטעווען, אַז מיינע סאָלדאַטן זאָל גאָרנישט פעלן: איך פאַרלאַנג פון די דייטשן נייע בעטלעך, פרישע שטרוי — און אַלץ ווערט מיר געגעבן גערן און פּינקטלעך. דער-

פאַר קאָנטראָליר איך שטרענג, אַז מיינע סאָלדאַטן זאָלן איינהאַלטן די דייטשע פאָרשריפטן.

אַן „אָרדענאַנס„ רופט מיך אַרויס: „אַ דייטשער אָפיציר וויל מיך זען".

אַן עלטערער, צאַרטער הער, שוין האַלב גרוי, אויף אַ גאַנץ הויכן פוקסענעם פערד. אין ערשטן מאָמענט איז מיר שווער צו דער־קענען זיין ראַנג, אָבער זיכער בין איך, אַז עס איז אַ גענעראַל, און איך טיטוליר אים „עקסצעלענץ".

— ווי פילט איר זיך דאָ, הער קאַמעראַד? — פרעגט ער זייער ווייך.

— דערווייל זייער גוט — (איך האָב מורא נאָכאַמאָל איבער־חזרן דאָס וואָרט „עקסצעלענץ", נישט זיכער, צי עס געהערט אים טאַקע דער טיטל) — איך האָף, אַז ווייטער וועט זיין נישט ערגער.

— לאָמיר האָפן — שמייכלט ער — און ווי פילן זיך אייערע סאָלדאַטן?

— דאָס נעמלעכע, — עקסצעלענץ — גליטשט זיך בײַ מיר אַרויס גאַנץ שטיל.

ער געזעגנט זיך גאָר פריינטלעך און רייט אַוועק מיט זיין דינער.

קוים אַ האַלבע שעה שפּעטער קומט צו לויפן מיין אָבערסט אַ פאַרסאַפּעטער:

— מיט דיר האָט דאָס גערעדט זיין עקסצעלענץ?

— יאָ, הער אָבערסט.

— האָט אַלץ געשטימט? האָסט אַלץ געזאָגט? איז אַלץ גע־ווען אין אָרדנונג?

— ער האָט גאָרנישט קאָנטראָלירט, הער אָבערסט, ער האָט נאָר געשטעלט עטלעכע פראַגן.

ווערטלעך מוז איך אים איבערגעבן אונדזער שמועס, און דאָך

גייט ער אַריין אין די וווינונגען פון די סאָלדאַטן, קאָנטראָלירט די קיך, די שטאַלן, פאַרפעלט נישט אַפילו אָנצוקוקן מיין פּריוואַט צי־מער, ווי ער וואָלט מורא האָבן: טאָמער וואָלט זיין עקסצעלענץ יאָ אַריינגעגאַנגען — וואָס וואָלט ער דאָרט געזען?

— עס איז קיין קליניקייט נישט — האַלט דער אָבערסט אין איין טענהן — דאָס איז גראַף פאָן וו., דער גובערנאַטאָר פון ברעסט-ליטאָווסק, אַ ברודער פון דעם באַרומטן גראַף פאָן וו., דורך וועלכן מען האָט אַמאָל געשיקט די קריגס-עקספּעדיציע קיין כינע.

דער אָבערסט טרעפט אַלץ אין אָרדנונג, און איך ווער בײַ אים דערפאַר אַ גאַנצער חשוב...

עס איז אַ ביסל מאָדנע, וואָס באַלד נאָך מיטאָג מוז יעדער אָפיציר פאַרשרייבן אין באַטאַליאָן-קאַנצעלאַריע, צו וועלכער נ אַ־צ י ע און ר ע ל י ג י ע מען באַלאַנגט. אַזאַ רובריק האָט מען ביז איצט קיינמאָל נישט געפירט אין אונדזערע אָפיציר-דאָקומענטן. אָבער שוין דעם צווייטן טאָג זענען מיר זיך משער די סיבה: אונדזער אָבערסט ווערט פאַרבעטן פאַר קומענדיקן זונטיק אויף אָוונט-ברויט צו הינדענבורגן — נאָר זיין אַדיוטאַנט, אָבערלייטע־נאַנט ר., אַן אונגאַרישער ייִד, באַקומט נישט קיין איינלאַדונג. דאָס איז אפשר דער ערשטער פאַל אין דער אַרמיי, אַז אַן אָבערסט זאָל ווערן איינגעלאַדן אָן זיין אַדיוטאַנט. הייסט עס: עס פאַסט נישט די דייטשע יונקערס צו זיצן מיט ייִדישע אָפיצירן בײַ איין טיש. יעדער זעט עס בחוש, נאָר נישט אונדזער שווער-דענקנדיקער אָבערסט:

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן? — חידושט ער זיך, און איז אַלץ איבערצייגט, אַז מען האָט דאָ געמאַכט אַ פּשוטן טעות.

די איינלאַדונג מאַכט אים גאַנץ אומגליקלעך: „וואָס וועט ער דאָרט רעדן מיט דעם גרויסן הינדענבורג? ווי אַזוי וועט ער זיך דאָרט באַנעמען בײַם טיש?“

וואָלט כאָטש מיטגיין דער אַדיוטאַנט, וואָלט ער שוין אויס־פּראַטעוועט פון יעדער פאַרלעגנהייט.

— אַ ייִדישער קאָפּ געפינט תמיד עפּעס אַ ריכטיקן ענטפער — ווינצלט זיך דער אָבערסט, אָבער דאָס האַרץ פלאַטערט אים: וואָס וועט ער טון?

איך באַרויק אים, ער זאָל עס נישט נעמען אַזוי ערנסט און פּרוּוו טרעפן, וואָס פאַר פראַגן הינדענבורג קען אים שטעלן: למשל, ווער עס זענען זייַנע סאָלדאַטן, וויפיל מאָל זיי זענען שוין געווען אין קאַמף, ווי איז דער „גייסט" אין זיין באַטאַליאָן א. אַז. וו. — פראַגן, וואָס ווערן הונדערט מאָל איבערגעחזרט פון יעדן העכערן קאָמאַנדאַנט.

מיין אָבערסט שאָקלט מיטן גרויסן אָקסענעם קאָפּ, פינטלט מיט די אויגן, און נעמט מיך אַריין אין זיין באַזונדערן קאַבינעט.

— מוזסט מיר העלפן, פריינט, — נעמט ער מיך פאַרן אַקסל — וועסט מיר שטעלן פראַגן און מיר טאַקע זאָגן, ווי אַזוי דו דענקסט אויף זיי צו ענטפערן.

ער נעמט זיין קליין נאָטיץ־ביכל, נאָטירט יעדע פראַגע און יעדע תשובה, און נעמט טאַקע באַלד לערנען אויף אויסנווייניק.

נאָך דעם זעלבן טאָג קומט דער באַפעל: „אויסקלויבן אַן ערן־און וואַך־קאָמפּאַניע פאַר דער הויפּט־קוואַרטיר „אָסט".

עס ווערט אַ סאָכעניש אין באַטאַליאָן — אַזאַ כבוד פאַר אונדז! אָבער אויך אַזאַ פליכט...

שוין גאַר מאָדנע קלינגט די „געהיימע" טעלעגראַמע פון אונדזער אַרמיי־אָבער־קאָמאַנדאָ: „אויסוויילן לויטער איבערגעגעבענע, טיכטיקע סאָלדאַטן". צו פּערזענלעכער דינסט פון גענעראַל־פעלד־מאַרשאַל הינדענבורג ווערן באַשטימט אַלס ערן־און וואַך־אָפיצירן: די הערן אָבערלייטענאַנט איגנאַץ ש., אָבערלייטענאַנט י. וו. מ. און דער רעגימענט־דאָקטאָר בעני ב. — מיר אַלע דריי ייִדן!

— די ייִדן מאַכן תמיד די בעסטע געשעפטן — לאַכט אונדזער אָבערסט — אָבער דאָ האָט מער געשפּילט אַ ראָל די ציוויל־באַשעפטיקונג און די פּערזענלעכע קוואַליטעטן. מען מוז דאָך האָבן פאַראַנטוואָרטלעכע, איבערגעגעבענע מענטשן.

איך ווייס נישט, צי אונדזער אָבערסט איראָניזירט, אָבער איך פּרוּוו איינוואַנדן:

— נאָכדעם ווי מען האָט אפילו נישט געוואָלט איינלאַדן אַ ייִדישן אָפיציר צום עסן?

— אויף אָפּצוהיטן אַן איבערקאָמאַנדאַנט זענען ייִדן אויך גוט — זאָגט סאַרקאַסטיש דער אָבערלייטענאַנט ר., טאַקע דער אַדיוטאַנט, וועלכן מען האָט נישט איינגעלאַדן.

מיר נעמען זיך פלייסיק צו דער אַרבעט: עס איז נאָך דאָ אַ וואָך צייט אויסצוקלייבן און צוגרייטן די קאָמפּאַניע, ווײַלן מיר אויס דאָס בעסטע „מאַטעריאַל“, — און ווען מיר קוקן דורך אונדזער פאַרקלענערטע קאָמפּאַניע, (ווײַל אונדזער באַטאַליאָן אַליין האָט אויך קוים אַ פערטל פון דער פאָרגעשריבענער צאָל סאָלדאַטן!), דאַן שטוינען מיר ווידער: די גרעסטע טייל באַשטייט פון ייִדן! פאָרט די ריינסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע סאָלדאַטן, און דערצו די הויפּט־מעלה: אַלע פאַרשטייען דײַטש.

צוגעטיילט אַ ייִדישן פעלדוועבל און נאָך עטלעכע אונטער־אָפיצירן, הייבט זיך אָן אַ סדרה „דרילן“: די „האַלטונג“ איז שלעכט, דער „מאַרש“ איז צו פויל, דאָס סאַלוטירן איז נישט גענוג „שנײַדיק“ — און בפרט דאָס „שולטערן“. אונדזערע סאָלדאַטן טוען אָן די ביקס אויף „4 טאַקטן“. האָט אונדזער אָבערסט באַמערקט בײַ די דײַטשן נאָר „3 טאַקטן“, איז וויל ער דווקא אויסלערנען אונדזערע סאָלדאַטן אויפהעבנגען די ביקס אויפן אַקסל מיט „דריי טאַקטן“, ווי בײַ די דײַטשן. דערמאַן איך מיך אָן אַ מעטאָדע פון נאָר „צוויי טאַקטן“, וועלכע איך האָב געלערנט נאָך אין דער ווינער אָפיציר־

שול — געפעלט דאָס נאָך בעסער אונדזער אָבערסט — און די בידנע סאָלדאַטן באַקומען געשוואָלענע הענט פון דעם כסדרדיקן „שולטערט — איינס, צוויי!", „אין די הענט!", „שולטערט — איינס, צוויי!" און ענלעכע געשמאַקע „מאָלצייטן". דאָס גרייטן מיר צו די „שמירה" איבער אונדזער גרעסטן פעלד-זשעני, דעם גענעראַל-פעלדמאַרשאַל פאָן הינדענבורג.

מיט הינדענבורגן

I.

אונדזער קאָמפּאַניע איז „איינגעדרילט", מיר זענען גרייט איבערצונעמען די דינסט. צום ערשטן מאָל דאַרפן מיר זיך טרעפן „פנים אל פנים" מיט הינדענבורגן. אויף אונדזערע דינערס ציטערט דאָס הייטל: פון פאַרטאָג אָן פוצן זיי אונדזערע מונדירן, און האָבן אַלץ מורא, אז מיר זענען נישט גענוג אויסגעפוצט. נאָך אַ חיש די „קאָמאַשן", נאָך אַ גלאַנץ די קנעפּלעך — ענדלעך שטייט דער אָבערסט, אָבעלייטענאַנט ש., איך און דר. ב. אויף דער „ציטאַדעלע," דער צענטראַלער „פּאָרט" פון דער פעסטונג — מיר דאַרפן זיך פאָרשטעלן פאַר דעם גרויסן גענעראַל-פעלדמאַרשאַל.

אַ דייטשער אָפיציר זאָגט אָן, אַז „זיי קומען". מיר שטעלן זיך אויס אין איין ריי, דער אָבערסט דער ערשטער, איך, אַלס דער יינגסטער, דער פערטער, און מיר ציען זיך אויס ווי די סטרונעס. מיר פילן אצינד „אויף דער אייגענער הויט" דאָס, וואָס מיר פאַרלאַנגען אַזוי אָפט פון אונדזערע סאָלדאַטן: די גלידער בייען ממש אַרויס פון די שלעסער פאַר צופיל „שטרעקן זיך".

און אָט זענען „זיי": די ריזיק־גרויסע, ברייטע געשטאַלט פון ברוסט־געשטרעקטן הינדענבורג, און לעבן אים דער שלאַנקער, אַריסטאָקראַטישער לודענדאָרף.

מיר קענען זיי פון די פאָטאָגראַפיעס.

דער קלענער דייטשער הויפּטמאַן הינטער זיי איז לודענדאָרפס אַדיוטאַנט, פאַן ביסמאַרק — און אַ סך ווייטער הינטער זיי בלייבט שטיין נאָך אַ גאַנצע גרופּע דייטשע אָפיצירן.

מיר באַגריסן אַלע מיטאַמאָל — די דייטשן ענטפערן אַלע מיט איינמאָל. מיין אָבערסט דאַרף זיך פאָרשטעלן דער ערשטער, און ווערט דערביי אַזוי צעטומלט, אַז — בײַ מיין גאַנצן רעספּעקט צום באַרימטן קאָמאַנדיר, גליסט מיך צו לאַכן. שוין בײַם „סאַלוט" פאַרגעסט ער דאָס פּרימיטיווסטע, וואָס יעדער אונדזעריקער סאָלדאַט מוז וויסן: ער לייגט די האַנט צום דאַשעק פון היטל, און אָנשטאָט, ווי די פאָרשריפט הייסט, זי האַלטן „דריי טאַקטן" און זי ווידער אַראָפּנעמען, בלייבט ער שטיין מיט דער האַנט בײַם דאַשעק. אויס העפלעכקייט, האַלט אויך הינדענבורג די האַנט בײַם היטל און שאָקלט פריינטלעך מיטן קאָפּ. נעמט אויך אונדזער אָבערסט שאָקלען מיטן קאָפּ און פאַרגעסט אינגאַנצן, וועגן וואָס ער שטייט דאָ. הינדענבורג דערקענט אָפּנים זיין פאַרלעגנהייט און העלפט אים אַרויס: ער נעמט אַוועק די האַנט פון דעם דאַשעק און הייבט אָן דייער צאַרט:

— הער אָבערסט...

ערשט אַצינד פּלאַצט אַרויס דער אָבערסט זיין „ראַנג", נאָמען און די „פירמע" פון זיין באַטאַליאָן. הינדענבורג שטעלט עטלעכע פראַגן, אָבער איך הער שוין נישט ווייטער, דען וואָס מער דער אָבערסט פאַרהויקעט זיך, אַלץ שטילער רעדט ער, און איך באַטראַכט דערווייל די איבעריקע דייטשן, וועלכע שמייכלען איראָניש אונטער זייערע „ווילהעלמישע" וואָנסעלעך.

שוין גלאַטער גייט דאָס פאָרשטעלן זיך באַם דאָקטאָר און באַם אָבערלייטענאַנט ש. עס קומט צו מיר. דאָס האַרץ ווערט אַביסל אַנטפאַלן, אָבער איך רעד אַרויס די פּאָר פאָרמאַליטעטן, סאַלוטיר גלאַט — פּטור געוואָרן!

— זענט איר אַקטיוו, הער קאַמעראַד? — באַערט מיך הינדענבורג מיט דער פראַגע, און קוקט אויף מיר אַראָפּ מיט זיינע גוטע אויגן איבער זיין הויכער, ברייטער ברוסט.

זיינע גרוילעכע, שטאַרקע וואָנסעס סטאַרטשען אַרויף ווי צוויי שטאָלצע הערנער און באַוועגן זיך קוים, קוים. און ווי נאָר איך ענטפער אים, אַז איך בין אַ „רעזערווע-אָפיציר“, שטעלט ער שוין אַ צווייטע פראַגע:

— האָט איר שלאַכטן מיטגעמאַכט?

— איך רעכן אים אויס אַלע מיינע שלאַכטן און ווונדן, און ז'ערפיל זיך מיטאַמאָל גאַנץ היימיש אים אַקעגנאיבער.

— דאָס איז דאָך שיין — זאָגט ער מיט זיין טיפן באַריטאָנאַלן קול — איך דאַנק, מיינע הערן.

ער סאַלוטירט, אַלע דייטשן מיט אים, — מיר ענטפערן אַלע צוזאַמען — די צערעמאָניע איז געענדיקט.

דער זעלביקער אָפיציר, וועלכער האָט אונדז צוגעגרייט צום פאָרשטעלן זיך, פאַרטיילט אונדז לעגיטימאַציעס, — אַ חוץ דעם אָבערסט.

— האַלט עס תמיד באַ זיך — באַמערקט דער אָפיציר — דען אָן דעם טאָר מען זיך נישט געפינען.

נאָך דעם זעלבן טאָג קלויבן מיר זיך אַריבער מיט אונדזער קאָמפּאַניע אין דער „ציטאַדעלע“. מען ווייזט אונדז אָן דעם פּלאַץ פאַר די וואַכן, און מיר נעמען איבער דעם „וואַך-און ערן-דינסט“. איך דערוויס זיך אַצינד די סיבה, פאַרוואָס מען האָט אַרויסגעטריבן די גאַנצע ציוויל-באַפעלקערונג: עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז רו=

סישע שפיאָנען ווילן אויספירן אַן אַטענטאַנט אויף הינדענבורגן. דערפאַר מוז מען זיין אַזוי פּאַרזיכטיק, — צוליב דעם האָט מען אויסגעוויילט די איבערגעבנסטע אָפיצירן און סאָלדאַטן.

כדי צו פאַרשטאַרקן אונדזער „מאַגערע" קאָמפּאַניע, טיילט מען אונדז נאָך צו צוויי אויסדערוויילטע דייטשע „צוגן". און ווידער שאַפט מען אַ סימבאָל פון „פאַרברודערונג": מען מישט דייטשע מיט עסטרייכישע, און אַזוי היט מען אָפּ צוזאַמען דעם איבערקאָמאַנדיר. דערביי איז נאָר צו באַוווּנדערן די פלינקע צופּאַסונגספעיקייט פון די פּשוטע סאָלדאַטן: דער דייטשער אונטעראָפיציר קאָמאַנדעוועט „אויגן רעכטס", וואָס הייסט אויף עסטרייכישן מיליטער־לשון „רעכטס־שאַוט" (קוקט אויף רעכטס), — און מיינע סאָלדאַטן ווייסן תיכף, וואָס ער וויל. שרייט מיין אונטעראָפיציר „האַב אַכט", פאַרשטייען באַלד די דייטשן, אַז דאָס מיינט מען אויף זייער לשון „אַכטונג", — און אויך זיי פירן אויס דעם באַפעל.

— הער אָבערלייטענאַנט, — קומט אַן אונטעראָפיציר — דער הער אָבערסט איז אַרעסטירט!

— איך קען עס גאָרנישט פאַרשטיין: ווי איז דאָס מעגלעך? איך טעלעפאָניר צו דער הויפּט־וואַך — יאָ, דער אָבערסט איז אַרעסטירט, ווייל ער האָט נישט קיין לעגיטימאַציע. דאָס איז ער געקומען עסן אָוונטברויט מיט הינדענבורגן, האָט מען אים דערווייל אַרעסטירט אַלס „פאַרדעכטיקן".

— דיין אייגענעם אָבערסט האָסטו געלאָזט אַרעסטירן? — נאַקיועט דער אָבערסט, ווען איך קום אים באַפרייען.

איך פיל, אַז איך בין אים אין דעם מאָמענט זייער טייער, בפרט, אַז איך דאַרף מיט אים נאָכאַמאָל אויף שנעל איבערחזרן אַלע פראַגעס און תשובות, וואָס הינדענבורג קען אים פרעגן אויף דער נאַכט. פּלוצלינג קלינגט דריי מאָל דאָס עלעקטרישע גלעקל — אַ סימן, אַז הינדענבורג וועט באַלד פאַרבייגיין.

— „געוועער אַרויס! געוועער אַרויס! געוועער אַרויס!" — צעשרייט זיך דריי מאָל דער וואַך-סאָלדאַט, די גאַנצע וואַך זאָל אַרויסגיין.

שנעל שטייט די גאַנצע חברה אויפן פּלאַץ און איך קאָמאַנדיר שנעל „לינקס שאַוט", דען הינדענבורג שטייט שוין עטלעכע שריט פאַר אונדז.

ער באַגריסט פריינטלעך ווי תּמיד און גייט זיך ווייטער מיט זיין סוויטע.

— אידיאָט! — שפּרינגט צו דער אָבערסט צום וואַך-סאָלדאַט, נאָכדעם ווי הינדענבורג איז פאַרשוווּנדן — ווייסט דען נישט, אַז דריי מאָל „געוועער אַרויס" רופט מען נאָר פאַר זיין מאַיעסטעט דעם קייזער?

— יאָ, הער אָבערסט, — ציטערט דער בלאַס-געוואָרענער סאָלדאַט — אָבער מען זאָגט, אַז הינדענבורג איז גרעסער פון זיין מאַיעסטעט דעם קייזער...

אַכט אַ זייגער אין אָוונט גייט הינדענבורג צום אָוונט-עסן. לעבן אים לודענדאָרף, אַ צוויי שריט הינטער זיי דער הויפּטמאַן פאָן ביסמאַרק, צען שריט ווייטער גיי איך, און באַ אַ צוואַנציק שריט הינטער אונדז זעבן צעשאָטן אין די פאַרשידענע אַלעיעס און ווינקעלעך די אַגענטן פון געהיים-פּאָליציי. הינדענבורג, לודענדאָרף און דער הויפּטמאַן גייען אַליין אין דעם קליינעם, עלעגאַנטן „מענאַזש-הייזל", די פּאָליציי-אַגענטן רינגלען אַרום דעם גאָרטן — איך שטעל זיך אויף וואַך אין דעם האַלב-טונקעלן הויף, אַקעגן דעם אָפענעם פענסטער. דאָס עס-צימער איז העל-באַלויכטן און מען זעט אַלץ אַריין. דער אָבערסט און נאָך אַ זייטשער אָפיציר, אוודאי דער „קוך-מייסטער", זענען שוין אינעווייניק. מען זעצט זיך צום טיש, און באַלד נאָך די ערשטע גלעזלעך קאָניאַק פאַר-

קניפט זיך אַ שמייעס. עס הערט זיך כמעט יעדעס װאָרט. אויך דאָ פירט הינדענבורג די „קאָמאַנדע", כאָטש מיט גאָר לאַנגע פויזעס און מיט אַ סך װייניקער ענערגיע װי אויפן „פראָנט".

— פראָזיט, אויף אונדזער זיג! — זאָגט אונדזער אָבערסט אויסטרינקען זיין גלעזל, כאָטש די האַנט ציטערט אים װי אין פיבער.

— נאָר „דורכהאַלטן", הער אָבערסט, — איז לודענדאָרף שטייף „איבערצייגן", גלייך ער װאָלט װעלן קיבעצן אונדזער אָבערסט פאַר אַלע ספקות פון אונדזער גאַנצער אַרמיי.

— די שטאַרקערע נערװן װעלן זיגן — זאָגט הינדענבורג זיין באַקאַנט װערטל און דעקט אַלעמען מיט זיין זיכערן טאָן.

און פאַר מיין אָבערסט הייבן זיך אָן די אמתע טאָרטורן: הינדערבורג פרעגט, און ער גיט אינפאָרמאַציעס װעגן זיינע סאָלדאַטן. פאַרמישט ער אָן עסק פון פאָלאַקן און אוקראַינער, דרייט אַ קאָפּ װעגן רוימיש-קאַטויליש, גריכיש-קאַטויליש און „פּראַװאָס-לאַװנע-קאַטויליש", און פאַרהאַקט זיך אַזוי, אַז צען אָקסן װעלן אים מער נישט אַרויסשלעפּן! אַפנים, אַז נישט הינדענבורג און נישט לודענדאָרף זענען שטאַרק בקי אין רעליגיעזע ענינים, דען זיי נעמען אויף יעדע „אינפאָרמאַציע" אַלס אַ כשרע מטבע.

מער װייניקער האָב איך געטראָפן, װאָס מען װעט דאָרט דערפרעגן מיין אָבערסט, און כאָטש ער ענטפערט אויף דער דריטער פראַגע מיט אַ תשובה פון דער זעקסטער, גייט עס אים נאָך אַלץ גלאַט. קוים אָבער קומט מען אויף אַ פראַגע, װעלכע ער האָט נישט אין זיין נאָטיץ-ביכל, — נעמט ער שטאַמלען און באַלאַמוטקען — אַז נאָר איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען!

און עס איז זיכער באַ אים דער גליקלעכסטער טאָג אין לעבן, װען די דייטשן הייבן זיך אויף פון טיש, זאָגן „אַפּעטיט" און ער ענטפערט „מאַלצייט" — און מען צעגייט זיך.

II.

צום קייזערס נאָמענס-טאָג פֿאַרזאַמלען מיר זיך אין דעם קליינעם, ווייסן קלויסטערל, וועלכעס שטייט אין מיט פֿון גרויסן פּאַרק. שוין די מאַרמאָרנע טרעפּלעך און די פּאַרזילבערטע, פּראַוואָסלאַוונע קאָפּולן אויפֿן דאַך זאָגן עדות, אַז נישט תּמיד און נישט יעדער האָט געקענט אַהין אַריינקומען. „דעם צאַרס קאַפּעלע“ רופֿט מען דאָס קלויסטערל, און מען פֿלעגט עס עפֿענען נאָר פֿאַר גאָר הויכע פּערזענלעכקייטן.

די גאָלדענע לייכטערס און צלמים פֿון אינעווייניק באַשטעטיקן עס אויך. די קליינע „שיף“ פֿון קלויסטער קען אויפֿנעמען קוים עטלעכע צענטליק מענטשן, זעגען פּאַרטרעטן נאָר דער דייטשער שטאַב, אַ פּאָר עלטערע אָפֿיצירן פֿון די אַרומיקע רעגימענטן און פֿון אונדזער באַטאַליאָן איז דאָ דער אָבערסט, איך און דער דאָקטאָר ב. — אָבערלייטענאַנט ש. האָט הייגט וואַך-דינסט און מוז בלייבן אויף זיין פּאָסטן.

מען וואַרט אויף הינדענבורגן, אָבער עס קומט נאָר לודענדאָרף מיטן אַדיוטאַנט. הינדענבורג איז צוגעקילט און איז געבליבן אינדערהיים. דער פּראָטעסטאַנטישער קאַפּלאַן ווייסט שוין אַפּנים וועגן דעם, דען ווי נאָר לודענדאָרף פֿאַרנעמט דעם פּלאַץ אין דער ערשטער באַנק, נעמט מען זיך תּיכּף פּראַווען די צערעמאָניע. עטלעכע מאָל קומט אויס זיך אויפֿשטעלן פֿון פּלאַץ, און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז לודענדאָרף פֿאַרשטייט גאָר ווייניק פֿון די „דראָבנע אותיות“: ער זיצט אַליין אין דער ערשטער באַנק און קען נאָר נאָכן גערויש באַמערקן, ווען מען האָט זיך אויפֿגעשטעלט. כאַפּט ער זיך יעדעס מאָל צו שפּעט און קוקט שוין אַ נערוועזער, ווען די אַנדערע וועלן זיך זעצן, ער זאָל נישט בלייבן קיין פֿאַרשעמטער.

דער עולם קניט, איך בלייב שטיין, ציט מיך אונדזער רע-

גימענט-דאָקטאָר פאַרן אַרבל, איך זאָל אויך קניִען. באַמערק איך אָבער, אַז לודענדאָרף שטייט צווישן צוויי געצוויגענער, און נאָר די הערשנדיקע שטילקייט מאַכט מיך אויפמערקזאַם, אַז דאָ טוט זיך עפּעס. פאַרזיכטיק דרייט ער אויס דעם קאָפּ און באַמערקט, אַז אַלע קניִען. פאַר בושה, צי גלייכגילטיקייט בייגט ער קוים איין די רעכטע קני און נייגט אַן דעם קאָפּ. אויף אים קוקנדיק הייבן זיך אויף אויך אַנדערע אָפיצירן, און אַזוי אַרום לאָזט מיך שוין דער דאָקטאָר צורו.

דער גלח פרעדיקט און שליסט מיט דער „הימנע". און דאָ פּאַסירט מיט אונדזער גענעראַל-שטאַב-שעף ווידער אַ קליינע נישט אָנגענעמלעכקייט. ער ווייסט נישט אַ פּנים, אַז די עסטרייכישע „הימנע" פאַרענדיקט זיך מיט אַ „ביס" פון דעם לעצטן זאַץ, זעצט ער זיך צוריק אויף דער באַנק תּיכּף נאָך דער ערשטער פינאַלע. די מוזיק שפּילט ווייטער, די אָפיצירן זינגען מיט שטיל — טוט זיך לודענדאָרף צוריק אַ כאַפּ אויף פונם פלאַץ און דרייט אויס דעם קאָפּ צו דער מוזיק-גאַלעריע מיט אַ בליק, ווי ער וואָלט זיי אַלעמען דאָרט וועלן לינטשן פאַר זיין טעות.

אָבער אויך דאָס זענען מיר איבערגעקומען. אונדזער באַטאַליאָן גרייט זיך צום „פעסט-עסן" צוליב דעם קייזערס געבורטס-טאָג, צו וועלכן אונדזער אָבערסט פאַרבעט דעם גובערנאַטאָר, גראַף פאָן ה. און דעם פעסטונג-קאָמאַנדאַנט אָבערסט-לייטענאַנט ר. מיט די אַדיוטאַנטן.

מיר קומט אויס צו זיצן פונקט אַקעגן דעם גובערנאַטאָר. מען האַלט באַ דער יויך, און די אָפיצירן זענען שוין אַלע אָנגעגורט מיט לעפלען, גרייט מיט דער „ערשטער אַטאַקע" אויסצוזיפּן די פליסיקייט פון די ווייסע טעלער, וואָס שמעקט מיט דעם טעם פון דער „גאָלדענער יויך". אָבער זיין עקסצעלענץ איז פאַרטון אין אַ שמועס מיט אונדזער אָבערסט — און קיינער וועט נישט וואַגן

פאַר אים אַ דיר טון מיטן לעפל. ענדלעך טינקט ער איין דעם לעפל אין דער זופ. ווי אויף אַ קאָמאַנדאָ אַלע אָפיצירן דאָס זעלבע. אָבער עס נעמט נאָך אַ לאַנגע ווײַלע, און די אָפיצירן שלינגען דערווײַל די סלינע. עקסצעלענץ פאַרענדיקט דאָס לעצטע וואָרט און נעמט דעם לעפל צום מויל. ערשט אַצינד נעמען זיך באַוועגן באַ אַ דרײַסיק לעפלען פון טעלער צום מויל און אויף צוריק — כמעט אַלע אין טאַקט.

איך האַלט דעם לעפל אין האַנט, לאָז אָבער שטיין די זופ און קוק זיך איין אין דעם גראַפס פּײַנע, אַריסטאָקראַטישע מאַניערן באַם עסן און באַם רעדן. מיר באַגעגענען זיך מיט די בליקן. ער קוקט זיך איין אין מיר. און איך נעם נישט אַראָפּ דעם בליק פון זײַנע קלוגע, ליכטיקע אויגן, — אַזוי עטלעכע מאָל. ער שעפּטשעט עפּעס צום אָבערסט, ווײַזט אָן אין מײַן זײַט — דער אָבערסט כאַפּט אַ בליק און ענטפערט אים עפּעס אָפּ.

— איר האָט תּמיד וווּנדערבאַרע מעלשפּײַזן — לויבט זײַן עקסצעלענץ, און בעט אַ צווייטע פּאָרציע און אַ דריטע.

באַם געזעגענען זיך גיט ער אַלעמען די האַנט און שטעלט זיך אָפּ באַ מיר:

— מיר קענען זיך שוין פון ערשטן טאָג, הער אָבערלייטע-נאַנט, נישט אמת?

— יאָ, עקסצעלענץ.

— איך הער, איר באַשעפטיקט זיך מיט קונסט.

— דאָס איז מײַן פּראָפעסיע, עקסצעלענץ, — און מיר דאַכט זיך, אַז איך ווער אַ ביסל רויט.

— אָ, מיר ווייסן תּמיד צו שעצן די קינסטלער — זאָגט ער מיט אַ געוויסן שטאָלץ — איר קענט דאָך צ. ב. די בערלינער טעאַטערס.

— געוויס, עקסצעלענץ. מיט דעם „קעניגלעכן שוישפּיל-הויז"

און מיט די ריינהאַרדטס־טעאַטערס קען שטאָלץ זיין גאַנץ דייטש־לאַנד.

— אויך אין קריג פאַרנאַכלעסיקן מיר נישט די קונסט. איר ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן פראָנט־ביבליאָטעקן, קינאָס, טעאַטערס.

— אַ זייער ניצלעכע איינריכטונג, עקסצעלענץ, — ענטפער איך, אַבי צו געבן אַ תשובה.

— און אַצינד ווילן מיר ברענגען אַ ביסל „קונסט" צו די רוסן — שמייכלט ער.

עס איז זיכער ניצלעך, — וואָג איך שוין צו פּאָלעמיזירן — אַז פעלקער זאָלן זיך באַקענען קעגנזייטיק מיט זייערע קינסטלער. דען אויך די רוסן האָבן צום ביישפּיל אַ גאָר גרויסע און שיינע ליטעראַטור.

— יאָ, געוויס, צום ביישפּיל דער... גראַף... גראַף טאָלסטאָי. און דערפאַר טאַקע ווילן מיר דאָך וואָס ווייטער אַריין אין זייער לאַנד. איר ווייסט דאָך ווי אונדזערע דיכטער האָבן געזאָגט:

„ווילסטו דעם דיכטער פאַרשטיין, מוזסטו אין דיכטערס לאַנד גיין".

ער צעלאַכט זיך אויפן קול, און מיט אים די אַנדערע אָפיצירן.

— גוטן טאָג, מיינע הערן, — געזעגנט ער זיך און גייט אַוועק מיט די איבעריקע דייטשן.

— זיין עקסצעלענץ האָט מיט דיר זיך פאַראינטערעסירט שוין באַם עסן — זאָגט מיר דער אָבערסט פול פרייד.

— סיי ווי ווען ער שוין באַקומען אַ מעדאַל — איז אַביסל אייפערזיכטיק דער אַדיוטאַנט.

ווי יעדע צווייטע נאַכט, ווען עס קומט אויף מיר די „טור", באַגלייט איך אויך דאָסמאָל הינדענבורגן פון אָוונט־ברויט. עס וואַרט אויף אים אַפּנים אַ שווערע אַרבעט, דען אָנשטאָט די האַלבע שעה שפּאַצירן און דערנאָך, ווי געוויינטלעך, גיין אין זיין וווינונג, גייט ער

דאָסמאָל מיט לודענדאָרפן אין זיינע קאַנצעליאַריעס. באַם קליינעם שויערל האַלט וואַך אונדזערס אַ הויכער, כמעט אַ גריינ־גרויער סאָל־דאַט, וועלכן מען האַלט פאַר אַ געשמדטן ייד. דער סאָלדאַט פירט אויס זיין „ערן־באַצייגונג“ אַזוי פלינק ווי אַ צוואַנציקיעריק בחורל. הינדענבורג בלייבט שטיין, קוקט אַ ווײַלע, און ווי זיין טבע איז, נעמט ער אים פאַרן אַקסל און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס:

— ווי אַלט זענט איר, קאַמעראַד?

— אַכט און פערציק — שטאַמלט דער סאָלדאַט און ציטערט מיט אַלע גלידער.

— אָבער בלייבט דאָך רויק, פריינט, — קלאַפּט אים הינדענבורג איבערן אַקסל און בעט זיך באַ אים מיט דער נאַיוויטעט פון אַ גרויס קינד, — איך וויל דאָך נאָר וויסן, ווי עס גייט אייך. פונוואַנען זענט איר?

— פון מערן.

— האָט איר פאַמיליע? קינדער?

— איך האָב שוין געוויגט אייניקלעך — ווערט דער סאָלדאַט דרייסטער.

— זענט איר שוין געווען אויף „אורלויב“?

— ניין — איז דער סאָלדאַט אַ פאַרציטערטער

— אַ שאָד. עס דויערט שוין אַביסל צו לאַנג די גאַנצע געשיכטע — וואָס?

— אוי, שוין אַביסל צו לאַנג — זיפצט דער סאָלדאַט.

— נו, זאָרגט נישט, פריינט, — קלאַפּט ער אים ווידער אין פּלייצע — עס וועט שוין נישט מער לאַנג אָנהאַלטן.

אין דער נאַכט הערשט אַ גרויסע באַוועגונג פאַר די קאַנצעלאַריעס: אויטאָמאָבילן קומען און פאַרשווינדן. עלטערע און יונגע דייטשע אָפיצירן גייען אַריין, קאָנפערירן לאַנג און טראָגן זיך אַוועק אַזוי שנעל, ווי זיי זענען געקומען — הינדענבורג מיט לו־

דענגדאָרפן אַרבעטן ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט איבער פאַר־שידענע פּלענער און אַקטן.

ערשט אינדערפרי דערוויס איך זיך, אַז אין דער נאַכט איז דאָ געווען אויף א „באַשפּרעכונג" דער קייזער ווילהעלם. פאַר מיינע אויגן פאַרבייגעגאַנגען, און איך האָב נישט אָנגעהויבן צו וויסן, ווער דאָס איז. — כאָטש איך האָב דעם קייזער עטלעכע מאָל געזען אין בערלין. זיין באַזוך האָט באַדאַרפט זיין „אינקאָגני־טאָ", און די דייטשן פאַרשטייען, ווי צו האַלטן אַ „סוד".

אין דערזעלבער נאַכט איז הינדענבורג געוואָרן דער אויבערקאָמאַנדאַנט פון אַלע פראָנטן, און האָט תיכף געמוזט אַוועק קיין בערלין. און מיט דעם איז אויך געווען פאַרבונדן דער גורל פון אונדזער באַטאַליאָן. מען גיט מיר איבער אַ גאָלדענעם מעדאַל „סיגנום לוידיס", מיטן „טאַפּפערקייטס־באַנד און שווערטער" אַ באַלוינונג פאַר דעם „אויסגעצייכנטן מיליטער־דינסט".

— וואָלט אייער אָבערסט געווען פּראָפּאָנירט צו געבן עסט־רייכישע מעדאַלן פאַר אונדזערע אָפיצירן — דערקלערט מיר דער דייטשער אַדיוטאַנט — וואָלסטו איצט זיכער באַקומען דעם דייטשן „אייזערנעם קרייץ".

און צוזאַמען מיט דעם מעדאַל קומט דער באַפעל, מיר זאָלן תיכף זיין גרייט צום פאָרן.

געענדיקט איז אונדזער שענסטער דינסט אין קריג: די עט־לעכע וואָכן מיט הינדענבורגן...

דער ערשטער אַרויספאָר איז קעגן מערב — אין דער ריכ־טונג צו וואַרשע. פאָרן מיר דאָך נישט מיט הינדענבורגן. אָדער גאָר אויף דעם פראַנצויזישן פראָנט?

אונדזער אָבערסט פאַרזאַמלט כמעט אַלע אָפיצירן בא זיך אין וואַגאָן, — זאָל יעדער ראָטן, וווהין מען פירט אונדז. אָבער קיינעמס מיינונג קומט נישט אויס וואַרשיינלעך. אפשר רומעניע?

מאַקענזען האָט דאָרט קאָנצענטרירט זיין הויפּטמאַכט און שטייט גרייט אויספירן דעם „טויט־קלאַפּ" אויף דעם „נאַרישן לאַנדל".

— נו, סטראַטעגיקער — ווענדט זיך צו מיר דער אָבערסט, האַלטנדיק פאַר זיך די מאַפּע פון רומעניע — ווי אַזוי וואָלסטו צוגעגאַנגען צו אַזאַ שטיקל אַרבעט?

איך סקיציר אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו אַטאַקירן רומעניע פון דרום זייט, און אַזוי אַרום מיט איין מאָל אָפּצושניידן די גאַנצע וואַלאַכיי פון דעם איינגעבויגענעם רומענישן „ווינקל". כאָטש מיין פּלאַן איז גאָר אַ פּשוטער, איז מיין אָבערסט גאָר אַנטציקט פון אים:

— אפשר אַריינשיקן די סקיצע צו דער אַרמיי־אָבער־קאָמאַנדאָ? — קוקט ער אויף מיר ערנסט מיט זיינע טריבע אויגן — עס וואָלט קומען דערפאַר אַ שיינער מעדאַל...

— הוראַ! — ווערט ערגעץ אַ געפילדער צווישן אונדזערע סאָלדאַטן.

דער צוג דערנעענטערט זיך צו אַ סטאַנציע — מיר שטעלן זיך אָפּ — און דער טומל, דאָס געפּייפעריי און די געשרייען פון אונדזערע סאָלדאַטן וואַקסן וואָס אַמאָל שטאַרקער. דערשראָקענע לויפן מיר אַרויס פון די וואַגאָנען.

— וואָס איז געשען? — פרעג איך דעם פעלדוועבל, וועלכער קייכט פאַר געלעכטער.

— אָט, הער אָבערלייטענאַנט. — האַלט ער זיך קוים איין פון לאַכן — אַ מיידל שטייט דאָרטן.

פאַר דער טיר פון דעם קליינעם וואָקזאַל שטייט אַ בלאָנד מיידל אוןווישט דאָס צעפלאַמטע פּנים מיט אַ ריין, ווייס פאַר־טוכל. אַ קעלנערקע מסתמא, און זי האָט דאָס אַריינגעבראַכט אונ־דזערע סאָלדאַטן אין אַזאַ התפּעלות: נאָך לאַנגע, לאַנגע וואָכן האָבן זיי צום ערשטן מאָל ווידער דערזען פאַר זיך אַ פרוי.

צו דער פּאָזיציע

שוין אין לעמבערג ווייסן מיר וואָהין מיר, פאָרן: די פעסטונג האַליטש איז אין געפאַר און דאַרף הילף...

דעם צווייטן טאָג נאָכמיטאָג קומען מיר קיין ק., אפשר דאָס ריינסטע פון אַלע גאַליצישע שטעטלעך, מיט די שענסטע פויערים־מיידלעך פון דער גאַנצער אוקראַיִנישער נאַציע. דאָ דאַרפן מיר איבערנעכטיקן און פונדאַנען מאַרשירן צו דער פּאָזיציע.

איך פּרוּוו באַזאָרגן קוואַרטירן פאַרן גאַנצן באַטאַליאָן, אָבער אין באַצירקס־קאָמאַנדע, וועלכע טראָגט נאָך די שטאָלצע אויפשריפט; „ק. ק. עטאַפּנבאַצירקס־קאָמאַנדאָ סטאַניסלוי״ (כאָטש סטאַניסלאַוו איז שוין פון לאַנג ווידער אין רוסישע הענט) — קען מען מיר נישט געבן קיין שום אינפאָרמאַציע. אַ סך הייזער זענען באַצייכנט מיט „כאָלערע״ אָדער „טיפוס״, אַנדערע הייזער האָבן פאַרנומען די אַנטלאָפענע אַרום דער פּאָזיציע, — און די עטלעכע ליידיקע דירות זענען פאַרשלאָסן.

— ווער האָט דעם שליסל? — פרעג איך אַ שכנה.

— דער באַלעבאָס איז אַנטלאָפן און האָט מיטגענומען דעם שליסל.

ענלעכע תשובות באַקום איך כמעט פון אַלע. איך זע באַלד איין, אַז מיט „ווייכע רייד״ וועל איך קיין פּלאַץ פאַר מיין באַטאַליאָן נישט געפינען.

— אויב עס איז נישטאָ קיין שליסל — זאָג איך צו אַ צווייטער שכנה — וועל איך הייסן מיינע סאָלדאַטן, זיי זאָלן אויפברעכן די טירן.

זי ווערט אַ פאַרציטערטע און ברענגט באַלד דעם שליסל. און נאָך אויף דעם אויגן געלינגט מיר צו פאַרזאָרגן אַ פּאָר ענגע קוואַרטירן. אָבער מיין אָבערסט איז מיט דעם נישט צופרידן און

ער טשעפּעט זיך דערפֿאַר צו מײַן ייִדישן פֿעלדוועבעל, וועלכער האָט מיר געהאָלפֿן בײַ דער אַרבעט.

— הער אָבערסט, — מעלד איך אים „דינסטלעך" — דער פֿעלדוועבעל איז אין דעם גאָרנישט שולדיק. איך בין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די קוואַרטירן. קיין בעסערע האָט מען נישט געקענט געפֿינען.

די אָפֿיצירן אַרום ווערן בלאַס: אַזאַ באַמערקונג צום שטרענגן אָבערסט איז גלײַך ווי „אַ גאָט לעסטערונג".

— וואָס איז? — ווענד איך זיך צו זײַ אויפֿן קול, דער אָבערסט זאָל מיך הערן — אויב איך טויג נישט, זאָל מען מיך שיקן אַהיים.

דער אָבערסט ווערט „פֿלאַם־פֿײַער". ווען איך בין נישט זײַן „פּונקט אין הערצל", ווי די אָפֿיצירן רופֿן מיך, וואָלט ער מיך זיכער אויסגעזידלט אָדער באַשטראָפֿט.

— וועגן דעם האָב איך דאָך נישט געפֿרעגט — זאָגט ער גאָר קורץ, שטייט עטלעכע מינוטן אָנגעברוגזט און נעמט מיך ענדלעך באַם אָרעם — קום, וועלן מיר גיין אין קאַפֿע־הויז.

איך זאָג זיך אָפּ און גיי אַוועק מיט דעם אײנציקן ווונטש: ווען ווערט מען שוין זייערע פּטור!... אָבער באַלד לאָזט מען מיך פֿילן, וואָס עס הייסט זיך פֿאַרייסן מיט אַ קאָמאַנדאַנט: מען שיקט מיך מיט מײַן קאָמפּאַניע אויפֿן געפֿערלעכסטן פּונקט — „זיכערן דעם רוקן פֿון אונדזער בריגאַדע".

פֿאַרטאָג שטייען מיר גרייט צום מאַרש. עס פֿעלט אַ ייִדישער סאָלדאַט. מען געפֿינט אים ענדלעך מיט אַ דורכגעשניטענעם האַלדז: אויס מורא פֿאַר דער פּאָזיציע איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד...

— אַ שלעכטער סימן — צלמען זיך די גויים און שרעקן זיך פֿאַר עפּעס בייז. — און מיר נעמען דערווײַל מאַרשירן אין דער ברענענדיקער זון און דערנענטערן זיך אַלץ מער צום ציל.

שוין זייט דריי טעג ברומען די קאַנאָנען טאָג און נאַכט. מיר ווייסן, אַז דאָרט, אויף יענע פלאַכע בערגלעך, וויגט זיך אַצינד דער גורל פון אַ שטיק גאַליציע. און ווען מיינע זעלנער דערזען דעם ערשטן לענגלעכן „פעסל־באַלאָן", וואָס קוקט אויס פון ווייטן ווי אַ שוועבנדיקער קוימען, אַראָפּגעשאָסן פון אַ דאַך — נעמען זיי ווידער זיך צלמען.

— פלוצלינג יאָגן אָן אייגנציקווייז רייטער ווי צעשאָטענע אָפּקלאַנגען פון ווייטע דונערן. באַלד קומען אויך גאַנצע גרופּעס, און הינטער זיי לאַנגע, לאַנגע טראַין־קאַלאָנעס. פונוויטנס באַווייזן זיך די שוין באַקאַנטע דריי פּאָר באַריטענע פערד — אַרטילעריע, — און ענדלעך אַ הויכער שטויב־וואָלקן — מאַרשירנדיקע אינפאַנטעריע. מיין חברה ווערט בלייך, — איך אַליין קען עס אויך נישט באַגרייפן: — אַ „ריקצוג"?...

— „קוואָ וואַדיס דאָמינע"? — שטעלט מיך אָפּ אַ לוסטיקער אַרטילעריע־ריטמייסטער.

— „קיין ב. צו דער עטאַפּן־סטאַנציאָנס־קאָמאַנדאָ.

— נאָך אינדערפרי אַוועק פון דאָרט.

— וווהין? — ווערט מיר שוין אַביסל פריקרע

— דאַכט זיך קיין ט., באַשטימט ווייס איך נישט.

— גייט איר אויך אַהין?

— קיין מענטש ווייסט נישט! די גאַנצע דרייסיקסטע אינפאַנטעריע־טרופּן־דעוויזיע האָט מען אַרויסגעצויגן פון דער פּאָזיציע.

— אַ ריקצוג?... — פרעס איך קוים אַרויס דורך די ליפּן.

— ווער ווייסט?... אפשר אונדזער גאַנצע דעוויזיע האָט נאָך קוים 1000 פייער־געווערן.

וואָס איז צו טון? אויב די רוסן האָבן דורכגעבראָכן דעם פראָנט, לויף איך דאָך זיי גלייך אין די הענט אַריין! אין צוויי שעה אַרום קען איך זיין געפאַנגען מיט מיין גאַנצער אַרמיי.

דאָך דאָס טויטע וואָרט שטייט אויפן פּאַפּיר: דער באַפעל הייסט בפירוש מאַרשירן קיין ב. און אָן אייגן אחריות טאָר איך דאָס נישט ענדערן.

דער פראָנט איז שוין נישט ווייט. אויף דער פּאָזיציע ווערט שטילער. דער קאַמף איז אַפּנים „אָפּגעבראָכן" — איין פּאַרטיי גייט צוריק. מסתמא מיר...

אין ב. איז אַליץ אין אָרדנונג: די רוסן האָט מען צוריקגעשטויסן, נאָר די דרייסיקסטע „אי. ט. ד." האָט מען אַריבערגעשיקט נענטער צו די קאַרפּאַטן, ווייל דאָרט רעכנט מען זיך מיט אַ נייעם רוסישן פּאָרשטויס.

איך לאָז מיינע מידע זעלנער טרינקען אַ הייסע קאַווע, און באַזאָרג זיי קוואַרטירן, אַליין צי איך מיך אַריין אין אַ קליין „פּאַלאַצל" — און נעם איבער די דאָרטיקע „עטאַפּן-שטאַנציאָנס-קאָמאַנדאָ".

אין מיין נייער „מלוכה"

אין מיין דאָרף געפינט זיך אויך אַ דייטשע אָפּטיילונג. הונדערטער קלאַגעס קומען פון די אַרומיקע פּויערים, באַ וועלכע די דייטשן נעמען אַוועק דאָס לעבנסמיטל פאַר האַלבע פּרייזן און אָפט אויך גאַנץ אומזיסט. מיינע אייגענע סאָלדאַטן קרענקט דאָס ביז גאָר און זיי שאַרפן די באַיאָנעטן אויף נקמה: — זיי ווילן זיך וואַרפן אויף דער דייטשער אָפּטיילונג. איך מוז פאַרווערן די דייטשן איינצוקויפן לעבנסמיטל און שטעל צונויף אַ באַזונדערע זשאַנדאַרמעריע-אָפּטיילונג, וועלכע זאָל אויף דעם אַכטונג געבן.

קומען אָפּט פּאָר צוזאַמענשטויסן, באַ וועלכע אונדזערע זשאַנדאַרמען דערשטעכן אַ דייטשן סאָלדאַט, און אַ דייטשער ריטמייסטער דערשיסט מיין זשאַנדאַרמעריע-וואַכמייסטער. פירט דאָס ווידער צו צאַנקערייען און פּראָצעסן — און מען מסרט מיך, אַז איך באַשעפטיק אין מיינע קאַנצעלאַריעס לויטער יידן.

כדי צו זיין אָביעקטיוו, דאַרף אַן אונגאַרישע קאָמיסיע אונטערזוכן מיין „פאַרברעכן". איך לאָז פאַרזאַמלען מיין גאַנצע קאָמפּאַניע, הייס די יידן זיך שטעלן באַזונדער, און פרעג אין קעגנוואַרט פון דער קאָמיסיע באַ אַלע איבערגעבליבענע גויים:

— ווער פון אייך קען פעלער-פריי לעזן און שרייבן דייטש?

קיינער פון זיי רירט זיך נישט.

— זעט איר שוין, מיינע הערן, — ווענד איך זיך צו דער קאָמיסיע — פאַרוואָס בין איך געצוווּנגען צו באַשעפטיקן אין מיינע קאַנצעלאַריעס לויטער יידן?

איך ווייס, אַז קיינער פון מיין „מיליטערישער קאָמיסיע" איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין קאַמף. און כדי זיי צו באַווייזן, אַז אַלע מיינע קאַנצעלאַריע-שרייבער זענען פיזיש נישט גענוג שטאַרק אויסצוהאַלטן די אַלע מאַטערנישן אין דעם פראָנט, — פאַרבעט איך די גאַנצע קאָמיסיע אויף אַ באַזוך אין דער פּאָזיציע.

ווייטער ווי ביז צו דער אַרטילעריע-שטעלונג גייען זיי נישט — זיי האָבן פּשוט מורא און ווען זיי דערזען דעם „קריגס-צווינטער", דעם וואַלד פון צלמים: — די האַלב-אָפענע גריבער מיט אַרויסגעשטעקטע, האַלב-פאַרפוילטע גלידער, דאָס מיט בלוט אויסגעטראָטענע ליים, און די טרויעריקע שטיקער פון אוניפאָרמען, וועלכע וואַלגערן זיך נאָך מער פאַרלאָזן ווי די מענטשלעכע אברים — ווערן זיי בלאַס און פאַרצערט, גלייך אויף זיי אַליין וואָלט געוואַרט דער זעלביקער סוף...

זיי ווילן וואָס גיכער צוריקגיין. אין דער לופט דערהערט זיך

אַ געקראַכעריי פון מאַשינען-געווער: — אונדזערס אַן עראָפּלאַן טראָגט זיך אין קאַמף מיט אַ רוסישן עראָפּלאַן. ווי צוויי גרויסע זומער-פייגל שפּרינגען זיי איינס איבער דאָס אַנדערע. מאַכן אָנגעשטרענגטע רעדער, ליניעס, און ווילן זיך איבערפליען — העכער — העכער — די געווערן בליצן אין דער אָסיענדיקער זון, די מאַשינען גרעגערן — ביז אונדזער עראָפּלאַן נעמט זינקען, — ער פאַלט, אָדער ער לאָזט זיך אַראָפּ.

דער רוסישער פליער איז דערווייל פאַרשוווּנדן. מיר לויפן צו צום אַראָפּגעפאַלענעם עראָפּלאַן: צווישן די חרבות פון דער פלי-מאַשין ליגט דער הויפּטמאַן ג. אַ צעקריפּלטער אויף אַלע אברים מיט אַ קויל אין דער ברוסט. איינער פון אונדזערע בעסטע אַוויאַטיקער. דער דאָקטאָר פון אונדזער קאָמיסיע פּרוּווט פאַרהאַמעווען דאָס בלוט. דער הויפּטמאַן שרייט נישט, קרעכצט נישט, נאָר בעט זיך מיט אַ גאַנץ שוואַך קול:

— ד'ערשיסט מיך...

אָבער נישט לאַנג האָט ער נאָך צו ליידן: אַ פערטל שעה שפּעטער דערגייט ער אונטער דעם דאָקטאָרס הענט...

— איך האָב שוין גענוג — זאָגט דער אונגאַרישער אָבערלייטענאַנט, דער קאָמאַנדאַנט פון דער קאָמיסיע — קומט, מיינע הערן.

אַצינד בין איך שוין זיכער, אַז זיי וועלן קיין איינציקן סאָלדאַט פון מיין קאָנצעלאַריע נישט אַרויסשיקן אין דער פּאָזיציע. אָבער אויך איך „האָב שוין גענוג" פון די אַלע פּלאָגן, עגמת-נפשן פיזישע און זעלישע ליידן — איך באַשליס צו גיין אויף אורלויב. איך בעט דעריבער בײַ מיין קאָמאַנדאָ פיר וואָכן, און באַקום די קורצע תשובה: „פערצען טעג אורלויב און זעקס רייזע-טעג באַוויליקט".

אויך דאָס איז גוט. איך לאָז אויף גיך איינקויפן פאַר עטלעכע הונדערט קראָנען פּראָוויאַנט, גיב איבער די קאָמאַנדאָ צו אַ

שטעלפארטרעטער, און מיט די געהויבענע אורלויבס־געפילן פון „פריי אויפּאַטעמען“ פאָר איך מיט מיין דינער אויף דעם הויך בעפאַקטן וואָגן צום וואָקזאַל.

נאָך איידער איך גיי אַריין אין צוג, באַפאַלט מיך שוין דער טרויער פון „אָפּשייד“: אָט ערשט איבעראַשט מיינע ליבסטע מיט מיין קומען, — און שוין מוז איך ווידער צוריק, ווידער אַוועק פון דערהיים — און מיט דעם ווייטיק פון אַ געבונדענעם, נישט פרייען מענטש, דערפאָר איך ביז לעמבערג.

— אַ זאַק האָבער קאָסט היינט 10 קראָנען — קלאָגט זיך דער איזוואָשטשיק, וועלכער פירט מיך אַהיים פון וואָקזאַל — לעמבערג האָט נישט וואָס צו עסן, און איך האָב צעריסענע שטיוול...

דער טאַטע מיטן ברודערל לויפן מיר אַנטקעגן, די מאַמע וויינט — ווי תמיד.

— מאַמעניו, איך האָב מיטגעבראַכט אַ „גוט קוויטל“ — וויל איך זי אויפמונטערן.

די מאַמע פאַרשטייט נישט, וואָס איך מיין.

ס'איז דאָך נעכטן געווען „הושענה רבה“.

— האָסט אַ טעות אין חשבון, מיין קינד — שמייכלט שוין מיין קליין מאַמעלע — ערשט היינט איז „הושענה רבה“. אויב דו באַרעכנסט אַזוי דיינע שלאַכטן, קינד מיינס, איז זייער נישט גוט.

— איך שטיי פאַרשעמט ווי אַ חדר־יינגל: געוואָלט דער מאַמען פאַרשאַפן תענוג, ווייזן, אַז איך געדענק יעדן יום־טוב — און אַזוי מיאוס אַריינגעפאַלן.

— אָבער איך האָב פאָרט געבראַכט אַ קוויטל — זאָג איך שוין שטילער, און דערלאַנג איר אַ קוויטל פון שוחט מיט צוויי געקוילעטע גענדז.

מיין מאַמע באַטראַכט די גענדזלעך, שאַצט אָפּ און זאָגט

אַ פּרייז. מיין דינער לאָזט אַראָפּ פאַרשעמט דעם קאָפּ: דאָס האָט ער אַזוי איינגעהאַנדלט די „מציאה" און באַצאָלט אַ טאָפּלטע פּרייז.

צוויי טעג בין איך שוין אינדערהיים. מיטאַמאָל איבעראַשט מיך אין האָטעל מיין שוועסטער אין אַ זעלנערישן אוניפאָרם — זי איז אייגנס געקומען צו מיר פון לובלין, ווו זי דינט אַלץ „קריגס־שוועסטער" אין אַ שפּיטאָל. מיר פאָרן שוין צוזאַמען צום ברודער, וועלכער ליגט קראַנק אין אַ מיליטער־שפּיטאָל אין מערן, מיר באַזוכן אויך באַקאַנטע אין ווין און אין קראָקע — מיר ווייסן אַליין נישט, ווו פריער צו שטעלן דעם פיס. און די טעג יאָגן — פון דער קורצער צייט ווערט אַלץ ווייניקער — מיר מוזן צוריק.. וואַקסט די שווערקייט אין האַרץ ווי אַ שטיין, און מען שלעפט עס אַזוי מיט צום וואָקזאָל — איבערן גאַנצן וועג — ביז מען פאַלט ווידער אַריין אין פּיסק פון מאַלאַך־מלחמה...

די צייט פון מיין אורלויב האָט מיין שטעלפאַרטרעטער אויסגענוצט אויף צו מאַכן „רעפאָרמעס": איינגעפירט אַ שטרענגע קאָנטראָל, נאָך 9 דעם זייגער אין אָוונט טאָר מען זיך נישט ווייזן אין דרויסן, — פיל פון מיינע אַלטעטשקע, גוטע זעלנער זענען באַשטראָפט מיט „שפּאַנגען" און „אָנבינדן". דער איינציקער יידי־שער געוועלבניק אין דאָרף באַקלאָגט זיך, אַז די פינאַנץ־וואַך האָט בײַ אים אַוועקגענומען פאַר איבער 300 קראָנען פּאַפּיראָסן.

— ווייסט איר דען נישט, אַז מען טאָר נישט האַנדלען מיט דער סחורה? — שריי איך אָן אויף אים.

— אָבער אין גויישן קלייטל פאַרקויפט מען אויך פּאַפּיראָסן און קיינער זאָגט נישט קיין וואָרט. די „פינאַנצן" האָבן דאָך מיר אַליין איינגערעדט, איך זאָל קויפן די סחורה, און אַצינד האָבן זיי עס אַליין אַוועקגענומען.

עס איז קיין ספק נישט, אַז די פינאַנץ־וואַך איז דאָ באַגאַנ־

גען אַ פּראָוואָקאַטאָרישן אַקט, און איך הייס זיי תיכף אָפּגעבן די סחורה. — אָבער די וואך אַליין האָט שוין פון לאַנג פאַרקויפט די פּאַפּיראָסן צו די גויים...

דערפאַר האָט מיין פּוילישער שטעלפאַרטרעטער גאַנץ אומזיסט פאַרטיילט די גויים אַרבעטערס, פערד, האָלץ, שטיינער, — גאַנצע דערפער אויסגעהיט פון מיליטער-דינסט, אָן געלט אויסגע-מוירערט דעם גלח אַ ניי הייזל און אים געקאָרמעט אין אָן אָפּיצירס-קיך צוזאַמען מיט זיינע קנעכט און ביידע „קלוטשניצעס". און ווען דער פּוילישער „וועג-מייסטער" האַקט זיך אַליין אָפּ דריי פינגער פון דער רעכטער האַנט, כדי זיך אויסדרייען פון דער אַרמיי, — פאַר-שרייבט מיין שטעלפאַרטרעטער אין פּראָטאָקאָל, אַז — „דער וועג-מייסטער איז פאַראומגליקט געוואָרן בײַ מיליטערישער אַרבעט" — און מען צאָלט אים נאָך דערפאַר אַ לעבנסלענגלעכע פּענסיע.

עס איז גאָרנישט מעגלעך ווידער איינצופירן אָרדנונג אין דעם גאַנצן קאָרומפּירטן מישמאַש, און איך בין שוין גאָר צופרידן, וואָס איך ווער מיטאַמאָל טראַנספערירט אויף אַ נייעם פּלאַץ.

פאַרן נייעם קייזער

אין דעם נייעם פּלאַץ איז גאָר ווייניק אַרבעט: איבער 120 אָפיצירן אויף אַ קליינעם ראַיאָן, בין איך כמעט איבעריק און טו גאָרנישט. מיין איינציקע באַשעפטיקונג איז דערווייל איבערזעצן אויף אַלע „זיבעציק לשונות" פון אונדזער מדינה די „שבועה" פאַרן נייעם קייזער. עס איז געקומען גאָר אַ קורצע מודעה: „איך, קאַרל, קייזער פון עסטרייך, קעניג פון אונגאַרן א. אַז. וו. נעם איבער

דעם טראָן גאָך...״ ביז אַצינד האָט מען געהאַלטן פאַר אינדז בסוד, אַז פראַנץ יאָזעף איז געשטאָרבן — אויס מורא אַפּנים פאַר אַן „אינטעררעגנום״, אָדער צוליב אַנדערע „נישט ראַטזאַמע סיבות״...

טיילט מען איין די סאָלדאַטן אין פאַרשידענע שפּראַך־גרופּעס, „כל עם כלשונו״, און איך שווער מיט זיי אויף טריישאַפט „בא טאָג און בײַנאַכט, אין פייער, איבערן וואַסער און אונטערן וואַסער, אויף דער יבשה און אין דער לופט״ — און דער נייער קייזער איז אַ „געקרוינטער״.

די ייִדן שטייען דערביי באַזונדער — אַלס „דייטשן״.

— ווײַל עמעצער פון אײַך שווערן אין אַן אַנדערע שפּראַך? — לאָזט דער מאַיאָר אָנפרעגן בײַ די ייִדן.

— אַלצאיינס — ענטפערן כמעט אַלע — דייטש, פּויליש, רוטעניש...

אויף ייִדיש שווערן לאָזט נישט דער קאָמאַנדאַנט.

איבערגעקומען די צערעמאָניעס צוליב דעם נייעם קייזער, באַקום איך אַ נייע „באַשעפטיקונג״: איך קען די לאַנד־שפּראַכן, מוז איך אַרומפאָרן אין די אַרומיקע דערפער און אַגיטירן פאַר דער „פינפטער קריגס־הלוואה״.

— נאָר גיב אַכטונג, די פּויערים זאָלן דיך דערביי נישט צעפּאַטשן — לאַכט מײַן מאַיאָר.

— ווייסט ווי אַזוי צו אַגיטירן? — ווייצלט זיך אַ קאַמעראַד — אָט, זע:

ער כאַפּט מיך אָן פאַר דער ברוסט און לייגט צו אַ געלאָדע־נעם רעוואָלווער צו מײַן שלייף:

— גיסט פרייוויליק אויף דער אומגעצווונגענער „קריגס־אַנ־לייע״?

אַלע צעלאַכן זיך, אָבער איך נעם פּאַרט מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער...

געקומען אין ערשטן דאָרף, פאַרזאַמל איך די גאַנצע „געמיינ־דע״ מיטן וואַיט, און נעם „אַגיטירן״. די פויערים דרייען מיט די קעפּ, קראַצן זיך, קוקן זיך איבער — ביז זיי פאַרשרייבן נעבעך באַ מיר איבער 100.000 קראָנען פון זייער אין שווייס פאַרהאָרעוועט געלט...

אַ צופרידענער פון מיין דערפאָלג, לאָז איך זיך גיין צום וואָגן, מיר זאָלן „באַאַרבעטן״ אַ צווייט דאָרף. מיטן וועג קומען אָן צוויי „אַמאַזאָנעס״, געזונטע, אָנגעפּרעסענע אוקראַאינישע שיקסעס מיט מיליטערישע מונדירן, וועלכע האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דער אַרמיי. זיי פירן באַם קאָלנער אַן אויסגעמאָגערט, בלאַס זעלנערל, אַ ייִד.

— זע, זע, די „מאַרינעס״ האָבן אַרעסטירט אַ ייִדל! — רינ־גלען זיי אַרום די פויערטעס און פאַרגיין זיך אין געלעכטער.

— מיט וואָס האָט ער זיך אַזוי פאַרזינדיקט? — שטעל איך אָפּ די צוויי זעלנערישע ווייבער.

— הער אָבערלייטענאַנט, — נעמט אָן אַ מיליטערישע פּאָזע די עלטערע, דער קאָרפּאָראַל — איך בין פאַרבייגעגאַנגען און דער ייִד האָט נישט געוואָלט סאַלוטירן.

— אַזוי? — מאַך איך אַ וויכטיקע מינע, אָבער איך ווער באַלד ערנסט בייז, ווען איך באַמערק, ווי דער ייִדישער סאָלדאַט ווישט זיך דאָס בלוט פון זייערע קלעפּ — און דערפאַר האָסטו אים צעבלוטיקט? דו צאַרטע ווייבלעכע נשמה... האָני צו אייער אַרבעט!

די ווייבערישע העלדן סאַלוטירן און גייען אַוועק פאַרשעמטע — די אַרומיקע גויים בלייבן אַ ווײַלע שטיל, און באַגלייטן זיי ענדלעך מיט דעם זעלביקן געלעכטער, מיט וועלכן זיי האָבן ערשט וואָס באַ־גריסט דעם אַרעסטירטן ייִד.

— פאַרוואָס האָט איר נישט סאַלוטירט, פעטער? — פרעג איך דאָס צעשראָקענע ייִדל.

— איך בין גראָד געשטאַנען שמונה עשרי — ענטפערט ער

שטיל און קוקט מיט ציטערנדיקע אויגן ווי אַ שווער פאַרשולדיק־טער.

אין די ווייטערע צוויי דערפער דריי איך ווידער אַ קאָפּ די אָרימע פויערים, און מיין הלוואה־ליסטע דערגרייכט שוין באַלד אַ פערטל מיליאָן. איך דאַרף נאָך היינט זיין אין איין דאָרף, עס איז אָבער שוין נמאס דאָס טאָטשען זיך אויפן וואָגן, און איך באַשליס גיין אַהין צופוס. עס איז נישט ווייט, לאָז איך מיינע סאָלדאַטן מיטן וואָגן אין דאָרף, און פאַרנעם מיך אין וועג אַריין מיט מיין שרייבער.

— דורכן וואַלד איז אַ סך נענטער — ווייזט מיר אָן אַ פויער. דער וואַלד איז שוין גאָר שטאַרק אויפגעווייכט פון די אָסיענ־דיקע רעגנס.

— מיר זאָלן נאָר נישט פאַרבלאָנדזשען — זאָג איך נישט ערנסט צו מיין שרייבער און באַמערק, אַז מיר זענען אייגנטלעך פאַרקראָכן אין אַ זומפּ.

— אָט דאָ איז טרוקענער, הער אָבערלייטענאַנט — שפּרינגט מיין שרייבער אויף דעם גרין־פאַרגעלטן מאָך, און פאַרזינקט אין אַ זומפּ כמעט ביז די קני.

— ווי קריכסטו? — צעבייזער איך מיך און דערלאַנג אים די האַנט, ווען איך זע, אַז ער קען שוין נישט מער אַרויסשלעפּן אַ פוס פון זומפּ, אָבער מיט דעם זאַמאַך אים אַרויסצושלעפּן, פאַל איך אַליין מיטן פּנים אין זומפּ אַריין און וואָס מער איך וויל מיך אַרויסראַטשקעווען, אַלץ טיפער זינק איך. אַרום אונדז נעמען זידן די באַקענטע „באַנקעלעך" — דער זומפּ ווייזט אויס צו זיין גאָר טיף.

—ריר דיך נישט, — שריי איך אָן אויף מיין באַגלייטער, און קוק מיך אַרום פאַרצווייפלט, פונוואַנען נעמען הילף. נישט ווייט איז אַ בוים, אַן אַלטע ווערבע, דאַכט זיך. אָבער

נישט מעגלעך מיט דער האַנט דערגרייכן. איך צי אַרויס מיין שווערדל, הייס מיין באַגלייטער מיך פעסט האַלטן פאַר מיין לעדער-נעם גאַרטל, און אַזוי אָנגעבויגן, שלאָג איך מיטן הענטל פון מיין רעוואָלווער טיף אין בוים אַריין דאָס שווערדל. אַצינד, הייסט עס, ריזיקירן: אָנגעהאַלטן מיטביידע הענט אָן שווערדל, גיב איך מיך אַ שטאַרקן צי און אַ שפרונג צום בוים, עס איז געראָטן. איצט האַלט איך מיך פאַר אַ צווייג און שלעפּ אַרויס מיין שרייבער. זיצן מיר אויף די קאָרעניעס אַרום בוים און האַלטן אין איין אָפּשקראָבען די בלאָטע: איך פון פנים און קליידער, און מיין שרייבער פון דעם אַקטן-טאַש, פון וועלכן ער האָט סיי ווי פאַרלוירן די העלפט דאָקומענטן. עס איז אָבער נישט קיין תכלית אַזוי צו זיצן: די נאַכט פאַלט צו און מיר מוזן זיך אַרויסראַטשקעווען איידער עס ווערט פינסטער.

— אַלע אַקטן איינגענעצט — האָט שוין נישט קיין אַנדערע דאגה מיין שרייבער.

— רייס בעסער צווייגן — לאָך איך שוין, און מיר נעמען ביידע וואַרפן אַרום זיך אָנגעבראָכענע צווייגן, — אפשר וועלן מיר איבער זיי קענען אַרויס צום וועג.

דאָ דערהערט זיך אַ פאַרדומפּן קלאַפּעריי פון פערדישע טריט, וואָס קומען אַלץ נענטער.

— האָפּ, האָפּ! — לייג איך צו ביידע הענט צום מויל.

דאָס קלאַפּן פון די פערד ווערט לאַנגזאַמער — זיי האָבן מיך אָנגעהערט.

— האָפּ, האָפּ! — חזר איך איבער מיין רופן.

— ווער דאָרט? — ענטפערט מען שוין גאַנץ נאָענט.

— אָן אָפיציר! קומט נענטער!

איך שעם זיך צו זאָגן, אַז מיר זענען אין אַ זומפּ.

עס באַווייזן זיך צוויי רייטער, — ביידע פון מיין באַטאַליאָן

— גיב אַכטונג! — שריי איך צו זיי.

אָבער זיי זענען שוין אַליין פאָרזיכטיק: זיי גייען אַראָפּ פון די פערד, בלייבן שטיין פונדערווייטנס, און דאַרפן שוין לאַנג נישט נאָכפרעגן — זיי דערקענען אָן אונדזערע קליידער, וואָס דאָ גייט פאָר.

— טראָגט אָן אַ סך צווייגן — קאָמאַנדעווע איך.

און אַזוי אַרום געלינגט אונדז צוזאַמען אויפצובויען אַ פּראָוויזאָריש בריקל. מיר קריכן אַריבער.

— וואָס טוט איר דאָ? — פרעג איך ערשט די צוויי סאָלדאַטן.

זיי דערלאַנגען מיר אַ פאַרחתמעטן באַפעל: „צוליב מיליטערישע אָפּעראַציעס זאָפאָרט דורכפירן די עוואַקואַציע פון דער ציוויל-באַפעלקערונג צווישן ל. און ז.“

מען גרייט זיך צו אַ נייער אַטאַקע.

אויף מיין וואָגן, וועלכן די רייטערס האָבן אָנגעטראָפן אין דאָרף, איז דערווייל אונטערגעקומען. מען טאָר נישט פאַרלירן קיין צייט — אפשר „הויבט עס זיך אָן“ נאָך אין דער נאַכט?

שוין אין נאָענסטן דאָרף שטעל איך צונויף אַן אָפּטיילונג פעלד-זשאַנדאַרמעריע, וועלכע דאַרף דורכפירן די עוואַקואַציע.

— ביז פאַרטאָג — זאָג איך אָן דעם זשאַנדאַרמעריע-קאָמאַנדאַנט — זאָל איך אין דער גאַנצער געגנט נישט געפינען קיין איין ציוויליסט.

אינמיטן דער נאַכט וועקט מען אויף די פויערן פון שלאָף. די פויערטעס וויינען, ברעכן די הענט, אַ געיאָמער פון קינדער און זקנים — אָבער ווער האָט צייט אויף סענטימענטן... איך הייס זיי פּאַקן וואָס שנעלער און פאַרנעם זיך אין וועג אַריין צום דאָרף. די נאַכט איז פינסטער, מען מוז פאָרן פאָרזיכ

די צייט שטייט נישט, און איך הייס טרייבן די פערד וואָס שנע-לער.

מיר האָבן, דאַכט זיך, פאַרלוירן דעם וועג: דער וואָגן טאַנצט גרוב אַרויס, גרוב אַריין, די פערד פאַלן אויף די פאָדערשטע פיס, הייבן זיך אויף און שלעפן ווייטער, מיטאַמאָל בלייבן זיי אינגאַנצן שטיין.

— וויאָ, פּראָקליאַטע בעסטיעס! — שמייסט דער קוטשער מיט אַלע כוחות, אָבער די פערד שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס, ווילן צוריק, — און מיט אַ שטאַרקן צי גיבן זיי אַ פאַרקירעווע אויף רעכטס.

אַן אַקס איז געבראָכן, און מיר קענען נישט ווייטער פאָרן. מיר קריכן אַראָפּ פון וואָגן און באַמערקן ערשט, אַז מיר געפינען זיך באַם זוים פון אַ טיפן אָפּגרונט. עס ווערט גאָרנישט העלפן: אַרום איז פינסטער, און מיר מוזן שוין צוװאַרטן ביז טאָג. ערשט באַם גרויען שיין פון פרימאָרגן באַמערקן מיר, ווי שטאַרק עס האָט אונדז אָפּגעגילט אין דער נאַכט: אונדזער וואָגן שטייט קנאַפּ באַם הויכן אָפּגרונט, אין וועלכן עס כוואַליעט זיך אַ טיף, ברודנע וואַסער. ווען נישט דער שאַרפער אינסטינקט פון די אָפּגעמוטשעטע פערד-לעך — ווער ווייסט, ווו אונדזערע ביינער וואָלטן צעשאָטן גע-וואָרן...

און אָט „הויבט עס זיך שוין אָן": אונדזערע קאַנאָנען קראַכן שוין געשמאַק און די רוסן ענטפערן מיט אַ נישט קלענערן אימפּעט. ווייט הינטערן בערגל גייען שוין אויף רויך-באַדעקטע פלאַמען — דאָס האָבן שוין אַוודאי די רוסישע קאַנאָנען אָנגעצונדן דאָס דערפל. קוים צו דערהערן דערטראָגט זיך דער אָפּקלאַנג פון איבער-שיסן זיך פון דער אינפאַנטעריע — מען מוז וואָס שנעלער אַרויס-פירן פון דעם גיהנום די אָרימע, אומבאַשוצטע ציוויל-באַפעלקערונג! איך גיי מיט מיינע סאָלדאַטן צו דעם קליינעם שטיבל, וועלכעס

שטייט כמעט איינזאַם באַם אַריינגאַנג צום ברייטן טאָל. פון דעם שטרויענעם דעכל קוועלט אַ צופרידענער רויך, גלייך אַרום וואָלט געהערשט דער אידעאַלסטער וועלט-שלום. איך טרעף שוין דאָרט צוויי פון מיינע זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן דערווייל „אָפּגערייניקט" כמעט די גאַנצע סביבה. די יונגע פויערטע זיצט באַם שיילן קאַרטאָפלעס, עטלעכע סאָלדאַטן העלפן איר, און זי דענקט גאָרנישט וועגן פאַרלאָזן דאָס שטיבל.

— רוסישע גראַנאַטן וועלן דיך באַזוכן — פּרוּוו איך זי אָנשרעקן.

— עס מאַכט נישט — זאָגט זי גלייכגילטיק און ווייזט מיר אַ שטיק פון אַ רוסישער קויל, וועלכע שטעקט נאָך אין דער וואַנט — מיר האָבן דאָס שוין אויך מיטגעמאַכט, זיי האָבן מיר אַפילו דערהרגעט אַ קינד, אָבער איך וועל זיך נישט רירן פון מיין שטיקל ערד.

איך באַוואונדער, מיט וועלכער רויִקייט זי וויגט דערביי איר האַלב-יעריק קינד, כאָטש — ווער ווייסט, ווו און ווער איר מאַן איז ? . . .

איך אַליין קען באַ זיך נישט באַשליסן, וואָס מיט איר צו טון און לאָז זי איבער אויפן „באַראָט" פון די זשאַנדאַרמען.

מיין מאַיאָר איז שטאַרק צופרידן מיט מיין אַרבעט און באַלוינט מיך דערפאַר אויף אַ באַזונדערן אופן: ער וויל פאָרן אויף אורלויב און האָט נישט קיין נייעם מונדיר — זאָל איך פאָרן קיין לעמבערג קויפן פאַר אים שטאָף. מיין רייזע קאָסט פּראַווודע די מיליטער-פאַרוואַלטונג איבער 200 קראָנען — אָבער וואָס טוט נישט אַ מאַיאָר צוליב זיין נייעם מונדיר.

און איך? וואָס קען נאָך זיין טייערער, ווי פאָרן קיין לעמבערג און זען די באַנטסטע!...

ביטערער יאוש

קוים וואָס צוריקגעקומען פון איין נסיעה, וואַרט מיך שוין א צווייטע: צווישן די אַרויסגעטריבענע פון די אַרומיקע דערפער האָט מען אויסגעקליבן איבער 200 „געזונטע מענער", וועלכע זע־נען נאָך נישט געווען אין דער אַרמיי. איך דאַרף זיי דאַרום פירן צו דער „מיליטער־קאָמאַנדאָ לעמבערג", ווו מען וועט זיי צוגרייטן פאַרן פעלד. די „קאָמאַנדאָ לעמבערג" זיצט נאָך אַלץ אין ב.„ שלעזיען, וועט די רייזע זיין גאָר אינטערעסאַנט.

— זאָל איך מיטפאָרן אַלס באַגלייטער — בעט זיך בא מיר דער אַכצניעריקער בחור, א בן יחיד בא זיין מאַמען — איך האָב שוין מיין מאַמען נישט געזען איבער זעקס חדשים, זייט איך בין אין דער אַרמיי...

— אָבער מיר פאָרן דאָך נישט איבער אייער שטעטל.

— איך וויים — שטעלן זיך אים טרערן אין די אויגן — אָבער אפשר וועל איך זי ערגעץ באַגעגענען.

איך לאָז אים איינטיילן אַלס „באַגלייטער" און מיר פאַר־געמען זיך אין וועג אַריין.

— מען האָט אויפגעהאַקט א קאַסטן צוויבאַק — מעלדעט מיר מיין צוגספירער, ווען מיר פאָרן אָפּ עטלעכע סטאַנציעס.

איך הייס זיי אַלעמען באַזוכן, און געפין בא עטלעכע שקצים נישט נאָר צוויבאַק און פלייש־קאָנסערוון, נאָר אויך א געגנבעט יידיש גענדזל, וועלכעס עמעצער האָט זיך אוודאי צוגעגרייט אויף חנוכה. עס קלעבט נאָך דאַרויף דער צעטל פון שוחט. איך פאַר־שענק דאָס גענדזל מיינע יידישע סאָלדאַטן — זאָלן זיי האָבן אויף חנוכה כאָטש גריוון, אויב נישט קיין לאַטקעס — און זאָג אָן דעם צוגספירער בעסער אַכטונג צו געבן אויף דער ווייטערדי־קער רייזע.

אין דעמביץ ווארטן מיר עטלעכע שעה. איך וואָלט גערן דערלויבט מיינע סאָלדאַטן זיך אָנצוווארעמען אין דער באַן-רעסטאָראַציע. די נאַכט איז אָבער שטאַרק פינסטער און די באַן-טראַנספּאָרטן יאָגן אין פאַרשידענע זייטן. פאַרוואָס איך אַראָפּצוגיין פון די וואַגאָנען, כדי אויסצומיידן אומגליקספאַלן.

— קריך נישט! — הער איך מיטאַמאָל שרייען דעם סאָלדאַט, וועלכער האַלט וואַך — דער צוג רירט זיך!

איך דערזע אַ שאָטן זיך פאַרגנבענען אונטער די רעדער פון אַ דערביי־קן צוג. אויך איך וויל צולויפן אָפּראַטעווען דעם אומגליקלעכן — אָבער דער מלאך המות זיצט אים שוין אויף דער פּלייצע: דער לאָקאָמאָטיוו גיט אַ צי, און — ווייניקער אַ יונגע נשמה אויף דער וועלט... עס איז מיין אַכצניעריקער בחור, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט זען זיין מאַמען...

זאָל אַן אַרמיי־פערד אומקומען, וואָלט איך זיכער האָבן דערביי מער צו טון, ווי באַ אָט דעם ברמינן: אָנגעשריבן אין צוויי ווערטער אַ פּראָטאָקאָל, איבערגעגעבן דער באַן־וואַך, — זיי מיר אונטערגעשריבן, איך זיי — און די פּראָצעדור איז פאַרטיק. נאָר איין זאַך קען איך נאָך טון „אויסער דינסט": איך בעט אַ ייד, ער זאָל לאָזן וויסן קהל — זאָל מען אים ברענגען צו קבר ישראל, וועט כאָטש אפשר אַמאָל זיין פאַרווייטיקטע מוטער קענען קומען אויף זיין קבר...

דער יידישער דאָקטאָר אין פ., וועלכן איך גיב איבער מיינע סאָלדאַטן צום אונטערזוכן, האָט פון מיר שטאַרק הנאה: ער האָט באַמערקט, ווי איך רעד יידיש צו מיינע סאָלדאַטן... פאַר גרויס פרייד שטעלט ער מיך פאָר זיין יונג שוועסטערל, אַ שוואַרצהנעוודיקע סטודענטקע. יידיש רעדן קענען זיי ביידע נישט, אָבער זיי זענען ציוניסטן און האָבן פאַר דער מלחמה געלערנט העברעיש.

— אַ יונגער אָבערלייטענאַנט זאָל אַזוי פריי אויסזאָגן, אַז

ער איז אַ ייד?... — פרייט זיך דאָס מיידל און נעמט זיך באַלד צו דער „אַקטועלער" טעמע: די „פּוילישע יידן".

— זיי ווילן נישט גיין אין פעלד אַריין און זענען חוצפּהדיק זאָגט מען.

עס איז שווער זי אַרויסצוברענגען פון טעות: מען האָט אַזוי לאַנג צעקלונגען אונדזערע „פעלערן", ביז מיר אַליין נעמען גלייבן אין דעם...

זיי פאַרבעטן מיך אַהיים. דער אַלטיטשקער פאָטער ברענגט אַריין אַ זילבערן לעמפּל מיט פינף ליכטלעך. מען שטעלט וויין און לאַטקעס, די מיטער מיט דער טאָכטער זעצן זיך צום קלאַוויר — און עס נעמט קלינגען די אַלטע, באַקאַנטע מעלאָדיע „מעוז". — די שטוב פילט זיך אָן מיט מתיקות, פרייד — עס ווערט יידישלעך. אָבער איך מוז באַלד אַוועק, כדי נאָך צו פאַרכאַפּן אַ טאָג חנוכּה אין לעמבערג.

אויף דער סטאַנציע אין קראָקע פאַרטיילן „באַרמהערציקע שוועסטערס" צוליב „באָזשע נאַראָדזעניע" בעקערייען און צוקער־לעך, יעדערע זיי האָבן אומזיסט אָנגעקליבן באַ די יידישע סוחרים. אַ קליין, דאַר זעלנערל מיט אַ שיטער בערדל זיצט אין אַ ווינקל און באַלעקט זיך מיט די פאַרטיילטע געשמאַקע זאַכן.

— פּעטער, איז באַ אייך אויך „באָזשע נאַראָדזעניע?" — פרעג איך דאָס יידל.

— נו, איז באַ מיר חנוכּה — קייעט ער ווייטער — וואָס איז? איך בין נישט געווען פאַרוואונדעט? איבעריקנס: מיר וועלן עס סיי ווי מוזן באַצאָלן נאָכן קריג — איך ווייס דען נישט?

זיין „טרוקענע פילאָזאָפיע" איז אַ טרויעריקע, און דאָך איז ער שטאָלץ אויף זיין „פאַרוואונדונג"...

דאָס מאָל איז מיין פאַרווייַלן אין דערהיים אַביסל געשטערט

דורך דער קראנקהייט פון מיין נאָנטסטן חבר, דר״ ב., וועלכער־ ליגט צו בעט נאָך דריי אָפּעראַציעס.

מיט אַ שווער האַרץ פאָר איך צוריק. שוין אויפן וועג דער־ וויס איך זיך, אַז מען האָט מיך ווידער פאַרשיקט קיין ק. דער דאָרטיקער אָבערסט מיט זיין שטאַב — „ווייַדענע״ מענטשן מיט שמייכלענדיקע פּנימער, — כמעט נישט צום דערקענען, וויפיל אַנ־ טיסעמיטישער סם עס ליגט אין זייערע איינגעשרומפּענע געהירן. קומט מיר אויס יעדן טאָג זיך צו אַמפּערן מיט זיי! „זענען ייִדן ערלעך, אָדער נישט ערלעך, ווילן זיי אַרבעטן, אָדער נישט, — דאַרף מען זיי ש ו י ן אַרויסטרייבן פון לאַנד, אָדער זאָל מען נאָך וואַרטן ביז נאָך דער מלחמה״...

צום מיינסטן זענען גיפטיק די פּוילישע אָפיצירן. זיי פאַרבאַ־ האַלטן גאָרנישט זייער שנאה צו ייִדישע ציוויליסטן און מיליטאַ־ ריסטן, און דערקלערן אָפן, אַז דער ערשטער שריט פון דעם „באַ־ פרייטן פוילן״ וועט זיין אויף אַן אינדזל צו שאַפן אַ צוואַנגס־ אַרבעט-קאָלאָניע פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק. און ווען אַ ייִדישער אָפיציר באַקלאָגט זיך וועגן דעם באַם קריגס-מיניסטעריום, ווערט ער באַלד באַשטראָפט מיט פיר וואָכן אַרעסט פאַר „נישט איינ־ האַלטן דעם דינסט-וועג״!

עס איז מיר שוין נמאס די צאַנקערייען און דאָס אַמפּערן זיך מיט דער כאַמסקער אינדאָלענץ, און איך באַשליס מער נישט צו ענטפערן אויף זייערע באַמערקונגען, זיצט מען אָבער דריי מאָל אַ טאָג פאַ דעם זעלבן טיש און מען זוכט דווקא אַ קריגעריי.

— עס וועט מיר נישט באַקומען די שוואַרצע קאַווע — קיבעצט דער אָבערסט — אויב די ייִדן-פראַגע וועט נישט זיין אויפן טיש. מיר, צום ביישפיל, שמעקט נישט דער ייִדישער קוגל. אַנו, אָבערלייטענאַנט, ווילסט אָפּאָנירן?

— אויב דער קוגל שמעקט אייך נישט, הער אָבערסט, — זאָג איך געלאַסן — דאַן וועט שוין דער מאָגן אָפּאָנירן.

מיין שאַרפע, נישט „סאַלאָן־פעיִקע" באַמערקונג ווערט אויפגענומען מיט אַ בייזהאַפטן שטילשווייגן, און נאָך דעם האָב איך צו פאַרדאַנקען, וואָס עטלעכע טעג באַרירט מען נישט די „יִדן־פראַגע". אָבער באַלד הייבן זיך ווידער אָן די ציניִשע דיסקוסיעס, און עס ווערט מיר ענג מיט זיי — נאָך ערגער ווי אין דעם געפערלעכסטן פויק־פייער. און דערצו קומט נאָך אַזאַ שווערע מרה־שחורה אין האַרצן... עפּעס אַ שרעקלעך פאָרגעפיל באַפאַלט מיין נשמה און טרייבט מיך אין שטראָם פון „לעבן". צוויי נעכט דורכגעאַנד שאַמפּאַניזיר איך מיט אַ „קאָנפידענטקע", אונדזערס אַ באַצאָלטע שפּיאָנין, — און אויפן דריטן טאָג קומט אָן איינע פון אונדזערע נאָענטסטע פריינדינס, די שטילע, סענסיבלע העניע — אין שוואַרצן געקליידט... איך פאַרשטיי באַלד, אַז דאָ טראָגט זיך אַ בייזע בשורה: מיין יונגער, גרויסער פריינט, דר״ ב., איז געשטאָרבן פון דער אָפּעראַציע.

ס'איז טרויעריק אויפן האַרץ, פינסטער אויף דער נשמה — איך פאַרפאַל אין אַ שיכּרות, אין האַלבן שגעון: איך פאַרפעל מיין דינסט, קום נישט אין אָפיצירס־קיך — און באַגעגן איך איינעם פון די הויכגעשטעלטע, מיט זילבער און גאָלד באַליישטע אָפיצירסקע קוקלעס, טוט עפּעס אַ מאָדנע ברען אין האַרץ, די הענט לייגן זיך אין אַ קאַמף־גרייטער פּאָזע, דער קאָפּ נייגט זיך אויף רעכטס, ווי צו נעמען איינעם פון זיי אויפן ציל פון אַ געווער — איך פיל צום ערשטן מאָל, ווי איך וואָלט גערן, גערן געשאָסן.

מיינע געהירן שטייט נאָנט פאַר אַן „אידעע פיקס" — איך מוז צו דעם מאַכן אַ סוף. שיק איך אַ שריפטלעכע בקשה צו דער אויבער־קאָמאַנדאָ: איך בעט, מען זאָל מיך איבערשיקן אויף אַן אַנדערן פלאַץ. און מיין בקשה ווערט דערפילט: אין מיינע דאָקו־

מענטן איז פֿאַרצייכנט, אַז פֿאַר דער מלחמה בין איך געווען אין רומעניע. שיקט מען מיך אויף דעם רומענישן פֿראָנט — אפֿשר וועל איך זיי דאָרט נוצן. און נאָך מער: ווי מען וואָלט וועלן מיך באַלוינען פֿאַר אַלע מיינע ליידן, שיקט מען מיר פֿון די „הויכע פֿענסטער" אַ צווייטן גאָלדענעם מעדאַל „סיגנום לוידיס" און אַן „אייזערנעם קרייץ" פֿון קייזער קאַרל, ביידע מיטן „טאַפּפֿערקייטס־באַנד" און מיט די „שווערטן".

קריגס־געפֿאַנגענע

עס איז גראָד נאָך דער גרויסער אָפֿענזיווע קעגן רומעניע און דער גאַנצער פֿראָנט איז פֿאַרפֿלייצט מיט געפֿאַנגענע, וועלכע מען דאַרף באַזאָרגן מיט געלעגערס און עסן. בויען זיך אויס גאַנצע מחנות באַראַקן און געצעלטן — אויף איינעם פֿון אָט די „לאַגערס" ווער איך איינגעטיילט אַלס אַ „געפֿאַנגען־לאַגער־אָפֿיציר".

אַ מדבר־לאַנגער טאָל מיט אַ גאַנץ שטעטל האָלצבאַראַקן, מיט עלעקטרישע ליכט, וואָס לעשט זיך אויס יעדע צוויי שעה. אויסגעהונגערטע רומענער דרייען זיך אַרום אָפּגעמוטשעטע, פֿאַרחושכטע — די בענקשאַפֿט אַהיים גלאָצט זיי פֿון די קראַנקע אויגן. אפֿנים אויס נקמה צו דעם „פֿאַרעטערישן" רומעניע, ווערן זיי אַזוי באַהאַנדלט, אַז שוין איצט שטאַרבן אַ טאָג צו דרייסיק, פֿערציק געפֿאַנגענע. כמעט יעדע אָפּטיילונג האָט זיך דעם זעלבן חשבון: פֿון 250 מאַן זיצן 20 מאַן אין די באַראַקן אָן שיך, 5 רייניקן אַרום די קוואַרטירן, 10 גיין צו דער באַן־אַרבעט — און דער רעשט ליגט אין

שפּיטאָל. פאַרמערן זיך די געלע, נאַסע קברים, וואָס גאַרטלען אַרום דאָס שטומע, קליינע קלויסטערל אַלץ ברייטער און ברייטער.

צוזאַמענגעוואָרפן אין ענגע, שמוציקע באַראַקן, באָרוויסע, נאַקעטע אין דער פייכטער קעלט, אָן אַ מעגלעכקייט אַ העמד צו וואַשן, געשלאָגן און געפּייניקט מיט „שפּאַנגען" און „אָנבינדן" דורך די אונגאַרישע וועכטערס, קאָסעט זיי דער הונגער-טויט, וועלכן מען רופט מיט דעם פאַרפּוצטן נאָמען: „פלעקן-טיפוס".

איך נוץ אויס יעדע מעגלעכקייט זיי לייכטער צו מאַכן די טרויעריקע עקזיסטענץ — אָבער ווער קען דאָס אָפּראַטעווען די אויסגעצוימטע סקעלעטן, וועלכע זענען שוין אַלס האַלבע קריפּלען געקומען אין מלחמה...

אין דער רשימה פון די פריש-געבראַכטע געפאַנגענע איז מיר אויפאַליק דער נאָמען גליקסמאַן. איז דאָך אין יאַסי פאַרהאַן אַ גאַנצע פאַמיליע אַקטיאָרן מיט אָט דעם נאָמען. איך לאָז רופן דעם געפאַנגענעם — און דערקען אים באַלד:

— גליקסמאַן! — שטרעק איך אויס צו אים ביידע הענט.

עס איז איינער פון יענע אקטיאָרן, מיט וועלכע איך בין געשטאַנען אויף דער בינע אין יאַסי ערשט עטלעכע טעג פאַר מיין אוועקפאָרן אין מלחמה.

ער ווערט אַ דערציטערטער, גאַפּט, און קען זיך אַלץ נישט גלייבן.

— הער מ... — דערקענט ער מיך און וואַגט נאָך אַלץ נישט צוגיין צום „פיינטלעכן" אָפיציר, זיין געוועזענעם קאָלעגע.

איך שלעפּ אים צו זיך, און ערשט איצט פאַלט ער מיר אויפן האַלדז מיט אַ געיאָמער, אַ פרייד, מיר צעקושן זיך האַרציק. צוזאַמען מיט אים זענען געפאַנגען אויך דער גוטער משהלע, אַ געוועזענער קאָריסט און אַ שטיקל אַקטיאָר, און די צוויי פּלימעניקעס פון מיין האַרציקער קאָלעגין ראָזע. איך נעם צוזאַמען מיין בינטל

געפאַנגענע, לאָז זיי אויסטיילן פרישע, וואַרעמע קליידער, פאַרזאָרג זיי מיט בעסערע קעסט און קוואַרטירן און הייס זיי, אַלס „אינטע־ליגענטן", איינטיילן צו קאַנצעליאַריע־אַרבעט. די מענטשן ווערן אויפגעריכט און בענטשן שוין דעם טאָג פון זייער גיין אין גע־פאַנגענשאַפט.

אין זייער זכות העלף איך די איבעריקע יידישע געפאַנגע־נע, גרינד אַ „פאַריין צו שיצן געפאַנגענע", און קריג אפילו פאַר זיי די דערלויבעניש צו מאַכן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג צוליב דעם צוועק. דאָס איינציקע טעאַטער־שטיק, וועלכעס זיי געפינען אין דער צוזאַמענגעבעטלטער „פעלד־ביבליאָטעק", איז „כינקע און פינקע". נעמט מען זיך צו אָט דעם „טייערסטן ווערק". אָבער אויך דאָ, אין געפאַנגענשאַפט, פאַרגעסן נישט אונדזערע יידישע אַקטיאָרן זייער „טראַדיציע" און — מען נעמט זיך דינגען וועגן ראָלן. ענדלעך בלייבט גליקסמאַן בײַ פינקע, משהלע שפילט כינקע, די איבעריקע ראָלן נעמען אַנדערע בחורים, — לאָז איך פאַר זיי פריי מאַכן דעם גרעסטן באַראַק, מען שטעלט צוזאַמען אַ קאַפעליע פון דער געפאַנגענער ציגיינער־מוזיק, — און מען שפילט טעאַטער. דער באַראַק איז געפאַקט מיט געפאַנגענע און מיט אונדזערע סאָל־דאַטן און אָפיצירן, — און עס בלייבט אַ היפש ביסל געלט פאַר דער „הילף אַקציע". אָבער מיינע געוועזענע קאָלעגן־שוישפּילער וואַרטן נאָך אויף מער: זיי גייען אַרום מיט צעגליטער האָפנונג אין די אויגן און זיפצן נאָך פרייהייט — „שוין־זשע וועל איך, דער אָפיציר, זיי באַרנישט קענען באַפרייען פון דער געפאַנגענשאַפט און זיי גלייך אַהיימשיקן?"...

מיר זענען אין דעם לאַגער אַזוי פיל אָפיצירן, אַז אַ טייל פון אונדז מוז מען איבערשיקן אין דעם לאַגער פאַר רוסישע גע־פאַנגענע. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען פאָליאַקן, מעלדן זיי זיך לפנים צו דעם „פוילישען לעגיאָן": איינגעטיילט אין קאָמפּאַניעס

און באטאליאנען, אן ערך 4000 מאן, האבן זיי אן אייגענע קאפעליע מיט א פוילישער פאן און פוילישע אויפשריפטן אויף די באראקן.

— א פאליאק — רוימט מיר איין באלד דער ערשטער בע־פאנגענער, וועלכן איך באגעגן תיכף בא מיין אנקומען.

דאס ווארט „פאליאק" דארף אים געבן א „רעכט" אויף צו בעטן נדבות.

כאטש א סך „באלעבאטישער" ווי בא די רומענער, מער אפגעהיט און פרייער אין דעם פריוואטן פארקער, האבן אויך אט די פויליש־רוסישע געפאנגענע צו ווייניק עסן. און טאקע דערפאר איז אויך צווישן זיי דער טויט א זייער אפטער גאסט. גייען מיר כמעט יעדן טאג צו זייערע לוויות, וועלכע ווערן נאך מער מאנא־טאן דורך זייער מיליטערישן „באטשנאשטש" מיט די גאצ־אנאלע טרויערמארשן פון זייער קאפעליע און מיט דעם פארשלאפענעם, לאטייבישן „פאטער אונדזער" פון דיקן, אידיאטישן גלח.

— ווען די מוזיק וואלט נישט שפילן — וויצלט זיך דער אונגאריש־יידישער אבערלייטענאנט, וועלכער געפינט זיך צווישן די באגלייטער — וואלטן זיי אפשר אזוי פיל נישט געשטארבן. אז מען מאכט זיי אזא פאראד...

צווישן א שורה צלמים דערבליק איך א האלצערנעם „מגן דוד" מיט דער יידישער אויפשריפט: „פ. ג. פישמאן פון רוסלאנד". נישט אין לאגער און נישט זיינע קאמעראדן קענען מיר זאגן, פון וועלכער שטאט ער שטאמט. וואלט כאטש זיין א רב באם מקבר זיין און פארשריבן זיין נאמען אין דער טויטן־ליסטע — אבער וו זענען זיי, אונדזערע יידישע „פעלד־ראבינערס"...

אין לאגער איז מען שטארק פארטון: מען רייניקט און מען פוצט, זייט עטלעכע טעג גיט מען אויך א סך בעסער עסן — מען גרייט זיך צו דער „אינספעקציע". און עטלעכע טעג שפעטער קומט ער אן, דער גרויסער גאסט, זיין עקסצעלענץ פעלדמארשאל־לייטע־

נאַנט פאָן ש., דער ברודער פון דעם ערשט דערמאָרדעטן מיניסטער. ער פאָרט פאַרביי מיטן אָבערסט באַ עטלעכע באַראַקן, קוקט אָן די װאַך, מאַכט אויף אַפילו די טיר פון איין באַראַק, — עסט אָפּ מיט אונדז אַ גאָר זאַטן מיטאָג — און פאָרט אַהיים. איצט קומט ערשט די „אמתע" אינספּעקציע: אַן עקספּעדיציע פון דעם שוועדישן „רויטן קרייץ". אַן עלטערער אַריסטאָקראַט מיט אַ יונגן סעקרעטאַר ברענגען מתּנות פאַר די געפאַנגענע. דער „הויפּט-באַזוך" איז ווידער אין דער אָפיצירס-קיך, און ווידער פרייען זיך די אָפיצירן, דען דאָס עסן איז אויסערגעוויינטלעך גוט. ווי קען גאָר דערביי איינפאַלן די דעלעגאַטן פון דער עקספּעדיציע, אַז טויזנטער מענטשן אין דעמזעלבן לאַגער שטאַרבן פּשוט פאַר הונגער?...

צוויי טעג דורכאַנאַנד פאַרטיילט מען די מתּנות פון שוועדן, אויף וועלכע עס האָבן אוודאי דעקאָלטירטע דאַמען און דיקע מענער געשוויצט אַ גאַנץ יאָר באַ אָוונטן און נדבות-קלובן, — אויף יעדן געפאַנגענעם זאָל אויסקומען איין טאַשנטיכל, צוויי ציגאַרן, אַ קעמעלע און אַ האַלב שטיקל טשאָקאָלאַדע...

די עקספּעדיציע „זעט" די געפאַנגענע פּונקט ווי דער פעלדמאַרשאַל-לייטענאַנט: מען קוקט אָן די האָלצערנע טיר פון באַראַק, מען לאָזט זיך איבערזעצן די אונגאַרישע אָדער פּוילישע אויפשריפטן — און מען איילט זיך אַוועקצופאָרן קיין ווין, ווייל דאָרט וואַרט די דריטע פון דער דעלעגאַציע: אַ שוועדישע „הויפּדאַמע"..

און אין דער ליבער היים שוועדן וועט מען שוין לייענען אין די גאַזעטן מיט גרויסע אותיות וועגן די „געוואַלטיקע לייסטונגען פון דער גרויסער עקספּעדיציע", און די דעלעגאַטן וועלן דאָרט אַרויסזאָגן זייערע „פּערזענלעכע איינדריקן" — לויט דער פּאָליטישער לאַגע, אין וועלכער דאָס לאַנד וועט דאַמאָלס זיך געפינען...

מיטאַמאָל קומט אַ מאָדנע בשורה: עס דאַרף צו אונדז אַראָפּפאָרן אַ ד ע מ אָ ב י ל י ז י ר ו נ ג ס-ק אָ מ י ס י ע. ד ע מ אָ ב י ל י ז א

ציע! מען דערציילט זיך שוין וועגן געהיימע פרידנס-פארהאנד-לונגען מיט רוסלאנד און איטאליע, — ביז „אסטערן" איז דער פרידנס-אנטראג פארטיק און — גרויס אין צווייי חדשים ארום קערן מיר זיך צוריק אהיים.

אהיים...

אט בילדן זיך שוין אפילו פארטייען מיט מיינונגען, ווער וועמען עס דארף אפטרעטן לאנד, אבער ס'רוב שטייט מען אויפן שטאנדפונקט פון דער לעצטער רוסישער רעוואלוציע: מען דארף בילדן א „בונד פון פרייע, קליינע רעפובליקן".

וואלט דען אין איצטיקן מאמענט נישט מעגלעך זיין אויך בא אונדז אן איבערקערעניש פונקט ווי אין רוסלאנד... און נאך מער ראדיקאל, מער רעוואלוציאנער...

מען פארפירט וויכוחים און עס קומט צו צאנקערייען, וועל-כע פירן אפילו צו א האס צווישן די אונגארישע און עסטרייכישע אפיצירן.

אין אט דער שטימונג פארן מיר צום איטאליענישן געפאנ-גען-לאגער, וווהין מען האט אונדז איבערגעשיקט, ווייל — מען ווייסט גלאט נישט, וואס צו טון מיט אזא גרויסער צאל אפיצירן. די מיידלעך און ווייבלעך אין די קליינע שטעטלעך קאקעטירן נאך אלץ ווי אין די גוטע צייטן!... נאך דריי שווערע יאר קריג האבן זיי נאך אלץ נישט פארלוירן זייער לייכטזין און זענען נאך אלץ גרייט צו באטריגן זייערע מענער און חתנים צוליב אן אפי-צירסקן היטל.

אונדזער ערשטע באשעפטיקונג אין דעם נייעם לאגער איז א רעוויזיע אין די באראקן פון די איטאליענישע אפיצירן: זיי ווערן פארנארט אויף אן „אפעל" אין דעם גרויסן שפייז-זאל, ווו זיי האבן אפילו א קלאוויר, קארטן, שאך און א ביבליאטעק — און מיר פאלן דערווייל אריין אין זייערע שטיבלעך און נישטערן דורך

יעדע קלייניקייט. מען דאַרף נישט לאַנג זוכן: דער באַצאָלטער שפּיאָן פון זייער מיטן האָט אונדז געגעבן אַ גענויע סקיצע. אַנט־דעקן מיר באַלד די אויף אַכצען צענטימעטער איבערגערוקטע וואַנט פון אַ שטיבל, פון וועלכן עס פירט אַ געהיימער גאַנג אין אַ גרויסן טונעל מיט עלעקטרישע ליכט. זיי האָבן געפּלאַנט צו אַנטלויפן. אונדזער אָבערסט לאָזט זיי ווידער צוזאַמענרופן, כּדי זיי „געבן מאָראַל" — ווילן נישט אַלע איטאַליענער קומען. און זענען זיי שוין פאַרזאַמלט, וויל איינער פון זיי דעמאָנסטראַטיוו נישט אויפ־שטיין, ווען דער אָבערסט רעדט צו אים. באַשטראָפט מען איינעם מיט צוויי וואָכן, דעם אַנדערן מיט דריי וואָכן אַרעסט — און די שיינע איטאַליענישע יונגען זשעסטיקולירן ווייטער בײַ די זאַטע שפּייזן און שמעקעדיקע ציגאַרן, וואָס זיי קריגן צוגעשיקט פון זייער היים, אָדער זיי שפּאַצירן זינגענדיק אַרום די ריינע באַראַקן, וואָס ווערן געפּוצט און באַצירט פון זייערע אייגענע דינערס.

גאָר ווייניק פון זיי פאַרשטייען דײַטש. איך פּרוּוו פאַרפירן אַ שמועס מיט איינעם, מיט אַ צווייטן — אָבער זיי ענטפערן נישט גערן און האָבן נאָר איין תּשובה:

— אונדזער קאָמאַנדאַנט וועט איבער אַלץ אינפאָרמירן.

וואָלטן זיי נאָר געוווּסט, אַז זייער „קאָמאַנדאַנט", דער איטאַ־ליענישער הויפּטמאַן, צו וועלכן זיי האָבן אַזאַ פאַרטרויען און וועל־כער דאַרף זײַן זייער מליץ יושר, אַז גראָד ער איז עס דער־ריעני־קער, וועלכן מיר באַצאָלן מיט גאָלד, ער זאָל אונדז איבערגעבן יעדן שריט זייערן, זייער יעדעס וואָרט...

— אָבער איינס ווילט איר זיכער: אַ היים? — פרעג איך מיט אַ שמייכל.

דאָס, ווײַזט אויס, פאַרשטייען זיי, דען אַלע צעלאַכן זיך צו־פרידן און אַ בענקנדיק פונקעלע שטעלט זיך בײַ זיי אין די אויגן.

אָבער צו דער „היים" איז נאָך ווייט...

די האָפנונגען, וואָס מען לייגט אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, ווערן צעשוווּמען. מען דערוואַרט גרויסע דרשות פון בעטמאַן־האָלוועג, און ער איז נאַר מעלה גרה דאָס, וואָס יעדער ווייסט שוין. קייזער קאַרל גיט אָנצוהערן, אַז די אַרבעטער ווילן פרידן, און קייזער ווילהעלם ווייזט אויף דווקא פאַרקערט, אַז נאָר דאָס רוסישע פאָלק וויל פרידן — און מיטאַמאָל צעדונערט זיך די נייע רוסישע „רעפּובליק" מיט פרישע קאַנאָנען.

מען וויל שוין אפילו איינרעדן, אַז אויך רומעניע און איטאַליע גרייטן זיך צו אַ רעוואָלוציע — קומט בשתיקה צופליען מיט אַן אַעראָפּלאַן אַ סערבישער הויפּטמאַן, אָרגאַניזירט 9000 באַוואָפנטע סערבן, שעכט אויס דעם גאַנצן עסטרייכישן גאַרניזאָן און וואַרפט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט אויפן רוקן פון דער עסטרייכיש־דייטשער אַרמיי, עס קומט נישט שיער די קאַטאַסטראָפע! מען באַוועלטיקט זיי ענדלעך, מען פאַרשיקט סערבישע מענער פון 15 ביז 50 יאָר אין דער אַזיאַטישער טערקיי — און ווידער שלעפּן זיך לאַנגע, פּוסטע טעג, — כאָטש דער פרילינג רייבט שוין די אויגן און שמייכלט שוין אַן אויפגעכאַפּטער מיט די ערשטע בליקן אויף די גרינע צווייגלעך.

ווידער איז בײַ אונדז די צאָל פון אָפיצירן צו גרויס און ווידער וואַרט מען אויף אַ טעלעגראַפישער תשובה פון קריגס־מיניסטעריום: וואָס זאָל מען מיט אונדז טון? איבער דרייסיק אָפיצירן דרייען זיך אַרום זייט וואָכן אָן אַ באַשעפטיקונג.

שיקט מען אונדז ווידער צוריק צום פריערדיקן רומענישן לאַגער.

דער איצטיקער קאָמאַנדאַנט אין לאַגער איז אַ סך מענטשלעכער, באַהאַנדלט די געפאַנגענע ווי אַן אייגענער פאָטער, אָבער די הונגער־נויט איז אַזוי גרויס, אַז די געפאַנגענע זוכן אַלע מיט־

לען צו אַנטלויפן. אויך די מגפה צווישן די געפאַנגענע איז נישט־קלענער געוואָרן. אַט דאַרפן מיר אין איין טאָג באַגלייטן צום קבר 18 רומענישע, 1 רוסישן און 1 יידישן געפאַנגענעם.

עס איז ערב פסח און מען ברענגט דאַסמאָל אַן אונגאַרישן „רבי", — אוודאי אַ סאַרוועער אין זיין שטעטל. ער רעדט „דייטש", און ווען נישט דאָס רומענישע יידל, וואָס זאָגט אים אונטער, וואָלט ער זיכער נישט וויסן, וואָס צו טון מיט דער קבורה פון דעם יידישן „רומענער". אַרום שטייען עטלעכע הונדערט רוסישע און רומענישע געפאַנגענע פון שפּיטאָל, ווו דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אַ קראַנקן־וועכטער. טאַקע דאָרט האָט דער פאַרשטאָרבענער זיך אָנגעשטעקט מיט דעם שרעקלעכן פלעקן־טיפוס. דער קרענקלעכער אָנבליק פון די רומענישע און דער ערנסט־שטרענגער אויסדרוק פון די רוסישע פנימער זאָגן עדות, אַז זייערע געפילן זענען שוין פון לאַנג פאַרשטיינערט געוואָרן... אמתע זעלנער, וועלכע האָבן שוין נישט איינמאָל געזען דעם טויט, בלייבן זיי אַצינד גאַנץ גלייכגילטיק. און מיך ווונדערט נאָר, וואָס באַ מיר איז נאָך דאָס האַרץ אַזוי שווער, צאַפּלדיק — און איך קען נאָך וויינען...

אָבער מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ קורץ, הויך כליפּען — פון אַ נאָענטן חבר אפנים, אפשר פון אַ קרוב — און ווי אַ שטראָם, וואָס האָט דורכגעריסן די ריגלען, פּלאַצט אויס אַ געוויין, וואָס קומט פון אַלע יונגע, פאַרוויטיקטע ברוסטן — די יללה פון יידישע הערצער...

מען איז אים מקבר. אַ רומענישער חבר בעט אים מחילה, און דער טראָמפּייט צעטראָגט ווייט און טרויעריק דאָס לאַנג־געצויגענע „צום געבעט", און מיר פאַרשיטן, יעדער צו דריי לאָפּעטעס ערד.

פוילט נאָך אַ יונג לעבן אין וויטער פרעמדער ערד...

עס איז דאָס אַכטע יידישע קבר אין דעם לאַגער, בשעת די רוסישע קברים ציילט מען אין די הונדערטער, — די רומע־נישע אין די טויזנטער. די יידישע צדקה, די הילפס־אַקציע פון די געפאַנגענע אַליין, האָט זיי פּאָרט אָפּגעהיטן אין זייער פינסטערן גורל.

מיר נעמען זיך אָפּגעבן די „לעצטע ערע" צו די 19 גויישע געפאַנגענע. אַ צען מעטער לאַנגער מאַסן־גרוב, אפשר פיר מעטער ברייט און פיר די טיף, אין רויטער ליימיקער ערד. די מתים ליגן שוין צוגעגרייט אין גרוב — אין דער זעלבער פּאָזע ווי דער טויט האָט זיי פאַרכאַפּט: אַ האַנט באַם קאָפּ, אַ פוס געקאָרטשעט, אַן אָפן מויל און פאַרקרומטע אויגן — כמעט נאַקעטע, געלע, אָפּגעצערטע, מיט שפּיציקע ביינער און פאַרמעטענער פאַרדאַרטער הויט — נאָר אַ שפּאַנישע אינקוויזיציע וואָלט געקענט אַזוי אַ מענטשלעכן גוף פאַרמאַטערן צו הויט און ביין...

צוויי רוסישע געפאַנגענע באַשפּריצן די מתים מיט אויסגע־לאָשענעם קאַלך, דער גלח טוט אָן דעם כאַלאַט, נעמט אַ צלם אין האַנט און באַשפּריצט די טויטע מיט „הייליק וואַסער" — און ווידער לאָזט זיך הערן דאָס טרויעריקע קול פון טראָמפּייט, ווידער שיטן מיר צו דריי לאָפּעטעס ערד, — אָבער דאָסמאָל נאָר אַזוי פיל, אַז מען זאָל קענען אויף די פרישע ביינער אַריינוואַרפן אַ נייע שורה פרישע אויסגעמאָגערטע, אָפּגעצערטע מענטשלעכע גופים...

די אויסגעצוימטע רומענישע ציגיינערס זאָגן נאָך דעם גראַ־פישן גלח זיין מאָנאָטאָנעם „שוויאַטאַ, שוויאַטאַ, שוויאַטאַ", — נאָר אָן אַ זיפץ, אַן אַ טרער, כמעט אָן אַ סימן פון שמערץ.

— אָט אַזוי, ברודערקע, יעדן טאָג — רייבט זיך דער גלח די הענט באַם אַוועקגיין און זינגט באַלד אַ קופּלעטל אויף פאַרשיי־דענע לשונות מיט אַזוי פיל ציניזם, אַז אונדזערע אָפּיצירסקע דינערס ווערן רויט פאַר בושה.

איך פיל זיך אַן איבעריקער אין דער פינסטערער מחנה פון שטענדיקער קראַנקהייט און טויט. איך וועל שוין דאָ קיין רו נישט געפינען. מיט וואָס קען איך דען זיי דאָ העלפן?... בעט איך ווידער בײַ דער אַרמיי־קאָמאַנדאַ, מען זאָל מיך שיקן אויף אַן אַנדער פראָנט. די דאָקטוירים ראָטן, איך זאָל צוליב מיין געזונט זיך מעלדן צום דינסט אין אַ וואַרימער געגנט. מיין ברודער, וועלכער „דינט אויך דעם קייזער", געפינט זיך אין דעם געפערלעכסטן ווינקל פון אַלבאַניע. אויב איך קען שוין קיין פרעמדע נישט העלפן — אפשר וועל איך כאָטש קענען נוצן אַן אייגענעם ברודער, — בעט איך, מען זאָל אויך מיך אַהינשיקן. און ווען איך קום צוריק פון מיין קורצן אורלויב אינדערהיים, וואַרט שוין אויף מיר דער טעלעגראַפישער באַפעל פון קריגס־מיניסטעריום: איך בין באַשטימט צום דינסט אין אַלבאַניע.

סאַראַיעוואָ

שוין אין צוג, וואָס פירט פון בודאַפעסט, טרעף איך אַ סך אָפיצירן, וועלכע פאָרן אויך קיין סקוטאַרי, די הויפּט־שטאָט פון אַלבאַניע. און כאָטש איך בין פרי געקומען אויפן וואָקזאַל, האָב איך שוין מער קיין פּלאַץ נישט — איך מוז שטיין. עטלעכע טוצן קראַנקן־שוועסטערס, וועלכע פאָרן אויך דעם זעלבן וועג, האַלטן אין איין אַרומקריגן זיך מיט די אָפיצירן, פאַרוואָס מען מאַכט נישט פאַר זיי קיין פּלאַץ צום זיצן. זיי ווייסן גאָרנישט, ווי פאַרהאַסט זיי זענען דורך זייער מיטהעלפן אין שיקן אויף דער פּאָזיציע פריש אויסגעהיילט מענטשן־מאַטעריאַל...

אין דער „ערשער קלאַס” רופט מיך ווער באַם נאָמען, עס איז מיין קוזין, אַצינד „אָפיציאַל” באַ דער פעסטונג־האַפן־קאַסע אין צ., וועלכן איך האָב שוין מער ווי אַ יאָר נישט געזען. ער מאַכט מיר אַ פּלאַץ לעבן זיך, און מיר נעמען פּאַרצערן זיינע ווייסע פרישע בולקעלעך, וואָס זענען אַצינד אַזאַ זעלטנהייט (דער שווער זיינער איז אַ מיליטער־ליפעראַנט...) אויך דער דאַמאָלסטיקער וויין שמעקט אויסגעצייכנט, פאַרקירצן מיר אַזוי דעם לאַנגן וועג, וואָס געדויערט גאַנצע דריי טעג.

די געגנט ווערט אַלץ אינטערעסאַנטער, דער הימל לויטערער, די לופט וואַרימער. קראָאַציע מיט סלאַוואָניע שמעקן שוין אַ ביסל מיט דרום, און ווען מען זעט שוין גרינקייט אַפילו צווישן די פעלזן, וויל זיך גאָרנישט גלייבן, אַז ערשט וואָס איז מען דורכגעפאָרן מערב־גאַליציע, ווו אַ שניי־שטורם האָט נאָך גאָר ביז געפראַוועט זיינע נאָכפסחדיקע תאוות. און ווידער ווערט מען צעטומלט, דען ווי מען קומט נאָר אַריין אין דעם שטיינערפולן באָסניע, ווערט מיטאַמאָל קעלטער, אויף די שפיצן פון די בערגלעך פאַרדיכטן זיך נעפלען. און עס לאָזט זיך צוערשט אַ לייכטער און דינער, אָבער וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער — אַן אמתער צעבאַלעוועטער שניי. דער לאַנגער צוג, קוים דערשלעפט פון צוויי מאַשינען, איז שוואַך באַהייצט. צעוויקלט מען די וואַרעמע דעקעס און מען טוליעט זיך גוט איין אין די זייער באַקוועמע בעטלעך, געמאַכט פון די צערוקטע פלושענע פאָטעלן — און מען פאַרוויגט זיך אין אַן אָנגענעמען דרימל.

אויפגעוועקט האָט אונדז דאָס געל־גאָלדענע ליכט פון ביידע זייטן פון אונדזער צוג. די זון שמייכלט מיט אַ פריינטלעכן „ברוך הבא”. מיר זענען אין דעם הערלעכן סאַראַיעוואָ דעם אייגנטלעכן מקור פון דער בייזער וועלט־מלחמה: דאָ האָט מען דערשאָסן אונדזער קרוינפרינץ־פאָרל.

שוין דער ערשטער בליק פֿאַרלאָקט, איך באַשליס צו פֿאַרבלייבן אין שטאָט אַ שטיקל צייט. ווינטש איך מיין קוזין אַ באַלדיקן ווידערזען „אין ציוויל", און איך זעץ זיך מיט מיין דינער אויף דער זייער ביליקער עלעקטרישער באַן און פֿאָר אַראָפּ אין שטאָט אַריין.

מיין האָטעל איז גאַנץ־אייראָפּעיִש, און דאָך גנאַדינט אונדז אַן אַלטער באָסניאַק מיט אַ רויטן „פֿעז" אויפֿן קאָפּ. און אָט דעם איינדרוק מאַכט די גאַנצע שיינע און פֿריינטלעכע שטאָט: אַרום די מאָדערנע דריי, פֿיר שטאָקיקע ווילעס שטייגן אַרויף טעראַסן־אַרטיק די שטיינערנע הייזלעך מיט די קליינע האָלצערנע קראַטעספֿענסטערלעך, פֿון וועלכע עס פֿאַרנעמט זיך אין אָוונט אַ שטיל, געהיים שעפּטשען — דאָרט אוילען זיך דאָס לייב די ווייבער פֿון אַ רייכן האַרעם־באַלעבאָס, שטרעקן אויס די ווייסע גלידער אויף די ווייכע דיוואַנעס און דערציילן זיך אוודאי זייערע וווּנדערלעכע מעשׂיות פֿון „טויזנט אין איין נאַכט..."

באַ די גאַנץ אייראָפּעיִשע פּאַרקן ליגן נאָך צעזייעט די ווונדערלעכע מצבֿות פֿון די מאַהאָמעדאַנישע בית עולמס, — אַפֿילו די פֿרויען־געשטאַלטן, וועלכע פּילן אָן די גאַסן, ווייזן אויך אויף די מאָדנע קאָמבינאַציעס פֿון אייראָפּע און אָריענט: אַ דאַמע אין דער נייסטער פּאַריזער מאָדע — און דערביי אַ דיקע פֿויערטע אין גאָר ברייטע, געלאַטעטע הויזן, — אָדער דער גראַציעזער איבערוווּרף אויף דער פּלייצע פֿון דער מאַהאָמעדאַנערין מיט דעם נאָך גראַציעזערן, שוואַרצן אָדער ווייסן שלייער אויף איר פּנים.

בפֿרט גראַציעז זענען די אין זיידן געטאָקטע, שלאַנקע געשטאַלטן פֿון די אַמאָליקע האַרעם־ווייבער און היינט שוין „באַפֿרייטע", אַריסטאָקראַטישע מאַהאָמעדאַנער דאַמען — מיט די צאַרטע הענטלעך און נעזלעך, וואָס קוקן אַפֿער פֿון די, געוועבלעך אין דעם זעלבן קאָליר געהאַלטענע, הענטשקעס און שלייערס. די קליינע שטי־

וועלעך זענען כמעט תמיד אין אַן אַנדערע פאַרב ווי דאָס דאָמינאַ. דער אָריענט מיט זיינע מיטאָג-שטראַלן האָט דאָ פאַרפלאַנצט אַ שטיק פון דעם פאַרקלערטן, ראַפינירטן אייראָפּע, אוןביידע עקסט־רעמען — מזרח און מערב — האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין שטראָם ווי צוויי האַרציק באַפריינדעטע ווינטן, ווי צוויי ליבנדיקע, לעכצנדיקע הערצער — ווי דער גרויסער מענטשלעכער אידעאַל פון ליבע, וואָס האָט זיין קוואַל אין אַלטן מאָרגן־לאַנד און באַ־פרוכפערט מיט אַ שטאָלצן שימער די שאַפנדיקע צאַרטקייט פון מערב.

איך שטיי אויף דעם פלאַץ פאַר דער דריטער אָדער פערטער בריק, וואָס ציט זיך איבער דעם פלאַכן, הימל־גרין־בלוילעכן וואַ־סער — באַ דער ברייט אויסגעבויטער גאַס, וואָס דערמאַנט אַזוי מיט אירע פיל פאַרשלייערטע פרויען-געשטאַלטן אָן די מאַסקאַ־ראַדעס אויף דער ווינער רינג־שטראַסע, — אויף דעם פלעק, וואָס איז געווען דער „גיפט־קוואַל” פאַר דער גרויסער וועלט-מלחמה. באַ אָט דעם אריינגאַנג צו דער בריק האָט דער יונגער סערבישער סטודענט דערשאָסן דעם עסטרייכישן טראָנפאָלגער מיט זיין פרוי, — און דער פונק פון זיין רעוואָלווער האָט אונטערגעצונדן די גאַנצע וועלט אין העלישע פלאַמען...

נישט ווילנדיק זוכט מען אויף דעם געשליפענעם פלאַסטער די שפורן פון בלוט.

אינדערהייך פון ערשטן שטאָק הענגט אויף אַ ווייסער מויער אַ שטיינערנער טאָוול מיט די אין גאָלד אויסגעקריצטע ווערטער: „צום אָנדענקען פון דער דערמאָרדונג א. אז. וו.”. געווען פריער געשריבן אין דייטש, היינט שוין קראָאַטיש, וועמעס כאַראַקטער עס טראָגט אויך דאָס גאַנצע לאַנד. דאָס איז אויך אַ צייכן פון די לעצטע פאָליטישע איבערקערעגישן. און איבער אָט דעם אויפשריפט הענגט אַן אויסגעהוילטע, שטיינערנע קרוין, אין וועלכער עס לייכט

זיך טאָג און נאַכט אַ מאָט-רויט לעמפּל, — אַ מין „נר תמיד" פאַר די דערשאָסענע — און אפשר אַן אייביקער זכר פון מאָדערנע שקלאַפן און פאַרקנעכטעטע נשמות, וואָס פאַרגיסן זייער אומשולדיק, יונג בלוט צוליב אַ „העלדן-קאַפּריז" פון אַ הערשער-פּאָרל, — אַ אַ שאַנד-פלעק פון מיליאָנען מענטשן-שעפסן, וואָס לאָזן זיך פירן צו דער שלאַכט-באַנק, און האָבן נישט דעם ווילן און מוט צו צע-שמעטערן דעם פאַרשאַכערטן מוח פון זייערע באַצווינגער...

— קאַרטי, פּאַנע — וועקט מיך פון מיינע געדאַנקען אַ די-קער קראָאַט, וועלכער וויל איך זאָל בײַ אים קויפן אַ בילדל פון דעם „סאַראַיעווער מאָרד".

עס איז שוין אָוונט, אָבער עס גליסט זיך נאָך אַלץ נישט גיין אין האָטעל, פאָר איך אין דעם איינציקן אָפּיציר-קאַפע-הויז „מאַריאַ-הילף", וועלכעס איז אָפן ביז צוועלף אין דער נאַכט.

די „קראָאַטישע" דאַמען-קאַפּעליע, וואָס „גאַסטראָלירט" דאָ, באַשטייט פון זעקס שיינע און וויניקער שיינע מיידלעך מיט אַ כוואַטסקער, בלאָנדער קאַפּעלמייסטערין, וועלכע האָט פאַר יעדן גאַסט אַ באַזונדערן שמייכל, אַ באַזונדער טענצל, אַ דריי מיטן צינגל און אַ קנייטש מיט אַן אייגל. זי שיקט אַלץ די י ײ נ ג ס ט ע שפּי-לערקע פאַרקויפן צווישן די געסט די אָפּגעבליאַקעוועטע פאָטאָגראַ-פיעס פון דער אייגענער קאַפּעליע. אַרום די טישלעך זיצן אָפיצירן און מונדירטע באַאַמטע, וועלכע ווילן זיך אַלץ איבערשטייגן אין ספּענדירן שאַמפּאַניער „פאַר דער געטלעכער קונסט". און די „האַל-בע דאַמען" האָבן ברייטע העלדזער און טרינקען — טרינקען, שפּילנדיק יעדן זיין באַליבט „שטיקל", און קוקן זיך נישט אויב אַפילו אויף די „פּראָסטע ציוויליסטן", וועלכע זיצן ווי פאַריתומטע אין צווייטן שטיבל.

עס איז פויזע, און די מיידלעך זעצן זיך צו די טישלעך צוזאַמען מיט די אָפיצירן.

— האָסט געזען, ווי זי האָט אים צוגעזאָגט? — סודען זיך צוויי „קראַאַטקעס" אויף דייטש.

— דאָס איז אַ חוצפה! לאַה, דעם בעקערס טאָכטער... — פאַרענדיקט שוין די צווייטע אויף פּראָסט יידיש.

עס גליסט זיך שטאַרק צו פרעגן, פון וועלכן אונגאַרישן שטעטל זיי שטאַמען און אין וועלכן גאַליצישן דערפל זייער טאַטע־מאַמע זענען געבוירן — וויל איך אָבער נישט דערוועקן אַ קאָנקורענץ־אייפערזוכט באַ די „שטאַם־געסט", און איך בלייב מיט מיין גלעזל אין ווינקל.

עס קומט אַ פרישע געזעלשאַפט: צוויי דאַמען און אַ יונגער הער, אַ הויקער.

אוודאי דער מאַן פון דער עלטערער דאַמע, יידן, פאַרשטייט זיך. ער וויל נעבעך, דער מאַן, זיך זעצן באַ דער טיר, צווישן די ציוויליסטן, יאָגט אָבער דאָס ווייב מיטן ברייטן הוט און מיט די בריליאַנטענע אוירינגלעך אַרויף צו דער קאַפעליע, און ער מוז נאָכגיין. דער הויפן שוין האַלב שיכורע אָפיצירן נעמט באַלד קאָקעטירן. דאָס ווייבל גוידערט זיך, וואַרפט מיט די אויגן, גלעט אירע בלאָנדע, צוגעטשעפּעטע לאָקן — קריגט חברה אָפיצירן „קוראַזש" און מען וואַרפט אַריבער צווידייטיקע וויצן און אָנצוהערענישן. האָט דאָס ווייבל אַ הנאה און שמייכלט צופרידן — ביז דער פאַרשוויצטער, צעטומלטער מאַן כאַפּט צאָלן און הייסט גיין אַהיים. די יידינע איז אויפגערעגט, איר באַגלייטערין איז נישט צופרידן, — אָבער דער קליינער הויקער האָט שוין געעפנט די טיר — מען מוז פאַרלאָזן די יונגע, לוסטיקע אָפיצירן.

אַ גאַנץ בגלופינדיקער הויפטמאַן האָט באַמערקט די סצענע, ריקט ער זיך צו מיט אַן איראָניש געלעכטערל:

— וואָלט נאָר די אַרמיי אָוועקגענומען אויך די פאַרקריפּל־טע, הויקערדיקע מענער!... האָט מען געשאָסן אַ פּרינצן־פּאָרל, מיליאָנען מענער פאַרגיסן שוויס און בלוט, און אַזאַ שיינע פרוי, זאָל דערביי אפילו נישט אַ „לעב טון" מיט אַ שיכּורן אָפיציר — נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט דאָס אומגליק צו האָבן אַ מאַן אַ הויקער! גאָטס רחמנות, גאָטס רחמנות, זאָג איך דיר...

אָריענטאַליש

דורכגעוואַנדערט אַ טאָג אויף די אַרומיקע בערג, ווו קליינטשיקע אייזלען מיט דיקע בייכער דערשלעפּן קוים אַהיים דאָס זעקל תבואה און ווו די פאַרשפּאַרטע מוזולמאַנקעס קוקן נייגעריק דורך די האַלצערנע גראַטעס און פאַרשווינדן מיט מייז־טריט, ווי נאָר זיי דערשפּירן, אַז מען וועט זיי דערבליקן — לאָז איך מיך אַראָפּ אין טיפן טאָל פון שטאָט, צום „באַזאַר־פּערטל".

ווי אין אמתן אָריענט: שמאָלע, נידעריקע, האַלב פינסטערע קלייטן מיט „כל טוב": פון אַנטיק־גאָלד און זילבער־פּיסטוילן און פּערסישע טעפּיכן ביז די קלעפּיקע צוקערלעך און פּרימיטיווע פייפערלעך. די „טערקן", סוחרים מיט די פּיס אונטער זיך און מיט די גרויסע געבויגענע נעזער, קוקן מיט דער זעלבער קלוגשאַפט און סוחרישער קאַרגשאַפט ווי די גנבישע אייגעלעך בײַ אונדזערע קליינשטעטלדיקע הענדלערס. נישט ווייט, אָפּגעזונדערט דורך אַ טויער און אַ הויף, שטייט אַ גרויסע, שיינע מאָשעי. דאָס טויער איז אָפן. איך פיל אַ שטיק יראת הכּבוד פאַר דער פּרימיטיווער האַלב־לבנה אויף דעם הויכן, שמאָלן, ווייס־שטיינערנעם טורעם. דער בליק

אין הויף אַריין אויף די מיט קאָראַן-פּסוקים באַמאָלטע טירן, איז אַזוי היימלעך און רויִק, כּמעט פריינטלעך-פּאַרלאָקנדיק, אַז איך גיי אַריין.

אַ טיפע שטילקייט. נאָר פון אַ ווינקל אַרויס הערט זיך דאָס צערטלעכע זשומען פון אַ פאָנטאַן. מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ דערבענטער איך זיך: אַ פירעקיק דעכל אויף פיר זיילן, און פון אַ שטיין און רערלעך קוועלן אַרויס קרישטאָלענע, ווייס-בלויע וואַסערן, וואָס צעשיטן זיך אין אַ זילבער-רעגן אויף דעם קלאָרן באָדן. די הויכע מויער און די צעוואַקסענע ביימלעך אַרום פאַרשטעלן די נאָך פלאַמיקע, אונטערגייענדיקע זון און היילן איין אַלץ אין אַ קילן שאָטן פון אַ בין השמשותדיקן אָטעם. און עס ווערט אַזוי אַלטערטימלעך-טרויעריק-גוט... אויף אָט די זאַמדן האָט געמוזט טרעטן די „וווּנדערשיינע סולטאַנס טאָכטער", יעדן טאָג באַ אָט דעם וואַסער מוז זי זיפצן און וואַרטן אויף איר געליבטן, און יענער „אַזראַ"... דער יונגער שקלאַף... טאָג פאַר טאָג אַלץ בלייך און בלייכער... פון יענע אַזראַס, „וועלכע שטאַרבן, ווען זיי ליבן"...

אָט די מעלאָדיע וויל גאָרנישט אַרויס פון מיין זינען.

אַ קלאָגנדיקע שטימע פון דעם שלאַנקן טורעם (ווי אַ „מיידלשער האַלדז"...) צעטראָגט זיך ווייט און ברייט, קייקלט זיך אין אַ פרעמדער נאָז און גאָרגל-שפּראַך, — אָבער אין אַזאַ באַקאַנטן, היימישן ניגון: „אַ—אַ, אַ—אַ—אַ, אַ—אַ—אַ—אַ—אַ...!" — דאָס רופט דער „העדזשאַ" צו די אָוונט-תּפילות. ס'ווערט דאַכט זיך, אַז איך געפין זיך אין אַ גרויסער שול באַ כּוהנים-דוכענען.

עס רוקט זיך אַריין אַ געזונטער, אָפּגעבּרענטער באָסניאַק, וואָס איז, קען זיין, אַ האַפן-אַרבעטער, אָדער אַ קאַפע-הויז-באַזיצער, און אפשר גאָר איינער פון יענע „טערקן"-באָסניאַקן, וועלכע ווערן אַזוי פאַרבלאָנדזשעט אין אונדזערע מקומות מיט מעסערלעך, שטעקעלעך, ציגאַר-שפּיצלעך און אַנדערע שפּילערייען. ער גייט צו צום

פּרונעץ, טוט אויס די סאַנדאַלן, וואַשט זיך די הענט, גייט ביז צום שער פון מאָשעי, קניט אַנידער אויף דעם שוין צוגעגרייטן טעפּיכל, און נעמט שלאָגן אומצייליקע מאָל מיטן שטערן צו דער ערד, פאַלנדיק אַלץ צו צוויי מאָל „כורעים“ — ער דאַוונט.

אַ גאַנץ אַנדערע וועלט מיט אַנדערע געגנט און אַנדערע וועגן.

און עס הייבט אָן ווערן קלאָר, אַז זיי וועט קיינמאָל נישט פאַרבינדן מיטן קריסטלעכן רוים, אַז די הונדערטער שלאַכטן אין מיטלאַלטער האָבן געהאַט זייער טיפן זין — און מען נעמט ערשט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער היינטיקער „הייליקער קריג“, אין פאַרבינדונג מיט די קריסטלעכע „חברים“, האָט אַזוי שוואַך אָפּגעקלונגען בײַ די שטרענג־גלויביקע מאַהאָמעדאַנער. דער סולטאַן זייערער, דער „פאַרבינדעטער“ פון פּראָטעסטאַנטן און קאַטאָליקן, האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן זיי...

אַ באָסנישער סאָלדאַט פרעגט מיך, צי איך וויל אַרייַנגיין צום דאַוועגען. מעגלעך, אַז דער „הערזשאַ“ האָט אים געהייסן מיך פאַרבעטן. איך דערמאַן מיך אָבער, אַז איך וועל דאַרפן דערבײַ אַראָפּשלעפּן מײַנע גרויסע, שווערע שטיוול, זאָג איך זיך אָפּ און לאָז זיך אַרויסגיין. בײַ די טויערן פון אַלע דריי זייטן זיצן שוין ווייבער מיט פאַרהילטע פּנימער און בעטן נדבות מיט אַ ברכה אויף די ליפּן. פונוואַנען האָבן זיי זיך פלוצלינג אַהער גענומען? איך וואַרף צו יעדער אַ מטבע און זיי כאַפּן עס אויף מיט די דאַרע הענט, אייַנגעוויקלט אין אַ קויטיק שמאַטקעלע — זיי זאָלן זיך חלילה נישט מטמא זיין דורך אָנרירן אַ מטבע פון אַ פרעמדער, מאַנסבילשער האַנט.

איך פאַרנעם זיך דורך אַ רייַנער, קליינשטעטלדיקער גאַס צו דעם „קל“, די שול פון די ספּאַרדישע יידן.

שוין די מער אינטעליגענטערע פּנימער, וואָס קוקן פאַרקלערט פון די טערקישע „פעזן“ און די קליינע, מאָגערע פרויען-

בעשטאַלטן מיט די שוואַרץ-חנוודיקע אייגעלעך און די אָוואַלע „שפּאַנישע" מיצעלעך אויף די קעפּ, באַווייזן, אַז איך געפין זיך אין יידישן קוואַרטאַל. איך לאָז זיך צוגיין צו איינעם, בא וועלכן עס איז קיין ספק נישט, אַז ער איז אַ ייד.

— „זשידאָ"? — פּרוּוו איך אויף קראָאַטיש.

ער קוקט פאַרוואונדערט.

— „העי" — ענטפערט ער אויך אויף קראָאַטיש, אַז „יאָ".

איך פּרוּוו רעדן צו אים יידיש — עס גייט נישט; דייטש — קוים וואָס ער פאַרשטייט. אָבער ווי נאָר ער דערהערט, אַז אויך איך בין אַ ייד, נעמט ער פריי און דרייסט רעדן אויף זיין קלינגענדיקן שפּאַניאָליש, ווי עס וואָלט בא אים זיין אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז איך אַלס ייד, מוז דאָס פאַרשטיין.

— המדבר אתה בלשון עברית? — שלאָג איך אים איבער.

— „מעט" — שמייכלט ער, ווי ער וואָלט שטאַרק הנאה געהאַט.

אָבער עס גייט זייער שווער מיט זיין לשון קודש. און דאָך פאַרשטייט ער באַלד, אַז איך זוך אַ „בית תפילה".

קוים עטלעכע שפּאַן, און מיר שטייען אין אַ קליינעם הויף, וווּ עס געפינט זיך דער שער פון דער שול, — געבויט אין ראָמאַניש-אָריענטאַלישן סטיל, כמעט אין דעם קליינעם טעמפּל-מין, וועלכן מיר באַגעגענען אָפט אין די מעריש-שלעזישע שטעטלעך

אַ צוויי מנינים אין טערקישע מיצלעך זיצן שוין אין די קלאָרע בענק מיט סדורים אין די הענט, — ווייס-חברה שטיפט און שפּילט זיך אין „גרויסע", איבערקרומענדיק אויפן הויכן קול יעדנס אַתנע שטימונג פון דער היימישער, ליבער מנחה-צייט... בא מיין אריינקומען, שרייען אָן די עלטערע אויף די קונדייסים, ווייזן מיר אַ פּלאַץ אין דער ערשטער באַנק און דערלאַנגען אַ סדור.

די שול איז ריין, באַשיידן, חנוודיק — אומצייליקע מגן דודס אויף די ווענט און אויף די פענסטער. אין דער מערב-זייט אַן אָפענע, ברייטע גאַלעריע — אוודאי פאַר די ווייבער. דער „אָרון", מיטן „מזרח" טיף צווישן צוויי פאַרשמעלערטע ווענט, מאַכט באמת דעם איינדרוק פון אַ „קדשי קדשים". איך וואַרט נאָך אַ גאַנץ היפּשע ווײַלע, ביז עס קומט צו לויפן אַ ייִד, אויך מיט אַ טערקיש מיצל און מיט ווײַסע, לאַנגע וואָנסעס, ווײַזט אויס זיין אַ סוחר, ער וואַרפט אויף מיר אַ בליק — און איז שוין אויפן באַלעמער.

„אשרי"... צעזינגט ער זיך מיט אַ היימישן נוסח, אָבער דער ספרדישער דיאַלעקט גרילצט עפּעס אַזוי מאָדנע בײַ דער פשוטער „מנחה"...

— אייניקע שטונדן... — גיט מיר צו פאַרשטיין דער „בעל תפילה", אַז צו „מעריב" איז נאָך צייט אַ שעה, — און שוין לויפט ער אַרויס. האָט נאָך דערווײַל מסתם אַ געשעפטל צו באַזאָרגן.

עס באַגלייטן מיך אַרויס אייניקע האַרציקע, שיינענקע בחורימלעך מיט שוואַרץ-ברענענדיקע אייגעלעך, געזונטע ייִדישע קינדערלעך, וואָס — „אַז מיר זאָל זיין..." וואָלט געזאָגט אויף זיי ביאַליק. מיט די עלטערע צעשמועס איך זיך אַ ביסל אויף העברעיש, אייבער רעדט אַפילו אַ ביסל דײַטש, אָבער מיט אַזאַ ייִדישלעכן ניגון...

— קען נישט קיינער פון אייך גוט רעדן לשון קודש?

— ניין, דאָס קענען נאָר די רבנים.

— זענען דאָך פאַרהאַן ייִדישע שולן — ?...

— יאָ, אָבער דאָרט לערנט מען נאָר דאַוונען און אַ ביסל איבערזעצן.

— אויף שפּאַניאָליש?

— אוודאי אויף שפּאַניאָליש — וווּנדערט זיך דער בחור-

אויף מײַן פּראַגע, גלייך עס וואָלט גאָרנישט געמאָלט זײַן, אַז מען קען העברעיִש איבערזעצן אויף אַן אַנדערער שפּראַך.

איך גיי אַוועק מיט דעם געדאַנק, אַז בײַ אַלע אונדזערע ענלעכע מנהגים, איז פֿאָרט דאָס ביסל לשון קודש דאָס איינציקע, וואָס לאָזט אונדז נאָך זיך פֿאַרשטענדיקן מיט אונדזערע האַלב פֿאַרגעסענע ברידער. און ווײַטער —: האָב איך דאָך פֿאָרט צו פֿאַרדאַנקען דער מלחמה, וואָס איך האָב זיך מיט זיי געטראָפֿן...

אין דרויסן איז שוין פֿינסטערלעך. אַפֿילו די טאַבאַק-קלייטן, וועלכע מען באַטראַכט מיט אַזאַ הנאה (דען מען קומט דאָך פֿון דעם טאַבאַק-אויסגעהונגערטן עסטרײַך-אונגאַרן...), זענען שוין אויך פֿאַרמאַכט.

איך פֿאַרנעם זיך אין די שמאָלע, סודותפֿולע געסלעך, וואָס ווײַזן אויס שוין צו דרימלען. נאָר זיי זשמורען נאָך מיט האַלב-אָפֿענע אויגן פֿון אַ טונקעלן לאַמטער אָדער פֿון אַ געל-רויטלעכן שטראַל, וואָס גנבעט זיך אַדורך פֿון אַ דיק-פֿאַרהאָנגען פֿענסטער, און אָטעמען נאָך שטיל מיט אַ פֿאַרהאַלטן שעפּטשען אַרום אַ ברונען, הינטער די שווער-פֿאַריגלטע מויערן. איך וויל זיך פֿאַרקירעווען צו דער הויפּטגאַס, פֿונוואַנען עס דערהערט זיך נאָך דער הייזעריקער „קראַ" פֿון אַ פֿאַרשפּעטיקטן אויטאָמאָביל — ווען הינטער מײַנע פּלייצעס וואַקסט פּלוצלינג אויס אַ שלאַנק, צאַרט געשטאַלט מיט אַ שוואַרץ טיכל איבערן קאָפּ. נאָר בײַ איר ליכטיק-ווײַסן פּנים שטעקן אַפּער די קראָ-שוואַרצע מיידל-פֿלעכט. קורץ, מיטאַמאָל, צעקלינגט און האַקט זיך אָפּ אַ פֿאַרהאַלטענער לאַך פֿון איר אַלטאָוער שטימע. פֿון די אויגן גיט זיך אַ שיט אַ סנאָפּ פֿײַער גלייך מיר אַקעגן — און שטיל, פּאַמעלעך, לאָזט זי זיך גיין איבער דער שטיינערנער בריק — נאָר ווי אַ שאָטן.

לאַנג קוק איך איר נאָך. איז עס אַ שטיף-טאָכטער פֿון דער

נאַכט-מלכה „ליבע״, וועלכע גייט אַצינד צווישן אין די שטילע גאַסן אויף רויב? אַ היגע, — אָדער איז זי „אימפּאָרטירט״? שלעפּן זיי זיך דאָך מחנות-ווייז נאָך די מאַרשירנדע אַרמייען — די זונות. אָדער איז עס איינע פון יענע „וואונדער-שיינע״, בײַ וועלכע עס צאַפּלט דאָס האַרץ פאַר ווייטיק אַ גאַנצן טאָג, נישט צו קענען ווייזן פאַר דער ליכטיקער וועלט איר בלאַסן שטערן, די צעגליטע באַקן, און אויגן... די אויגן! וואָס נישט אַמאָל קען זייער פלאַם דורכברענען אַ פרייקייט אין דעם אויפגעצווונגענעם שלייער, אויף אייביק באַהעפט מיט די לאַנגע, זײַדענע ברעמען...

האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט פון איר פאַראייניזאַמטן מיידל-חדר, מיט דריבנע פיסלעך צעטרעטן דעם פאַרהאַסטן שלייער, און זיך פאַרטרויט פאַר דער שטילקייט פון דער שטומער נאַכט: — נאַ, זע, ווי מיין האַרץ בענקט, גאַרט, צאַפּלט נאָך דער וואונדערלעכער, אומבאַקאַנטער ליבע? — אָדער איז זי אַוועק פון די ווייכע זײַדנס פון איר געלעגער, אַנטלאָפן פון דער גיפטיקער בייטש פון איר האַרעם-האַר, צו שעפּן אַ פרישן שטראָם לופט אין דער קילער נאַכט — האָט זי צעעפנט אין פיבער אירע דורשטיקע, פולע ליפן און מיט פּערל-ציינער געוווּנקען צום שטילן, אויכגעשטערנטן הימל: „נקמה... נקמה!...

וויל זי זיך מעסטן מיט דער בלאַסער לבנה? פילט זי, אַז אַצינד אונטער די פליגלען פון אַ שטומער מלחמה-נאַכט, קען זי איינשעפּן אין זיך דעם אייביקן הויך, דעם וואַרעמען, דעם גליענדיקן, פון אַ מאַנסבילשער, געליבטער ברוסט? — וויל זי פילן, צי בענקט ווי אירע צעבליטע ברוסטן ציטערט אויף זיינע, די מאַנסבילשע? צי צערטלט אויף זיין האַנט אין הייסן, ברענענדיקן פאַר-לאַנגען...

אפשר צום ערשטן מאָל... צום ערשטן מאָל...

זעצט איר האַרץ פאַר מורא, אָדער טאַנצן אירע קלובעס אין

צעלאָזענער תאווה און אויסגעלאַסנקייט? פ אַ ר ק ו י פ ט זי זיך?... צי איז זי גאָר איינע פון יענע אומגליקלעכע מיידן אין זודיקן דרום, וועלכע גייען אויס פאַר ליבע און בענקשאַפט און שטאַרבן דעם גייסטיקן טויט פון שגעון? האָט מען דאָך אַזוי פיל חתנים פאַרנומען אין מלחמה... בלאָנקעט זי גאָר אפשר אַרום אַצינד אין פוסטן משוגעת, צו טרעפן אין די פאַרבאַרגענע ווינקלען דעם שאָטן פון איר געליבטן — ?...

דער נאַכט-וועכטער ווייזט מיר אָן אַן איזוואָשטשיק. מיט טוי-בע קלאַנגען שלאָגן אָפּ אָן דעם שטיינערנעם ברוק די שאַרפע פאַדקאָוועס פון דעם איינציקן פערדל. אומזיסט זוך איך מיט די אויגן יענע געהיימע געשטאַלט אין שלאַנקן, שוואַרצן דאָמינאָ.

איך שטיי שוין פאַר מיין האָטעל — און זי איז מער נישטאָ. פאַרשווונדן ווי די שאָטנס אין אַ נאַכטיקן קאַמף — ווי די נאַכ-טיקע שטליקייט וואָלט זי פאַרשלונגען.

אויפן ברייטן באַוואָפנטן ים

מיר פאָרן אַריין קיין דאַלמאַציע, און פאַר אונדזערע אויגן ציט פאַרביי אַ שטיק אמתער „גן עדן התחתון”: אַ לאַכעדיקער הימל, פאַרחלומטע פאַלמען-ביימער. און ערשט דער ברייטער, פאַרליבטער ים!...

אין זעלעניקאַ דאַרף איך וואַרטן צוויי טעג, ביז איך וועל האָבן אַ שיף קיין קאַטאַראָ. פאַרהאַנען באַלד אַ שיף איבער אַלעסיאָ און דוראַצאָ, נאָר דער וועג איז אַ געפעלעכער: די אי-טאַליענער, פראַנצויזן און ענגלענדער האַלטן „אָפענע אויגן” דורך

זײערע אונטער-װאַסער-שיפֿלעך און פֿאַרפֿאָלגן יעדע שיף, װאָס װאַגט זיך אַרױס אין ברײטן ים. אָבער איך האָב שױן פֿאַרשפּעטיקט אַ סאָרדיעלאָ — איך טאָר נישט פֿאַרלירן קײן צײַט. און אַפֿילו באַם גאַנצן עקל, װאָס מען פֿילט שױן צום קריג מיט זײַנע געפֿאַרן, לאָקט מאַך אַלץ די לוסט פֿון אַ שטיקל אַװאַנטורע! — אַ נײַער פּראָנט, פֿרישע קאָמפּלימענטן, אַן אַנדערער קעגנער.

— איר זענט שױן געפֿאָרן מיט אַ שיף? — פֿרעג איך פּלוצלינג מײַן נײַעם דינער.

— ער װערט רויט:

— „נײן".

— װילט איר תּיכּף זיך אויפֿזעצן.

ער װערט בלאַס:

— „װי הער אָבערלײטענאַנט װעט באַפֿעלן."

די זאַכן צום פּאָרט — מיר פֿאָרן!

די שיף האַלט זיך אַ 5000 שריט װײַט פֿון ברעג. מיר פֿאָרן פֿאָרזיכטיק: עס קען דאָך אַ װאַסער-מינע זיך פֿאַרבלאָנדזשען...

קוים אָפּגעפֿאָרן אַ צװײ שעה (די גאָלדן-פֿײַערקע זון האַלט אין פֿאַרגײן) — פֿאַרטײלט מען רעטונגס-גאַרטלען. נישט װילנדיק שיט מען אַ ציטער: די זאַך װערט ערנסט...

און פֿאַרװאָס גיט מען נישט די דינערס קײן רעטונגס-גאַרטלען?

נישטאָ מער: פֿאַרהאַן מער פּאַרשױנען װי גאַרטלען...

מיר זיצן אויף דעם באַקװעמען פּאָרדעק און װוּנדערן זיך, װי שנעל די זון זינקט אויפֿן װײַטן האָריזאָנט. די שיף פֿײַפֿט פּלוצלינג „אַליאַרם".

— אַ פֿײַנטלעכע אונטער-װאַסער-שיף! — שרײַט עמעצער.

אָבער באַלד באַרויִקט מען זיך: עס זענען אַרויסגעשװוּמען אײגענע דרײַ אונטער-װאַסער-שיפֿלעך, צו ערן אַ פּאָר מײדלעך, װעלכע זענען געקומען אין גאַסט צו די מאַרינע-אָפֿיצירן פֿון אַ קריגס-

שיף. אויף זיי „צו ערן" שווימט אַרויס אַ „הידראָפּלאַן", דערהייבט זיך הויך, מאַכט עטלעכע לופט־קונצן — און פאַרשווינדט. פאַרן מיר ווייטער באַרויִקט און בשלום, אָבער דער געדאַנק וועגן מיין צע־שראָקענעם דינער גיט מיר קיין רו נישט, איך גיי אַראָפּ אין דער אונטערשטער קאַיוטע (אַ מין גרויסער, ליידיקער זאַל), וווּ אַלע די־נערס מיט די געפּעק זענען פאַרזאַמלט. צווישן אַ באַרג זעק, טאָר־בעס, טאַשן, קוישן און קופערטס ליגט ער און שלאָפט. איך וועק אים, ער זאָל עסן אָוונט־ברויט. ער האַלט זיך קוים אויף די פיס: די היץ און דער רויש פון די שיף־מאַשינען האָבן אים באַטויבט. איך דערלאַנג אים אַ האַרבן שנאַפּס, הייס אים זיך נעמען אייניגע פון מיינע פלייש־קאָנסערוון (ברויט האָט ער מער פון מיר) ווערט ער אַ ביסל לעבעדיקער.

— קענט איר שווימען? — פרעג איך אים און איך ווייס אַליין נישט, פאַרוואָס איך טו דאָס.

ביז איצט האָט ער גאָר קיין בייז נישט חושד געווען, אָבער מיין פראַגע האָט אים ווידער ווי באַטויבט. מיטאַמאָל איז אים אַפּנים קלאָר געוואָרן, אַז מיר געפינען זיך אין אַ סכנה.

— נ...יין... — ציטערט ער אַרויס דורך די צוזאַמענגע־פּרעסטע ציין.

מיר אַליין ווערט אויך אַ ביסל פריקרע: וואָס האָב איך צו־דעם אָרימען, אַכצעניאָריקן קינד?

— נו, ס'איז גאָרנישט, איך פרעג נאָר גלאַט אַזוי — באַ־רויִק איך אים און גיי אַרויס אויפן פּאָרדעק.

שוין אויף די טרעפּ מוז איך כאַפּן אין דער פינסטער, דען דאָס ליכט איז נישט אָנגעצונדן, — אפילו די עלעקטרישע האַנט־לעמפּלעך האָט מען פאַרבאָטן צו באַנוצן.

באַ דער „נאָז" פון שיף שטייען צוזאַמענגעדרענגט דאָס באַנ־צע ביסל אַפיצירן — מען שושקעט זיך:

— דאָרט, אין מזרחישן דרום־מזרח, — זיכער, זעסט דאָרט — ווייזט מען אין דער פינסטער מיט דער האַנט.

עפּעס האָט זיך געוויזן — אַ בליץ, צי אַ שיין, צי עפּעס אַ באַוועגלעכע מאַסע, נאָר קיינער ווייסט נישט וואָס און ווען... די שיף הייבט אָן גיין לאַנגזאַם, שטילער. מיר זען, ווי דער קאַפּיטאַן בייגט זיך אַריבער מיט די הענט באַ די אויגן — ער קוקט ווי אַ רויב־פויגל. אַלע גיבן זיך אַ לאָז אין יענער ריכטונג, און באמת: עפּעס אַ שוואַרצע, האַלב־קיילעכדיקע מאַסע ליגט גלייך פאַר אונדז און וואַקסט וואָס אַמאָל גרעסער. אַ לאַנגער, ווייסער בליאַסק גיט פּלוצלינג אַ שנייד דורך דעם גאַנצן האָריזאָנט און פאַלט אויף דעם כמעט רויקן וואַסער — אַ רעפלעקטאָר. נאָך ווייט פאַר אונדז, אָבער די סיטואַציע ווערט ערנסט. אין זיין שטן דערקענט מען דערווייל דעם שוואַרצן ריז פאַר אונדז: עס איז אַ פאַרזונקענער דאַמפער, פון וועלכן עס שטעקן אַרויס פון וואַסער נאָר די צוויי איבערגעקערטע קוימענס און אַ שטיק פון זיין אייבערשטער טייל — ווי די האַלבע פלייצע פון אַ ריזיקער ים־חיה מיט צוויי ברייטע, שטומפּיקע הערנער. איז דאָרט דער ים אַזוי פלאַך? אָדער האָט זיך די שיף איינגעבראָכן אין אַ „זאַמד־באַנק" און וואַרט אויף אַ דערלייזער? ווער קען וויסן...

דאָס רעדל באַ אונדזער קאָמאַנדע־בריקל גיט זיך אַ דריי — מיר מיידן אויס דעם ים־בר־מנן און פאָרן ווייטער — שוין אַפילו אביסל שנעלער. עס ווערט לייכטער אויפן האַרץ. נאָר באַלד צע־שטרעקט זיך ווידער דער לאַנגער, ווייס־בלוילעכער פאַס פונם רעפ־לעקטאָר, — שוין נענטער, אָבער נאָך אַלץ אַ ווייט שטיק פאַר אונדז. מיטאַמאָל שפּרינגט ער אונדז אַריבער און בלייבט ליגן אַ קילאָמעטער צוויי הינטער אונדז.

— מיר זענען אין קלעם — זאָגט איינער, אַ „שיף־זנאַכאַר".

— מיר האָבן גאַרטלען און רעטונגס־שיפלעך — וויל אַ צווייטער זיך באַרויִקן.

— יאָ, אויב עס קומט נישט פּלוצלינג אַ טאַרפּעדאָ פון אונטן, גראָד צווישן די אייגענע פיס...

מען נעמט זיך צוגרייטן די רעטונגס־שיפלעך. און דער פּאַס ליכט, ווי אַ ווייסער שד, שפּרינגט אַלץ נענטער — באַלד פּאַרנט, באַלד פון הינטן — אָבער אויף אונדז פאַלט ער נאָך אַלץ נישט. עס פּליעסקעט עפּעס אין וואַסער. דער אָטעם בלייבט הענגען אין ברוסט — גאָרנישט — ס׳איז ווידער שטיל. פּלוצלינג — אַ בליץ אין די אויגן, — דער רעפלעקטאָר ליגט גלייך אויף אונדז! נישט ווילנדיק טוט מען אַ בייג איין דער קאָפּ, ווי מען וואָלט וועלן זיך היטן פאַר אַ גרויסן, בלישטשענדיקן חלף. די שיף גיט זיך אַ הייב, און מיר נעמען יאָגן מיט פולער פּאַרע. אפנים, אַז דער רעפלעקטאָר איז נישט זיכער, דען ער זוכט ווייטער אַ ר ו ם אונדז. אָבער באַלד ווידער דערזעלבער בליק אין די אויגן — אַ רגע שטייען מיר אין פולן ליכט, און אָט — „בום" — ערגעץ ווייט האָט אויסגעשאָסן אַ קאַנאָן. מיר זענען אַנטדעקט! דערזעלבער ריזן־קראַך חזרט זיך תיכּף איבער צוויי מאָל. אויף אונדזער שיף ווערט אַ סומאַטאָכע: עס סקריפּען עפּעס רעדלעך, עס קריצט אַ קאָרבע, און ווען עס דערהערט זיך דער דריטער קראַך, גיט מיטאַמאָל אַ ציטער אונדזער גאַנץ שיפל, און צוויי מאָל „טהאָ... טהאָ..." קרעכצט עס אַרויס פון אונדזער זייט — מיר שיסן צוריק. און אונדזערע קאַנאָנען קרעכצן באמת: דאָס געניטע אויער דערקענט באַלד אין קלאַנג, אַז דאָ דרינזשען אַלטע, פאַרזשאַווערטע אייזן־רייפן, נאָך פון מאַריאַ טערעזאַס צייטן. „זיי קרעכצן, ווי זיי וואָלטן זיך בעטן רחמים בא די פיינטלעכע נאַפּאַסטניקעס: וואָס האָט איר צו אונדזערע אַלטע אָפּגעהאָרעוועטע ביינער. וואָס זענען מיר שולדיק,

ווען יונגע קונדייסים האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אונדזער מירן רוקן ?..."

און די פֿיינטלעכע קריגס־שיף בײַזערט זיך אַלץ מיט אַ געזונטן, שטאַרבעם בייזער און אונדזערע צוויי קאַגאַנדלעך ענטפֿערן מיט אַ פֿאַרקייכנדיקן, אויסגייענדיקן אָטעם — און דאָס שיפֿל יאָגט, יאָגט מיט אַלע כּוחות, — און דער רעפֿלעקטאָר נאָך אונדז. אַ כוואַליע וואַסער ווי אַ צעיושעטע בייטש גיט אַ טווישטש איבער דער באַריערע פֿון שיף און פֿאַרגיסט אונדז די פּנימער. דאָס וואַסער האָט מיטאַמאָל אויפגעקאָכט און ווידער זיך געלייגט — עס האָט אוודאי דאַלעבן אין וואַסער עקספּלאָדירט אַ קויל. אונדזער שיף נעמט איבערשפּרינגען, קורץ, נערוועז — ווי אַ חיה, וואָס איז געטראָפֿן אין פֿוס — זי בלייבט שטיין. פֿאַרטיק! לויפֿט דורך נישט ווילנדיק אַ געדאַנק, דאָס דויערט אָבער נאָר אַ ווײַלע. ווי אַ אָנגעפֿאַלענער האָז אינמיטן וועג, ווייגערט די שיף אַ רגע — אַהין ? אָדער אַהער ? — און מיטאַמאָל אַ רוק, ווידער אַ שפּרונג — און מיר יאָגן מיט דערזעלבער קראַפֿט אויף צוריק !

מיר שיסן שוין נישט מער. אויך דער קעגנער לאָזט פֿאַלן אַ דריי שאָס — און שטיל. נאָר דער רעפֿלעקטאָר האַלט נאָך אַלץ אין איין אַרומיאָגן זיך. ווי משוגע פֿאַר כּעס פֿאַרוואָס ער האָט אונדז פֿאַרלוירן, יאָגט ער ווייט הינטער אונדז און קערט זיך ווידער אום אויף פֿאָרויס, — פֿאַלט שוין אַפֿילו ווייט פֿאַר אונדז אויף דעם נייעם וועג — אָבער, ווי ער וואָלט אַליין זיך אויסלאַכן פֿאַר אַזאַ „פֿאַריקטן אײַנפֿאַל", שפּרינגט ער אונדז איבער און לויפֿט ווידער צוריק, ווייטער זוכן אויף זיין אַלטן וועג. עס איז פּשוט אַ פֿרייד צו קוקן, ווי ער נאַרט זיך.

נאָך גאָר לאַנג זוכט אונדז דער רעפֿלעקטאָר: אָט פֿאַרשווינדט ער, גיט ווידער אַ בליץ אַ דריי, פֿיר מאָל — און פֿאַרשווינדט ענדלעך אײַנגאַנצן, ווי ער וואָלט גיין רוען נאָך זיין שווערן געיעג. און

אפשר איז עס שוין גאָר זיכער, אַז מיר „קלויבן שוין שוואָמען" אויפן גרונט פון ים.

אונדזער שיף יאָגט נאָך אַלץ. זי דעכעט און סאַפּעט ווי אַ צעפּלאָשעטע פערד, און באַרויִקט זיך ערשט, ווען מיר געפינען זיך שוין, נאָך דעם איינשוועקן, אויף דער צווייטער זייט האַלבּ־אינדזל, אויפן וועג קיין ק. ערשט אַצינד פאָרן מיר געלאַסענער. אַ סך לאַנג־זאַמער. מען אָטעמט אָפּ. די שיף דערלויבט זיך אַפילו אַ פייף טון. דער קאַפּיטאַן באַקומט גראַטולאַציעס און דאַנקען פון אַלע זייטן, און ער שמייכלט באַשיידן, אָבער אויך שטאַרק צופרידן, — דען ווער ווייסט נאָך מער ווי ער, אין וואָס פאַר אַ סכנה מיר האָבן זיך געפונען.

עס איז שוין גוט טאָג. ווען מיר קומען אין ק. נישט ווייט פון ברעג ליגן אימפּאָזאַנטע, געפּאַנצערטע שלאַכט־שיפן. די מאַט־ראָזן וואַרעמען זיך אין דער גאָלדענער מאָרגן־זון און רייכערן באַ־קוועם זייערע פּייקעס. פאַרשוויצטע אַרבעטער קלאַפּן אַרום דער „גאַוואַ", וועלכע האָט אין דער לעצטער ים־שלאַכט מיט ענגלענדער און איטאַליענער געקראָגן אַ שאָס אין „קעסל" און איז שוין באַלד ווידער „געשטעלט אויף די פיס".

— 20 פישער־שיפלעך. 3 האַנדלס־שיפן און איין טאָרפּע־דאָ־שיפל האָבן מיר דאַמאָלס צעשטערט — באַרימט זיך אַ שיפס־אָפיציר.

— און וויפיל האָבן מיר אייגענע שיפן פאַרלוירן?

— אַ דינסט־געהיימעניש.

מען וועט אפשר קיינמאָל זיך נישט דערוויסן וועגן דעם.

מען נעמט אַראָפּגיין פון שיף. איך מוז וועקן מיין דינער, ער זאָל אַראָפּטראָגן די זאַכן; ווי אַ געהרגעטער איז ער געשלאָפן די גאַנצע צייט. פאַר מידקייט? אָדער פאַר שרעק? זיכער נישט אויס דרייסטקייט. און עס איז גאָר קיין חידוש נישט: די שרעק און דער

טומל אַרום דעם טויט רייסן און פּלאָנטערן אַרום די נערוון, — און עס דאַכט זיך דאַן, אַז די איינציקע רעטונג איז: זיך איינגראָבן זיף אין אַ נישט דורכזיכטיקער מאַסע, און נישט זען און נישט הערן, נאָר פאַרגעסן, פאַרגעסן אָן אַלץ — אַנטשלאָפן ווערן אויף אייביק.

מאָנטענעגראָ

דאָס קליינע האַפן־שטעטל ק. איז שיין און ריין, כאָטש לויטער־שטיינער. שעהן־לאַנג בלאָנקע איך אַרום צווישן פּאַלמען און לימענע־ביימלעך, וואָס האָבן זיך צעוואַקסן אויף דער לאַנגער, שמאָלער „אינדזל־צונג״, — ווייס, שפּיציק, ביז אין ים אַריין. די שטיינערנע טרעפּלעך, וואָס פירן צו די שטיבלעך אויף די העכסטע, פלאַכע פעלזן, גליען מיט דער פרייד פון מאַרגן־לאַנד און שלענגלען זיך, דרייען זיך, באַרג אַרויף, טאָל אַראָפּ צווישן אָפּענעם, געדיכט־בלויען הימל, און שאָטנדיקע, סודות־פולע „וויאַדוקטן״. עס גאַרגלען זיך אויפגעלייגטע איטאַליענער, טונקל־בלאַסע איטאַליענערקעס בליצן מיט די טיפע אויגן, און עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס מען מוז זיך איילן באַזאָרגן מיט אַ בילעט פאַרן אויטאָ, וועלכער דאַרף אַריבער־פירן דעם העכסטן באַרג אין דעם פעלזי,ן מאָנטענעגראָ — דעם באַרימטן לאָווטשין.

איך בין אַ שטיק „מחותן״ מיט אָט דעם פעלז, וועלכער האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ „נישט באַזיגבאַרע״ שוץ־וואַנט פאַר דער קליינער גיקיטאַ־מלוכה: אָט די נאַטירלעכע פעסטונג האָט באַזיגט דער באַרומט־געוואָרענער „דראַבבערער פון לאָווטשין״, דער אינ־פאַנטעריע־גענעראַל עקכצעלענץ טראָלמאַן, מיין ערשטער רעגימענט־

קאָמאַנדאַנט אין ווין. אונטער זיין „השגחה" האָב איך געענדיקט די אָפיציר־שול. אצינד איז ער א שטיק גובערנאַטאָר איבער מאָנטענעגראָ און אַלבאַניע, מאַכט „פּאָליטיק" און פירט דעפּוטאַציעס, און וויל פון די האַלב־ווילדע פּאַסטוכער און לופט־מענטשן מאַכן די בעסטע אַרבעטער — כאָטש זיי בונטעווען זיך יעדעסמאָל און נאָר מיט געוואַלט קען מען זיי איינצוימען.

אַט פירט ער איצט צוריק אַהיים אַזאַ דעפּוטאַציע, וועלכע איז ערשט געווען באַם קייזער אין ווין און האָט פאַרזיכערט „זיין מאַיעסטעט", אַז גאַנץ אַלבאַניע ליגט צו זיינע פיס. די „דעפּוטאַציע", אויסגעצירט אין די פאַרביקסטע קליידער, לעבן ווי די פירשטן, און אַ גענעראַל־שטאַב־הויפּטמאַן באַצאָלט שוין פאַר אַלץ. זיצט דער אַלבאַנעזער „פירשט־לעכער" פירער מיט זיינע דריי אָפּגעריסענע אָפּגעשליסענע „בירגער" און דערציילט זיי די וווּנדער פון וועג פון דער דעפּוטאַציע און — „ווי דער קייזער האָט זיי אויפגענומען ווי אַן אמתער קעניג", ווי עס שרייבט דאָס איינציקע אַלבאַנעזישע וואָכנבלאַט אין דייטשער שפּראַך.

די וועגן אויף דעם לאָווטשין זענען אַ וווּנדער פון בוי־קונסט: פּרעכטיקע סערפּענטינען, געדרייט און געבויגן אין פאַרשידענע „עסן" און בייגל פירן אַרויף באַלד שנעלער, באַלד לאַנגזאַמער ביז אויפן סאַמע שפּיץ. אָבער נישט אַזוי שנעל דערגרייכט מען אים: איין פאַלשער דריי פון שאָפער, אַ קאַפּריז־דעפעקט פונם מאָטאָר — און מיר אַלע פליען אַראָפּ מיט „זאַק און פּאַק" אין דעם 2000־מעטערדיקן תהום, אַז קיין שריד ופליט וואָלט נישט געבליבן פון אונדז! אַ מורא איז אַ בליק צו טון אין אָפּגרונט, ווו דער „אָרעם" פון ים זעט שוין אויס ווי גאָר אַ שמאָל, פאַרפרוירן טייכל.

— פּאַס אויף! — גיבן מיטאַמאָל אַ געשריי אַלע צוועלף אָפיצירן, וועלכע געפינען זיך אין אונדזער אָמניבוס.

ווי אַ דערשראָקן פערדל האָט זיך אונדזער אויטאָמאָביל אַ וואָרף געטון אָן אַ זייט — און פאַר אַ מאָמענט בלייבן מיר הענגען אין אַ שיפּער פּאָזיציע צווישן לעבן און טויט. די אָפיצירן צלמען זיך. עס לויפט דורך אַ שוידער איבערן לייב, אַז — אָט ווערן מיר צעשטיקלט איבערן רוקן פון די שאַרפע פעלזן. אָבער די בעסטע שאָפערס ווערן געוויילט פאַר אָט דער שטרעקע: איין שאַרפער רוק צום „האַמעוועון", אַ דריי מיטן רעדל — אַ קורצער העצקע — דער שווערער אָמניבוס קריגט גלייכגעוויכט, און מיר פאָרן ווידער פּאַוואָליע, פאָרזיכטיק, ביז צום שפּיץ.

מיר געפינען זיך אויף אַ נישט גרויסן „פּלאַטאָ", וועלכע איז דער אייגנטלעכער שליסל צו דער מאָנטענעגרישער פעלזן-פעסטונג. אָ דאָ האָבן געפייערט די עטלעכע פראַנצויזישע קאַנאָנען, וועלכע אונדזערע „מ ע ר ז ע ר" האָבן צעשטיקלט באַלד נאָכן דריטן שאָס. עס איז נאָר צו באַוואונדערן, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען אונדזער איינציקע קאָמפּאַניע, וועלכע האָט דאָ געמאַכט די אַטאַקע, האָט געקענט אַרויפקלעטערן אויף די גלייכע ווענט. זיי זענען דאָ פּראָוודע געגאַנגען איבער די טויטע קערפּערס פון אַ גאַנצן באַטאַליאָן סאָלדאַטן, — אָבער וועלכע געהיימע כוחות באַזיצט פאַרט דאָס שוואַכע מענטשל, וואָס האָט געקענט בייקומען אַזעלכע פעלזיקע גיגאַנטן!...

די שטאַרקע וואַך פאַרטיילט יעדן פון אונדז געלאָדענע ביקסן. מען מוז זיין פאָרזיכטיק: אין די הונדערטער ווינקלען און שפּיציקע אָפּגרונטן לויערן דאָ ווי די ווילדע קעץ די באַוואָפנטע מאָנטענעגרער און אַלבאַנעזער, וועלכע באַפאַלן די רייזנדע צוליב רויב. די שטאַרקסטע פּאַטרולן און אָבלאַוועס קענען זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן: ווי בלעטער-ווערעם באַהעפטן זיי זיך מיט יעדן בערגל, מיט יעדן שטיין, און שיסן אויף יעדן פאַרבייפאָרער פון די נישט באַמערקבאַרע באַהעלטענישן. אונדזער קאָמאַנדאָ פירט אָפּט גאַנצע

שלאַכטן מיט אַט די באַנדעס. מען פרוווט טאַקע צווישן זיי אַליין אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען זשאַנדאַרמען, וועלכע דאַרפן אַנווייזן די שפּורן פון זייערע צעבונטעוועטע ברידער. עס געלינגט אַפילו אין אַ „שטרייף־צוג" איבערן גאַנצן שטיקל לאַנד אַרומצורינגלען אַלע באַהעלטענישן און פאַרבאָרגענע ווינקלען, אָבער זייערע זשאַנדאַר־מען גייען איבער אויף דער זייט פון די באַנדיטן און צוזאַמען מיט זיי רינגלען זיי אַרום אונדזער גאַנצן באַטאַליאָן. מיר פאַרלירן דערביי עטלעכע הונדערט טויטע. אָן „אָמפּלאָט קעגן דער אָקופּאַציע־מאַכט", הייסט עס אין די מיליטערישע פּראָטאָקאָלן — און די איבערפאַלן אויף די רייזנדע האַלטן אָן ווייטער.

דער וועג אויף דעם פלאַכן שטיקל לאַנד איז נאָך שענער, ברייטער, פעסטער, דאָס האָבן אינו אַזוי אויסגעבויט די פראַנצוי־זישע אינזשינערן, בשעת זייער אָקופּאַציע. מיר דערנענטערן זיך צו דער „הויפּט־און רעזידענץ־שטאָט" פון מלך ניקיטאַ — מיר זעען אין צעטיניע: אַ גרויס, ברייט דאָרף, אין וועלכן די איינ־שטאָקיגע הייזער פון די געוועזענע „אַמבאַסאַדאָרן" און דאָס קעניגלעכע „פּאַליי" שטעכן עפּעס מאָדנע אין די אויגן. אויף דעם „הויפּט־פּלאַץ", וועלכן מיר האָבן שוין אויסגעפלאַסטערט און באַפוצט מיט עלעקטרישע לאָמפּן, זיצן אַ צוויי מאָנטענעגרער (ווער ווייסט וויפיל געוועזענע מיניסטאָרן צווישן זיי...), — זיי וואַל־גערן זיך פשוט אין שטויב און האָדעווען זיך לעמעלעך. אַ פּנים אַ יריד.

— ווו איז ניקיטאַ? — פרעג איך איינעם אויף טשערנאָגאָריש.

— ווייט — שמייכלט ער קורץ און נישט גערן.

מער קען איך פון אים נישט אַרויסבאַקומען.

— און פינוואַנען קומסטו, „גאַזדאַ"? — וויל ער וויסן.

— פון ווייט — ענטפער איך אויך קורץ, דען אין לאַנגע שמועסן טאָר מען מיט זיי זיך נישט אַריינלאָזן: זיי חילן אויס־

פּאָרשן, צי מען פירט מיט זיך אַ סך געלט, כּדי צו וויסן, צי עס לוינט זיך צו אָרגאַניזירן אַן איבערפאַל.

אונדזערע אויטאָמאָבילן לאָזן זיך אַראָפּ אין די ווייטער־דיקע טאָלן, עס שטעלט זיך אַלץ שאַרפער די פראַגע: פון וואָס לעבט אָט די קליינע, איינגעקשנטע אומה? אין די גרויע שטיינער און זאַמד טרעפט מען נאָר זעלטן אַ פלעק באַארבעטע ערד, ווו ס׳וואַקסט ווי אַ קליין גערטנדל, זעלטענער נאָך אַ פּאָר ביימלען מיט פרוכטן. די הויכע, אויסגעצוימטע מאָנטענעגרישע ווייבער טראָגן שטאָלץ אויף די פּעך־שוואַרצע קעפּ זייערע קיישלעך מיט קאַרגן גרינוואַרג אָדער אויבסט, און קוקן ברוגז מיט די טיפע, שוואַרצע אויגן.

באַם שאַרפן עק פון דעם שמאָלן, פעלזיקן וועגל באַווייזט זיך אַ פּאָר אויערן פון אַן אייזל, וועלכעס פאַרשווינדט נאָך שנעלער, ווי עס האָט זיך באַוויזן. אַ טעמפער קנאַל צעטראָגט זיך איבער די ווייטע בערג, הילכט נאָך אָפּ מיט אַ שוואַכן, פאַרשטיקטן עכאָ, און ווערט פאַרשטומט. אינסטינקטיוו כאַפּן מיר זיך פאַר די ביקסן. האָט מען דאָס געשאָסן אויף אונדז? אָדער איז עס נאָר אַ סיגנאַל פאַר די באַנדעס, וואָס ליגן דאָרט ווייטער ערגעץ באַהאַלטן?...

אונדזער שאָפער פאָרט פאָרזיכטיק, אָבער אַלץ שנעלער און שנעלער, ביז מיר דערגרייכן די „סקוטאַרי־אָזיערע“, פון וואַנען מיר באַקומען שוין אַ שיף גלייך ביז סקוטאַרי, די פּראַוויזאָרישע רעזידענץ פון אַלבאַניע.

איבער אַלבאַניע.

איבערגענעכטיקט באַ דער קאָרפּס-קאָמאַנדאָ אין סקוטאַרי, פאָר איך מיטן אויטאָמאָביל ביז אָ., פונוואַנען איך מוז שוין, צוליב די זומפּן, פאָרן מיטן פערד. און דאָ טרעפט זיך אַ מאָדנע מכשול: אַ שלאַנג בייסט איינס פון מיינע פערד, און ביז דער פערד-דאָקטאָר קומט, איז עס דערווייל קאַפּוט. איך פאַרליר אַ האַלבן טאָג, ביז מען קען מיר צושטעלן אַן אַנדער פערד. אָבער אין דער צייט נעמען אונדזערע סאָלדאַטן „נקמה“: זיי טרעפן אינמיטן אַ צווייטע שלאַנג, באַך אַ גרעסערע, אַ פעטערע, — צעפלעט מען איר דעם מוח מיט אַ גרויסן שטיין און מען בראָט זי אָפּ צום אָוונט-ברויט. דאָס האָבן זיי שוין געלערנט פון די אַלבאַנעזישע באַרג-באַווינער.

איך דאַרף איבערנעמען אַן אָפּטיילונג, וועלכע אַרבעט ביים אויסבעסערן דעם זומפּיקן שטראָז.

— אָרעמער מענטש — באַדויערט מיך דער אָבערלייטנאַנט, דר׳ ר., אַ שוישפּילער פון די ריינהאַרט-טעאַטערס אין בערלין, וועלכן איך דאַרף איצט אָפּבייטן — וועט דיר אויסקומען צו פאַר-
אַכן אונדזער „מאַלאַריאַ“, וועלכע איז גאָרנישט אַנגענעם.

איך ווייס שוין, אַז די מאַלאַריע איז איינע פון די געפערלעכסטע מגפות, וועלכע דעצימירט אונדזער אַרמיי. און דאַך איז אַ שאָד דעם אָבערלייטענאַנט צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ: מען ריכט זיך אויף אַן אינספּעקציע פון העכערע אָפיצירן, זיין גאַנצע אָפּטיילונג איז באַשעכטיקט באַם „ריינעקן“, ווייזט ער מיר דערווייל זיין באַלעבאַטישקייט — אָקסן, פערד, אייזלען, הינער — אַלץ געבראַכט אַהער פון סערביע.

— האָסטו עס אַזוי ביליק געקויפט? — וואונדער איך זיך.

— משוגע? — קוקט ער מיך אָן מיט אַן אמת שוישפּילערישן בליק — דאָס אַלץ האָב איך ר ע ק ו י ז י ר ט באַ די סערבן,

די גוינערס, אומזיסט. — און אַצינד מוז איך עס לאָזן אויף הפקר...

נאָך שנעלער ווי מען האָט זיך געריכט קומט אָן די „אינספעקציע".

— דערקענסט מיך נישט? — כאַפּט מיך פאַר דער האַנט אַ הויכער עלעגאַנטער „גענעראַל-שטעבלער".

עס איז דער גענעראַל-שטאַב-הויפּטמאַן ש., וועלכער איז נאָך אין דער אָפיציר-שולע אין ווין געווען מיין לערער פון „וואָפּן-וועזן".

— וואָס-זשע טוסטו דאָ אין די זומפּן? — פרעגט ער ווייטער.

— איך בין דאָ צוגעטיילט, הער הויפּטמאַן.

— וואָס קענסטו דאָ אויפטאָן? — מאַכט ער אַוועק מיט דער האַנט — דו פאַרשטייסט דאָך סלאַווישע שפּראַכן?

— יאָ, הער הויפּטמאַן.

— האָב איך פאַר דיר אַ בעסערע באַשעפטיקונג: מיר האָבן דאָ אויף דעם פראָנט אַ סך געפאַנגענע סערבן, וועסטו ווערן בײַ אונדזער אַרמיי-שטאַב דער רעפערענט פאַר קריגס-געפאַנגענע און וועסט אָרגאַניזירן אַ נייע קריגס-געפאַנגענע-סטאַנציע.

ער נעמט מיך טאַקע באַלד מיט זיך צו דער קאָרפּס-קאָמאַנדאָ אין סקוטאַרי, וווּ איך ווער צוגעטיילט צו דער סעקציע פון גענעראַל-שטאַב-הויפּטמאַן פאָן ש.

מיין נייער קאָמאַנדאַנט איז אַ שטילער, פעיִקער אָפיציר, טאָג ווי נאַכט טרעפט מען אים בײַ דער אַרבעט, נאָר ער איז אַ „פּאַוואָליער טוער": די אַרבעט ציט זיך וואָכנלאַנג, און מיר האָבן נאָך גאָרנישט אויפגעטאָן. די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד גופא פאַרנעמט אַזויפיל ענערגיע, אַז כמעט דער גאַנצער פראָנט איז פאַרנאַכלעסיקט, אַ פשיטא שוין די געפאַנגענע. מיר מוזן זען מיט אַלע מיטלען צו געווינען די באַפעלקערונג אויף אונדזער זייט.

באַהאַנדלט מען זיי מיט „זיידענע הענטשקעס“ און מען פֿאַרזאָרגט זיי מיט קליידער און מעל, אָפּגעשפּאָרט פֿון דער אייגענער, נויט־באַדערפֿטיקער באַפֿעלקערונג אינדערהיים. און דאָס „פֿאַרזאָרגן“ זיי איז ווידער אַזוי „גערעכט“ ווי אין דער אייגענער היים; פֿאַרהאַן אַלבאַנעזער, וועלכע זאַמלען באַ זיך גאַנצע זעק גאָלד און זילבער פֿון די וועלדער און שאָף, וואָס זיי אַליין קענען נישט איבערציילן, פֿאַרזאָרגט מען זיי מיט כּל טוב, — און באַ דער אָרימער באַפֿעלקערונג קען מען נאָך אַלץ קריגן דעם טייערסטן טעפּיך פֿאַר אַ לעבל ברויט, דערפֿאַר אָבער לעקן אָפּ אַ ביינדל די „טוערס“.

מען גיט אויס מיליאָנען אויף אויסצובויען שטראָזן, אויסטרוקענען זומפּן, און ענדלעך אָרגאַניזירט מען „אַלבאַנעזישע באַטאַליאָנען“, — „פֿרייוויליקע“ פֿון די באַרג־באַוווינער, וועלכע קומען נאַקעטע, באָרוועסע, אַפֿילו אָן היטלען, — קאָרמעט מען זיי אָן, מען גיט זיי מונדירן און וואָפֿן, און ווי נאָר עס קומט צו דער ערשטער שלאַכט, גייען זיי תּיכּף איבער צום שונא. נאָר איין זאַך געלינגט יאָ איינצוהאַלטן אונדזער שטרענגן אַרמיי־פֿירער: די זעלבע אַנטיסעמיטישע באַפֿעלן, וואָס ער פֿלעגט אַרויסגעבן אַלס רעגימענט־קאָמאַנדאַנט אין ווין און אַלס גענעראַל אין גראַץ, גיט ער אויך דאָ אַרויס; — „די איזראַעליטן“ ווערן קראַנק; ווען זיי גייען אויף אורלויב... דערפֿאַר — „וויניקער זיי שיקן אויף אורלויב“... „צו אָפֿט שרייבן זיי אין די בריוו, אַז זיי האָפֿן אויף פֿרידן... דאַרום שטרענגער קאָנטראָלירן זייער פּאָסט“... א. אַז. וו.

כּדי צו פֿאַרקלענערן די צאָל סאָלדאַטן, וועלכע אַרבעטן אין די קאַנצעלאַריעס, לאָזט אונדזער אַרמיי־קאָמאַנדאַנט ברענגען פֿון הינטערלאַנד הונדערטער „ווייבלעכע הילפֿס־קרעפֿטן“, וועלכע נעמען באַלד קאָנקורירן מיט די קראַנקן־שוועסטערס אין „פֿרייער ליבע“ און פֿאַרשייטע אָרגיעס.

גאַנצענע טעג פֿאַרליר איך באַ דער קאָרפּס־קאָמאַנדאָ, און

איך קאָן נאָך אַלץ נישט אָרגאַניזירן מיין געפאַנגען-סטאַנציע, דורך וועלכער איך וואָלט אפשר געקאָנט עפּעס אויפטון פאַר די אָרימע, פאַרגאַכלעסיקטע געפאַנגענע, בעט איך דערוויל אַן ערלויבעניש, צו קאָנען זיך זען מיט מיין ברודער. מען גיט מיר די מעגלעכקייט: איך דאַרף אָפּפירן געלט אויף דער פּאָזיציע, פון דאָרט אויס דאַרף איך „אינשפּיצירן" אַלע געפאַנגען-אָפּטיילונגען, און בּאַ דער געלעגנהייט וועל איך שוין זען מיין ברודער.

מיט אומגעדולד וואַרט איך שוין אויפן אויטאָ. אָפּגעפאָרן ביז אַ., מוז איך אויפפּאַקן מיין געלט-קאַסע און זי פאָרויסשיקן מיט מיינע צוויי באַוואָפנטע סאָלדאַטן, אַליין גיי איך ווייטער צו-פוס: די אייזן-בריק, וועלכע מען בויט שוין אַ יאָר צייט, איז נאָך נישט פאַרטיק, און דאָס איינציקע האָלצערנע בריקל קען נישט טראָגן אויף זיך קיין אויטאָמאָביל.

אין מ., ווו עס וואַרטן אויף מיר די סאָלדאַטן מיט דער קאַסע, דאַרפן מיר נעכטיקן. אָבער איך וויל וואָס שנעלער זיין באַם ברודער, און פאַרלאַנג, אלס שליח פון קאָרפּס-קאָמאַנדאָ, באַזונדערע פערד און וואָגן. עס פאַלט שוין צו די נאַכט, ווען מיר פאַרנעמען זיך אין וועג אַריין. דאָס לייכטע ווענעלע העצקעט איבער די שטיינערנע גרודעס, און עס דאַכט זיך, אַז באַלד וועט עס אונדז אַרויסוואַרפן צוזאַמען מיטן אוצר געלט, וואָס מיר פירן. און מיר האָבן אויך נישט לאַנג צו וואַרטן: אַ שטאַרקער „העצקע". — און מיר רוקן זיך אַראָפּ אינמיטן פון קרום-קיילעכדיקן וועג צוזאַמען מיט דעם אייזערנעם קאַסע-קעסטל. דער וואָגן איז[ ]אַזוי ווי צעפאַלן אויף צוויי העלפטן — די הינטערשטע רעדער האָבן זיך אַוועקגעקייקלט צעבראָכענע. איצט מוז מען ווידער פּאַקן די קאַסע אויף פערדישע רוקנס, און אין דער ווייסער אַלבּאַנעזישער נאַכט מוזן מיר זיך דערשלעפּן צופוס ביז דער נעכסטער מיליטער-סטאַנציע.

וואָלטן נאָר די אַלבאַנעזישע באַנדיטן געוווסט וואָס, מיר פירן דאָ... וואָס פאַר אַ לייכטן רויב זיי וואָלטן געקענט מאַכן...

צווישן אַרעסטירטע אַלבאַנעזישע בלוט-שלעגער, אונטערצײַ־דערינס און יונגעטשקע אַלבאַנעזישע פּראָסטיטוטקעס פאַרברענגען מיר די נאַכט. ערשט אינדערפרי דערוויס איך זיך, אַז דאָ נעכטיקן אויך אַנדערע אָפיצירן. מיר וואַרטן שוין אויף דער „ראַל-באַן" — אַ מין פּראָוויזאָרישער פעלד-טראַמוויי מיט איין פערדל. דורך די זומפּן קען מען נישט אויסבויען קיין ברייטע וועגן, שיקט מען אַרי־בער די סאָלדאַטן מיט דער „לופט-באַן" — קליינע אייזערנע קוישן אויף דיקע דראָטן, וואָס ווערן געצויגן פון איין שפּיץ באַרג צום צווייטן.

די שוואַרצע קאַווע פאַרעסט שוין, שטייען אַרום די פעלד־קיכן אַלבאַנעזישע אַרבעטער און גלאַט הונגעריקע קינדער, — און זיי באַקומען שוין זייער „שוואַרצע" מיט ברויט.

— אויף וועמען מיר גיבן דאָס אויס אַזויפיל געלט און כוחות — חידושט אויף זיי אָן דער יונגער שטאַב־דאָקטאָר, מיט וועלכן איך האָב זיך ערשט באַקענט — ווילן מיר דעם צונעמען אַלבאַניע! און אפשר וויל גאָר זיין עקסצעלענץ ווערן דער היגער „שטאַטהאַלטער?"

— מען רופט אים דאָך „אַלבאַנישער קעניג" — שמייכל איך.

— און אפשר חלומט ער טאַקע וועגן דעם — שמייכלט ער.

— אַזוי ווייט אפשר נישט. דען קיין קעניגלעך בלוט רינט נ י ש ט אין זיינע אָדערן — דערלויב איך מיר דעם באַקענטן יידישן טעאַטער-וויץ, אויפן חשבון פון אונדזער קאָמאַנדאַנט, וועלכער איז דער זון פון אַ וועשין מיט אַ זשאַנדאַרמעריע־וואַכמייסטער.

— נו — ווערט דער שטאַב־דאָקטאָר אַ ביסל רויט — אין מיינע אָדערן רינט אפילו גאָר יידיש בלוט, אָבער איך וואָלט אויך נישט געוואָלט ווערן קיין אַלבאַנישער קעניג.

אינסטינקטיוו דערנעענטערן מיר זיך ביידע, ווי ערשט אין דעם

מאמענט וואָלט געבוירן געוואָרן אונדזער פריינטשאפט. און דער יונ־
גער דאָקטאָר נעמט זיך מתוודה זיין: ער איז דער אוניווערזיטעט
דר״ ו. פון פראָג. כמעט תמיד איז ער ווייט געווען פון יידנטום.
אָבער ער האָט געזען די מלחמה־פּרעגיותן, וואָס אונדזערע יידן
אין גאַליציע און פּוילן האָבן אויסגעשטיין פון די דייטשע און עסט־
רייך־אונגארישע סאָטראַפּן, — איז זיין האַרץ עפּעס בענטער גע־
וואָרן צו אָט די געפּלאָגטע, געהעצטע מענטשן — און ער האָט זיך
דערפּילט איינס מיט זיי?

— אַ הונט איז דער, וואָס לאָזט זיך אַלס ייד שפּייען אין
פּנים פון דער נישט יידישער גראָבקייט! — רעדט ער אַרויס אין
בערהיגזער ספּאַזמע — איך בין אַ באַקטעריאָלאָג, איך האָב אַ סך אויפ־
געטוּן אין פּוילן, — פאַרוואָס האָט מען מיך אַהער פאַרשיקט? נישט
דערפאַר, ווייל איך בין אַ ייד.

און זיין טענה איז זיכער אַ גערעכטע: דער דינסט אין אַל־
באַנישע זומפּן, וווּ יעדער צווייטער ווערט אַנגעשטעקט מיט דער
לעבנס־לאַנגער מאַלאַריע־קראַנקהייט, ווערט באַטראַכט אַלס אַ שטראָף־
קאָלאָניע. און מערקווירדיק איז, וואָס דער גרעסטער טייל פון די
היגע אָפיצירן זענען יידן און טשעכן.

מיין גרעסטע סאַטיספאַקציע וואָלט זיין — קען ער נישט אַנ־
דערש שטילן זיין כעס — ווען דאָס איצטיקע רוסלאַנד וואָלט אונדז
צעשמעטערט.

מיר געזעגענען זיך.

— איר וועט אַמאָל הערן מיינע מיינונגען וועגן מלחמה —
זענען זיינע לעצטע ווערטער — איך האָב געגוג מאַטעריאַל אָנ־
געזאַמלט.

— מיר זאָלן עס נאָר נישט פאַרגעסן.. — דריק איך אים
מיט אַ זיפץ די האַנט, ווען איך זיץ שוין אויף דער „ראַל־באַן",
וועלכע פירט אונדז ביז צו דער „אַכרידאַ־אָזיערע".

מיר און די בולגאַרן שטייען דאָ אַקעגן דעם פאַרייניקטן פראָנט פון סערבן, איטאַליענער, פראַנצויזן און ענגלענדער. דאָס ביסל טערקן, וואָס מען זעט, זענען מער אַ „מאַסקע" פאַרן שונא, וועלכן מען דאַרף נאַרן מיט דער „גרויסער, פאַרשידנאַרטיקער מאַכט", וואָס מיר באַזיצן דאָ. וואָלטן נאָר אונדזערע קעגנער זיך געוואַגט, וואָלטן מיר זיכער געמוזט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ, — דען פון אונדזערע צוויי דעוויזיעס, וואָס ליגן דאָ, האָבן די מאַלאַריע און דער פלעקן-טיפוס שוין מער ווי די העלפט אַוועקגענומען. ליגן ביידע פאַרטייען כמעט אָן אַ שום איניציאַטיוו און מען באַגייט זיך נאָר מיט דעם ביסל איבערשיסן זיך אַריבער דעם וואַסער און די זומפן, אָדער מען אַראַנזשירט קעגנזייטיק קלענערע און גרעסערע אָנפאַלן פון עראָפּלאַנען.

איבערגעגעבן דאָס געלט, גיי איך מיט נאָך צוויי אָפיצירן אָנקוקן די אָפּטיילונגען. עס לויפט אָן אַ רייטער מיט דעם באַפעל: „וויפיל עס איז מעגלעך פון דער רעזערווע, תיכף צו מאַרשירן אין געוואַלט-מאַרש צו ג., אויפן וועג, וואָס פירט קעגן לושניאַ"! צוויי איטאַליענישע קאַוואַליעריע-עסקאַדראָנען האָבן פּלוצלינג זיך דורכגעריסן און אַטאַקירט אונדזערע רעזערוון. דער מאַיאָר קען גישט מער אַוועקשיקן ווי נאָר צוויי קאָמפּאַניעס. אויף די עטלעכע אויטאָמאָביל-וואַגנס פאַר קריגס-מאַטעריאַל לאָזט זיך אַרויס די שוואַכע הילף אָפּוואַרטן די אַטאַקע. אָבער ביז זיי קומען אָן, האָבן דערווייל די איטאַליענער פאַרנומען אין געפאַנגענשאַפט איבער טויזנט סאָלדאַטן און זענען פאַרשוווּנדן. אַפילו די צוויי אָפּטיילונגען רוסישע געפאַנגענע, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען, זענען אויך פרייוויליק מיטגעגאַנגען אין דער נייער געפאַנגענשאַפט.

איך פאַרנעם זיך אין דער ריכטונג צו דוראַצאָ, אין וועמעס געגנט עס דאַרף זיך געפינען מיין ברודער. גראָד האָט אָנגעגריפן אַ גרעסערע אָפּטיילונג ענגלישע עראָפּלאַנען. זייערע באָמ-

בעס פּאַלן צום גרעסטן טייל אין ים אַריין. אָבער אויך די שטאָט־האָט שוין אַ היפּש ביסל געליטן — עס ברענען שוין עטלעכע גע־ביידעס.

באַם אַריינגאַנג צום ברייטן פּלאַץ קראַכן אונדזערע אַפּוואר־קאַנאָנען. מיר מוזן זיך באַהאַלטן אונטער דער הויכער, שטיינערנער בריק, כדי נישט געבראָכן צו ווערן פון פיינטלעכע און אייגענע „אייזן־שפּענער". רוסישע געפאַנגענע לויפן מיט רעטונגס־בעטלעך און קלויבן פאַרווונדעטע — און ווערן אַליין פאַרווונדעט אינמיטן וועג. עס לויפט מיר דורך אַ ציטער: מיין ברודער! איז ער נישט דאָ אין שטאָט? און איך אָטעם אויף לייכטער, ווען איך דערוויס זיך באַם סטאַנציע־קאָמאַנדאַ, אַז זיין אָפּטיילונג געפינט זיך היפּשע עטלעכע קילאָמעטער ווייטער.

אין אַ פאַרוואָרפענעם „שטיינברוך" זוך איך אָפּ מיין ברודער, פאַר גרויס איבעראַשונג קען ער נישט רעדן. ערשט פּאַמעלעך הייבט ער אָן קלאָגן זיין ווייטיק: די שווערע שטיינער אין 50 גראַד היץ, באַלן מעל, אונטער וועמעס מאַסע ער איז ערשט פאַר עטלעכע טעג צוזאַמענגעבראָכן, און די באַליידיקונגען פון דעם יונגן פּוילישן אַנטיסעמיט — זיין קאָמאַנדאַנט, לייטענאַנט י.

איך גיי אַריין אינשפּיצירן זיין אָפּטיילונג און געפין אויס אַלע חטאים פון דעם קאָמאַנדאַנט. ווערט ערשט דעם לייטענאַנטס שרעק אַ טאָפּלטע, ווען ער דערוויסט זיך, אַז איך בין דאָס דער ברודער פון דעם יידישן סאָלדאַט, וועלכן ער פּלעגט אַזוי דער־קוטשען. זיין נשמה „אַנטלויפט אים אין די פּיאַטעס", ווי זיינע פּוילישע ברידער זאָגן, און ער נעמט זיך היטיש בייגן און בעטן פאַרצייונג — ער האָט מורא פאַר נקמה פון מיין זייט.

באַקומט שוין מיין ברודער אַ סך אַ לייכטערן דינסט: ער באַזאָרגט די פּאָסט פאַר זיין אָפּטיילונג און ווערט שוין זייט דאַ־מאָלס באַהאַנדלט ווי אַ בן יחיד.

אַ לאַנגע צייט קען איך נישט פאָרן צוריק: דער קאָרפּס-קאָמאַנדאַנט דאַרף פאַרבייפאָרן, לאָזט מען קיינעם נישט אַרויף אויף די איינציקע רעלסן פון דער „ראַל-באַן". מען דערלויבט מיר ענדלעך צו פאָרן נאָר בתנאי, אַז ווען עקסצעלענץ וועט אָנקומען, זאָלן מיינע סאָלדאַטן אַראָפּנעמען דעם וואָגן פון די רעלסן און פריי לאָזן דעם וועג.

עס קומט אונדז אַקעגן אַ געפּאַקט וועגעלע מיט סאָלדאַטן.

— נעם אַרויס דעם וואָגן פון די רעלסן, איך פיר אָפּיצירן — שרייט אונדזער קוטשער צום צווייטן.

— מיר פירן דעם באַגאַזש פון זיין עקסצעלענץ! — ביי-זערן זיך די סאָלדאַטן פון אַקעגנאַיבער, — און דער רעגימענט-דאָקטאָר, וואָס פאָרט מיט מיר, נעמט זיך בעטן, מיר זאָלן „למען השם" אָפּטרעטן דעם וועג.

העלפן מיר אונדזערע סאָלדאַטן אַראָפּנעמען אונדזער פול געפּאַקטן וואָגן. איך און דער דאָקטאָר צעבלוטיקן זיך ביידע די הענט דערביי — אָבער דער „באַגאַזש פון זיין עקסצעלענץ" האָט אַ פרייען וועג.

קוים אָפּגעפאָרן אַ האַלבע שעה, קומט אַקעגן עקסצעלענץ אַליין, און מיר מוזן ווידער שלעפּן דעם וואָגן. אָבער דאָס מאָל פאַרשפּעטיקן מיר זיך מיט עטלעכע מינוטן, און זיין עקסצעלענץ מוז צוואַרטן.

— פאַרוואָס וואַרטן דאָ אָפּיצירן באַם וועג? — פרעגט עק-סצעלענץ זיין אַדיוטאַנט.

— זיי מאַכן פריי דעם וועג פאַר אונדז — ערקלערט אים דער אַדיוטאַנט.

— איז נישט פאַרהאַן קיין „אויסווייך-שטעלע?"

— פאַרהאַן, דאַכט זיך. איינע, אָבער אַ סך ווייטער.

— און איז נישטאָ קיין אַנדערער וועג?

— דאַכט זיך, אַז נישט, עקסצעלענץ.

— און ווּ מאַרשירן די טרופּן?

— איבער די זומפּן, עקסצעלענץ.

— נישט גוט, נישט גוט — שאָקלט זיין עקסצעלענץ מיטן קאָפּ, און פאָרט ווייטער קאָמאַנדעווען איבער טויזנטער מענטשן, נישט וויסנדיק אפילו וואָס זיי טון, ווי אַזוי זיי לעבן. — נישט קענענדיק זייערע וועגן, אויף וועלכע זיי פאַרפּלאַנצן מיט זייער בלוט די מעדאַלן פאַר דער ברוסט — פון זיין עקסצעלענץ.

אַ פאַלק אין יאָך

נאָך פיל מי געלינגט מיר ענדלעך צו אָרגאַניזירן מיין „קריגס-געפאַנגען-סטאַנציע T". איך נעם איצט איבער די השגחה איבער די געפאַנגענע נישט נאָר פון אונדזער פראָנט, נאָר פון אַלע געפאַנגענע, וועלכע געפינען זיך אַרום דעם אַדריִאַטישן ים, ד. ה. אין אַלבאַניע, מאָנטענעגראָ און דאַלמאַציע.

די אַרבעט איז אַן אָנגענעמע, ווייל מיט די עטלעכע מער מענטשלעכע פאָרשריפטן, וועלכע איך דרוק אָפּ אין די „קאָרפּס-קאָמאַנדאָ-באַפעלן", העלף איך אַ ביסל פאַרלייכטערן די נויט פון די אומגליקלעכע געפאַנגענע. איך בין שוין פראָוודע צופיל אָנגעשטרענגט און וואָלט גערן געפאָרן אויף אורלויב אַ ביסל אויסרוען. בפרט, אַז יעדער קען איצט לייכט קריגן דריי טעג אורלויב: מען דאַרף נאָר פאַרשרייבן עטלעכע הונדערט קראָנען אויף דער ניער קריגס-הלוואה. קומען אָבער ידיעות פון דערהיים, אַז דאָרט גייט אָן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן דער הלוואה, כדי צו צווינגען די

רעגירונג, מען זאָל וואָס שנעלער פאַרענדיקן די מלחמה, — באַשליס איך ליבערשט ווייטער אַרבעטן אין די היצן, וועלכע דערגרייכן אָפט מיט זייער בלייערנער צעגליטקייט ביז איבער 70 גראַד צעלזיוס — אַבי נישט מיט מיינע עטלעכע קראַנקן העלפן פאַרלענגערן דאָס גרויזאַמע בלוט-באָד.

איז מען דערווייל צופרידן מיט דעם פראָנט-קאַבאַרעט „האָמונקולוס" און בפרט מיט דער אָפּערעטע פון „פראָנט-טעאַטער", וועמעס אַקטריסעס עס באַשאַפן נאָר אַ פרישע „ליבעס-קאָנקורענץ" מיט די קראַנקן-שוועסטערס, קאַנצעלאַריע-שרייבערינס און האַלבע דאָקטאָרקעס פון די מעדיציניש-לאַבאָראַטאָריעס. און עס פאַרנעמט זיך אַ פרישער וועג פון קאָקעטירן, שאַמפּאַניזירן, טראָגן רכילות און באַנאַכטיקע אָרגיעס.

עטלעכע מאָל אין דער וואָך זענען פאַרהאַן מיליטער-קאָנצערטן, צו וועלכע די מוזיקאַלישע אַלבאַנעזער רייסן זיך אָפּ פון זייערע טרויעריק-אַרקלערטע מעלאָדיעס, כדי צו הערן די „גאַלאָפּ-מאַרשן" פון אונדזער מיליטעריש קאַפּעלמייסטער, וועלכער וויל דווקא, איך זאָל אים שרייבן אַ טעקסט צו די אַלע מאַרשן און „הימנען", וואָס ער ווידמעט דעם פריש אָנגעקומענעם גענעראַל. און באַוויזט מען צום ערשטן מאָל קינאָ-בילדער אונטערן פרייען הימל, פרייען זיך די אַלבאַנעזער אין לאַבן ווי פאַרגאַפטע קינדער, זוכנדיק אַלץ הינטער דער לייוונט די פיגורן, וועלכע זיי זען.

איך באַקען זיך אויך מיט די עטלעכע יונגע אַלבאַנעזער, וועלכע האָבן שוין שטודירט אין אייראָפּע און פאַרבינדן שיינע אינטעליגענץ מיט פרימיטיווסטער צניעות.

— עס איז שוין צען דער זייגער — פאַרלאָזט אונדז געווײנטלעך אין אָוונט דער פינף און צוואַנציק-יעריקער זון פון דעם

גאָלד־רייכסטן אַלבאַנעזער קאַקאַריטשי — דער טאַטע וועט ברוגז זיין, וואָס איך קום אַזוי שפּעט.

אויך מיט דעם גלח „פּאַטער פראַנציסקוס", דאַכט זיך דער איינציקער דיכטער אין אַלבאַניע, וועלכער שרייבט שוין זיין דריי־צענטן רעליגיעזן שיר, באַרבערענג איך אָפּט אָנגענעמע שעהן. און אַט אַזוי לעבט זיך דאָס אין דער אַלבאַנישער פעסטונג, וואָס באַזיצט אפשר אַ טוץ אַלטע, אָפּגעקראַכטע קאַנאָנען, וועלכע שטייען נישט אפילו מיטן „פראָנט" צום שונא, נאָר פאַרקערט: נור אויסגעדרייט מיט די „מיילער" אין שטאָט אַריין, כדי — אפשר וועלן די „פּרייוויליקע" אַלבאַנעזער מאַכן אַן אויפשטאַנד... אויך סימנים פאַר אַן אויפשטאַנד זענען שוין פאַרהאַן: מאָרדן, רויבן אויף זשאַנדאַרמען און סאָלדאַטן, — און אפילו די גרויסע פאַרלוסטן דורך די לעצטע עראָפּלאַנען־אָנפאַלן אין דוראַצאָ שרייבט מען אויך צו דעם שפּיאָנאַזש פון די „פרייוויליקע" אַלבאַנעזישע באַטאַליאָנען.

כדי אונדזערע סאָלדאַטן זאָלן קענען זיך אויסהיטן פון די פליגן, וועלכע צעטראָגן די מאַלאַריע, מאַכן זיי דינסט מיט טוליעבע שלייערס איבערן פנים. גיי איך צום קאָרפּס־קאָמאַנדאַנט אויסווירקן, מען זאָל אויך די געפאַנגענע שיצן קענן מאַלאַריע דורך „סערום־אינעקציעס" און „גאַז־נעצן". דער קאָרפּס־אַדיוטאַנט באַקומט גראָד דאָקומענטן פון אַן אוקראַינישן אָפיציר, וועלכע טראָגן דעם געהיימען צייכן פון „פּאָליטיש פאַרדעכטיק".

— וווהין זאָל איך אים איינטיילן? — ראָט ער זיך מיט דעם גענעראַל־שטאַב־הויפטמאַן.

— שיק אים קיין ט., צום מאַלאַריע־קוואַל.

— וועט ער קראַנק ווערן און צוריקפאָרן אַהיים — איז דער אַדיוטאַנט צופרידן.

— דאַן שיק אים קיין ד., צו דער „אַפּווער-באַטעריע”. די לופט-באָמבעס וועלן שוין מיט אים פאַרטיק ווערן.

און ער שמייכלט צו מיר מיט אַ „טריומף”, און איך שמייכל טרויעריק צוריק, — ווייל איך טאָר אים נישט שפייען אין פּנים...

פון דער צווייטער זייט געפּענגעניש דערטראָגן זיך קולות. ווידער שלאָגט מען אוודאי אַן איינגעשפּאַרטן אַלבאַנעזער. זיין עקסצעלענץ לאָזט וויסן, אַז ער וועט היינט נישט קומען אין קאַנצעלאַריע, גיי איך כאַפּן אַ בליק, וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט געפּענגעניש, די קולות ווערן אַנטשוויגן: מסתם האָט די וואַך דערזען מיך אָנקומען, האָט מען פאַרהאַקט די טירן. אויפן הויף זענען פאַרזאַמלט די אַרעסטאַנטן, וועלכע מען דאַרף באַלד משפּטן; פאַרשטומטע, צעכעסטע, איינגעגריבלטע אין זיך.

— ווער איז די גרופּע? — פרעג איך דעם „קאָנפידענט-אָפיציר”, וועלכער דאַרף זיי „פאַרהערן”.

— זיי האָבן פון די שפּיץ בערג געגעבן סיגנאַלן צו די איטאַליענער.

— און יענע?

— האָבן געהאַט געהיימע טעלעפאָן-פאַרבינדונגען פון אונדזער דיוויזיע-קאָמאַנדאָ און האָבן אַלע ידיעות איבערגעגעבן צום שונא. טייוולאָנים, — פאַרענדיקט ער — מען וועט זיי אַלע אויפהענגען נאָך היינט.

דער שטאַט-אַפּטייקער קומט בעטן, מען זאָל דערלויבן טראָגן עסן זיין אַרעסטירטן קרוב. אויף זיין שוואַרצן אייראָפּעישן ראָק בלישטשעט דער גאָלדענער מעדאַל פון עסטרייכישן קייזער פאַר „ביר-געזעלשאַפט פאַרדינסטן”. ער רעדט אַפילו צוביסלעך דייטש. דער אָפיציר נעמט אים אויף זייער פריינטלעך, שיקט אים אַוועק מיט דער פאַרזיכערונג, אַז ער וועט דערפילן זיין בקשה, — און רוימט מיר באַלד איין:

— ער איז אויך אַ פאַרדעכטיקטער, מיר האָבן אים אויף דער ליסטע.

אַ סאָלדאַט פירט אַריין אַ געל־אויסגעמאָגערטן, אָפּגעריסענעם אַלבאַנעזער. ער איז אַליין געקומען זיך איבערגעבן אין די אַרעסטן: איינע פון זיינע דריי פרויען האָט אים פאַראַטן מיט אַן אונגאַרישן זשאַנדאַרם, האָט ער איר אָפּגעשניטן דעם קאָפּ, וועלכן ער האַלט איינגעוויקלט אין דעם רויטן, פאַרבלוטיקטן טיכל.

— און ווו איז דער זשאַנדאַרם — פרעגט שטרענג דער אָפיציר.

— ער איז לײַדער אַנטלאָפן... — זיפצט דער אַלבאַנעזער און פאַרבייסט זיי ליפּן.

— און ווייסטו, אַז עס קומט דיר דערפאַר דער טויט? — לאָז איך אים פרעגן דורכן דאָלמעטש.

דער פאַרווייטיקטער אַלבאַנעזער ענטפערט נישט קיין וואָרט, לייגט נאָר צו די האַנט צום האַרץ, הייבט אויף צום הימל דאָס בלאַסע פנים, פאַרמאַכט די אויגן און שטרעקט ווידער אויס די האַנט אינדערהייך, ווי ער וואָלט זאָגן: „אַללאַ איז מיין עדות, אַז איך האָב אַנדערש נישט געקענט".

און אָט די אַלע שולדיקע און אומשולדיקע מענטשלעכע באַשעפענישן וועט משפּטן אונדזער „פעלד־געריכט", וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון געוועזענע סטודענטן און אַמאָליקע געריכטס־שרייבערס, ווייל — ווי נעמט מען אַזוי פיל ריכטערס פאַר די אַלע פאַרברעכנס און נישט פאַרברעכנס אויף אַלע פראָנטן פון גאַנץ אייראָפּע און אַזיע?

עס דערנענטערט זיך דער פאַרבן־רייכער אַלבאַנישער אָוונט. די זון האָט שוין אויסגעשפּילט אויף די ווילדע בערג אַלע אירע גלאַנציקסטע קאָלירן און זעצט זיך שנעל, האַסטיק אין איר לעצטן שאַרפן רויט. אַ ווייסער, געדיכטער נעפּל רינגלט אַרום דעם העכסטן באַרג און שניידט אָפּ זיין שפּיץ, וואָס דאַכט זיך שוועבן אין לופטן, טראָגט זיך מיט דאָרט אויף די ווייסע געפּל־וואָלקנס גאַנס מוטער

מיט אירע מלאכים הויך, הויך צום הימל צו?... דער „העדזשאַ" רופט פון ווייסן טורם זיין „אַ — אַ — אַ — אַ — אַ..." — פאַרשווינדט די זון, דאָס „הייליקע בילד" אויפן קלאָרן הימל ווערט געלם פאַרן פרומען רוף פון די שעפטשעבדיקע, מאַהאָמעדאַנישע תפילות: — „אַללאַ, אַללאַ רעגירט איבער אַלע וועלטן!"

נאָר אויפן ווייטן האָריזאָנט איז אַ האַלבער הימל באַדעקט מיט אַ רויטן פלאַם: דאָס ברענט שוין דאָרט די דריטע נאַכט אַן אַלבאַנעזיש דערפל, וואָס אונדזערע האָבן אונטערגעצונדן אַלס שטראָף, ווייל מען האָט געפונען אויף זייער וועג אַ דערשאָסענעם זשאַנדאַרם, און זיי האָבן נישט געוואָלט, און אפשר נישט געקענט אָנווייזן, ווער עס איז דער מערדער. די פאַרעקשנטע באַרג-פּאַסטוכער האָבן דערבײַ זיך אַקעגנגעשטעלט, דערשאָסן עטלעכע פון אונדזער „עקספּעדיציע", — האָט מען זיי מיט ווייבער און קינדער געלאָזן אויפן „יושר" פון די צעווילדעוועטע זשאַנדאַרמען, — און אַצינד דערברענט דער לעצטער זכר פון יענעם מענטשלעכן ישוב...

איך לאָז מיך גיין אַהיים. בײַ די ברעגעס פון „סקוטאַריאָזיערע" טראָגן זיך מיליאַסן גאָלד-פליגעלעך, ווי זיי וואָלטן פון זיך אַליין וועלן שאַפן אַ זילבער-גאָלדענעם הימל איבער די טיפע, זומפיקע גראָזן. נישט ווייט איז דער לאַגער פון מײַנער געפאַנגענע. איך בין אָפט אין אָוונט זייער גאַסט: איך טרינק זייער „שוואַרצן" און עס מיט זיי צוזאַמען די אָנגעקליבענע פייגן און פערשקעס. אויך דאָסמאָל גיי איך אַריין.

— „שלום אדוני"! — לויפט מיר אַקעגן זייער רוסיש-יידישער קוכער, אַ פּועלי-ציוניסט פון פוילן; וועלכער האָט אַ טבע אַלע זײַנע ראַפּאָרטן מיר איבערגעבן אויף העברעיש — שוין ווידער צוויי קראַנק געוואָרן.

— אויף מאַלאַריע? — רייסט זיך מיר אָפּ אין האַרץ.

— אַזוי דאַכט זיך, „אדוני" אָבערלייטענאַנט.

איך קוק אָן די קראַנקע; די באַקן גליִען, די אויגן מענטשע, ווי פאַרשיכּורט, די גלידער ציטערן אין קדחת — אַלע סימנים פון דער בייזער, טויטלעכער מגפה...

מען פירט זיי תיכּף אין שפּיטאָל אַריין. און ווידער איז מיר געבליבן ווייניקער מיט צוויי פון מיינע אָפּגעהיטע יונגען — דער שאָטן פון טויט קוקט אַריין אין מיינע לאַגערן מיט זיין גאַנצער שרעקלעכער גרויסקייט, — אַזוי ווי עפּעס אַ נקמה פון אַ גאַנץ אונטערױאָכט פאָלק...

אונטער דער פלאַמיקער אַלבאַנישער זון

די מגפה בושעוועט מיט איר גאַנצער גרויזאַמקייט און רויבט אונדז אַוועק די בעסטע סאָלדאַטן. פאַרהאַן שוין אָפּטיילונגען, באַ וועלכע עס איז מער נישט פאַרבליבן ווי איין אָפיציר מיט עטלעכע סאָלדאַטן. דער אַזוי אויך שוואַכער פראָנט ווערט כּמעט „אַנטבלויזט", און דער שונא דערוווסט זיך דעם שרעקלעכן אמת: די פראַנצויזן אַטאַקירן פלוצלינג, אומפאַרהאָפט, און שטופּן אונדז צוריק אויף אַ היפּש שטיק. עס העלפט נישט די פריש אָנגעקומענע אַרטילעריע, מיט די נייע אָפּטיילונגען — מיר גייען צוריק. אונדזער עקסצעלענץ לויפט אַרום אַ נערוועזער, טשעפּעט זיך צו נאַרישע פאַר־מאַליטעטן און וואַגט זיך שוין אַפילו אַרויסגיין כּמעט ביז צו דער פּאָזיציע. דער קינדישער „אַבערגלויבן" וואַקסט, און די אָפיצירן זענען שטאַרק ברוגז אויפן ערצהערצאָג יאָזעף: למאי איז ער געקומען מאַכן אַ באַזוך אויפן פראָנט.

— ווו ער באַווייזט זיך — טענהט היילִיק איבערצייגט דער

מאַיאָר פון די „אַלבאַנעזישע באַטאַליאָנען״ — מוז זיין אַ דורכפאַל.

אָבער זיין שרעק איז אַ ביסל איבערגעטריבן: מען האָט די אָפּענסיווע אָפּגעשטעלט, — און ווידער איז שטיל כמעט אויפן גאַנצן פראָנט, נאָר די מגפה הוליעט ווייטער, און שלעפּט אויך מיך אַריין אין איר שוואַרצן טאַנץ: איך באַקום ביז פערציק גראַד פיבער, פאַל עטלעכע מאָל אין האַלבן חלשות — די גלידער ציען און איך קען זיך מער נישט האַלטן אויף די פיס. אין דער ערשטער „בלוט-פּראָבע״ געפינט מען נישט קיין „טראָפּיקאַ״, ערשט באַם דריטן מאָל בלוט נעמען דערקענט מען, אַז איך האָב „פּאַפּאַדאַטשיפיבער״. וועלכעס האַלט נאָר אָן עטלעכע וואָכן.

איך ווער זיך שטאַרק צו גיין אין שפּיטאָל, וועלכעס איז דאָס זיכערע פאָרהויז צום קבר. בלייב איך אין מיין אַלבאַניש שטיבל מיט די פייגן-און לימענע-ביימלעך אַרום די פענסטער. עס קומט אָן אַ ביסל שווער, דען מיין דינער ליגט שוין צום צווייטן מאָל אין שפּיטאָל אויף מאַלאַריע, — אָבער אַ דאַנק דער איבערגעגעבנקייט פון מיינע קאַנצעליאַריע-שרייבערקעס, בפרט דעם הויפּטמאַנס פּרויק. און מיינע געטרייע געפאַנגענע, קום איך ווידער צו די כוחות. די פיבער-אָנפאַלן קומען שוין נאָר יעדע אַכט טאָג, דער לעצטער אָנפאַל לאָזט שוין אַפילו אויף זיך וואַרטן גאַנצע צען טעג — איך קען ווידער אָנגיין מיט מיין רעגולערער אַרבעט. נאָר ציט עס זיך אַזוי מאָנאָטאָן, אַזוי לאַנגווייליק — איז מען צופרידן, ווען עס קומט אַ יידישער יום טוב און מען קען פּטרן אַ שעה מיט יידישע סאָלדאַטן און יידישע געפאַנגענע. אויף „ראש השנה״ קומט אַפילו צום ערשטן מאָל אַן אונגאַרישער פעלד-ראַבינער און בעט מיין הילף צו אָרגאַניזירן אַ כשרע קיך פאַר די יידישע סאָלדאַטן. מיר באַקומען צו דעם צוועק באַזונדערע שפּייזן פון אונגאַרן, נאָר קוים איז איינמאָל דאָס מיטאָג-עסן נישט איבעריק גרויס, בעטן די זעלב-

סאָלדאַטן, מען זאָל זיי ווידער שיקן צו דער טרפהנער קאָמפּאַניע-קיך.

אַזוי איז שוין די מידה פון דעם ליבן פאָלקס-מענטש...

צו „כּל נדרי" שטעלן זיך טרערן אין די אויגן, ווען דער אונגאַרישער זעלנער, אַ בעלזער חסיד, צעלאָזט זיך מיט זיין וויינענדיקן קול „עור זריע לצדיק..." צווישן שטיינערנע חרבות אונטערן פרייען הימל, שטייט אַ פּראָוויזאָרישער „עמוד" מיט אַן „ארון קודש", און אַרום די טרויעריקע פּנימער פון די אַלטע זעלנער, וועלכע קענען נישט צוריקהאַלטן די טרערן און ברעכן אויס אין היסטעריש כליפּען...

עס איז מיאוס אויפן האַרץ. איך פאַרבאָרג דאָס פּנים אַ קליינעם „מחזור" און זוך אומזיסט דעם „לשנה הבאה" — דער באַפּעסטער דרוקער האַלט עס שוין אַפּנים פאַר איבעריק, — ער האָט עס מער נישט אָפּגעדרוקט אין זיין נייער אויסגאַבע.

הינטער די חרבות שטייט אַ מחנה אַלבאַנעזער און פאַרגאַפּטע הערן זיי זיך צו צו די יידישע תפילות: עפּעס נאָנט... עפּעס ענלעך... אויך מיט היטלען — אַ טייל מיט בערד...

זיי זענען נאָך נישט פאַרגיפטעט מיט דעם אַנטיסעמיטישן האַס און ווייסן נישט צומאָל, וואָס אַ ייד איז.

צום ערשטן מאָל האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אַזוי פיל יידישע אָפיצירן און זיך אָפּגעגעבן אַ הייסן „שלום עליכם". חדשים־לאַנג געווען צוזאַמען, צוזאַמען געקעמפט און זיך געוואַלגערט אין דעמזעלבן, זומפּיקן שוצן-גרוב, — און דאָך נישט געוווסט איינער פון צווייטן, אַז מען איז יידן. איז דערפאַר די פרייד גרעסער, די שעה טייערער, און מען קען זיך קוים דערוואַרטן אויף „סוכּות" און אויף דעם יידישלעכן שמחהלע אים מוצאי יום טוב.

לאַנג איז מען שוין נישט געזעסן אין אַ סוכּה... און דווקא

דאָ אין אַלבאַניע, אין זאַט פון מלחמה — אַן אמתע סוכּה אונטערן פרייען, וואַרעמען הימל, באַפּוצט מיט מילגראַמען, גראַנאַט־עפּל און ווײַנטרויבן. די צוויי מנינים ייִדישע זעלנער און געפאַנגענע זיצן אויף די זעלבע שטיינער מיט זייערע ייִדישע אָפיצירן און קוויקן זיך מיט די זעלבע פיש און אויך מיט קניידלעך, וואָס דער „העברעיִשער" קוכער האָט אונדז צוגעגרייט. דאָס מיידל פון דעם איינציקן פּאַפּיר־געשעפט אין לאַנד האָט מיטגעבראַכט איר גראַמאַ־פאָן. שוין זייט עטלעכע יאָרן וווינט זי דאָ מיט איר ברודער. און זיי וואָלטן געמאַכט גוטע געשעפטן — ווען נישט דאָס אַנטיסעמיטישע פאַרהאַלטן זיך פון אונדזער קאָרפּס־קאָמאַנדע. דריי ייִדישע פאַ־מיליעס וווינען אין גאַנצן לאַנד, און ביז מיר זענען געקומען, האָבן זיי קיינמאָל נישט געוווּסט פון אַ ייִדן־פאַרפאָלגונג.

„דאָס טליתל איז... אַך..." צעפּישטשעט זיך דער גראַמאָפאָן, און דאָס מיידל כאַפּט אונטער מיט ייִדיש־דײַטשע ווערטער.

— פון וואַנען קומען צו איר די לידלעך? — שטוין איך.

מיט צעפּלאָמטע, געזונטע בעקלעך דערציילט זי פול פרייד וועגן איר באַזוך אין ייִדישן טעאַטער אין ווין, וווּ זי האָט אויך איינגעקויפט די ייִדישע פּלאַטן.

אויך די איבריקע כאַפּן אונטער די ייִדישע לידלעך און צום סוף שטעלט מען זיך אויף — און פון די פרייע, אויפגעצאַ־טעמטע ברוסטן דערהייבט זיך די יום טובדיקע מעלאָדיע פון דער „התקווה".

אויך דער פעלד־ראַבינער זינגט מיט.

— איך בין נישט קיין ציוניסט — פאַרענטפערט ער זיך — נאָר איך טו ווי די הערשער באַ די אמתן העולם: קומט דער דײַ־טשער קייזער צום עסטרייכישן, טוט ער אָן אַן עסטרייכישן גענע־ראַל־מונדיר, און...

— „ווען דו קומסט צווישן ווראַנעס, קראַקע אַזוי ווי זיי״ — וואַרפט אַריין מיין לאַנדסמאַן אַ פּויליש גלייכוואָרט.

איך בלאָנקע מיט מיין ברודער איבער די סודותפֿולע, שטייענרנע געסלעך, פֿונוואַנען עס טראָגט זיך פרייטיק אויף דער נאַכט דאָס מתיקותדיקע צעזינגען זיך „אונטער דער נאָז״ פֿון אַלבאַנעזער עס דערמאַנט אַזוי שטאַרק, אַזוי נאָנט אָן די היימישע, חסידישע ניגונים...

פֿון אַ ברייטן פייגן־בוים הינטער אַ הויכער, שטיינערנער מויער צעגיסט זיך אַ צעוויייטיקטע, קלינגענדיקע מעלאָדיע פֿון אַן אַלבנעזישער טאָכטער. אָן ווערטער, אפשר אָן אַ „זין״, אָבער מיט אַזוי פֿיל צער און בענקשאַפֿט... זינגט זי וועגן איר ליבע? אָדער וועגן דעם ביטערן מזל פֿון איר איבערפאַלנדן אומרו?...

מיין ברודער ציטערט אין פֿיבער נאָך דעם צווייטן אָנפֿאַל פֿון מאַלאַריע. מיר זעצן זיך בײַ אַ ווינקל פֿון דעם פּאַרק־קאַפֿע־הויז און חלומען אויף פֿאַרשידענע געדאַנקען וועגן דעם אַזוי ווייטן, צווייפֿלהאַפֿטן פֿרידן... די מוזיק פֿאַרטראָגט זיך מיט עפּעס אַזאַ טרויעריקער מעלאָדיע, די וויאָלאָנטשעל קלאָגט זיך אַזוי אָפּגעהאַקט געבראָכן — ווי לאַנג נאָך... ווי לאַנג נאָך...

מיין ברודער גליט אויפֿן גאַנצן קערפּער. איך פֿיר אים אַהיים און פֿאַרגיס אין דער נאַכט ביטערע טרערן פֿון פֿאַרלאָזנקייט...

דער דאָקטאָר הייסט אים בלייבן, זיך אויסרוען, אָבער ער איילט זיך צוריקצופֿאָרן צו זיין אָפּטיילונג: ער איז אויפֿן וועג פֿון אורלויב, און וויל קומען צו דער צייט:

— זאָל מען נישט זאָגן — בעט ער זיך — אַז אין זכות פֿון ברודער, דעם אָבערלייטענאַנט, האָט ער זיך „אויסגעדרייט״ פֿון דער פּאָזיציע.

פֿאָרט ער אַוועק, ווערן די טעג נאָך שווערער, די נעכט פֿוסטער און אומעטיקער...

נישט גערן גיי איך דעם צווייטן טאָג צו מיין באַשעפטיקונג. די לעצטע קאַמפן האָבן געבראַכט הונדערטער נייע געפאַנגענע. וואַרט אויף מיר ווידער אַ נודנע אויספרעגן זיי און איינטיילן אין אָפּטיילונגען. דער פּופּציקיעריקער אָבערלייטענאַנט דר״ או., אַ באַקענטער פילאָזאָף, דאַרף מיר אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט, שטייט ער אָבער אין די לעצטע טעג אונטער „מעדיצינישער באַאָבאַכטונג״, דען זיין לעצט פילאָזאָפיש ווערק „באַווייזן פאַר דער עקזיסטענץ פון גאָט״, האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף דער מיליטערישער צענזור און מען באַטראַכט אים פאַר אַ „פּסיכאָפּאַט״. מוז איך, אונטער אַ גאַז-נעץ און מיט נאַסע האַנטיכער אויפן קאָפּ, אין דער היץ פון 70 גראַד, אַליין מיט מיינע צענדליקער שרייבערס צוזאַמענשטעלן ראַפּאָרטן מיט באַפעלן.

עס פאָרט צו אַן אויטאָמאָביל, און אַן עלטערער מאַיאָר שטעלט מיר פאָר אַן אַלטן גלח מיט אַ פּיאָלעטן קאָלנער און מאַנזשעטן — דער דעלעגאַט פון דער „פראַנצויזישער מיסיע פון רויטן קרייץ״. ער קומט שטודירן באַ אונדז די לאַגע פון די געפאַנגענע.

— דאָס מיניסטעריום האָט מיך מיטגעשיקט — זאָגט דער מאַיאָר אויף דייטש, דער פראַנצויז זאָל נישט פאַרשטיין — אָבער איך הייב נישט אָן וויסן, וואָס עס טוט זיך צווישן די געפאַנגענע. וועסט דאַרום אַזוי גוט זיין און אים דערקלערן יעדע איינצלהייט.

איך פיר מיינע געסט איבער די פאַרשידענע לאַגערס און ווייז זיי יעדע איינצלהייט. דער אַלטיטשקער גלח איז גאָר צופרידן מיט מיינע סאַניטאַרע איינריכטונגען און מיט די „הומאַניטאַרע״ פאַרשריפטן.

— גאָט וועט אייך באַלוינען, דערפאַר — לאָזט ער מיר זאָגן דורכן מאַיאָר, ווען ער דריקט מיין האַנט באַם געזעגענען זיך.

אָבער ער אַליין וואַרט נישט אַפּנים נאָר אויף „גאָטס לוין״, דען אַ צוויי וואָכן שפּעטער באַקום איך אַ גאָר חנעוודיקן „ערן-

קרייץ מיט קריגס-דעקאָראַציע באַם באַנד פון טאַפּפערקייט״ — פאַר מיינע „אויסערגעוויינטלעכע דינסטן באַם הומאַניטאַרן ווערק פאַר קריגס-געפאַנגענע״, ווי עס הייסט אין דעם ערן-דיפּלאָם. און באַ דער געלעגנהייט דערמאָנט מען זיך אַפּנים אָן מיינע ווונדן, דען מען שיקט מיר באַלד צו דעם „פאַרווונדונגס-מעדאַל״ מיט די צוויי בלוט-רויטע שטרייפן אויפן „באַנד״, און דעם „זילבערנעם קרייץ באַם טאַפּפערקייטס-באַנד מיט שווערטן״ פון קייזער קאַרל — מיין זעקסטער מעדאַל אין דער מלחמה.

די גרויסע האָפנונגען אויף אַלגעמיינעם שלום, וואָס מיר האָבן געהאַט נאָך דעם פרידן-אָפּמאַך מיט דעם צעשטיקלטן און פאַרגוואַלטיקטן רוסלאַנד און מיט דעם „אָנגעלערנטן״ רומעניע זע-נען צונישט געוואָרן. די „פאַרוויקלונגען״ מיט אַמעריקע פאָדערן נייע אָנשטרענגונגען און מען וואַרפט דאָס לעצטע ביסל מענטשן-מאַטעריאַל אויף אַלע פּאָזיציעס. אָבער צוגלייך ווייזן זיך שוין סימנים פון „ווידערשפּעניקן״: דער טיפער צאָרן און האַס אַקעגן דער מלחמה און אירע פירערס, וואָס איז ביז איצט געלעגן ערגעץ אין אַ ווינקל פון דער אָנגעווייטיקטער זעלנערישער נשמה, האָבן גענומען זיך צינדן מיט זייערע ערשטע פונקען.

מען ברענגט אַ פרישע „מאַרש-קאָמפּאַניע,״ וועלכע באַשטייט ס׳רוב פון יונגע אוקראַינער, אַנטלאָפענע פון רוסישן „פּלען״. דער יונגער קייזער אַליין האָט זיי צוגעזאָגט אין טשערנאָוויץ, אַז צום לוין פאַר זייער איבערגעבנקייט, וועט מען זיי אָפּלאָזן אַהיים אויף דריי חדשים. ערשט אין אַלבאַניע כאַפּן זיך די אָרימע אוקראַינער, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט.

זאָל דער קייזער האַלטן וואָרט! — שרייען זיי הויך באַם אַרויסשטייגן פון שיף, און עטלעכע פון זיי נעמען דעמאָנסטראַטיו שיסן אין דער לופט.

די גאַנצע קאָמפּאַניע ווערט אַרעסטירט און מען זוכט אוי..

די „רעדל-פירערס". אויף אַן אַכצעניעריקן שייגעץ פאַלט דער גורל — „ער איז דער אָנפירער פון דער צעבונטעוועטער קאָמפּאַניע" — און ער ווערט פאַרמשפּט צום דערשאָסן ווערן. אומזיסט בעט דער פעסטונג-קאָמאַנדאַנט אַ טעלעגראַפישע באַגנעדיקונג פונם קייזער: דער אורטייל איז באַשטעטיקט, און דעם צווייטן פרימאָרגן דאַרף מען דעם יונגן סאָלדאַט דערשיסן. כמעט אַלע „פראָנט-אָפיצירן" זענען אין דער פּאָזיציע — ווער איך באַשטימט אויסצופירן די עקזעקוציע.

אַ שוידער באַפאַלט מיך, ווען איך קריג דעם באַפעל. איך גיי צום „יוסטיץ-רעפערענט", דעם אונגאַרישן גענעראַל-שטאַב-הויפּטמאַן ג. און בעט, מען זאָל מיך באַפרייען פון דער מיסיע.

— דאָס הענגט נישט אָפּ פון מיר — וויל ער זיך אַרויסדרייען — דער גענעראַל האָט אונטערגעשריבן דעם באַפעל.

— דאַן וועל איך בעטן באַם גענעראַל.

— דאָס קען דיך קאָסטן דיין „קראַגן", מיין ליבער — דערמאָנט ער מיך זייער ערנסט — קענסט פאַרלירן דיינע „שטערן".

— פאַרן קריג, הער הויפּטמאַן — זאָג איך דעצידירט — האָב איך אָן „שטערן" אויך געלעבט. איך בעט „געהאָרכזאַמסט" מיך מעלדן באַם גענעראַל.

ער שמייכלט, ווי ער וואָלט נישט גלייבן אָן ערנסט פון מיינע ווערטער. — אָבער ער טוט מיר ענדלעך צוליב.

צום ערשט קען דער גענעראַל גאָרנישט פאַרשטיין, ווי אַזוי איך פאַרלאַנג אַזאַ זאַך.

— עס איז אַ שאַנד פאַר אַן אָפיציר צו האָבן אַזעלכע מיינונגען — באַמערקט ער גאַנץ פריינטלעך.

דאָך מיט ריקזיכט אויף מיין „באַשעפטיקונג אין ציוויל", באַפרייט מיך דער גענעראַל פון פירן די קאָמאַנדע באַם דערשיסן. מען באַשטימט אויף מיין פּלאַץ אַן אונגאַרישן אָבערלייטענאַנט מיט

זיבן אונגאַרישע סאָלדאַטן, אָבער — איך מוז זיין בײַ דער עקזעקוציע, אַלס באַווייז פון מיין „נישט דערשראָקנ־קייט"...

פינף דעם זייגער פאַרטאָג פאַרזאַמלען מיר זיך אין קליינעם הויף פון די אַרעסטן. די זיבן סאָלדאַטן מיטן אָפיציר שטייען שוין פאַרטיק צו זייער „אַרבעט". דער „פעלד־קאַפּלאַן" פירט אַרויס דעם פאַראורטיילטן מיט פאַרבונדענע אויגן. זיין גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך אין כליפּען, פון אונטער דעם סאָלדאַטישן טיכל גיסן זיך הייסע טרערן.

— זמילויטעסיאַ. — פּאַמילויטע — בעט ער זיך מיט זיין יינגלישער שטימע — איך בין נישט שולדיק, איך האָב נישט געשאָסן...

דער גלח פרייפלט גלייכגילטיק זיינע פסאַלמען — צוויי סאָלדאַטן פירן דעם אומגליקלעכן צו דער מויער און הייסן אים קניען. פאָלגט ער ווי אַ ווילנשוואַך, שולדיק קינד און הערט אַלץ נישט אויף צו וויינען: זיינע הענט לייגן זיך צוזאַמען ווי צום געבעט, דער בלאָנדער, פאַרקעמטער קאָפּ נייגט זיך אויף דער כוואַליענדיקער ברוסט. און אפשר אויף פופצן, צוואַנציק שריט אים אַקעגן שטייען די זיבן סאָלדאַטן מיט געלאָדן געווער.

דער אָפיציר ציט דעם זעבל און גיט אַ צייכן, — די סאָלדאַטן נעמען די ביקסן צום ציל. דער קניענדיקער רירט די רעכטע האַנט, ווייל דאַכט זיך איבערצלמען זיך — אַ צווייטער צייכן פון אָפיציר, — און זיבן געווערן שיסן אויס אויף איין מאָל. ווי אַ אונטערגעזעגט ביימל קערט זיך איבער דער דערשאָסענער אויף פּאַרויס, מיטן שטערן אויפן זאַמד.

עס גייט צו דער דאָקטאָר, כאַפּט אַ בליק:

— „דער טויט איז איינגעטרעטן".

פיר קוילן אַרום דעם האַרץ און צוויי אין קאָפּ. עס שטראָמען נאָך דיניטשקע פעדעם בלוט. די זיבעטע קויל האָט געפעלט. האָט אַ ציטער געטון די האַנט פון אַ מענטשלעכן סאָלדאַט? אָדער האָט ער מיט אַ כּוונה געשאָסן העכער, איבער דער מויער — זאָל די קויל טרעפן אַבי וועמען, אַ דורכגייער, אַ בייגעריקן, אַפילו אַ פייגעלע אין לופטן, — אַבי זיין געוויסן זאָל ריין זיין פון אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט — ?...

מיר האָבן אונדזער „מיסיע" דערפילט, מיר גייען אַוועק. אָבער זייט דאַמאָלס קען איך נישט פאַרבייגיין דעם פּלאַץ אָן אַ געהיימען ציטער אין האַרץ: האָסט צוגעזען אַ מערדערישן אַקט, און האָסט געשוויגן! —

און איך בין גאָר צופרידן, ווען איך באַקום דעם באַפעל, דורכפירן אין זעלעניקאַ די דעמאָביליזאַציע פון די רומענישע געפאַנגענע.

עראָפּלאַנען-אַטאַקעס

אַריבער די מאָנטענעגרישע בערג קום איך קיין קאַטאַראָ. ווען מען פּראַוועט דאָרט גראָד אַ „קייזער-קאַרל-פעסט" מיט מוזיק און טענץ. די „ווייבלעכע הילפס-קרעפטן" זענען פשוט זיך „מקריב" פאַר דער מאַרינע, און מאַכן געשעפטן אויף מיליטערישע יום טובים. איך וואָלט עס גאָרנישט גלויבן, וויפל גאַליצישע מיידלעך ייִדישע עס געפינען זיך צווישן זיי, — און זיי נעמען גראָד די ערשטע „שיינהייטס-פּריזן".

מען בלאָזט „אַליאַרם״: ווייט אויפֿן האָריזאָנט, איבערן אַדריאַטישן ים, באַווייזן זיך עטלעכע אַעראָפּלאַנען. אָבער נישט אונדזערע מיינען זיי: מיר הערן באַלד דומפּע, אָפּגעהאַקטע אויפֿרייסן, און די אַעראָפּלאַנען פֿאַרשווינדן. דאָס האָבן זיי אַוודאי באָמבאַרדירט די ווייטע ברעגעס אָדער אונדזערע שיפֿן, וועלכע שטייען דאָרט נישט ווייט. אונדזער מוזיק שפּילט זיך ווייטער, די טענץ אונטערן פֿרייען הימל שלענגלען זיך מיט דעם זעלבן אויסגעלאַסענעם קאַראַהאָד — און איבער אונדזערע קעפּ פֿליִען אַרום צופֿרידן אונדזערע אייגענע אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן פֿריִער נישט געוואַגט אויפֿצושטייגן. איצט מאַכן זיי אין לופֿטן פֿאַרשידענע קונציקע זיגזאַגן און בייגלען, — זאָלן די נישטיקע דאָרט אונטן אויף דער ערד זען, וואָס זיי קענען!

אַ מידער און טרויעריקער פֿון זייער „פֿרייד״, שלעפּ איך מיך אין דער נאַכט מיט דער שיף איבער דער אויסמינירטער „באָקע״ (דער דאַלמאַטינישער „ים-קעסל״, וואָס איז אויסגעלייגט מיט וואַסער-מינעס). אין דעם האַלבטונקעלן ליכט פֿלעכטן זיך אָפּיציִרישע הענט מיט ווייבלעכע קעפּ — איך ווער אַנדרימלט, און כאַפּ מיך אויף ערשט פֿאַרטאָג, אַז איך בין פֿאַרפֿאָרן ביז צו דער ברעג-פֿעסטונג קאַסטעל-נואָווא. דער מאָרגן שמייכלט מיט אַזאַ לוסט, אַז עס גליסט זיך גאָרנישט גיין שלאָפֿן. לאָז איך מיך צופֿוס מיט דעם פּראַכטיקן אויסגעמויערטן ים-ברעג. די בלוי-ראָזעווע וואַסערן, וועלכע טרינקען זאַטיק די שטראַלן פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון, די באַטויטע, פֿרישע ריחות פֿון די לימענע-און פֿערשקעס-ביימלעך, פֿון רויזן און טולפּן, — דאָס אויפֿגעוועקטע, האַסטיקע „טשיפּ-טשיפּ״-געשריי און פֿריילעכע טרעלן פֿון פֿאַרשידנאַרטיקסטע דרום-פֿייגל פֿילט אָן מיט קראַפֿט און בטחון.

אָט איז דער „פּאָרט לאַ ראָזאַ״, דער וווּנדערלעכער ים-ווינקל, וווּ די וואַסערן שוימען זיך טונקל-בלוי באַטאָג, און פֿאַרפֿאַרבן זיך

באַם זוניקן אונטערגאַנג אין פאַרנאַכטן אַזוי מיידלעריש־רויזיק. מיט
אַ רויטלעכן אָפּקלאַנג אויף דער גאַנצער סביבה

— ס'איז אפשר דער פּראַקטיקסטער מאָרגן־גאַנג, וואָס איך
האָב געמאַכט אין לעבן!

איך כאַפּ זיך גאָרנישט, אַז איך בין שוין אין מיין באַשטי־
מונגס־פּלאַץ, אין זעלעניקאַ.

ווי שנעל, ווי שנעל...

די לאַגערן וועקן זיך ערשט קוים צום לעבן. אויף די בערג־
לעך אַרום דערצאַנקען נאָך די לעצטע נאַכט־פייערן, און נאָר ווו
נישט ווו פאַרסקעט אַ פערד באַ דער קאַרגער פאָרציע היי מיט שטרוי,
דען האָבער האָט עס שוין לאַנג נישט געזען פאַר די אויגן. — אַ
פאַרשלאָפענער וואַך־סאָלדאַט קען אַלץ נישט געפינען אויף זיין אַקסל
קיין פּלאַץ פאַר דעם געווער־רימען. וועלכער האָט אים זיכער אָנ־
געדריקט שווער, שמערצלעכע מאָזאָליעס. פון די האָלץ־באַראַקן
קומט אַ צעשויבערטער סאָלדאַט, ציט אויס די גלידער, טוט אַ טיפן
גענעץ, צלמט זיך איבער, און נעמט זיך שעפן וואַסער פון דעם
שמאָלן, נישט איבעריק שיינעם ריטשקעלע. אַפילו די באַלאָדענע
שיפן, וואָס ליגן נישט ווייט פון ברעג, ווייזן אויך אויס נאָך צו
דרימלען. מיטאַמאָל צעקלינגען זיך אַלע טעלעפאָנען אין די האָל־
צערנע בודקעס: — טרי — טרי — טרי — י — י — י... טרי —
טרי — טרי— י — • — ...״, און כמעט אין דער זעלבער צייט נע־
מען פייפן אַלע לאָקאָמאָטיוון און מאַשינען. אַ ביסל שפּעטער צע־
טראָגט זיך דאָס ווייבעדיקע ווימלען און טראָמפּייטן פון די שיפן —
דער באַקאַנטער, שרעקנדיקער אַליאַרם פון די וויזיט־טראָגנדיקע
סיגנאַלן, אַן אָנזאָג, אַז עס קומען פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען!

ווי אונטערגעצונדן כאַפּט זיך אויף דאָס גאַנצע לאַגער. עס
נעמען לויפן האַלב נאַקעטע סאָלדאַטן, און פאַרווירטע יאָגן זיי אַי־
בער די וועגן און הינטער די אָפּגעצוימטע פּלעצער, פאַרלויפן זיך

דעם וועג, פֿאַרפּלאָנטערן אין דראָטן און וואַרפֿן פֿון זיך אומרחמנות־דיק אַלץ, וואָס קומט זיי אַקעגן און איז אַ שטערונג אין געלויף — און דער צונויפֿגעמישטער ליאַרעם פֿון די פּייפֿלעך און טרובעס יאָ־מערט אַזוי שרעקלעך, אַזוי ווייַנענדיק־פֿאַראומגליקט!...

ערגעץ ווייט שיסן שוין די אַפּוועריקאַנאָנען. פֿרעמד איז פֿלאַץ, לויף איך מיט אַנדערע זוכן אַ שוץ איבערן קאָפּ. אָבער דאָס שטיקל „קאַווערנע" אין פֿעלז, וואָס מען האָלט נאָך אין בויען, איז שוין איבערגעפֿולט מיט מענטשן — און מיר מוזן זיך לאָזן אין אַן אַנ־דערער ריכטונג. הינטער אונדז קראַכט שוין אונדזער אייגענע „אַפּ־וועריאַפּטיילונג". מיר דעריאָגן קוים צום איינציקן באַן־טונעל, וועל־כער איז שוין אויך איבערגעפֿולט מיט מענטשן, — און איך פֿאַל אַ פּאַרסאַפּעטער אויף די פֿאַרזשאַווערטע רעלסן באַם אַרייַנגאַנג. פֿון איבערן ים דערנענטערן זיך פֿינף אָדער זעקס פֿייַנטלעכע אַעראָ־פּלאַנען, זיי טראָגן זיך הויך, הויך אויפֿן קלאָרן הימל ווי נעפּלדיקע צלמים, ווי שוואַרצע, צעיושעטע ים־פֿייגל, זיי שטייערן גלייַך צו אונדז. די שראַפּנעלן פֿון אונדזערע קאַנאָנען עקספּלאָדירן אין דער לופֿן מיט ווייסלעך־בלויע וואָלקנדלעך, אָבער זיי דערגרייכן נישט די בייטיקע הייך, אָדער זיי בלייבן הענגען מיט אַ דומפּן קנאַל קי־לאָמעטער־ווייט פֿון די אַנפֿאַלער, און ווערן צערינען אין נישטיקן אוויר.

אַ מאָמענט דאַכט זיך, אַז די אַנפֿאַלער ווילן צוריק. אָבער אָט קומען צוויי פֿליערס אַ סך טיפֿער — עס בליצט צוויי מאָל — און פֿון אַ שווערער, מיט סאָלדאַטן אָנגעפֿולטער שיף זעצן אַרויס רויכיקע פֿלאַמען. די שיף הערט אויף פּייפֿן. זי וואַקלט זיך ווי אַ הויל פֿאַס אויף אַ כוואַליע, פּרוווט נאָך דערשווימען צום נאָענטסטן ברעג, — אָבער זי שלעפּט זיך ווי אַ פֿאַראַליזירטער קריפּל און מוז ענדלעך שטיין בלייבן אין מיטן ים — זי איז געטראָפֿן אין „קעסל". בייגט זי זיך אויף אַ זייט, נעמט זינקען אַלץ טיפֿער און טיפֿער —

שוין אַ העלפט נאָר שטעקט נאָך קוים אַרויס איבער דער אויבער־פלאַך פון וואַסער.

— נאָר בישט די „מאַרישקאַ״ — בעט ווי צו גאָט אַן על־טערער אָפיציר — די שיף איז אָנגעפולט מיט צוואַנציק וואַגאָנען אויפרייס־מאַטעריאַל. ווען זיי טרעפן אין איר נאָר איין באָמבע, גייט די גאַנצע געגנט אין לופטן...

נאָך איידער די ערשטע אַטאַקע איז פאַריבער, באַווייזן זיך פיר ענגלישע אַעראָפּלאַנען פון אַ צווייטער זייט. אויך זיי האָבן, ווייזט אויס, דעם זעלבן ציל. אונדזערע קאַנאָנען פאַרקערעווען גלייך אַקעגן זיי, און ווי דורך אַ צופאַל זענען באַלד צוויי פון זיי געטראָפן. אָט קייקלען זיי זיך אַלץ טיפער און טיפער, איינער פרווט נאָך אַפילו זיך דערהייבן, אָבער ער קערט זיך באַלד איבער מיט דער „נאָז״ אַראָפּ — און ביידע זינקען זיי ווייט, ווייט אין ים אַריין. נאָר די אַנדערע צוויי לאָזן זיך נישט אָפּשרעקן און זענען שוין באַלד איבער אונדזערע קעפּ.

אויס דער ריכטונג פון אונדזערע בערג דערטראָגט זיך, ווייזט אויס, אַ דריטע געפאַר: דאָס איז דאָך נישט אונדזערס אַ פליער, וועלכעס וועט זיך וואַגן אין אַזאַ פלאַמענדיקן שדים-טאַנץ! אָבער באַלד צעלאַכן מיר זיך מיט אַ גאַפנדיקער פרייד: הויך, כמעט אונטער די ווייסע וואָלקנס, שוועבט מאַיעסטעטיש אַ באַרג־אָדלער. מען זעט געניו דורך די פעלד-גלעזער, ווי ער שווינגט די ברייטע, אויסעשפּאַנטע פליגלען און לאָזט זיך אַקעגן די אַנקו־מענדיקע אַעראָפּלאַנען. מסתּם דורך דעם שיסן אַרויסגעפלאָשעט פון זיין נעסט, האַלט ער די אַעראָפּלאַנען פאַר זיינע מיט-אָדלערס און וויל אוודאי מיט זיי טיילן דעם פרימאָרגנדיקן שפּאַציר-פלי. נאָר אונדזער אָפּווער־קאָמאַנדאַנט מאַכט אַ פּנים דעמזעלבן טעות, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין אָנהייב. און — אַ צעטומלטער — לאָזט

ער צו רו די פֿײַנטלעכע פֿליערס און קערעוועט אויס אַלע זייגע קאַנאָנען אַקעגן דעם אומשעדלעכן אָדלער. אַ בלײַ־רעגן גיסט זיך אַצינד איבער אונדזער טונעל, און אַ נישט־עקספּלאָדירטער, אייגענער שראַפּנעל גראָבט זיך אַרײַן ביז אויף דער העלפט אין דעם שטיינערנעם שאָטער, קנאַפּ פֿאַרן אַרײַנגאַנג. איין קלאַפּ פֿון אַ שטיינדל — און דער שראַפּנעל קען עקספּלאָדירן און אונדז אַלע פֿאַרגראָבן אין טונעל! און דאָ דער פּלוצלינגדיקער, אומנאַטירלעכער סווישטש, דער מעטאַלענער קרעכץ און אויפֿרײַס פֿון אַ געפּלאַצטער לופֿט־באָמבע — די גאַנצע סביבה דערציטערט אונטער אַ מעכטיקן שטויס פֿון אַ לופֿט־כוואַליע — דער דערבײַיקער, פּראָוויזאָרישער וואָקזאַל מיט אַלע מאַגאַזינען אַרום שטייען מיטאַמאָל אין פֿלאַמען.

— אַנטלויפֿט? נישט דאָ, נישט דאָ שטיין! — צעשרייען זיך קולות.

אין טונעל ווערט אַ פּאַניק און מען נעמט זיך יאָגן אין פֿאַרשידענע ריכטונגען. נישט באַקלערנדיק אַפֿילו, לויף איך אַהין, וווּ עס ווייזט זיך אַ מענטשן־פֿרײַ, ברייט פֿעלד — דאָרט וועלן די פֿליערס זיכער נישט באָמבאַדירן. אַ מיידל פֿון די מיליטערישע מיטאַרבייטערקעס בלײַבט ליגן אין מיטן וועג — זי האָט נישט מער קיין אָטעם צו לויפֿן. איך כאַפּ זי בײַ דער האַנט און שלעפּ זי ממש מיט זיך. און פּלוצלינג שטיי איך פֿאַר אַ גאַנץ טיפֿן, באַוואַקסענעם אָפּגרונט! אַ צווייטע באָמבע האָט ערגעץ עקספּלאָדירט. דער גרילצנדיקער קראַך ציטערט אויף דאָס בלוט — איך באַקלער נישט אַ מאָמענט און לאָז זיך אַראָפּ אין דעם אומבאַקאַנטן תהום, מיטשלעפּנדיק אויף די פּלייצעס דאָס האַלב־פֿאַרחלשטע מיידל.

די אויסגעטרוקנטע קוסטעס און דערנער האָבן צעריסן אונדזערע קליידער און זיך אײַנגעשניטן טיף אין לײַב. די הענט און פֿיס זענען צעבלוטיקט פֿון די טיפֿע גראַבלען און אָפּגעריטשטע

שטיקער הויט — אָבער מיר ליגן הינטער אַ האַלבוועגס געשוצטע ערד-פלאַך און זענען שוין אפשר זיכער פאַר די פײַנטלעכע באָמבעס.

מען ווייסט נישט, ווו די פליערס זענען פאַרשוווּנדן. דער הימל איז פאַרוואָלקנט, און גלײַך איבער אונדז אָקעגן דרייט זיך נאָך דער לעצטער פײַנטלעכער אַעראָפּלאַן. איך זע נישט גענוי דורך די פעלד-גלעזער: איז עס אַן ענגלישער אָדער אַן אַמעריקאַנער? עס ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין די טיפע וואָלקנס, וועלכע ווערן וואָס אַמאָל שוואַרצער און גרויזאַמער. ווי אַ צעשראָקענע שוואַלב זוכט ער, דאַכט זיך, אַן אָפּרו. אָט שוועבט ער שוין אַזוי נידריק איבער אונדזערע קעפּ — דאַכט זיך: מיטן רעוואָלווער צו דערגרייכן! וועט ער נאָך וואַרפן אַ באָמבע אויף אונדזער קליין, באַשיידן באַהעלטעניש? אָבער ניין: עס איז קלאָר, אַז זיין איינציקער ציל איז אַצינד זיך אַליין צו ראַטעווען. און ער דרייט זיך אַרום אַ פאַרצווייפלטער פון איין וואָלקן-גרופּע צו דער צווייטער, מאַכט אָנגעשטרענגטע רעדער און ציט זיך אַראָפּ אין אַ גלייכער, לאַנגער ליניע — ער וויל, קענטיק, זיך שוין אַראָפּלאָזן און זיך אונטערגעבן.

אויף אַ מאָמענט פאַרשווינדט ער אין די שוואַרץ-בלויע, דיקע כמאַרעס, וועלכע זענען שוין גאַנץ איבערגעשוואָלן מיט רעגן — אָבער אַפּנים אַ שטאַרקער ווינט גיט אים אַ שליידער אויף רעכטסשיף, — און ער פאַלט צו צו אַ קעגנאיבער-אַרויסטאַרטשענדיקער פעלזן-וואַנט! מיר הערן נישט דעם קנאַק פון צעשמעטערן, — אָבער דער פליער מיטן אַעראָפּלאַן שיטן זיך באַלד אַראָפּ אין אָפּגרונט ווי צעברויזלטע שטיקער ליים.

מיר דערוואַרטן זיך קוים אויפן סיגנאַל, אַז די געפאַר איז פאַריבער, און מיר נעמען זיך העלפן קלייבן די פאַרוואונדעטע. פשוטע זעלנער פאַרבינדן מיט זייערע קליינע „פאַרבאַנד-פּעקלעך" די צעשמעטערטע גלידער פון זייערע חברים, לאַנדיק דערוויל

די צעגדליקער טויטע, וואָס וואַלגערן זיך אויף די וועגן, ווו דער שרעקלעכער טויט האָט זיי פאַרכאַפּט.

אין דעם אויסגעברענטן, קליינעם וואַקזאַל ליגן פאַרפוילטע, צעשטיקלטע גופים — ווער ווייסט צו פון „אייגענע" אָדער גע־פאַנגענע... און פון דער האַלב פאַרזינקענער שיף ברענגט מען אויף שיפלעך פאַרקריפּלטע מענטשן מיט צעפּלעטע באַקנס און אײַפּ־געריסענע געדערים — פון די אָפּגעבריטע פלייצעס סטאַרטשן אַרויס רויטע, אויפגעריסענע שטיקער מענטשלעכע מוסקולן — דער פייער־דיקער גזר האָט דאָ ערגער געבושעוועט ווי בײַ די אַטאַקעס, ערגער ווי אונטער די פלאַמענדיקסטע גראַנאַטן פון די קאַנאָנען.

און אונטער אָט די אומשטענדן דאַרף איך דורכפירן די „פרידלעכע" דעמאָביליזאַציע פון די קריגס־געפאַנגענע.

עפּעס „גרייט זיך"...

ווען נישט די אייביקע פליִער־אָנפאַלן און שטינקעדיקע גאַזן־באָמבעס וואָלט איך שוין לאַנג פאַרטיק געוואָרן מיט דער געפאַנ־גענען־דעמאָביליזאַציע. אָבער די מורא פאַר די לופט־אַטאַקעס איז אַזוי גרויס, אַז אַ ליאַדע צייכן נעמט מען אָן פאַר פייגטלעכע עראָפּלאַנען און מען רופט תיכף אַרויס אַ פאַניק. אָט מאַכן די דייטשן פּראָבעס מיט „שיף־נעפלען", וואָס זאָלן פאַרהילן די פלאָ־טע, בשעת באָמבאַרדירן — און שוין צעלויפן זיך די רומענער צוזאַמען מיט מײַנע סאָלדאַטן. איז די אַרבעט ווידער געשטערט. אָבער ענדלעך, מיט דער הילף פון די ייִדישע געפאַנגענע אַלס דאָל־מעטשערס און שרײַבערס, געלינגט עס מיר דורכצופירן ביז דער

לעצטער פאַרמאַליטעט — און איינגעטיילט אין אָפּטיילונגען — וואַרטן שוין די רומענישע געפאַנגענע אויפן ערשטן צוג, וואָס דאַרף זיי צוריקפירן אין זייער ווייטער היים.

עטלעכע פון זיי בעטן, מען זאָל זיי דערלויבן צו בלייבן בײַ אונדז — זיי ווילן זיך באַזעצן אין אונגאַרן. אָבער שוין גאָר פאַרצווייפלט איז די דעפּוטאַציע פון די ייִדישע געפאַנגענע: זיי האָבן מורא אַהיימפאָרן, — מען וועט אויף זיי מאַכן פּאָגראָמען.

— די וואַלאַכן זאָגן שוין אַצינד — קלאָגט זיך דער פירער פון דער דעפּוטאַציע — אַז זיי וועלן אונדז אויפן וועג אויסקוילן.

איך פאַרזיכער זיי, אַז די דײַטשן פאַרבלייבן אין רומעניע ביז צום אַלגעמיינעם פרידן, וועלן זיי זיכער נישט צולאָזן צו קיין פּאָגראָמען. און דאָך אָרגאַניזיר איך אַ באַזונדערע ייִדישע אָפּטיילונג, און שיק זיי באַלד מיטן ערשטן צוג אַהיים, כּדי זיי כאָטש אויף דערווײַל אויסצוהיטן פאַרן קולאַק פון די צוריקפאָרנדע העלדן פון הערצאָגסשטאַט.

מען לאָזט מיר וויסן, אַז רוסישע געפאַנגענע ווילן נישט אַרויף אויפן שיף, וואָס דאַרף זיי פירן צו דער אַרבעט. דער אומרויִקער, רוסישער עלעמענט האָט בײַ זיך אינדערהיים נישט איבעריק אָנגעגעבן געמאַכט די טעג פון די שטאָלצע זיגער פון ברעסט-ליטאָווסק, — מוזן איצט די רוסישע געפאַנגענע נאָך חדשים-לאַנג איבערטראָגן אין דער געפאַנגענשאַפט אַלע לײַדן פון געפּײַניקטע, אויסגעהונגערטע שקלאַפן. די צוגעזאָגטע באַלדיקע פרײַהייט רייצט נאָך מער זייער אויפגעבײַטשטע עקשנות, און כאָטש מען פאַרגרעסערט זייער לוין און מען פאַרבעסערט דאָס עסן, ווילן זיי פאָרט נישט מער גיין צו דער אַרבעט. אין משך פון דריי וואָכן האָבן מיר אַ גאַנץ רעגלרעכטע רוסישע שטרייק-באַוועגונג פון דער „וואָיעוואָ-פראָנט" ביז אַרויף קיין באָסניע. עס העלפט נישט קיין אַרעסט און הונגערשטראָף, — און כאָטש עס איז שטרענג פאַרבאָטן, פרווון אַ סך קאָ-

מאַנדאַנטן שלאָגן זייערע געפאַנגענע און פּייניקן זיי מיט „שפּאַנגען" און „אָנבינדן". אָבער די געפאַנגענע בלייבן פאַרעקשנט. ס'איז איבעריקנס נישט קיין ווונדער: — מען טרייבט דאָך זיי אָפּט צו דער אַרבעט אין פּ י י נ ט ל ע כ ן פ י י ע ר, מען שיקט זיי אויף שיפן, וואָס ווערן טאָרפּעדירט און באַוואָרפן מיט באָמבעס — און כאָטש איך גיב אַרויס שטרענגע פאַרבאָטן און לאָז אַפילו באַשטראָפן קאָמאַנדאַנטן פאַר זייערע אַכזריותן, — טרייבט מען פאָרט די אומגליקלעכע צו טאָפּלטע אַרבעטן באַטאָג און באַנאַכט. מען באַרויבט זיי אַפילו פון זייער פאַרגעשריבענעם לוין — צוליב חזרים־מתנות פאַר די ווייבלעכע „הילפסקרעפטן"...

דער האַפן־קאָמאַנדאַנט הויפּטמאַן ב., אַ שטרענגער רומענער וואָס איז אין פרידן ציוויל־ריכטער אין דער בוקאָווינע, האָט דערווייל געהייסן מיט געוואַלט אַרויפטראָגן די געפאַנגענע אויפן שיף צעשלאָגענע ביז בלוט, גלאָצן זיי אין שטומען כעס מיט בלישטשענדיקע אויגן. זיי דערקענען מיך און נעמען דעמאָנסטראַטיוו שפּרינגען פון שיף.

— אונטערשטעלן באַיאָנעטן! — קאָמאַנדעוועט דער הויפּטמאַן זיין וואַך, וועלכע שטייט אַרום אויף קליינע שיפלעך מיט געלאָדענע ביקסן.

אַ קאָרפּאָראַל דערגרייכט שוין מיט זיין שאַרפן באַיאָנעט אַן אָראָפּשפּרינגנדיקן רוס. איך האַלט אים צוריק נאָך אין דער צייט, און בעט דעם הויפּטמאַן איינצושטעלן דערווייל די שטרענגע מיטלען. איך גיי אַרויף אויף דער שיף און נעם דערקלערן די געפאַנגענע אַז זייער עקשנות איז אומזיסט: צו אַרבעטן קען מען דאָך זיי סיי ווי נישט צווינגען. זאָלן זיי שפּעטער אַמאָל זיך אָפּרעכענען מיט די פּייניקער. איצט אָבער זאָלן זיי דערווייל פאָרן וווהין מען שיקט זיי, דען זיי קענען פאַר זייער עקשנות באַצאָלן מיטן לעבן.

— „וסיאָ ראַווּנאָ" — איז די איינציקע תשובה.

— די עסטרייכישע באַטשאַלסטוואָ דערלויבט גישט צו פּײ־ניקן — רופט זיך אָן איינער מיט טרערן אין די אויגן.

— אמת — וויל איך זיי דערקלערן — אָבער דער קייזער האָט שוין ווידער דערלויבט צו בינדן געפאַנגענע אין שפּאַנגען.

— נישט אמת! — צעשרייען זיך כמעט אַלע אין איין קול — אייער קאַרל האָט נישט באַפוילן אַזוי צו פּייניקן, — אייער קאַרל איז נישט קיין צאַר און נישט קיין יעוורעי!

כמעט אַ פאַרשעמטער פאַרלאָז איך די שיף — אומבאַהאָלפן זיי צו איבערצייגן, אומבאַהאָלפן זיי מיט עפּעס לייכטער צו מאַכן.

— זעסטו שוין — טעהנהט צו מיר דער צעהיצטער הויפּט־מאַן — נאָר אויסשיסן דאַרף מען די הינט.

עטלעכע געפאַנגענע פירן פאַרביי וועגעלעך שטיינער צום באַן־בוי. דאָס זענען די „שטרייק־ברעכערס", וועלכע אַרבעטן צוליב דעם טאָפּלטן לוין און פאַרבעסערטן עסן. אַ רוס פון זיי פאַרטשע־פּעט זיך אָן אַ הויפן שטיינער און צעבלוטיקט זיך דעם קאָפּ אָן די שאַרפע רעלסן. די איבעריקע רוסן ווילן אפנים ווייזן ווי פליי־סיק זיי זענען, שטופּן זיי ווייטער דעם וואָגן און לאָזן ליגן דעם חבר אין אייגענעם בלוט.

— פאַרוואָס העלפט איר נישט אַ קאַמעראַד? — שריי איך זיי נאָך.

— עס וועט אים גאָרנישט זיין — לאַכט איינער ציניש און גייט ברענגען וואַסער, ערשט ווען איך צווינג אים דערצו.

און איך קען נישט פאַרשטיין דאָס מאָדנע פאָלק פון דעם ברייטן רוסלאַנד, וואָס קען זיך דערהייבן צו זעלטענע אַקטן פון שטאָלץ און עקשנות, און אין דער זעלבער צייט זינקען צו פוילן מיאוסן, עגאָיזם...

אונדזער לעצטע פרידנס־פּראָפּאָזיציע טרייבט די קעגנער צו אַלץ אַ שנעלערער, ענערגישער אַקציע, און מען נעמט זיך איבער־

שטייגן אין כוחות: זאָגט צו די „אַליאַנס" די „זעלבסטשטענדיקייט צו אַלע פעלקער", פאַרזיכערן מיר אויך אונדזער „צוזאַמענגעלאָטעטער" מדינה, אַז יעדער נאַציע וועט האָבן איר פרייהייט. גרינדעט ענגלאַנד יידישע באַטאַליאָנען, גיט דייטשלאַנד אָנצוהערן, אַז אויך מיר וועלן באַפרייען פּאַלעסטינע און מיר גרינדן אפילו אַ באַזונדערן „אָריענט-קאָרפּוס" פאַר סיריע. אַ לאַנגע צייט טראָג איך זיך אַרום מיטן פּלאַן, זיך פרייוויליק צו מעלדן אויף דעם פּאַלעסטינער פראָנט — אָבער די אַטאַקעס אויף אונדזער פּאָזיציע ווערן אַזוי שאַרף, מיין קאָמאַנדאָ טאָר זיך נישט דערלויבן אָנצווערן קיין איינציקן אָפיציר.

די פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען פאַרניכטן אונדזערע שיפן מיטן גאַנצן ביסל מעל, און מיר מוזן זיך שוין באַניגענען מיט גערשטן-ברויט, געמישט מיט געוויינטלעכע שטרוי און האָלץ-זעגעכץ. אַמאָל באַווייזן זיך פלוצלינג אויפן האָריזאָנט געדיכטע וואָלקנס — און אין דערזעלבער נאַכט דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס האָבן אונדז אַטאַקירט זעקס ענגלישע פּאַנצער-שיפן און טאָרפּעדירט דריי פון אונדזערע טראַנספּאָרטן. זענען ווידער פאַרזונקען הונדערטער מענטשן-לעבנס אין דעם תהום פון דער שיינער, בלויער אַדריאַ...

דיזעלבע פּאַנצער-שיפן האָבן געקענט באָמבאַרדירן אונדזער גאַנצן ים-ברעג — וואָלטן זיי נאָר געוווסט ווי „אַנטבלויזט", אָן שוץ מיר זענען באַ די ברעגעס...

שיקט אונדז די אויבער-קאָמאַנדאָ פריש „מאַטעריאַל", זקנים און קינדער, — און מיר וווּנדערן זיך נאָר, ווי דער מענטשן-קוואַל איז נאָך אַלץ נישט אויסגעשעפּט. אַלץ נאָך דאָ גענוג קרבנות פאַר די מילשטיינער פון קריג...

די איטאַליענער אַטאַקירן אונדז פלוצלינג פון דער יבשה, און מאַכן זיך פריי דעם וועג כמעט ביז לושניאַ.

— מיר האָבן זיך גאָר אַליין נישט גערעכנט אויף אַזאַ לייכטן

דערפאָלג באַ דער לעצטער אַטאַקע — דערציילט מיר מיט אַ שמייכל דער איטאַליענישער אָבערלייטענאַנט, וועלכן מיר האָבן גענומען געפאַנגען באַ זיין שפּאַציר מיטן ביציקל — מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט ווי שוואַך איר זענט אויף דער פּאָזיציע.

איך הייס אַריינפירן צום „אויספאָרשן" די צוויי אַמעריקאַנישע פלאָט-אָפיצירן — די ערשטע געפאַנגענע אַמעריקאַנער באַ אונדז. אָן די נייע אוניפאָרמען און די פרישע, זאַטע פּנימער איז צו דערקענען, אַז נישט לאַנג ערשט זענען זיי אַריין אין משוגעים-רעדל פון דער וועלט-מלחמה — זיי זענען נאָך „גרינהאָרנס" אין קריג.

נאָך די פאָרמאַליטעטן פון „נאָמען, רעגימענט, אַדרעס אין דערהיים" א. אז. וו., שטעל איך זיי „מיליטערישע" פראַגעס, כאָטש איך בין פאָרויס זיכער, אַז זיי וועלן דאַרויף נישט ענטפערן.

— ווילט איר טעלעגראַפירן צו אייערע פאַמיליעס אין אַמעריקע, אַז איר זענט געזונט און געפאַנגען? — לאָז איך זיי פרעגן דורכן דאָלמעטש — נאַטירלעך וועט איר אַליין מוזן באַצאָלן פאַר די טעלעגראַמעס.

די צוויי אַמעריקאַנער קוקן זיך איבער, ווי זיי וואָלטן נישט גלייבן, וואָס איך זאָג זיי.

— איר האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער דאָלמעטש האָט אייך געזאָגט? — לאָז איך זיי איבערפרעגן.

— יאָ — ענטפערט דער עלטערער — אָבער מיר האָבן זיך נישט גערעכנט, אַז מען וועט זיך מיט אונדז אַזוי ווייט אינטערעסירן.

— מיר „באָשעס" זענען גאָרנישט אַזעלכע בייזע באַשעפענישן, ווי איר מיינט — לאַך איך.

— קעגן די עסטרייכער האָבן מיר קיינמאָל גאָרנישט געהאַט — וויל מיר איינער פון זיי מאַכן אַ קאָמפּלימענט, און, קו-

ראזשירט מיט מיין פריינדלעכקייט, פרעגט ער פֿאַרשעמט: — קען מען אונדז אפשר אַנטלייען עפעס געלט? דען מיר האָבן נישט בײַ זיך קיין פענ׳.

איך לאָז זיי דערקלערן, אַז זיי דאַרפן נישט באָרגן קיין געלט, ווייל זיי וועלן קריגן בײַ אונדז געגוג עסן און עטלעכע קראַנען אַ טאָג אויף קלייניקייטן. און ווידער שטוינען די אַמעריקאַנער אָפיצירן:

— האָט איר דען נאָך עסן אפילו פאַר געפאַנגענע? בײַ אונדז זאָגט מען אַנדערש...

איך „באָרג" זיי צוואַנציק קראָנען, זיי זאָלן דערווייל האָבן אויף פּאַפּיראָסן, און גיי אַרויס אָנקוקן דעם גרויסן טראַנספּאָרט „געוויינטלעכע" געפאַנגענע, וועלכע ווערן אויסגעפרעגט פון מיינע יינגערע אָפיצירן און אונטעראָפיצירן. אַרום אַ שוואַרצן אַמעריקאַנער האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרופּע סאָלדאַטן, וועלכע גלעטן זיין שוואַרצע, געלאָקטע טשופרינע — זיי זען עס צום ערשטן מאָל. דער געפאַנגענער ציטערט פאַר מורא.

— האָסט שוין געגעסן? לאָז איך אים פרעגן.

— „יעס" — ענטפערט ער נישט זיכער און קוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע, צעשראָקענע ווייסלעך.

אָבער מיינע סאָלדאַטן לאַכן: אַ חוץ ברויט, האָט ער נאָך ביז אַצינד קיין לעפל געקעכטס אין מויל אַריין נישט גענומען — ער איז זיכער, אַז מען וויל אים פאַרסמען.

— שרעק דיך נישט -- נעם איך אים פאַר דער טונקלברוינער מאָרדע — מען וועט דיר גאָרנישט טון.

— נאָר נישט קוילן, נאָר נישט קוילן — בעט ער זיך אין שרעק.

און ווען מען זעצט אים שוין אַרויף אויף דער באַן צום

טראַנספּאָרט אין הינטערלאַנד, איז ער נאָך אַלץ איבערצייגט, אַז דאָס פירט מען אים אָפּשניידן דעם קאָפּ.

און עס ווערט מיר קלאָר, פאַרוואָס זיינע שוואַרצע ברידער גייען אַזוי פאַרעקשנט צו דער אַטאַקע מיטן מעסער צווישן די ציין — ווען אַפילו אַמעריקאַנער אָפיצירן זענען איבערצייגט, אַז מיר זענען באַרבאַרן...

אַזאַ „דעמאָקראַטישע" פּראָפּאַגאַנדע פירן נישט אַפילו די „באַרבאַרישע באַשעס".

רעוואָלוציע אין פעלד

די געשעענישן גייען שנעלער ווי מען האָט זיך געריכט, — די שטאָלערנע געמיטער נעמען זיך דערמאַנען. מיר האָבן נישט דערשאַצט די טעכנישע מעגלעכקייטן פון אַמעריקע: ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן, אַז אין אַזאַ קורצער צייט וועט מען אַריבערוואַרפן איבערן אַטלאַנטיק גאַנצע מיליאָנען פריש חיל? אָבער אויך דאָס וואָלטן די „דייטשע נערוון" איבערגעטראָגן. איז מען נאָך מקריב טויזנטער אומשולדיקע לעבנס! נאָר עס נעמט שטיקן אַלץ מערער דער אומברחמנותדיקער הונגער... די דייטשע אונטער-ים-פלאָטע, וועלבע האָט געזאָלט באַזאָרגן פּראָדוקטן, האָט כמעט אָנגעווירן איר באַדייטונג, דען אַלע „שפּייז-קאַמערן" אַרום זענען פאַר אונדז פאַרשלאָסן. דער „מאָגן" פון דער אַרמיי, די פּראָוויאַנטן, זענען אויסגעשעפּט, ווערט אָן דער גאַנצער אָרגאַניזם די כוחות און נעמט זיך וואַקלען. די אייזערנע „זיגפריד-ליניע" איז געבראָכן, די „הינדענבורג-ליניע" ברעקלט אָפּ פון טאָג-צו-טאָג — מיר האַלטן זיך

נאָר קוים באַ דער איטאַליעניִשער גרענעץ. עס איז קלאָר, אַז „עפּעס איז שוין קאַליע אין קעניגרייך דענעמאַרק". די „פאַרבינדעטע", עסטרייך-אונגאַרן (איצט שוין: אונגאַרן-עסטרייך!), דייטשלאַנד, בולגאַריע און טערקיי קומען זיך צוזאַמען אויף אַן אסיפה, מאַשליכן אָנצוהייבן פרידן-פאַרהאַנדלונגען. אָבער די „אַנטאַנט" וואַרפט אָפּ דעם פרידן-פּראָיעקט, און באַלד נאָכדעם באַנקראָטירט בולגאַריע. מיט אַן אויסגעשעפּטן אָטעם מאַכט מען נאָך די לעצטע אָנגשטרענגונג: אין דער טונקעלער נאַכט רירט זיך אַרויס אונדזער קריגס-פלאָטע צו אַ פאַרצווייפלטער אַטאַקע. אונטער די ווייסע „שניי-וואַרפערס" זען מיר שטיל אַרויסשווימען די באַפּאַנצערטע ריזן, וועלכע וואַגן זיך אין קאַמף ווי אונטערן שאָטן פון טויט. אַזוי אין ווייסע טליתים, ווי לעבעדיקע שאָטנס, האָבן געמוזט גיין די היילי-קע אויף „קידוש השם"... קיין פּרעכטיקער בילד פון נאַכטיקע ווי-זיעס קען מען זיך נישט דענקען. די לעצטע שיפלעך פאַרשווינדן פון אונטער דעם שניי-ווייסן בליאַסק פון די רעפלעקטאָרס — די געציילטע כוואַליעס פליעסקען נאָך אין דעם אויפגערודערטן ים און ברענגען פון דער שוואַרצער ווייטקייט ווי אַן אָפּקלאַנג פון אַ טרויעריקן „אמן" נאָך אַן אָפּגעזאָגטן „קדיש".

מיט אַ באַזונדערן צוג קומען אָן אויפגעפּאַקטע דייטשע אונטערוואַסער-שיפלעך, גרייט זיך צו וואַרפן אין פינסטערן תהום און שוימלעך צו בייסן דעם געפערלעכן קעגנער.

אָבער שוין אינדערפרי קערט זיך אום אונדזער פלאָטע — נישט אַמאָל די העלפט אין צאָל. דער רעשט איז געבליבן אין די תהומים פון ים...

מען פּאַקט שוין מער נישט אויס די דייטשע אונטער-ים-שיפלעך — זיי פאַרשווינדן מיטאַמאָל מיט דעם זעלבן צוג, מיט וועלכן זיי זענען אָנגעקומען.

און פלוצלינג דערהאַלטן מיר דעם באַפעל, אַז די גאַנצע

פלאָטע ווערט איבערגעגעבן צו די יוגאָסלאַוון. מיר שטוינען: איז אַ פּאָליטישע איבערקערעניש? זייט וואָכן באַקומען מיר נישט קיין צייטונגען — די מיליטערישע צענזור דערלאָזט נישט אַוודאי, די אַרמיי אין פעלד זאָל זיך דערוויסן, וואָס עס גייט פאָר אין הינטערלאַנד. און נאָך גרעסער איז די איבערראַשונג, ווען עס קומט באַלד אַ טעלעגראַם פון קריגס-מיניסטעריום: „די אַרמיי אין פעלד זאָל תּיכּף טעלעגראַפירן קיין ווין אירע סימפּאַטיעס צום קייזער און מאָנאַרכיע".

מיר קענען גאָרנישט באַגרייפן, וואָס דאָ גייט פאָר. אונדזער אַלטער אָבערסט שטייט אַ פאַרצווייפלטער — וואָס איז צו טון?

— מען דאַרף לאָזן אָפּשטימען די סאָלדאַטן — כאַפּ איך זיך אַרויס, כמעט גאַנץ אינסטינקטיוו.

— רעוואָלוציע? — קוקט מיך אָן שאַרף דער אָבערסט און קען אַלץ נישט דערקלערן, וואָס מען זאָל טון מיט דער טעלעגראַם.

נישט ווילנדיק בלייבט מען פאָרט בײַ מיין עצה, אַז מען דאַרף לאָזן שטימען די סאָלדאַטן. מען איז שוין אַפילו איבערצייגט, אַז „צווישן די שורות" רעדט זיך טאַקע וועגן דעם אין דער טעלעגראַם.

פאַרזאַמל איך מיין אָפּטיילונג און דערקלער זיי וועגן, וואָס האַנדלט זיך דאָ. מיט אַרויסגעגלאָצטע אויגן, פאַרשטיינערטע — הייסן זיי נישט, וואָס מען וויל פון זיי: ווען האָט עס אַ סאָלדאַט געהאַט צו זאָגן, צי וויל ער דעם קייזער אָדער נישט? ווער ווייסט עס בײַ אים פרעגן אויף „מאָנאַרכיע" אָדער „רעפּובליק"? און ציפּט בײַ וועמען אין שטילן אַ רעוואָלוציאָנערער געדאַנק „נקמה צו די מערדער!" — ווערט עס דערשטיקט אונטער דעם אייזערנעם יאָך פון דיסציפּלין, אין וועלכן מען האָט אים געשפּאַנט דורך אַלע יאָרן פון מלחמה.

— שרעקט אייך נישט פאַר קיין שטראָף — מוז איך זיי נאָכאַ

מאָל דערקלערן — איר קענט אַצינד פריי פאַר יעדן זאָגן: „קייזער“ אָדער „רעפּובליק“.

כּדי צו מאַכן דעם ראַפּאָרט וואָס גענויער; טייל איך זיי אין נאַציאָנאַלע גרופּעס און פרעג בײַ יעדן באַזונדער זיין מיינונג:

— רעפּובליק — ענטפערן אַלע טשעכן.

— רעפּובליק — ענטפערן די דייטשן.

— רעפּובליק — די באָסניאַקן, פּוילן און רוטענער.

— און דו? — פרעג איך מיין יידישן דינער, וועלכער שטייט מיט נאָך צוויי סאָלדאַטן אין דער „יידישער גרופּע“.

ער קוקט אַ צעטומלטער און שווייגט אַ ווײַלע, ביז ער ווײַנט כמעט אַרויס אַ פאַרשעמטער:

— פאַרן קייזער — און קוקט אַ צעשראָקענער אויף די איבעריקע סאָלדאַטן.

ער איז שטאָלץ, וואָס דער קייזער האָט אַמאָל געדינט אין זיין שטעטל אַלס געוויינטלעכער אָפיציר, נישט איינמאָל פלעגט ער מיר דערציילן, ווי די קייזערין ציטאַ פלעגט קויפן היגער בײַ זיין מומען. איצט איז ער דער איינציקער פון די דריי יידן, וועלכער שטימט פאַרן קייזער. און מיט אים שטימען נאָך צוויי סלאָוואַקן. אפשר האָט זיי אַמאָל אָפּגעראַטעוועט פון אַ שטראָף דעם יונגן קייזערס באַפעל „נישט מער צו געברויכן קיין שפּאַנגען און אָנבינדן“ — און אפשר טליעט נאָך בײַ זיי אין האַרץ דער גרויסער דרך ארץ צום קייזער, וועלכן די גלחים האָבן איינגעפלאַנצט נאָך אין זייערע קינדער יאָרן?...

איך שיק דעם טעלעגראַפישן ראַפּאָרט: „עלף אונגאַרן — רעפּובליק, זיבן דאַלמאַטינער — רעפּובליק... איין ייד און צוויי סלאָוואַקן — פאַרן קייזער“.

— זעסט — ווייזט מיר דער יוגאָסלאַווישער הויפּטמאַן זיין

צעטל — מיין גאַנצע אָפּטיילונג האָט געשטימט פאַר אַ רעפּובליק, אָבער איך טעלעגראַפיר תיכף: „אַלע פאַרן קייזער״.

זייט דעם מאָמענט איז די שטימונג אַן אָנגעשטרענגטע. מען שפּירט די געוואַלטיקע שפּאַנונג, וואָס הערשט פאַר אַ שטורעם.

דאָס איבערגעבן פון דער פלאָטע ווערט סימבאָליזירט דורכן אַראָפּנעמען פון די שיפן די עסטרייכיש-אונגאַרישע פאָן און אַרויפציען די יוגאָסלאַווישע. — דאָס איבערנעמען די שיפן פון די יוגאָסלאַוון ווערט באַגריסט מיט איין און צוואַנציק קאַנאָנען-שאָסן. און דאָס איז דער דירעקטער סיגנאַל צו דער שרעקלעכער נישט-דיסציפּלין, וואָס מען קען זיך נישט פאָרשטעלן אפילו בא אַ צוזאַמענגעבראָכענער אַרמיי: אונגעדולדיקע סאָלדאַטן נעמען שיסן אויף אַ „וויוואַט״, — און עס צעקאָכט זיך אַ גיהנום פון פייער און קוילן, וועלכעס עס קען נישט אָפּשטעלן קיין שום באַפעל אָדער פאַרבאָט. ווער עס האָט אַ געווער, שיסט ווי משוגע! יעדער סאָלדאַט דערפילט, אַז אין זיינע הענט ליגט די מאַכט און געוואַלט — די בעסטע אונטער דער פאַריאָכט-געוועזענער ברוסט נעמט זיך אָן מיט צאָרן און צערייסט די קייטן — מישן זיך אויס צעלאָזענע געשרייען און געפילדערס מיט דעם ווילדן קראַכן פון ביקסן און מאַשין-געווערן.

די אויפגעברויזטע כוואַליע ווערט „אַקטיוו״: די סאָלדאַטן פאַרוואַרפן מיט שטיינער די „שפּייז-סטאַנציע״, ווייל זייער מיטאָג איז נישט געווען גענוג זאַט און זיי רויבן אויס די בעקעריי ביז צום לעצטן לעבל ברויט. די מאַכט פון די אָפיצירן איז געבראָכן. אויף אונדזערע טעלעגראַמעס צו דער אַרמיי-קאָמאַנדאָ קומט נישט קיין תשובה — די טעלעפאָנישע פאַרבינדונג איז איבערגעריסן.

פאַרנאַכט קענען מיר שוין מער נישט גיין צום עסן אין אָפיצירס-קיך: עס איז אַ סכנה אַרויסצוגיין אינדרויסן, דען הינטער יעדן אָפיציר וואַקסט באַלד אויס אַ סאָלדאַט און שיסט אויס נאָענט צו

זיינע אויערן — אָן אָנצוהערעניש, אַז דער סאָלדאַט פּילט זיין מאַכט. איך פּרוּוו נאָך דאָס לעצטע מאָל פון דער טעלעפאָן-צענטראַלע זיך צוזאַמענרעדן מיט דער קאָרפּס-קאָמאַנדאָ, — אויך דאָס מאָל אָן שום רעזולטאַט, — אָבער דאָס צוריקגיין צו מיינע באַראַקן איז שוין פאַרבונדן מיט אַ גרויס געפאַר: אַ פרעמדער סאָלדאַט שיסט אויס קאָפּ הינטער מיר, — מיינע אייגענע סאָלדאַטן צעלאַפן זיך. איך נעם זיך אָן מיט מוט, לאָך אויך מיט זיי, — אָבער גאַנץ פאָרזיכטיק באַמי איך זיך, וואָס שנעלער זיך דורכשלאָגן דעם וועג. נאָר מיין פּאָפּולאַריטעט בײַ די סאָלדאַטן האָב איך צו פאַרדאַנקען, וואָס איך קום אַהיים אַ גאַנצער.

זיץ איך מיט מיין הויפטמאַן אין אונדזער שטיבל פון ברעטלעך און מיר ביידע קוקן פאַרטראַכטע אין דעם געלן פלאַם פון דעם קליינעם קעראָסין-לעמפּל. דאָס עלעקטרישע ליכט איז שוין לאַנג איבערגעריסן. פון דרויסן דערטראָגט זיך אַלץ דאָס ליאַרמען און שיסן פון די סאָלדאַטן.

אַ לוסטיקע הורמע געסט זינגען — די „מאַרסעליעז״? — ניין, עס איז עפּעס אַן אויסגעלאַסן גאַסן-לידל. זיי קומען וואָס נענטער. אַ „סאַלווע״ פון אַרום צוואַנציק קוילן טראָגט זיך איבער אונדזער האָלצערן דעכל און פאַרקלינגט מיט אַ ווידערקול ערגעץ אין די נאָנטע בערג. די סאָלדאַטן שרייען עפּעס. מיטאַמאָל — אַ שאָס — אַ צווייטער, — אונדזער לעמפּל לעשט זיך אויס. אוודאי געטראָפן פון אַ צופעליקער קויל. און אפשר געצילט טאַקע מיט כוונה...

— אַ באַנדע!... — סיטשעט דער הויפטמאַן דורך די ציין, און וואַגט נישט אַ הויך וואָרט צו רעדן.

איך וויל ווידער אָנצינדן דאָס לעמפּל, איבערצייגט, אַז אין דער פינסטער איז די געפאַר אַ סך גרעסער.

— לאָז — כאַפּט מיך אָן דער הויפטמאַן פאַר דער האַנט — זאָל זיין!

אין דער פינסטער גרייט ער, דאַכט זיך, זיין געלאָדענעם רעוואָלווער.

אינדרויסן איז שטיל אַ ווײַלע. די סאָלדאַטן דאָרט צעלאַכן זיך פּלוצלינג און דערווייטערן זיך. נאָך דער אָפּקלאַנג פון זייערע ביקסן דערטראָגט זיך נאָך צו אונדז.

אַ גאַנצע נאַכט זיצן מיר אַזוי מיט פאַרלייגטע הענט באַם שמאָלן, האָלצערנעם טישל, עס נעמט זיך נישט קיין שלאָף, נישט עס ווילט זיך עסן.

קוים דערוואַרט דעם ערשטן מאָרגנשטערן, היל איך זיך איין אין מאַנטל און גיי צום פּאָרט.

דער לאַגער שלאָפט, גלייך גאָרנישט וואָלט געשען. איך נעם אַ מאָטאָר־שיפל און הייס זיך פירן קיין קאַטאַראָ, און פון דאָרט אַריבער די בערג — צו דער קאָרפּס־קאָמאַנדאָ: — זאָלן זיי געבן אַן עצה צו דער נישט מעגלעכער סיטואַציע.

אַ „געשלאָגענע אַרמיי"

אַריבער די רייזנבערג פון מאָנטענעגראָ, — איך שטיי באַ דער „סקוטאַרי־אָזיערע": דאָ קומען מיר אַקעגן אונטעראָפיצירן פון מיין „עקספּאָזיטור" אין סקוטאַרי, וועלכע זענען ערשט פון דאָרט אַנט־לאָפן: קיין אַלבאַניע קען מען נישט אַריין, — מיר ציען זיך צו־ריק אויף דער גאַנצער ליניע.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען?

די בולגאַרן האָבן באַ דער „אָכרידאַ־אָזיערע" אַוועקגעוואָרפן • געווערן און נישט געוואָלט מער קעמפן. די דייטשן האָבן זיך

געשטעלט אָקעגן זיי און פאַרפירט אַ געפעכט — דערויף האָבן אונ־דזערע סאָלדאַטן געגומען פאַרלאָזן די פּאָזיציע. האָט דער קעגנער אויסגענוצט דעם ווירוואַר און איז אַריין ווייט אין לאַנד.

אַזוי דערציילן די אונטעראָפיצירן.

— און וווּ איז איצט די קאָרפּס־קאָמאַנדאָ?

— מיר ווייסן נישט. זי דאַרף ערגעץ זיין אַרום צעטיניע. זיי זענען אַוועק פון סקוטאַרי נאָך צוריק מיט עטלעכע טעג. די אַל־באַנעזער באַפאַלן אונדזערע אָפּטיילונגען און באַרויבן זיי ביז צום העמד.

פון די אָפּגעריסענע ווערטער פון מיינע אונטעראָפיצירן איז צו דערקענען, אַז עס מוז דאָרט הערשן אַ שרעקלעכע פּאַניק. אָנגע־קומענע אָפיצירן פון אַנדערע אָפּטיילונגען באַשטעטיקן אויך דאָס זעלבע.

עס איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, ווי נאָר מיט דעם זעלבן אויטאָ צוריקפאָרן קיין קאַטאַראָ.

פּאָר אונדז פאָרט אַן אויטאָמאָביל מיט פּילאָטן־אָפיצירן, וועל־כע האָבן שוין אַפילו קיין צייט נישט געהאַט אָפּצוראַטעווען זייע־רע אַעראָפּלאַנען.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז אויך די מאָנטענע־גרער אין די בערג וועלן ווידער אָנהייבן זייערע אָנפאַלן און רויבערייען, פאָרן מיר פּאַוואָליע הינטער אַ באַטאַליאָן אינפאַנטעריע, וועלכער מאַרשירט אין דערזעלבער ריכטונג, מיט זיי פילן מיר זיך שוין גאַנץ זיכער. די סאָלדאַטן גייען ערנסטע, פאַרטראַכטע, — אין זייערע אָפּגעברענטע פּנימער איז גאָרנישט צו דערקענען די שרעק פון אַ געשלאָגענער אַרמיי.

אין צעטיניע רוען מיר זיך אויס. בא יעדן אין טאַש געפינט זיך נאָך אַ שטיקל ברויט, בא וועמען אַ שטיקל ווורשט אָדער פּוטער, לאַבט מען זיך מיט דעם טרוקענעם מיטאָג און פאַרטריבקט מיט

ברונע-וואַסער, וועלכעס מען שעפּט מיט דער אייגענער זשמעניע.

דער באַטאַליאָן שטעלט זיך אָפּ אויפן הויפּט-פּלאַץ און זייער אָבערסט-לייטענאַנט לאָזט רופן דעם סטאַנציע-קאָמאַנדאַנט, מאַיאָר-ס: ער פאַרלאַנגט די שליסלען פון די מאַגאַזינען. דער אַלטער מאַיאָר איז פאַרווונדערט, אָבער געוווינט צו דיסציפּלין און פאָלגן באַפעלן, הייסט ער איבערגעבן די שליסלען צום אָבערסט-לייטענאַנט.

איצט טיילט זיך אָפּ פון דעם באַטאַליאָן אַ האַלבע קאָמפּאַניע, אָפּצובייטן די הויפּטוואַך. ווידער איז דער וואַך-קאָמאַנדאַנט אַ פּאַר וווּנדערטער: עס איז נישט די צייט אויף אָפּצובייטן וואַכן... אָבער די האַלבע קאָמפּאַניע מאַרשירט אַריין כמעט מיט געוואַלט און פאַרנעמט די וויכטיקסטע פּלעצער.

מיר זיצן שוין ווידער אויף די אויטאָמאָבילן און נעמען זיך אין וועג אַריין אַריבערצופאָרן דעם לאָווטשין. עס רוקט זיך צו אַ דייטש-רעדנדיקער אונטעראָפיציר און גיט צייכנס, מיר זאָלן פאָרן וואָס שנעלער:

— מיר זענען אַרומגערינגלט — שעפּטשעט ער — דאָס זענען איבערגעטוענע מאָנטענעגרער...

מיר הערן נישט ווייטער: דער אויטאָמאָביל פאַר אונדז נעמט לויפן מיט דער גאַנצער קראַפט, און מיר נאָך אים.

— סטאָי! האַלט! — שרייט אונדז נאָך די וואַך, וועלכע איז שוין אויסגעשטעלט באַם צווייטן אַרויספאָר פון דער שטאָט.

אָבער קיינער פון אונדז האָט נישט קיין לוסט צו בלייבן געפאַנגען ביי די מאָנטענעגרער. אַנטלויפן מיר מיט די אויטאָמאָבילן וואָס שנעלער. די וואַך שיסט אונדז נאָך. באַ יעדן פּאַרקע־רעווען זיך זען מיר ווי די געווער-קוילן בלייבן שטעקן אין די פּעל-זיקע ווענט. — אָבער ענדלעך זענען מיר שוין גענוג ווייט, עס זאָל אונדז מער נישט קענען דערגרייכן אַפילו דאָס שאַרפסטע אויג פון דעם בעסטן צילער.

דאָס שיסן הערט אויף, און מיר זענען, דאַכט זיך, אָפּגעראַטעוועט. מיר פאָרן שוין אַריבער דעם העכסטן שפּיץ פון לאָווטשין און נעמען זיך אַראָפּלאָזן אין דעם מאָלערישן טאָל פון דעם „קאַטאַראָ-ים-בוזים". די אויטאָמאָבילן פאָרן פאָרזיכטיקער: דאָס אַראָפּשטייגן דאָ איז נאָך אַ סך געפערלעכער ווי דאָס אַרויפקלעטערן. נישט איין אויטאָמאָביל איז שוין דאָ צעשמעטערט געוואָרן אין דעם פעלזיקן תהום.

פון אַ דערבייִיקן פלאַכן טאָל דערטראָגט זיך עפּעס ווי אַ פייפערײ. און באַלד דערזעען מיר אין מיטן וועג דריי אָפּגעריסענע, באַוואָפנטע ברואים מיט ביקסן אין דער הייך — זיי ווילן, מיר זאָלן בלייבן שטיין. דער אויטאָמאָביל פאַר אונדז צעלאָזט זיך נאָך שטאַרקער און גלייך אויף זיי — אונדזער אויטאָמאָביל יאָגט דעם זעלבן וועג. די באַוואָפנטע פאַרשוינען ווערן צעטומלט, לויפן אָן אַ זייט, אָבער באַלד כאַפּן זיי זיך שטייענדיקערהייט באָכשיסן. מיר קומערן זיך נישט ווייטער וועגן זיי, דען באַ דעם געדרייטן, זיגזאַגיקן וועג איז שווער, זיי זאָלן עמעצן פון אונדז טרעפן.

אָבער אָט שפּרינגט אַפער פון אונטער די קשאַקעס ווידער אַזאַ גרופּע. נאָך גאַנץ ווייט — אָבער מיר פאָרן דאָך זיי אַקעגן. זיי גיבן שוין נישט קיין שום צייכנס, נאָר נעמען זיך גלייך שיסן. מיר זענען נישט צוגעגרייט צו אַזאַ איבערפאַל און האָבן אין אויטאָמאָביל נאָר צוויי געלאָדענע געווערן. דער ערשטער אויטאָמאָביל פייערט שוין פון רעוואָלווערס און יאָגט אַלץ מיט דער גרעסטער שנעלקייט. מיר זענען דערווייל אַביסל געדעקט, דען די אָנפאַלערס שיסן דערווייל נאָר אויפן ערשטן אויטאָ, איבערצייגט, אַז הינטער זיי וועלן אויך מיר מוזן זיך אָפּשטעלן. אונדזערע ביקסן נעמען שיסן. איינער פון די אָנפאַלערס איז, דאַכט זיך, געטראָפן, דען ער הינקט אָן אַ זייט און פאָרעט זיך עפּעס באַ זיין פוס. דערפאַר שיסן זיינע אַנדערע צוויי גענאָסן מיט אַ טאָפּלטער שנעלקייט.

מיר פֿאָרן ווי דורך אַ בראַנד־פֿייער. מיטאַמאָל גיט דער ערשטער אויטאָמאָביל אַ שטאַרקן העצקע אונטער — איז געטראָפֿן דער מאַטאָר? אָדער גאָר אפֿשר דער שאָפֿער? דאָס אויטאָ גיט זיך אַ קער אויף רעכטס, און מיט דער גאַנצער מאַסע קאַטשעט עס זיך אַריבער איבער די נידעריקע וועג־שטיינער אין תהום אַריין.

מיר דערציטערן.

אָט גלייכן מיר זיך שוין אויס מיט די אָנפֿאַלערס — אינדזערע צוויי ביקסן שיסן זיי גלייך אין פּנים אַריין. איינער פֿון אונדז איז לייכט פֿאַרווונדעט. אָבער מיר יאָגן אָן אָן אָפּשטעל — נישט געקוקט אויף די רויבערס, נישט אויף דעם פֿאַראומגליקטן אויטאָמאָביל — מיר פֿאָרן כּמעט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

ווי אַ דערלייכטערונג באַווייזט זיך שוין דער אָפּגלאַנץ פֿון ים טיף, טיף פֿאַר אונדז. פֿון דאָרט קענען שוין דערגרייכן דעם באַרג אונדזערע קאַנאָנען, און מיר זענען זיכער, אַז מיר וועלן שוין מער קיין באַנדיטן נישט באַגעגענען. אויך דאָס שיסן הינטער אונדז האָט אויפֿגעהערט, און מיר פֿאָרן שוין אַ סך לאַנגזאַמער. איך דריי אויס דעם קאָפּ, און עס נעמט לאַנג, ביז איך דערבליק דעם פּלאַץ, וווּ אונדזער ערשטער אויטאָמאָביל איז אַראָפּגעפֿאַלן: צעזייטע ווי נאָך אַן אַטאַקע אויפֿן באַרג, ליגן איבער די פֿעלזן־ווענט די עטלעכע דערהרגעטע פּילאָטן־אָפֿיצירן — דער אויטאָ ווייט אונטן צעשמעטערט אויף שטיקער.

עס וועט שוין נישט העלפֿן, מיר זאָלן זיך פֿאַר זיי איינשטעלן — זיי האָבן שוין פֿאַרענדיקט דעם קריג אויף אייביק...

טויט־מידע פֿאַר שרעק און אָנשטרענגונג קומען מיר קיין קאַטאַראָ. בײַ די ברעגן פֿון ים ליגן אויסגעמוטשעטע, האַלב־נאַקעטע סאָלדאַטן — די אָפֿיצירן דרייען זיך אַרום אין דער אונטער־וועש: דאָס זענען זיי געקומען מיט דער מזרח־זייט פֿון אַלבאַניע, וווּ די באַוואָפֿנטע באַפֿעלקערונג האָט זיי באַרויבט פֿון דעם נויטיקסטן און

זיי בעשאַנקען בפירוש דאָס נאַקעטע לעבן. די קאָמאַנדאָ פון אָרט זוכט צוזאַמען פאַר זיי אַלטע אוניפאָרמען, און לאַבט זיי דערווייל מיט שוואַרצער קאַווע, ביז זיי וועלן קענען מיט דער שיף אַריבער קיין זעלעניקא.

אויך מיר רוען אויס אַביסל. קליינע פישער-שיפלעך ברענגען צום פאָרט די אָפּגעראַטעוועטע רעשטן פון אַ טאָרפּעדירטער טראַנספּאָרט-שיף: איבער צוויי הונדערט מיידלעך, שרייבערקעס און קראַנקן-שוועסטערס, און עטלעכע הונדערט סאָלדאַטן האָבן פאַרלוירן זייער לעבן אויפן וועג פון דוראַצאָ. אויך זיי זענען באַרויבטע, אָן שום לעבנסמיטלען — נאָר מיט די מיידלעך האָבן די „דזשענטילע" אַלבאַנעזער געמאַכט אַן אויסנאַם: זיי האָבן בא זיי צוגענומען נאָר דאָס צירונג, און זיי געלאָזן די קליידער, און אפילו יעדער מיטגעגעבן אויפן וועג אַ גאַנץ לעבל ברויט.

— געלוינט זיך קומען אַזש ביז אַלבאַניע! — זאָג איך צו איינער מיט אַ פאָרוואורף.

— אַך, הער אָבערלייטענאַנט, — ברעכט זי די הענט — מער וואָלט איך עס נישט געטון — אָבער פון אירע אויגן שפּריצט נאָך אַלץ דאָס פייערל, וואָס וואָלט זי ווידער פאַרלאָקט צו „לעבן אַ גוטן טאָג" מיט די אָפיצירן.

אַ פאַרמוטשעטער, אַן אַנטוישטער קום איך צוריק קיין זעלעניקאַ. זיי ווייסן שוין דאָ אַלע איינצלהייטן, און מיט אויסגעלאָשענע אויגן דערוואַרטן זיי די פינסטערע צוקונפט — אפשר אויך דעמזעלבן גורל פון אונדזערע קאַמעראַדן אין אַלבאַניע או מאָנטענעגראָ...

דער טומל אין לאַגער דויערט נאָך אַלץ: שוין באַלד אַ וואָך צייט ווי דאָס ווילדע „הורא-שיסן" הערט נישט אויף ט ג און נאַכט — כאָטש מיט אַ סך ווייניקער געפילדער, מיט ווייניקער צימפּעט ווי פריער. עס איז נישט מעגלעך מער צו באַרוי

די צעלאָזענע סאָלדאַטן: כּל זמן מען האָט זיי נאָך געקענט צוימען דורכן שטאַרקסטן „באַווייז־מיטל״ — דורך ע ס ן — האָבן זיי נאָך באַטראַכט די אָפיצירן פאַר הערשער און באַפעלער. אָבער די מאַגאַזינען ווערן ליידיק און עס איז נישטאָ קיין שום אויסזיכט צו באַקומען פרישן פּראָוויאַנט. די פּראָבעס מיט פערד־פלייש זענען נישט געלונגען: די אויסגעהונגערטע חיות האָבן געטראָגן אין זיך די באַקצילן פון די געפערלעכסטע קראַנקהייטן. זענען די סאָלדאַטן באַלד נאָכן ערשטן מאָלצייט פאַרשלאָפט געוואָרן. שוין דעם צווייטן טאָג ווי איך בין געצוווּנגען צו געבן מיינע סאָלדאַטן געקאָכטע קראָפּיווע מיט זאַלץ — אַלס „גרינצייג״.

איך גיי צו דער באַן־קאָמאַנדאַ, אויסקוקן נייע פּראָוויאַנט־טראַנספּאָרטן — אָבער דער באַן־קאָמאַנדאַנט לאַכט אַ פאַרזאָרגטער:

— עס וועט מער גאָרגישט קומען. זייט דריי טעג קומט נישט מער קיין איין צוג פון הינטערלאַנד. דאָס ביסל קוילן האָב איך נאָר פאַר אַ נויט־פאַל, מיר זאָלן קענען אַוועקפירן אונדזערע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע. אָט, אפשר ווילסטו אַהיימפאָרן? — וויצלט ער זיך.

לאָקאָמאָטיוון פייפן מיט קורצע אָטעמס, צוזאַמענשטעלנדיק אַ קראַנקן־טראַנספּאָרט. אינמיטן די רעלסן שטייט אַן אויסגעמאָגערט יונג פערדל מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע, ביינערדיקע קלובעס און גרישעט מיט אַ טרויעריקן בליק די אויסגעפוילטע, האָלצערנע באַנשוועל. דער לאָקאָמאָטיוו גיט צייכנס, מיר וואַרפן אויפן פערד מיט שטיינער, עס זאָל זיך אָפּרוקן — אָבער דאָס אויסגעהונגערטע באַשעפעניש שטייט פלעגמאַטיש, גלייכגילטיק צו אַלע שרעק און געפאַרן. דער שווערער לאָקאָמאָטיוו גיט עס אַ שטויס, רייסט אויס אַ זשעברע מיט אַ האַלבע זייט פלייש, — און די אָרימע חיה פאַלט אויף אַ זייט, און איז אויסגעלייזט פון דעם שרעקלעכן הונגער־טויט.

און קיינער וועט עס אַפילו נישט אָפּרוימען, צו באַגראָבן די

עיפושדיקע נבלה: ליגן זיי דאָך אין די הונדערטער אין די ראָוון, זומפּן, קאַלוזשעס, אויף די וועגן און פּלעצער, — אויסגעשטרעקטע מיט פאַרוואָרפענע קעפּ און אויפגעהויבענע גלידער. — זיי זענען פּשוט אויסגעגאַנגען פאַר הונגער, — אָדער זיי מוטשען זיך נאָך אין טויטלעכער גסיסה מיט אַזעלכע בעטנדיקע, קינדערישע אויגן...

דאָס לעצטע ביסל שטרוי האָבן מיר באַ זיי אָוועקגענומען, כּדי עס מאָלן און אויסמישן מיט די לעצטע רעשטן מעל אויף ברויט פאַר אונדזערע סאָלדאַטן...

די שענסטע פערד און שטאַרקסטע מויל-טירן ווילן מיר אומזיסט אָוועקשענקען די פּויערים, — אָבער קיינער וועט זיך נישט לאָזן איינרעדן, צו קענען איצט האָדעווען הונגעריקע חיות. — מיט וואָס? איז דאָך דאָס מינדסטע גרעזל אויסגעגריזשעט מיטן וואָרצל — די אַרויסגעטריבענע, פאַרהונגערטע באַשעפענישן האָבן אַפילו צעפרעסן די האָלצערנע פּלויטן...

די גליקלעכסטע פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן פון אונדזערע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מיט צער און טרערן אין די אויגן, נישט געקענט צוקוקן די הונגער-יסורים פון די שטומע בריאים. פוילן זיי אונטער דעם האַרבסטיקן רעגן און צעטראָגן ריחות פול פעסט און פאַרדאַרבן — מיר שטייען זיכער פאַר אַ מגפה.

און מיר, די „אַליין-הערשנדיקע" אָפיצירן, קוקן צו אָפּהעטיק, ווי קודם זאָגן זיך אָפּ פון דער אַרבעט די געפאַנגענע, דערנאָך די אייגענע סאָלדאַטן, און מיר קענען זיך קיין עצה נישט געבן. די העכערע קאָמאַנדאָס, אָנגעפרעגט, וואָס עס איז צו טון, האָבן נאָר איין תשובה: „טוט, וואָס איר האַלט פאַר דאָס בעסטע". זיי האָבן פאַרלוירן דעם קאָפּ אויף דער גאַנצער ליניע — עס איז צום פאַרצווייפלען.

מען שמועסט וועגן וואָפנשטילשטאַנד. עמעצער האָט באַקומען פון ערגעץ צייטונגען, אין וועלכע עס שמועסט זיך וועגן „פאָ-

ליטישע איבעקערעונישן״ אין אַגראַם — מען רעדט פלוצלינג וועגן
אַ „דעמאָקראַטיש עסטרייך״ און אַ „סאָציאַליסטיש דייטשלאַנד״ ;
אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט וואַרפן זיך די דעפּוטאַטן מיט טינטן-
פלעשלעך אין די קעפּ — אין דייטשלאַנד שמועסט מען שוין וועגן
„אָפּדאַנקען פון קייזער ווילהעלם״. עס איז קלאָר, אַז מיר וועלן
מוזן אָפּרוימען גאַנץ אַלבאַניע, מאָנטענעגראָ, אפשר אויך דאַלמאַ-
ציע — און אונגאַרן.

דער צוזאַמענבראָך איז געקומען שנעלער, ווי מען האָט גע-
קאָנט דערוואַרטן — אַפילו דער אָפּטימיסטישסטער רעוואָלוציאָנער
האָט נישט געקענט זיך ריכטן אויף אַזאַ שנעלער מפּלה. דאָס וואָס
די שאַרפסטע וואָפן פון דעם דרויסנדיקן פיינט וואָלטן אַפילו נאָך
לאַנגע יאָרן נישט געקענט גובר זיין, — דאָס האָט באַצוווּנגען דער
אינעווייניקסטער שונא: דער הונגער.

שטייענדיק אָנגעגאָרט אומעטום אין „פיינטלעכן״ לאַנד, אויף
פרעמדער טעריטאָריע, — האָבן מיר געמוזט בייגן דעם קאָפּ פאַר
די מאַכטלאָזע, ליידיקע מאַגאַזינען — מיר האָבן געמוזט קאַפּיטו-
לירן.

אויך די סאָלדאַטן דערוויסן זיך וועגן אונדזער צוזאַמענבראָך.
צוערשט בלייבן זיי פאַרצווייפלט — ווייסן נישט, וואָס מיט זיך צו
טון — ביז עס באַהערשט זיי אַ פּאַניק אָן אַ צריקהאַלט: מען שטעלט
אַליין צוזאַמען באַן-צוגן׳ און עס פאַרשפּרייט זיך די מגפה פון
לויפן — צווישן די געפאַנגענע אַזוי גוט ווי צווישן די אייגענע
סאָלדאַטן.

דער שטראָם האָט דורכגעבראָכן די שלוזעס און רייסט מיט
זיך מיט יעדן וואָרצל — די מאַנשאַפט און אָפיצירן אַנטלויפן!

אין געפאַנגענשאַפט

איך זיך מיטן הויפּטמאַן און מיט דעם רעגימענט־דאָקטאָר באַ פאַרשידענע פּראָוויאַנט־ראַפּאָרטן, קאָמבינירנדיק אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו פאַרקלענערן די שפּייז־פּאָרציעס, און דער סאָלדאַט זאָל דערביי פאָרט קענען דערהאַלטן די חיונה. פון „סטראַטעגיע" און „טאַקטיק" האָבן מיר שוין פון לאַנג זיך אָפּגעזאָגט, פּרוּוון מיר כאָטש אויסקומען מיט דעם ביסל לעבנסמיטל — אַזוי לאַנג ווי מען וועט נאָר קענען. אפשר וועט פאָרט פון ערגעץ קומען אַ דערלייזונג?

עס לויפט אַריין דער אַלטיטשקער, גוטער אָבערסט מ. א. דערשראָקענער, אַ צעטומלטער.

— מיינע הערן — כאַפּט ער קוים דעם אָטעם און ווישט זיך דעם שווייס — עס איז געקומען אַ רייטער מיט דער מעלדונג, אַז די סערבן זענען קוים זעכציק קילאָמעטער פונדאַנען:

דאַכט זיך, אַז מיר אַלע זענען בלאַס געוואָרן.

— וואָס הייבט מען אָן צו טון — בעט זיך דער אַלטיטשקער אָבערסט — פון ווידערשטאַנד קען דאָך גאָר קיין רייד נישט זיין, — נישט אַזוי מיינע הערן? דער גרעסטער טייל פון אונדז איז דאָך זיך צעלאָפן... די אַמוניציע איז אויסגעשאָסן...

— אפשר אַלץ איינפּאַקן און אַוועק אויף צוריק? — איז דער הויפּטמאַן נישט זיכער.

— דער באַן־קאָמאַנדאַנט האָט מיר געזאָגט בסוד — כאַפּט אונטער דער רעגימענט־דאָקטאָר — אַז היינט גייט נאָך דער לעצטער צוג... מיר האָבן אַ געלעגנהייט...

— און איך בלייב דאָ, מיינע הערן — זאָג איך קאַטעגאָריש — מיר האָבן וויכטיקערע זאַכן צו פאַרזאָרגן, ווי צו אַנטלויפן: מיר טאָרן נישט פאַרלאָזן די אויסגעהונגערטע מאַנשאַפט. דערווייל

האָט נאָך קיין שום העכערע קאָמאַנדאָ נישט געהייסן פאַרלאָזן דעם פלאַץ.

— ווילסט אַריין אין געפאַנגענשאַפט און פאַרלירן די מעגלעכקייט צום העכערן אוואַנס? — שמייכלט דער הויפטמאַן — דאַרפסט דאָך אין דריי חדשים אַרום ווערן הויפטמאַן. איך וויל נאָך אפשר ווערן מאַיאָר...

איך הער נישט מער זיינע באַמערקונגען און הייס אַריינרופן מיינע יונגע אָפיצירן.

— אויך איך בלייב דאָ — באַשליסט דער אָבערסט — זאָל זיך טון וואָס עס וויל.

דער רעגימענט-דאָקטאָר שאַרט זיך שטיל אַרויס, דער אָבערסט און דער הויפטמאַן נייען באַזאָרגן געוויסע „דינסטלעכע אָנגעלעגנהייטן", און איך מיט מיינע צוויי יונגערע אָפיצירן נעמען אויף שנעל מאַכן דעם בילאַנס פון דעם געלד, וואָס געפינט זיך בא מיין אָפטיילונג: צוזאַמען מיט די גאַזשן פאַר אָפיצירן און סאָלדאַטן און מיט דעם געלד פון די געפאַנגענע, וואָס זיי האָבן ביי אונדז געזאַמלט פון דער געפאַנגענשאַפט און פון דעם אָפגעשפאָרטן לוין, — באַטרעפט עס איבער אַ פערטל מיליאָן. איך לאָז מאַכן גענויע רשימות, וויפיל עס באַלאַנגט צו יעדן, פאַק איין דאָס געלד אין צוויי זעקלעך, און צוזאַמען מיט די דאָקומענטן פיר איך עס נאָך דעם זעלבן אָוונט צו דער נישט ווייטער פעסטונג-קאַסע אין קאַסטעל נואָוואָ.

דער קאַסע-אָפיציאַל וויל דאָס געלט נישט צונעמען.

— וואָס וועל איך דערמיט טון? — וויל ער זיך אָפטרייסלען דערפון — וועסט עס איבערגעבן אין ווין, ווען דו וועסט אַהיימקומען.

— איך וויל אָבער אויף זיך נישט נעמען אַזא פאַראַנטוואָרטלעכקייט — מאַשטיי איך אויף מיינעם — איך בעט צונעמען דאָס

געלט און מיר אויסצאָלן פאַרויס פאַר צען טעג גאַזשע פאַר מיינע אָפּיצירן און סאָלדאַטן.

— האָסט דאָך געלט, נעם זיך וויפיל דו ווילסט — ווערט ער שוין אומגעדולדיק.

— לעת עתה דאַרפן מיר נאָך האַנדלען, ווי עס הייסן די פאַרשריפטן — באַמערק איך קורץ און גיב אים איבער דאָס צעטל פון די פאַרלאַנגטע גאַזשן.

— ווערסט האָבן אַ ביסל צו ווייניק — זאָגט ער ניבע אָנגעברוגזט און צאָלט מיר אַרויס פינף טויזנט קראָנען מער, ווי עס שטייט אין מיינע חשבונות — די לעצטע פאַראָרדנונג הייסט געבן די אָפּיצירן און מאַנשאַפט אַ „דעמאָביליזאַציע-צולאַגע".

מיר פאַרשטייען ביידע נישט, וואָס דאָס זאָל באַדייטן, אָבער מיר שטעלן זיך אויס קעגנזייטיקע קוויטונגען, אַז אַלץ איז איבערגעגעבן און באַצאָלט. איצט פאַרזיגלען מיר מיינע ביידע זעקלעך געלט צוזאַמען מיט די דאָקומענטן און לאָזן עס אַראָפּטראָגן אין אַ געזיכערטן קעלער.

מיט אַ לייכטער האַרץ פאָר איך צוריק אין מיינע באַראַקן: געפּטרט אַן עסק.

די גאַנצע נאַכט פאַרגייט מיט מאַכן אַ „לעצטע אָרדנונג": איך פאַרטייל מיינע סאָלדאַטן און געפאַנגענע אַזוי פיל רויען פּראָוויאַנט, וויפיל עס לאָזט זיך נאָר. זאָלן זיי האָבן מיט זיך אַ ביסל שפּייז, וואָס עס זאָל נישט פאַרקומען. דערנאָך צאָל איך זיי אויס די פאָרגעשריבענע לוינען.

פאַרטאָג פאַרזאַמל איך די אָפּיצירן און גיב זיי איבער די געהעכערטע גאַזשן:

— דאַנקט זיך, צום לעצטן מאָל, מיינע הערן, פון איצט אָן זענט איר פריי — זאָג איך, ווי איך וואָלט אָפּגעפּטרט אָנגעשטעלטע אַרבעטער.

באַ אונדז אַלעמען שטייען טרערן אין די אויגן. דער טייוול ווייסט פאַרוואָס! אַזוי לאַנג, דאַכט זיך, געוואַרט אויף דעם גרויסן מאָמענט, אויף אַ „גליקלעכן סוף אונטער וועלכע ס'איז אומשטענדן" — און אַצינד...

פאַרטיק געוואָרן מיט אַלע פאָרמאַליטעטן, זעץ איך זיך אַריין אין מיין קליינער, האַלצערנער קאַנצעלאַריע, און מיט פאַרלייגטע הענט וואַרט איך אויף דעם „שונא".

אַקעגן מיין קליין פענסטערל ליגט רויִק די אַדריִאַ. אונדזערע שיפן, וועלכע מיר האָבן איבערגעגעבן צו די יוגאָסלאַוון, זענען אין דער נאַכט ערגעץ פאַרשוווּנדן — פאָרן זיך די אַנטבלויזטע וואַסערן מיט דעם געפלדיקן הימל ביז ווייט, ווייט אויפן האָריזאָנט. די אדריִאַ איז עפּעס היינט מער נישט בלוי, נאָר אַש-ליכטיק בלייערן, אַזוי ווי זי וואָלט אָנגענומען אפילו דעם קאָליר פון דעם האַרבסטיקן הימל.

אויפן האָריזאָנט באַווייזן זיך עפעס ווי צוויי טונקעלע ליניעס — שאָטנס — זיי וואַקסן גאַנץ שנעל און שיילן זיך אַרויס אַלס צוויי רייכערדיקע, שמאָלע שיף-קוימענס. דאָס איז אַן איטאַליענישע טראַנספּאָרט-שיף, באַגלייט פון קליינע, געפאַנצערטע קריגס-שיפלעך, וועלכע דערנענטערן זיך צו אונדזער ברעג.

מאָדנע רויִק בין איך אין דעם מאָמענט: נישט עס הערשט די שרעק, וואָס מען פילט באַם דערנענטערן זיך פון אַ מלחמה-שונא, נישט אפילו די נייגעריקייט פון וועלן צוזען ווי זיי „דעראָבערן" אָן אַ שאָס אונדזער יבשה. פלעגמאַטיש קוק איך צו ווי גאַנצע אָפּטיילונגען איטאַליענער שטייגן אַראָפּ פון שיף און נעמען פּאַקן אויף איר אונדזערע איטאַליענישע געפאַנגענע, צוערשט די קראַנקע: אין צענער און הונדערטער ליגן זיי אויסגעלייגט באַ די וועגן, צוזאַמען מיט אונדזערע סאָלדאַטן און רוסישע געפאַנגענע. די פעסט און דער הונגער האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין פיבער.

דער איטאַליענישער דאָקטאָר מיט די סאַניטעט-פּאַטרולן לאָבן די געפאַנגענע איטאַליענער, העלפן אָבער אויך די רוסישע געפאַנגענע. אויף אונדזערע סאָלדאַטן קוקן זיי זיך ווייניקער אום. אָבער ווי קלוג זיי האָבן דאָס געטון, מיטן צוברעגנען מעדיקאַמענטן! אָדער האָט מען זיי אַזוי געניי אינפאָרמירט וועגן אונדזער לאַגע?...

אַ שעה שפּעטער קומט אָן פון דער אַנדערער זייט, מיטן וועג, אַ סערבישע אינפאַנטעריע-אָפּטיילונג. ווי שטאַרק זיי זענען דאָס באַוואָפנט... אפילו נאָך מיט די שטאָל-העלמען אויפן קאָפּ. האָבן זיי גערעכנט, אַז די אויסגעהונגערטע, קראַנקע אַרמיי וועט זיך זיי נאָך אַקעגנשטעלן?

אויך נאָך אַצינד ריר איך זיך נישט פון פלאַץ.

מיטאַמאָל רייסט זיך אויף דאָס האָלצערנע טירל פון מיין באַראַק — און פאַר מיר שטייט אַ סערבישער אָפיציר מיט עטלעכע באַוואָפנטע סערבישע סאָלדאַטן.

איך שטעל זיך אויף ווי אַ „באַזיגטער" אָפיציר פאַר זיין „זיגער". דער סערבישער אָפיציר כאַפּט אַ בליק איבער מיין קאַנ־צעלאַריע — אפשר האָט ער מורא, צי ליגן נישט ערגעץ פאַרבאַ־האַלטן באַוואָפנטע סאָלדאַטן.

ער זעצט זיך ברייט אַוועק אויף מיין פלאַץ.

— די שליסלען פון די מאַגאַזינען! — גיט ער אַ קלאַפּ מיט דער האַנט און לייגט אַרויף ביידע פיס אויף דעם קליינעם שרייב־טיש.

איך הייס מיין פעלדוועבעל איבערגעבן די שליסלען.

— פון אַצינד אָן זענען מיר די באַלעבאַטים — צעשרייט זיך דער סערבישער אָפיציר — אייערע סאָלדאַטן וועלן קריגן נאָר די העלפט פון זייערע פּאָרציעס.

— זיי זענען שטאַרק אויסגעהונגערט — וויל איך אים דער־קלערן — זיי קריגן שוין סיי ווי די העלפט פון דעם, וואָס עס קומט זיי.

— באַ אונדז וועט מען נישט גנבענען! — קלאַפּט ער מיט די פויסטן אָן טיש — מיר זענען נישט קיין עסטרייכער!

— איך בין אָפיציר — באַמערק איך אים — און איך בעט, מען זאָל מיך באַהאַנדלען ווי עס געבירט מיין ראַנג.

ער גיט נאָך דעם לעצטן קלאַפּ אָן טיש, סיטשעט אַרויס אַ אַ סערבישע קללה, און גייט אַרויס.

מען זאָגט מיר, אַז נישט ווייט געפינט זיך אַ העכערער סערבישער אָפיציר, אַ פּאָלקאָווניק. גיי איך צו אים און באַקלאָג זיך אויף דער באַהאַנדלונג פון יענעם סערבישן אָפיציר.

— איר וועט אים אַנטשולדיקן — בעט מיך איבער דער פּאָלקאָווניק גאַנץ פריינטלעך אין אַ שלעכטן דייטש — ער טרינקט צו־מאָל. און דערצו איז ער נאָך אַ געמאַכטער „הער": אַ געוועזענער פעלדוועבעל, איך וועל שוין מיט אים „רעדן".

נאָך דעם זעלבן נאָכמיטאָג באַגריסט מיך יענער סערבישער אָפיציר מיט אַ זעלטענער העפלעכקייט און שעמט זיך מיר צו קוקן אין פּנים: זיין פּאָלקאָווניק האָט שוין אוודאי מיט אים אַ „רעד געטון".

מען לאָזט אונדז אַרומגיין גאַנץ פריי — אַפילו די וואָפן נעמט מען באַ אונדז נישט אַוועק. די סערבן זען אונדזער לאַגע, און זיי זענען שוין מיט אונדז גאַנץ זיכער...

עס באַווייזט זיך די יוגאָסלאַווישע „נאַציאָנאַל־גאַרדע" און־דזערע אייגענע געוועזענע סאָלדאַטן מיט בלוי־ווייסע סטענגעס אויף דער ברוסט און אויפן אָרעם. פאָרויס רייט אויף אַ הויך קאַשטאַנאָ־וואַטע פערד דער זעלבער הויפּטמאַן, וועלכער האָט ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק טעלעגראַפירט קיין ווין, אַז אַלע זיינע סאָלדאַטן „שטימען פאַרן קייזער": ער טראָגט שטאָלץ די ברייטע, יוגאָסלאַ־ווישע לענטע אויף דער ברוסט — ער איז אַציינד דער קאָמאַנדאַנט פון פּלאַץ. די פּראָוויאַנטן האָבן זיך אויסגעשעפּט, וויל זיין „גאַרדע"

צווינגען די רוסישע געפאַנגענע, זיי זאָלן העלפן באַם אויסלאָדן פרישע טראַנספּאָרטן שפּייז, וואָס די איטאַליענער האָבן געברענגט אויף זייערע שיפן. נאָר אַזוי ווי די געפאַנגענע ווייזן נישט קיין סך חשק צו דעם, לאָזט ער זיי פאַרזאַמלען, כדי זיי איבערעדן צו דער אַרבעט:

— עסטרייך עקזיסטירט נישט מער — הייבט ער אָן רעדן אויף האַלב רוסיש און האַלב סלאָוואַקיש, — אָבער ער קען זיך קיין עצה נישט געבן, און איך מוז אים איבערזעצן יעדעס וואָרט פון דייטש.

— בלייב באַ אונדז — וויל ער מיך צורעדן נאָך דער „פאַר־זאַמלונג" — מיר וועלן דיך תיכף מאַכן פאַר הויפּטמאַן, וועסט קריגן פינף מאָל אַזוי פיל גאַזשע ווי באַ די עסטרייכער און וועסט שנעל אַוואַנסירן. אפשר וועסטו נאָך אַמאָל זיין אַ יוגאָסלאַווישער פּאָל־קאָווניק...

— איך האָב שוין גענוג פון די מיליטערישע אַוואַנסן — לאַך איך זיך אויס.

— נאָך דריי יאָר דינען, אויב עס וועט דיר נישט געפעלן, קענסטו ווידער גיין אין ציוויל — נעמט ער זיך ערנסט מיך אי־בערצייגן — ווייסט דאָך ווי ווייניק אָפיצירן מיר האָבן...

די לעצטע צוויי טעג פאַרגייען אין עפּעס אַן אומפאַרשטענד־לעכער מרה שחורה. דאָס ביסל סאָלדאַטן, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון מיין אָפּטיילונג, האַלט זיך צוזאַמען, און איך מיט נאָך אַן אָפי־ציר זענען אויך מיט זיי. מיר טיילן זיך אין אונדזער אָפיציר־קיך מיטן לעצטן פערטל חזיר־פלייש, וואָס איז נאָך געבליבן אין דעם פּראָוויזאָרישן אייז־קעלער. פון מאָרגן אָן וועלן מיר שוין מוזן עסן צוזאַמען מיט אַנדערע מאַנשאַפט די אָנגעריסענע קראָפּעווע, געקאָכט אין זאַלץ.

ווער ווייסט, ווי לאַנג נאָך מיר וועלן מוזן וואַרטן אויף דער שיף, וואָס דאַרף אונדז, געפאַנגענע, אַריבערפירן קיין איטאַליע...

שיף־קאַטאַסטראָפע

אַ גאַנצן טאָג וואַרטן מיר באַם פאָרט, מיר זאָלן קענען אַרויפגיין אויף דער שיף. פון פאַרשידענע זייטן ברענגט מען אַלע מאָל נייע טראַנספּאָרטן פון אונדזער אַרמיי. ערשט איצט שטעלט זיך אַרויס, אַז מיר זענען אין דער געגנט געווען גאַנץ שטאַרק אין דער צאָל.

מען דערלויבט אונדז מיטצונעמען די דינערס און די פּעקלעך פאַרן „אייגענעם געברויך" — שטייען אָנגעשטעלט זעק און גאַנצע קאַסטנס מיט אַלטע און נייע אוניפאָרמען, מיט פאַרלאַטעטע שיך און אַלט-געבאַקן ברויט, און אפשר האָט נאָך ווער פאַרבאַהאַלטן ווי אַן אָפּגעשפּאָרטן ווורשט? מיט וואָס פאַרזאָרגט מען זיך דען נישט, ווען מען גייט אין אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן וועג — אין געפאַנגענשאַפט?...

מען קען קוים צוטרעטן צום ברעג פון ים. און ערשט פאַרנאַכט זאָגט מען אונדז אָן, אַז די שיף איז איבערפולט און אונדז וועט מען אַוועקשיקן מיט אַ צווייטער שיף, ערשט מאָרגן.

עס ווערט אַ ביסל פריקרע, מען וויל פאָרט שוין איבערקומען די רייזע און זען, וואָס עס וועט זיך טון דאָרט, אויפן פּלאַץ. דאָך הייס איך באַלד מיין דינער צוריקטראָגן די זיבן זאַכן און באַשליס היינט גיין פרי שלאָפן, כדי מאָרגן וואָס פריער זיין באַם האַפן.

מיין דינער קומט צוריק מיט אַ טרויעריקער מינע: סאָלדאַטן

האָבן פאַרנומען מיין שטיבל און ווילן אים נישט אַריינלאָזן מיט די זאַכן.

איך קען נישט באַגרייפן, וואָס מיין דינער מיינט. איך גיי מיט אים צוריק. און באמת: אין מיין שטיבל זיצן אַ צוועלף פון מיינע אייגענע סאָלדאַטן, אָנגערויכערט ביז צום דערשטיקן, האָבן זיי אויסגעהאָנגען און אויסגעלייגט זייערע זאַכן, זיצן אויף די פּעקלעך און פירן „פּאָליטיק". איינער אין בלאָטיקע שטיוול ליגט שוין אויסגעשטרעקט אויף מיין בעטל.

— קינדער, וואָס איז דאָס? — לאָף איך צו זיי דורכן אָפענעם פענסטער — איר ווילט מיך ירשענען שוין באַם לעבן?

עטלעכע הייבן זיך אויף מיט רעספּעקט, די אַנדערע מאַכן זיך נישט וועצנדיק.

— נו, גייט אויף אייערע פּלעצער, ווייל איך בין מיד און וויל זיך צולייגן.

זיי שווייגן און רירן זיך נישט פון פּלאַץ.

— טראָג אַריין מיינע זאַכן — זאָג איך צום דינער, זיכער, אַז זיי וועלן באַלד אַרויסגיין.

דער דינער וויל אַריינגיין, אָבער עטלעכע שטעלן זיך פאַר דער טיר און שטופּן אים אַרויס.

מיין דינער האָט רעכט געהאַט...

— איך וויל זען, ווער עס וועט וואַגן נישט אַריינצולאָזן זיין אָפיציר צו זיך אין שטוב!

די חברה שווייגט, רירט זיך נישט.

— ווער האָט עס דעם מוט דאָס צו טון?

יענער אויפן בעט זעצט זיך אויף און מרוקעט עפּעס אין שטוב אַריין:

— מיר זענען הייגט אַלע גלייך — כאַפּ איך אויף עטלעכע ווערטער.

— שטיי אויף, ווען דו רעדסט צו אַן אָפיציר! — דערוועקט זיך אין מיר אינסטינקטיוו דער שטאָלץ פון „הערשער“.

כמעט אַלע הייבן זיך אויף — פויל, נישט גערן.

— זאָגט! — ווענד איך מיך צו זיי שוין מיט ווײ און ביטערניש — האָב איך אייך ווען שלעכט באַהאַנדלט?

— ניין... — ענטפערן עטלעכע.

— האָב איך עמעצן פון אייך אַמאָל וויי געטון?

— ניין...

— ווער עס האָט עפּעס קעגן מיר זאָל פריי אַרויסטרעטן און אָפן זיך באַקלאָגן פאַר אַלעמען.

— מיר האָבן נישט וואָס צו קלאָגן — ענטפערט ווידער דער פון בעטל — אָבער... די גאַנצע צייט זענען די אָפיצירן געשלאָפן אין שטיבלעך, היינט ווילן מיר דאָ שלאָפן.

איך רעד מער קיין וואָרט נישט, נאָר גיי גלייך צו דער יוגאָסלאַווישער „גאַרדע“, וועלכע האָט דערווייל איבערגענומען די קאָ אַנדאָ איבער דעם פּלאַץ. די סאָלדאַטן און אונטעראָפיצירן פון זייער „סטאַנציע-וואַך“ שפּילן קאָרטן מיט פאַרפּלאַמטע פּנימער און אונטערהאַלטן זיך בײַ פלעשלעך שנאַפּס, וועלכע די איטאַליענער און סערבן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט. זיי ווייסן מיט וואָס „אויפצוהאַלטן דעם גייסט“ פון פרישע סאָלדאַטן...

איך דערצייל דעם וואַך-קאָמאַנדאַנט, וועגן וואָס איך בין געקומען, תּיכּף שיקט ער מיט מיר אַ פּאַטרול, וועלכער וויל אַרעסטירן מיינע סאָלדאַטן. זיי ווערן בלאַס און קוקן אויף מיר מיט אומבאַהאָלפענע, בעטנדיקע אויגן. איך ווייס, וואָס עס קען פאַר זיי באַדייטן דאָס איצטיקע אַרעסטירן; פאַר „איבערטרעטן די דיסציפּלין“ קענען זיי אויסקומען צו פאַרבלייבן אין געפאַנגענשאַפט אַ סך חדשים לענגער ווי אַנדערע. הייס איך דעם יוגאָסלאַווישן אונטעראָפיציר זיי לאָזן צורו. און לאָז נישט אַפילו זיי אַרויסוואַרפן פון שטיבל:

— איך וועל שוין מיט זיי פארטיק ווערן — שיק איך ווי־דער אוועק די וואך.

מיינע סאָלדאַטן בלייבן שטומע און נעמען פּאַקן די פּעקלעך.

— איצט בלייבט שוין דאָ — זאָג איך זיי שוין אין דער טיר — איך האָב נאָר געוואָלט איר זאָלט אייך איבערצייגן, אַז איך האָב נאָך די מאַכט, ווען איך וויל.

איך שלאָף איבער די נאַכט באַ אַן אַנדערן אָפיציר. צו־מאָרגנס, ווען איך זיץ שוין אויף מיינע פּעקלעך באַם פאַרט, קומט מיין סאָלדאַט, דער נעכטיקער „רעדער", סאַלוטירט אויסגעשטרעקט און בלייבט שטיין אין אַ פּאָזע ווי עפּעס צו בעטן.

— וואָס איז?

— מיר ווילן בעטן, הער אָבערלייטענאַנט זאָל אונדז אַנט־שולדיקן פאַר נעכטן...

— שוין גוט, — ווער האָט דען צו אייך עפּעס?

— הער אָבערלייטענאַנט איז תּמיד געווען גוט צו אונדז...

— איז וואָס? — וויל איך אים פּטרן.

— מען האָט אונדז היינט נישט געגעבן קיין שוואַרצע קאַ־ווע — און ווען נישט קאַווע, האָבן מיר גאָרנישט צום ברויט...

— פאַרוואָס האָט מען נישט געגעבן?

— דער יוגאָסלאַווישער קאָמאַנדאַנט האָט באַשטראָפט פאַר נעכטן...

כאָטש עס איז שוין צייט אַרויפצוגיין אויף דער שיף, טו איך צוליב דעם סאָלדאַט, גיי אַריבער צום יוגאָסלאַווישן קאָמאַנ־דאַנט און בעט אויס די שוואַרצע קאַווע פאַר מיין „צעקריגטער עדה".

אויף דער שיף דערפילט זיך באַלד דער „כאַבאַר־סיס־טעם" — אַ יוגאָסלאַווישער אָדער אַן איטאַליענישער: די אָפיצירן ליציטירן זיך איבער אין געבן אָפּקויף־געלט פאַר באַקומען אַ

קאַיוטע, איך מיט נאָך אַ הויפּטמאַן און אונדזערע צוויי דינער פאַרנעמען די קאַיוטע אין אויבערשטן שטאָק, אַקעגנאיבער דעם קאָמאַנדאָ-בריקל.

די שיף געפינט זיך שוין אין פולן גאַנג. מיר צעשטרעקן זיך אויף די שמאָלע בעטלעך און קוקן אַרויס אויף דעם רויִקן וואַסער, קלאָר — דורכצוזען ביזן גרונט! אַרום דער שיף זאַמלען זיך אויסגעפוילטע שטיקער האָלץ, אָפּגעמאַליעוועטע ברעטלעך פון קאַסטנס און אַוועקגעוואָרפענע, לייכטע רעטונגס-גאַרטלען. עס ווערט אינטערעסאַנט: אויסגערוט אַ ביסל, גייען מיר אַרויס אויפן פאָרדעק. נישט ווייט שווימען אַרום צעשמעטערטע שטיקער פון אַ שיף-חורבה! מען דערקענט תיכּף סימנים פון דער טראַנספּאָרט-שיף, מיט וועלכער מיר האָבן געזאָלט נעכטן פאָרן.

ווי אויס דרך-ארץ צו די דערטרונקענע, וועלכע ליגן אוודאי אין תהום אונטער אונדז, נעמט אונדזער שיף גיין גאַנץ פּאַוואָליע. אַ גרעסער זעגל-שיפל שטעלט זיך אָפּ בײַ דער זייט פון אונדזער שיף און דערקלערט אונדז די קאַטאַסטראָפע: די טראַנספּאָרט-שיף איז אַרויף אויף אַ פאַרבלאָנדזשעטער וואַסער-מינע. ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו קומען צו הילף, כאָטש נישט ווייט האָבן זיך געפונען אַ סך שיפלעך: דאָס אויפרייס-מאַטעריאַל, וואָס די פאַרזונקענע שיף האָט מיט זיך געפירט, האָט גענומען עקספּלאָדירן. און אַזוי האָבן די מענטשן אויף דער שיף געפונען דעם טאָפּלטן טויט: דורך שׂרפה און דורך דערטרונקען ווערן... קיין לעבעדיקער נפש האָט נישט געקענט זיך אָפּראַטעווען...

מיט טאָפּלטער פאָרזיכטיקייט פאָרט אונדזער שיף גאַנץ פּאַוואָליע ווייטער. די נאַכט איז צוגעפאַלן, אַ פינסטערע, אַ פאַרכמאַרעטע, דאַכט זיך, — לייגן מיר זיך באַלד אין אונדזערע בעטלעך.

די שיף ווייזט אויס צו גיין אַ סך שנעלער.

— דער וועג איז שוין אוודאי אַ זיכערער — גיט דער הויפּטמאַן דעם לעצטן געגעך — אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, הער הויפּטמאַן — און אויך איך דריי זיך אויס צום שלאָפן.

אונדזערע דינערס כראָפּען שוין פון לאַנג.

אַ געוואַלטיקער זעץ און אַ וואָרף אונטער — עס וועקט מיך אויף פון שלאָף! ווי אַ באַל פּלי איך אַרויס פון בעטל אויף דער פּאָדלאָגע. עפּעס פאַרשטיי איך יאָ, וואָס דאָ האָט געקענט געשען: איך פּרוּוו שנעל זיך אויפשטעלן, אָבער איך פאַל באַלד צוריק. עס איז נישט מעגלעך אויפצושטיין: די שיף שטייט אונטער אַ שאַרפן ווינקל אויסגעבויגן אויף אַ זייט! אין דער קאַיוטע איז פינסטער — דאָס ליכט איז איבערגעריסן. פון דרויסן דערטראָגן זיך שוין אויפגעוועקטע געשרייען — מען נעמט לויפן.

אונדזערע דינערס צעשראָקענע פון ווייטע קולות, נעמען וויינען און רופן הילף.

— אָט, רעטונגס-גאַרטלען! שנעלער! — רייסט עמעצער אויף אונדזער טיר און פאַרשווינדט.

דאָס האַרץ בלייבט שטיין אַ ווײַלע.

— מאַמאַ, מאַמאַ! — נעמט קווטשען דער שייגעץ, דעם הויפּטמאַנס דינער, און מיין דינער האַלט אים אונטער מיט אַ פאַרציטערט, באַסאָווע געוויין.

— נישט קוויטשען! — צעבייזער איך זיך אויף זיי, נישט קינדיש נאָך פאַרגרעסערן די פּאַניק — טוט אָן רעטונגס-גאַרטלען און אַרויס אויפן פּאָרדעק!

אַליין שלעפּ איך דערווייל אויף זיך די הויזן און פּרוּוו צוּשטעפּען דעם רעטונגס-גאַרטל.

— ביסט דאָ? — פרעגט דער הויפּטמאַן אין דער פינסטער.

— געוויס. אָט איז אַ רעטונגס־גאַרטל, הער הויפּטמאַן — דער־לאַנג איך אים, קריכנדיק אויף אַלע פיר.

— מיר זענען... קאַ... פּוט... מיין ליבער — בעלעבע־טשעט אַרויס דער הויפּטמאַן און טיאַפּקעט עפּעס מיט די פיס.

ער קען אוודאי נישט איינשטיין אויף דער שיפער פּאַדלאָ־גע פון דער שיף.

געכאַפּט אויף זיך אַ מאַנטל, לויפן מיר אַרויס אויפן פּאַרדעק. דער גרעסטער טייל פּאַסאַזשירן האַלט זיך שוין אָן דער באַריערע און דריקן נאָך מער מיט דער שווערער משא אויף דער טיף־איינגעזונקענער זייט פון דער שיף.

— אַריבער אויף דער צווייטער זייט! אויף דער צווייטער זייט! — רייסט זיך באַ די האָר דער שיפס־קאַפּיטאַן.

אָבער ער קען נישט איבערשרייען די צעווילדעטע מאַסע, וואָס וויינט און פּילדערט און וויל זיך אַלץ צושלאָגן צום ברעג פון דער שיף, אַרומלויפנדיק ווי משוגע פון איין עק צום צווייטן.

— איז עס ערנסט? — פרעגט דער הויפּטמאַן דעם מטוש־טישן קאַפּיטאַן.

— באָזשע מאָי! באָזשע מאָי! — ברעכט דער סלאָוואַקישער שיפס־אָפיציר די הענט — מיין ווייב מיט די קינדער זענען דאָ אויף דער שיף!..

ווערט נאָך אַ סך שווערער אויפן האַרץ: ווען דער קאַפּיטאַן איז אַליין פאַרצווייפלט!...

ער האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און ווייסט נישט, וואָס ער זאָל אָנהייבן טון.

דאָס שיפס־פייפל צעיאָמערט זיך אויף „אַליאַרם" און פאַר־גרעסערט נאָך אַזוי דעם אַנגסטפולן טומל. אַ שטורם נעמט זיך טראָגן פון ים, פּאַטשט מיט די כוואַליעס אויף דער אויפגעהויבענער זייט פון דער שיף. דאָס פייפל טוט נאָך עטלעכע קרעכץ — פּרוווט

זיך נאָכאַמאָל — און לאָזט אַרויס זיין לעצטן, טויבן אָטעם: די מאַשינען זענען אַפּנים איינגאַנצן קאַליע געוואָרן.

דאָס געיאָמער אויפן פּאָרדעק ווערט גרעסער, די מאַטראָזן נעמען די ערשטע שפּרינגען אין די רעטונגס־שיפלעך. מיטאַמאָל בליצן אויף הויך, ליכטיק, רויטע, בלויע און געלע פייער־ראַקעטן — אַ שיף־אָפיציר גיט סיגנאַלן, מען זאָל קומען אונדז צו הילף. די צע־שראָקענע מאַנשאַפט מיינט, אַז דאָס עקספּלאָדירט די שיף, הייבן זיי זיך אָן צו שלאָגן אַרום די רעטונגס־שיפלעך. דריי מענער שפּרינגען אַריין אין אַ קליין שיפל, אָבער נאָך איידער זיי נעמען זיך אַראָפּ־לאָזן, רייסט זיך איבער דער שטריק פון איין זייט. דאָס שיפל צע־שאָקלט זיך אין דער גאַנצער לענג — און וואַרפט אַרויס אין ים אַריין די דריי אומגליקלעכע מענטשן!

נישט אַמאָל זייערע הילף־געשרייען קען מען דערהערן...

און דער שטורם פּאַטשט און רוישט מיט יאָמערלעכע קולות — עס איז נישט מעגלעך זיך צו האַלטן אַפילו באַ דער באַריערע.

עס כאַפּט פאָרט די לוסט צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן.

אַ גרעסער רעטונגס־שיפל איז שוין אָנגעפולט מיט סאָלדאַטן, — איך פּרוו אַריינגיין:

— שוין צופיל! צופיל! — צעשרייען זיך קולות — עס וועט זיך איבערקערן.

איך בין מאָדנע קאַלטבלוטיק, און כאַפּ אונטער דעם געדאַנק, אַז אפשר זענען זיי טאַקע גערעכט: זאָלן צוליב מיר אַלע זינקען?

איך נעם זיי העלפן אַראָפּלאָזן זייער שיפל. די שטריק האָבן אין זיך פאַרפּלאָנטערט דאָס קלייד פון אַן אָפיציר־פרוי, וועלכע שטייט דערלעבן — עס שלעפּט זי מיט אין תהום אַריין! מיט איבערנאַ־טירלעכע כוחות שלעפּ איך נאָך צוריק דאָס שיפל, פּלאָנטער אויס די פרוי און לאָז דאָס שיפל ווידער פאָרזיכטיק אַראָפּ.

קוים איז דאָס רעטונגס־שיפל אויפן וואַסער, יאָגט אָן אַ כוואַ־

ליע ווי אַ הויכע וואַנט און דעקט צו דאָס שיפל מיט די מענטשן.

איך ווייס נישט מער, וואָס מיט זיי איז געשען, דען די כמאַליע רייסט זיך אַריבער דער באַריערע און פאַרפּאַטשט אונדז דאָס פּנים. אָבער דאָס שיפל איז פאַרשוווּנדן, — קיין סימן זעט מען נישט מער פון זיי.

די געמיטער האָבן זיך אַ ביסל באַרוּיקט. די שיף שטייט נאָך אויפן פּלאַץ און האָט זיך נאָר מיט אַ קליין ביסל מער געניינט אויף דער זייט. אויך דער קאַפּיטאַן ווייזט אויס צו זיין אַ סך רוּיקער.

— ווען נאָר נישט דער שטורם... דער שטורם זאָל אונדז נישט איבערקערן — שטייט ער אַ פאַרטראַכטער אויפן קאָמאַנדאָבריקל.

אַ מאָדנע שטילקייט באַהערשט אַלעמען: מיר קוקן זיך אָן שווייגנדיקע, פאַרטראַכטע, ווי יעדער וואָלט שטיין פאַרן אייגענעם קבר...

די שיף האָט נאָך דערווייל נישט אָנגענומען זיך מיט וואַסער. מיט דער הילף פון שטורקאַצן באַטראַכט מען אַלע זייטן, און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די „נאָז" פון דער שיף האָט זיך איינגעבויערט אין אַ ים־פעלז. באַ אַ שטאַרקן שטורם וואָלט נישט נאָר די שיף זיך איבערגעקערט, אָבער אויך די „נאָז" וואָלט זיך אָפּגעבראָכן — און דאַמאָלס וואָלטן מיר מאָמענטאַל פאַרגאָסן געוואָרן מיט וואַסער. נעמט מען שיסן די פייער־ראַקעטן מיט נאָכמער אייפער — אפשר וועט פאַרט פון ערגעץ קומען הילף.

כמעט אַלע רעטונגס־שיפלעך זענען אַוועק, צו שפּרינגען אין דעם פינסטערן, כוואַליענדיקן תהום איז נאָך צייט שפּעטער אויך. — רוּק איך זיך אויף אַלע פיר צום קוימען פון שיף, און בלייב דאָרטן ליגן אַ פאַמאַטערטער. עס איז כאָטש אַ ביסל וואַרעמער.

ווייט, ווייט פאָרט אַ העל באַלויכטענע שיף, אונדזערע פייער־ראַקעטן פליִען מיט אַ טאָפּלטער שנעלקייט, כדי אויפמערקזאַם צו

מאַכן די שיף, וועלכע האָט זיך אַזוי ווי אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַ-
לע און קוקט אַ פאַרגאַפטע מיט די געלע, באַלויכטענע פענס-
טער-אייגעלעך. מען נעמט שיסן מיט ביקסן, — אפשר וועט די
שיף דאָרט פאָרט דערהערן אונדזער נויט. מיטאַמאָל רירט זיך
יענע שיף פון אָרט, און פּלוצלינג נעמט זי אַנטלויפן: זיי דענקען
מסתמא, אַז דאָ גייט אָן אַ ים-שלאַכט — פאַרשווינדן זיי באַלד
פון האָריזאָנט — און מיט זיי פאַרשווינדט אויך אונדזער שטיקל
האָפענונג, באַלד געראַטעוועט צו ווערן.

באַם שײַן פון פרימאָרגן דערבליקן מיר נישט ווייט אַ קליי-
נעם, פעלזיקן אינדזל. דאָס קליינע מאָטאָר-שיפל פון קאַפּיטאַן לאָזט
זיך אין יענער ריכטונג, מיט אַ שעה שפּעטער פאַרציט מען שטריק
פון אונדזער שיף ביז צו דעם אינדזל, און אויף איבערגעבליבענע
פלאַכע שיפלעך, אָנגעהאַלטן אָן די שטריק — שיפן מיר זיך
אַריבער.

מײַן דינער האָט נאָר מיטגענומען דאָס ברויט-זעקל און דעם
טאַש מיט מײַנע מאַנוסקריפּטן. ער ווייסט, אַז דאָס איז בײַ מיר
זייער טײַער. דערפאַר שלעפּ איך מיט זיך מײַנע און זײַנע וואַל-
קאָלדרעס — זאָל זײַן אויף וואָס דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן.

אַ גאַנצן טאָג ליגן מיר אַזוי אויף די פלאַכע שטיינער אינ-
מיטן ים. מיר טראָגן זיך איבער פון די ברעגן אַלץ מער צו דער
מיט, דען די כוואַליעס פּאַטשן הויך און פאַרגיסן אונדז מיט וואַסער.
פון מײַנע מאַנוסקריפּטן איז שוין די העלפט פאַרנעצט. און ווען
מײַן דינער וויל זיי אויסטרוקענען אויף דער זון, טראָגט אַוועק
דער ווינט אַ היפּש ביסל אין ים אַרײַן.

פאַרנאַכט באַוויזן זיך קליינע זעגל-שיפלעך, אָבער זיי אינ-
טערעסירן זיך מער מיט דער האַלב פאַרזונקענער שיף ווי מיט
אונדז. זיי פאַרנעמען נאָר מיט זיך דעם רעשט מאַטראַצן (לאַגדם-

לייט אָפּנים) און זאָגן צו טעלעגראַפירן פון דעם נאָנטסטן פּאָרט, מען זאָל אונדז שיקן הילף.

אונדזער איינציקע טרייסט איז נאָך, וואָס עס בלייבט מיט אונדז דער שיף-קאַפּיטאַן און זיינע אָפיצירן. — די נאַכט איז מוראדיק קאַלטע. סאָלדאַטן האָבן אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער אָנגעשווומענע ברעטלעך, און נאָך לאַנגער מי געלינגט זיי אָנצולייגן פייערלעך. מיר רוקן זיך צונויף ווי איין פאַמיליע, — אָפיציר צו סאָלדאַט, פרויען צו מענער, און איינגעטוליעטע, איינגעקאָרשעטע אין די מיליטערישע מאַנטלען און דעקעס, וואַרעמען מיר די פאַרפרוירענע גלידער.

אַ שטורמיקע כוואַליע דערגרייכט ביז צו אונדזער פייערל און לעשט עס אויס. דורכגעווייקטע, פאַרנורען מיר זיך איצט אין אַ קליינער הייל אונטער צוויי פעלזן, און — געוואַרעמט קעגנזייטיק פון די אייגענע לייבער — ווערט מען אַנדרימלט מיט דעם איינציקן ווונטש, עס זאָל שוין קומען דער ליכטיקער, וואַרעמער טאָג.

אַרום מיטאָג-צייט קומט אָן די סאַניטעט-שיף „אַפריקאַ" און הינטער איר אַ צווייטע שיף: נאָך זעקס און דרייסיק שעה גויס, האָט מען אונדז ענדלעך געשיקט הילף.

מען פרווט נאָך ראַטעווען אונדזער געפּעק פון דער צעקריפּלטער „אַמפיטרידע VII", — אָבער די שיף איז כמעט אינגאַנצן שוין אויסגערויבט, כאָטש אין אַ נישט זיכערער לאַגע, זענען פּאָרטטעטיק" געווען יענע ערדישע „פּראַקטיקער", וועלכע געפינען זייער „זאַק רויב" באַ יעדער געלעגנהייט. מיר זענען געבליבן נאָר באַ דעם, וואָס מיר אַליין האָבן מיט זיך מיטגענומען.

אויף דער „אַפריקאַ" געפינען מיר נאָך אַלע סמנים פון אַ שפּיטאָל: די קאַיוטעס זענען נאָך פול מיט קראַנקן-ריח, אויף די קאָרידאָרן וואַלגערט זיך פאַרבאַנד-שטאָף, אין אָפּעראַציע-זאַל זענען

נאָך פאַרהאַנען פרישע פלעקן פון בלוט, — פאַרגאָסן — ווער ווייסט פאַר וועמען און צוליב וואָס?...

אין טריעסט נעמט אונדז איבער אַן איטאַליעניש קוילן-שיפל. ביז איצט האָבן מיר אַזוי ווי פאַרגעסן אָן עסן. ערשט דאָ נעם איך אַרויס אַ שטיק צוגעלעגערט ברויט און הייב אָן קייען. אַ פראַנצויזישער סאָלדאַט אין פונקט אַזעלכע צעריסענע קליידער ווי בײַ אונדזערע סאָלדאַטן בעט בײַ מיר אַ שטיק ברויט. איך וווּנדער מיך, אָבער איך גיב אים גערן. דערויף דערלאַנגט ער מיר אַ פריש, ווייס זעמעלע, וואָס מיר האָבן באמת שוין לאַנג נישט געזען. איך ווייס נישט: האָט ער אויף מיר רחמנות, אָדער וויל ער אונדז באַליידיקן מיט זיין נדבה? ער גיט צייכנס, אַז די זעמל איז פאַר מיר, און אַליין בּאַהאַלט ער מיין שוואַרץ שטיקל שטרוי-ברויט אין פאַזוכע. ער וויל עס מסתמה ווייזן זיינע קאַמעראַדן אויף טשיקאַ-ווע.

איך שענק דאָס זעמעלע דער אָפיציר-דאַמע, וועלכע זיצט מיט אונדז אויף דעמזעלבן בערגל קוילן. זי כאַפּט זיך צו דעם צו און קייעט עס מיט אַ זשעדנער הנאה. פּאַוואָליע — ביז מען פירט אונדז אַרויף אויף דער איטאַליענישער פּאַנצער-שיף. דאָ וועלן מיר דאַרפן אָפּוואַרטן אונדזער ווייטערדיקע געפאַנגענשאַפט.

ווער ווייסט אויף ווי לאַנג?...

אָבער ווער פרעגט קשיות! מיר זענען געראַטעוועט, געראַ-טעוועט פון אַ זיכערן טויט, — שטרעקן מיר זיך אויס אויף דעם ריין-געוואַשענעם פּאָרדעק און נעמען זיך אָפּ אַ געשמאַקן שלאָף פאַר דער גאַנצער, נישט אויסגעשלאָפענער צייט

ענדלעך אַהיים — קיין ווין

שוין באַלד אַ וואָך צייט געפינען איך מיך אויף דער איטאַ־ליענישער פּאַנצער־שיף, און עס קומט נאָך אַלץ נישט קיין ענדע־רונג, מען אינטערעסירט זיך בכלל נישט וועגן אונדז, מיר דער־נערן זיך פון דעם קליין ביסל שפּייז, וואָס אַן איטאַליענישער סאָל־דאַט קויפט פאַר אונדז פאַר אונדזער אייגן געלט.

אונדזער שיף איז די צווייטע פון ברעג. אַרום אונדז געפי־נען זיך נאָך אַנדערע קריגס און טראַנספּאָרט־שיפן. אָבער אַלץ אַרום איז אַזוי איינטאָניק, פּונקט ווי דער ברייטער, נישט רייבער „בוזים" פון ים.

די איינציקע נייע פּנימער זענען נאָר די פון דער איטאַל־יענישער וואַך, וועלכע בייט זיך יעדן טאָג. מען היט שטאַרק דעם אַרויסגאַנג צו דער שטאָט. כאָטש אַ בליק טון אויף „אונדזער" ורויסער האַפנשטאָט! עס איז שוין פאַרט נמאס געוואָרן דאָס זיצן פאַרשפּאַרט און נישט זען די פרייע וועלט. עס בענקט זיך פּשוט נאָך אַ גלעזל וואַרעמע טיי.

עס איז שפּעט אין אָוונט און די מערסטע פון אונדזערע שיפן שלאָפן שוין.

— וועלן מיר היינט גיין? — קומט צו מיר צו דער יונגער לייטענאַנט, מיט וועלכן איך האָב זיך אָפּגעשמועסט, אַז בײַ דער באַנטסער געלעגנהייט וועלן מיר זיך אַריבערכאַפּן אין שטאָט אַריין, — וואָס עס זאָל נישט זיין!

מיר הערן זיך צו: אויך אויף דער שכנישער שיף שלאָפט מען שוין. פון דאָרט קען מען לייכטער אַרויס אויפן ברעג.

דער איטאַליענישער וואַך־סאָלדאַט דרייט זיך אַהין און צו־ריק און איז, דאַכט זיך, פאַרטיפט אין זיינע אייגענע מחשבות.

— קום — זאָג איך שטיל צום לייטענאַנט און דראַפּע זיך שטיל אַריבער אויף דער צווייטער שיף.

דער לייטענאַנט גייט מיר נאָך.

אויף די שפּיץ פינגער פאַרגנבענען מיר זיך איבערן פאַר־דעק, ווו עס שנאָרכן עטלעכע איטאַליענישע מאַטראָזן. דער לייטענאַנט איז דער ערשטער אַרויסצושפּרינגען אויף דעם שטיינער־נעם ברעג. איך האַלט זיך פאַר די אַנקער־שטריק און בין זיכער, אַז אונטער מיר איז שוין דער ברעג. לאָז איך זיך אַראָפּ — און דערפיל וואַסער אונטער מיינע פיס.

— וואַרט! — כאַפּט זיך בײַ מיר אַרויס אַ צו הויכער געשריי, פאַר וועלכן איך דערשרעק זיך אַליין.

צום גליק האַלט איך זיך נאָך מיט ביידע הענט פאַר די שטריק און דראַפּע זיך צוריק אַרויף. פון שיף צום ברעג איז נאָך אַ גאַנץ ווייטער, טיפער מהלך, וועלכן מען דאַרף דורכגיין איבער אַ בריקל. ביז איצט האָב איך עס גאָרנישט באַמערקט.

אַריבערגעשפּרונגען, טרעף איך דעם לייטענאַנט אַ צעשראָקענעם, באַהאַלטן אונטער אַ פּיראַמידע פעסער: ער איז זיכער געווען, אַז דאָס האָט מען מיך געפּאַקט.

מיר צעלאַכן זיך ביידע (מער אויף „שטום־לשון", ווי אין דער ווירקלעכקייט), און גייען איצט איבער מאַגאַזינען און לאַגערס גלייך צום שטאָט־האַפן, פונוואַנען עס לייכט אַריבער דאָס עלעקטרישע ליכט.

— טו אויס דאָס היטל — ראָט איך מיין חבר, כּדי מען זאָל נישט אין האַלב־טונקל דערקענען, אַז מיר זענען עסטרייכער.

מיר קומען אַלץ נענטער צו דער נאָך רוישנדיקער גאַס. דערקענט מען אונדז נישט? צי האַלט מען עס פאַר אַ געוויינטלעכן זאַך, — וואָס דאָ דרייען זיך „פרעמדע"? עס קומען אונדז אַקעגן איטאַליענישע און פראַנצויזישע סאָלדאַטן, און קיינער טשעפּעט אונדז

נישט. אַ שיכּורער איטאַליעניש׳ער מאַטראָז פּרעגט אונדז עפּעס, — ווייזט אים מיין קאַמעראַד מיט דער האַנט אויף צוריק, אַליין נישט־וויסנדיק, וואָס ער מיינט — און מיר גייען ווייטער.

אָט איז די לעצטע ענגלישע וואַך, דער גרויסער ניי־אָנגע־קומענער סאָלדאַט שפּאַנט מאָדנע שנעל פון איין פּונקט צום צווייטן מיטן ביקסל אויף דער אַקסל. ער באַמערקט אונדז אפילו נישט. גייען מיר גלייך אַריין אין טומל פון דער ליכטיקער גאַס און מישן זיך אויס מיט די הויפנס סאָלדאַטן און פאַרבייגייערס.

ווי לאַנג שוין נישט געזען קיין מאָדע־פענסטער, קיין עלעקט־רישע שילד, קיין שטאָקיקע הייזער!...

מיר אָטעמען אין זיך אַריין די פרייד פון דער גרויסער שטאָט.

איבער דער ברייטער גאַס פירט אַן איטאַליענישע וואַך אַן עסטרייכישן הויפּטמאַן. איז ער אַן אָגגעקלאָגטער? אָדער גלאַט אַ געפאַנגענער? צוויי יונגע ציווילע איטאַליענער לויפן אָקעגן דעם הויפּטמאַן און רייסן אַראָפּ די גאָלדענע שטערן פון זיין קאָלנער. דער המון צעלאַכט זיך, די איטאַליענישע סאָלדאַטן לאַכן אויך און קענען קוים אָפּהאַלטן די חברה, זיי זאָלן נישט לינטשן דעם הויפּט־מאַן.

די סיטואַציע ווערט ערנסט.

— קום צוריק —ציפּ איך דעם לייטענאַנט פאַרן אַרבל און פאַרקערעווע מיט אים אין א שמאָלן, טונקעלן געסל.

— אפשר זאָלן מיר אוועק מיט דער באַן? — פאַלט איין דעם באַזוון לייטענאַנט.

— און ווער וועט אונדז לאָזן פאָרן? — לאַך איך זיך אויס און פאַרטראַכט זיך אַליין א פאַרבענקטער: ווי שיין דאָס וואָלט געווען „פאָרן מיט דער באַן אהיים”...

מיר גייען פאַרביי אַ דריט־קלאַסיקער שענק. דורך די אָפענע

טירן זען זיך פראַנצויזישע און איטאַליענישע סאָלדאַטן, וועלכע אונטערהאַלטן זיך בײַ אַ פּלעשל ווײַן. די עטלעכע ענגלישע סאָלדאַטן זיצן בײַ אַ באַזונדערן טיש און פירן אַן ערנסטן שמועס.

— וועלן מיר אַרײַנגײן, הער אָבערלײטענאַנט? — בעט זיך מײַן חבר — כאַטש אויף אַ גלעזל טיי.

איך טו אים צוליב — מיר גייען אַרײַן טרינקען אַ גלעזל טיי. די שענקערין רעדט דײַטש און קוקט אויף אונדז מיט אַ מאָדנער, באַהאַלטענער פרייד. אָבער נישט מיר און נישט זי וואַגן עפּעס צו פרעגן: מיר זעצן זיך בײַ אַ ווינקל-טישל און טרינקען איין גלאָז טיי נאָכן צווייטן. ווי מען קען נאָך דאָ בײַ זיי אַלץ קריגן! שײַנער, ווײַסער צוקער — אַפילו לימענע צו דער טיי.

מיר פאַרבײַסן ברויט מיט וווּרשט און קוקן צו, ווי די סאָלדאַטן טרינקען שוין איבער דער מאָס. מײַן לײטענאַנט פאַרשטייט אַ ביסל פראַנצויזיש און קוקט מיט מאָדנע אויגן באַלד אויף די פראַנצויזישע סאָלדאַטן און באַלד אויף מיר:

— דער קייזער איז אַנטלאָפן? — פרעגט ער מיך דערשטוינט — און דער דײַטשער קייזער האָט אָפּגעדאַנקט?

— פונוואַנען נעמסטו דאָס? — בין איך אויך דערשטוינט.

— אַזוי דערציילן די פראַנצויזן.

צי אויפמערקזאַם דורך אונדזערע בליקן, צי גלאַט פאַר טשעקאַוועס, זעצן זיך צו אונדזער טישל צוויי פראַנצויזישע סאָלדאַטן. שפּעטער קומט נאָך צו אײנער. איך ווייס נישט, צי זיי האָבן אונדז דערקענט, אַז מיר זענען עסטרײַכער. זיי נעמען עפּעס פרעגן, און דער לײטענאַנט ווינקט צו מיט אַ שמייכל און הייסט זיי געבן ווײַן. עס ברעכט אויס אַ געצאַנק צווישן דער שענקערין און אַ פראַנצויזישן טראַין-סאָלדאַט: ער קען נישט באַרעכענען, וויפל עס קומט אים אַ רעשט פון אַ פראַנק, האַלט ער אין איין שרײַען, די שענקערקע זאָל אים געבן מער.

— שפיי אים אין פּנים, דעם פראַנצויזישן חזיר — רופט זיך אָפּ צו איר אויף דייטש אַ „פראַנצויז" פון אונדזער טישל.

ער איז אַן עלזאַסער פון דער פראַנצויזישער זייט, אַ צירקוס־אַרטיסט אינדערהיים, און ער „פייפט אויף אַלץ".

אַ פראַנצויזישער האָרן גיט אַ סיגנאַל. די צוויי פראַנצויזן שלעפן דעם עלזאַסער קאַמעראַד, ער זאָל אַרויף אויף דער שיף, וועלכע האַלט אין אַוועקגיין.

— איך בלייב דאָ! — שרייט ער צו זיי שוין אויף דייטש — פאַר מיר איז דער קריג געענדיקט! אַצינד וועלן דער פּרעזידענט מיטן קייזער זיך געבן די הענט, און דאָס פאָלק וועט ווייטער שוויצן און צאָלן שטייערן.

איינגעפּאַקט עטלעכע קילאָ וווּרשט אין פּריש ברויט פאַר זיך און פאַר די איבעריקע קאַמעראַדן אויף דער שיף, פאַרגנבענען זיך מיר מיט דעם זעלבן וועג אויף צוריק.

צומאָרגנס קומט צו אונדז אַ יונגער איטאַליענישער לייטע־נאַנט, — הויך און שיין ווי זיינע אַמאָליקע רוימישע עלטער־זיידעס: ער וויל מיט מיר זיך באַקענען. מיין „פּרייוויליקער" אונטעראָפּי־ציר, אַ סטודענט פון ווין, האָט אים דערציילט וועגן מיר. מיר קע־נען זיך ליידער נישט צוזאַמענרעדן, און נאָר דער אונטעראָפיציר גיט איבער אויף פראַנצויזיש אונדזערע פראַגעס און תשובות.

דער לייטענאַנט איז פון דערהיים אַ סקולפּטאָר און איז דאָ באַשעפטיקט בײַ דער איטאַליענישער האַפן־קאָמאַנדאַ.

— גרייט זיך צום אַוועקפאָרן — לאָזט ער מיר אין שטילן זאָגן בײַם אַוועקגיין.

און דער לייטענאַנט האַלט בײַלד וואָרט: צוויי טעג שפּע־טער באַקום איך אַ שריפטלעכע דערלויבעניש, אונטערגעשריבן פון דעם איטאַליענישן האַפן־קאָמאַנדאַנט, אַז איך מיט צען סאָלדאַטן מעגן זיך אומקערן אַהיים, קיין ווין! די דערלויבעניש האָט דער

איטאַליענישער קאָמאַנדאַנט אונטערגעשריבן צוזאַמען מיט אַנדערע דאָקומענטן, — נישט וויסנדיק, וואָס עס שטייט גע־שריבן אין זיי.

אונדזער פרייד איז גרויס. און דאָך פילן מיר זיך נישט אַזוי טיף באַגליקט, ווי מיר האָבן זיך דאָס פאָרגעשטעלט אין סאַמע ברען פון דער מלחמה...

איז עס די טעמפּקייט פון נערוון, וואָס די מלחמה האָט באַ־שאַפן?

צי אפשר בין איך נאָך אַלץ נישט גאַנץ זיכער, אַז איך פאָר שוין אין אמתן אַהיים?...

מיט דעם פריסטן צוג פאָרן מיר אַוועק.

אינמיטן וועג זאָגט מיר אָן אַן איטאַליענישער אָפיציר די בייזע בשורה וועגן פאָגראָם אין לעמבערג. מען שמועסט וועגן הונ־דערטער טויטע! און מיינע ליבסטע, מיינע עלטערן זענען דאָרט...

ווער ווייסט, ווו עס זענען איצט מיינע ברידער און מיין שוועסטער?...

— נישט דערוועגן זיך אַריינצופאָרן קיין לעמבערג — זאָגט מיר דער לייטענאַנט — דאָרט איז אַ גיהנום.

אין טרויעריקע, אומעטיקע געדאַנקען פאַרפאַר איך שוין דעם גאַנצן וועג. ווען איך מוז נישט באַזאָרגן מיט עסן מיינע צען סאָל־דאַטן, וואָלט איך אפילו פון באַן-וואַגאָן נישט אַרויס.

קנאַפּ פאַר ווין רינגלען אַרום אונדזער צוג גאַנצע מחנות יידישע הענדלער:

— איר וועט עפּעס פאַרקויפן, מיין הער? קליידער, וועש, וואָפן, — מיר צאָלן דעם בעסטן פּרייז.

— וואָס איך האָב, דאַרף איך פאַר זיך אַליין — וויל איך זיך אָפּשטשעפּען.

— מען וועט עס סיי ווי באַ אייך אָוועקנעמען — ראָט מיר אייגער פון זיי „צום גוטן" — איר וועט באַלד זען.

אין פּאַקטיש קומט אַריין אַ קאָנטראָל פון צוויי אָפיצירן און עטלעכע סאָלדאַטן, וועלכע קוקן דורך יעדנס געפּעק.

— וווהין פאָרסטו? — פרעגט מיך דער אָבערלייטענאַנט פון דער „קאָנטראָל".

— קיין ווין — כאַפּט זיך באַ מיר אַרויס צופעליק.

— מיט דעם צעטל וועסטו אַרויסגיין באַם טויער — גיט דער אָבערלייטענאַנט מיר אין האַנט אַ פּאַפּיר און גייט ווייטער קאָנטראָלירן.

און נאָר אָט דעם קליינעם צופאַל איז צו פאַרדאַנקען, וואָס איך בלייב אין ווין און האָב צוריק מיינע זאַכן. באַ אַלע איבריקע, וועלכע זענען געפאָרן ווייטער ווי ביז ווין, האָט מען צוגענומען דאָס גאַנצע געפּעק און זיי געלאָזן נאָר אין די אייגענע קליידער: „רעקווירירט פאַר דער דייטש-עסטרייכישער רעפּובליק".

דעם נייעם טיטול פון אונדזער געוועזענער עסטרייכישער „גרויס-מאַכט", הער איך איצט צום ערשטן מאָל.

איך גיב יעדן פון מיינע סאָלדאַטן עטלעכע קראָנען אין קעשענע, זעץ זיי אויף דעם עלעקטרישן טראַמוויי און שיק זיי אָפּ צו דער ווינער מיליטער-קאָמאַנדאַ: זאָלן יענע אַצינד פאַר זיי זאָרגן.

מיין דינער גיב איך אָפּ אַ צענפאַכיק אָפּשייד-געלט, צעקוש זיך מיט אים האַרציק און שיק אים אָפּ מיט דער באַן אין זיין גאַליציש שטעטל. מיר ווינטשן זיך נאָך צו דעם לעצטן „זיי געזונט" — פון אַצינד אָן זענען מירביידע פרייע מענטשן!

איך דערפיל זיך פּלוצלינג אַליין, און נעם בלאָנקען איבער דעם גרויסן, ווידער באַלעבטן ווין.

אַ פּרייער, אַ נישט אָפּהענגיקער פון קיינעם — אין מיין ליבן, גוטן ווין!

דער סך הכל

נעמט מען ווידער פירן אַ „נאָרמאַל״ לעבן: מען לייגט זיך, ווען מען וויל, און מען שטייט אויף אָן אַ סיגנאַל פון „אַליאַרם״. די לינקע האַנט באַמבלט נישט מער אַרום דעם שווערדל אָן דער זייט, און די רעכטע דאַרף זיך מער נישט הייבן צום „סאַלוט״ פאַר „העכערע״ און „אונטערגעבענע״. די ביימלעך און בערגלעך אין דער ליבער ווינער סביבה זענען מער נישט פאַרדעכטיקט, אַז — אָט לויערט אַ געלאָדן געווער און אָט שפּרינגט אַפּער אַ באַוואָפנ־טער שונא. זיי ווערן פריינט ווי אמתע אַלטע באַקאַנטע. שפּאַצירט מען אַ זיכערער אין דעם גרויסן, ליאַרמפולן „פּראַטער״, איבער דער אַריסטאָקראַטישער קערנטנער־שטראַסע און איבער די ברייטע בול־וואַרן פון דער רינג־שטראַסע. מען אָטעמט אָפּ אין דעם „יידישן אַו־גאַרטן״ און שטאָטישן „קייזער־גאַרטן״, — און מען טראַכט וועגן פרנסה...

דערשרעקט נאָכאַמאָל אַ שטאַרקער קלאַפּ פון אַ צונג ליק אַראָפּגעפאַלענעם שטיק אייזן, און אַמאָל פאַרגליווערט דאָס בלוט דער בענזין־קראַך פון אַן אויטאָ, וואָס דערמאַנט אַזוי אָן דעם דונער פון אַ קאַנאָן... און גייט מען פאַרביי באַם וואָקזאַל און עס צעפייפט זיך אַ לאָקאָמאָטיוו, טוט מען נאָך אַלץ אַ ציטער ווי דאַ־מאָלס, ווען די לאָקאָמאָטיוון און שיפן פלעגן אַזוי יאָמערלעך וויי־נען אויף זייערע פייפלעך בא אַן אַעראָפּלאַן־אָנפאַל — האָבן דאָך

פאַרט די נערוון אַזוי פיל געליטן, אַזוי פיל געווען אָנגעשטרענגט אין טויט-שרעק פאַר דעם מינדסטן שאָרך אין דער פינסטערער נאַכט, ווען מען פלעגט פירן די פאָר זעלבער אויף פאַטרול, אָדער זיך צוגרייטן מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע צו אַ טויטלעכן איבער-פאַל...

אָבער אַ חוץ דעם איז כמעט אַלץ ווי „אַמאָל". נאָר די פאָר אָרימע אָפּטיילונגען „רייכסווער" מיט דער נעבעכדיקער מוזיק-קאַפּעליע, געפירט פון דעם זעלבן „אָראָפּגעקומענעם" קאַפּעלמייסטער, וועלכער פלעגט מיר אַזוי דערגיין די יאָרן מיט זיינע „מאַרשן פאַר די עקסעלענצן" — און נאָר די געל-שוואַרצע פלאַקאַטן פון די „רעפּובליקאַנישע" אַנטיסעמיטן — אָט וואָס עס דערמאָנט אָן דער „פּאָליטישער איבערקערעניש". דאָס לעבן גייט זיך „רעגלמעסיק", נאָר ס'פילט זיך אַ שטאַרקער מאַנגל אין אַלץ, — בפרט אין עסן! נעמט מען זיך פאַרזאָרגן מיט די אַלע „ברויט-און שפּייז-קאַרטן", מוז מען זיך אָנשטיין שעהן לאַנג אין „אָגאָנעק" און שלעפּן זעקלעך קאַרטאָפליעס פון די אַרומיקע דערפער — און עס ווערט דער גרעסטער יום טוב, ווען דער „דזשאָינט" מאַכט אַ מתנה פון אַ פערטל פונט פלייש.

און ווילן די אַנטיסעמיטן דווקא זיך אַריינרייסן אין יידישן פערטל, זענען דאָ גענוג אויסגעדינטע יידישע אָפיצירן און סאָלדאַטן, וועלכע גיבן זיי תיכף „פולווער צו שמעקן", נאָך איידער זיי האָבן צייט זיך צעפירן די הענט צו אַ שטיקל פּאָגראָם.

נאָר פלוצלינג הויבט זיך אָן אַ סדרה פון „יאָ מעגן וויינען אין וויין, אָדער נישט מעגן". מען טרייבט אַרויס יעדן „נישט ווינער", וועלכער האָט נישט אין ווין קיין באַשעפטיקונג. ווערט שוין גמאס צו ברענגען אַלץ באַווייזן, אַז מען אַרבייט בײַ אַ „פּראָדוקטיוון גע-ווערב" — און איך דערלאַנג אַ בקשה צו דער ווינער פּאָליציי-דירעקציע, אַז הגם איך בין נישט געבוירן אין ווין, ווין איך אָבער

דאָ פאַקטיש זייט דעם יאָר 1907. אין ווין האָב איך אויך געדינט באַם ערשטן ווינער קייזער-רעגימענט און דאָרט געענדיקט די אָפיציר-שולע. און כאָטש איך פלעג אָפט אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, איז ווין אַלץ געבליבן מיין „היימאַט-שטאָט" — איך בעט דאַרום, מען זאָל מיך אויפנעמען אַלס „דייטש-עסטרייכישן בירגער", וועלכער ווינט אין ווין.

דאַרויף מוז איך קודם ברענגען „באַווייזן", — ברענג איך. קומט נאָך לאַנגע חדשים אַ קורצע תשובה: „עס קען נישט געגעבן ווערן דאָס דייטש-עסטרייכישע בירגער-רעכט, ווייל דעם ערשטן אויגוסט 1914 נישט געווען אין ווין".

שרייב איך דערויף אַ לאַנגן בריוו צום ווינער פאָליצײ-פרעזידענט: איך בין געקומען פון אויסלאַנד צום קריג פאַר עסטרייך. דעם ערשטן אויגוסט 1914 בין איך שוין געווען אויפן וועג צו מיין רעגימענט, מיט וועלכן איך בין באַלד אַוועק באַשיצן די גרענעצן פון עסטרייך — האָב איך געזאָלט פאַרלאָזן מיין רעגימענט, כדי אין יענעם טאָג זיין אין ווין? און עס איז אַ יושר, איך זאָל מיך איצט אומקערן קיין פוילן, וועלכעס מאַכט פאָגראָמען אויף מיינע באָנטסטע. און איך זאָל נאָך אפשר זיין געצוואונגען מיט וואָפן אין דער האַנט צו פאַרטיידיקן דאָס זעלבע פוילן?

דערויף באַקום איך שוין גאָר קיין תשובה נישט.

מיינע פריינט אַראַנזשירן, איך זאָל אַריבער קיין אַמעריקע. אָבער ווי אויף געלעכטער: דער אַמעריקאַנישער קאָנסול אין ווין וויל נישט געבן דאָס וויזום, ווייל אַלס געוועזענער עסטרייכישער אָפיציר בין איך אַ „געוועזענער שונא פון אַמעריקע".

בין איך געצוואונגען צו ווערן אַ פוילישער „פאָרוטשניק", כדי אויסצובעטלען אַ פוילישן פאַס און דורך פראָטעקציע צו באַקומען דאָס אַמעריקאַנישע וויזום אין וואַרשע.

איך בין אין אַמעריקע. אַן איינציק מאָל דערמאָן איך מיר

אָן מיין דורכגעמאכטער מלחמה, ווען איך שטיי צום ערשטן מאָל אין דער אַמעריקאַנישער „סאָבוויי": וואָס פאַר אַ פּראַקטיקע שוץ-גריבער דאָס וואָלטן געווען!...

און ווען איך נעם דעם ערשטן ביסן ברויט אין אַמעריקאַנישן רעסטאָראַן, דערשרעק איך מיך פלוצלינג — „מען טאָר נישט!" די „ברויט-קאַרטע!"... — איך פאַרטראַכט מיך אַ ווײַלע, און נעם ווידער רויִק קײַען: „אין אַמעריקע מעג מען עסן ברויט, וויפיל מען וויל".

און ווען נישט די מיליאָנען אַמעריקאַנישע פאָנען און די אַמעריקאַנישע „נאַציאָנאַל-הימנען", וועלכע ווערן אַזוי אָפט „פּרעזענטירט" בײַ יעדער געלעגנהייט און נישט געלעגנהייט — אָדער ווען נישט אַמאָל אַ שטילער „פּאַראַד" צוליב די געפאַלענע סאָלדאַטן — וואָלט איך אפשר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ מלחמה אויף דער וועלט. אמת: עס קומען נאָך אָפט נאַכווייען פון פיזישע ליידן, פון שווערע וווּנדן — די נערוון טאַנצן נאָך אַלץ אין אַ נישט פאַרשטענדלעכער אומרויִקייט בײַ יעדער אויפרעגונג — נאָך נאַכווייען פון דעם שרעקלעכסטן, וואָס רופט זיך מלחמה, — אָבער — „איבער פריינט און פיינט שיטן מיר אַלץ דאָס זעלבע בערגעלע ליים", — וויל זיך אַלץ פאַרגעסן, אַלץ...

און דאָ קומט אומפאַרהאָפט אַ גרויסער קאָנווערט פון „דייטש-עסטרייכישן קריגס-מיניסטעריום", — אַלץ נאָך טיטולירט צום „הער אָבערלייטענאַנט אין דער רעזערווע א. אַז. וו." אינעווייניק ליגט אַ לאַנגע שריפט פול מיט חשבונות: נאָך אין ווין זייענדיק האָב איך אײַנגעגעבן אַ בקשה, די עסטרייכישע רעגירונג זאָל מיר בײַצאָלן פאַר די זאַכן, וועלכע איך האָב פאַרלוירן בײַם שיף-אומגליק. קומט איצט, נאָך דריי יאָר צייט, די תשובה: „מיר בעטן אונדז אַרײַנשיקן אַ געשטעמפּלטע קוויטונג. דאָס קריגס-מיניסטעריום האָט באַוויליקט אייך אויסצאָלן פאַר די פאַרלוירענע זאַכן צוויי הונ-

דערט זיבן און זעכציק קראַנען מיט דריי און פערציק העלער״.

אויף אַמעריקאַנער וואַלוטע: עפּעס מער ווי צוויי מיט אַ האַלבן אַמעריקאַנישע סענט...

אַ ווילער רמז אויף די „רעזולטאַטן״ פון אַ וועלט־מלחמה: נאָך ריזיקע אָנשטרענגונגען, בלוטיקע שלאַכטן, מוראדיקע שרעק, רויִנירטע מענטשן־און־פעלקער־לעבנס — אַ גראָשעדיקער סך־הכל.

סוף.